STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00277

BAY DI TAYKHN FUN POLESYE

Nathan M. Brusilow

Permanent preservation of this book was made possible by
Menachim Mendl Sussman
in honor of
Sussman, Bagno and Fowler Mishpakhot

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַ ראָמאַן פון אַ פאַרגאַנגענער וועלט

פון דער סעריע:

וואַנדערער נאָך ליכט

▼

פאַרלאג בידערמאַן
184 סעקאָנד עוועניו
ניו־יאָרק, נ. י.

שערבלאַט געצייכנט פון ש. ראַסקין

COPYRIGHT 1953, BY NATHAN BRUSILOW
BROOKLYN, N. Y.
ALL RIGHTS RESERVED

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA
AT THE HERMINE PRESS, NEW YORK, N. Y.
98

צום אָנדענק

פון אַ גרויסן פּאַלעסיער יידן —

פּראָפ. חיים ווייצמאַן, ע״ה

ערשטער פּרעזידענט

פון מדינת ישראל

אינהאַלט

קאַפּיטל | זייט

צום לייענער — — — — — — — — — — — — — — — — 7

פּראָלאָג: דאָס לאַנד פון די זומפּן — — — — — — — 9

1. יענע זייט — — — — — — — — — — — — — — — — 16

2. אַ שטורעם אין כאַפּון — — — — — — — — — — — — 56

3. דער לעצטער אַקט — — — — — — — — — — — — — — 93

4. די געצעלטן פון יעקב — — — — — — — — — — — 126

5. תחית המתים — — — — — — — — — — — — — — — 177

6. עשום ריח אין כאַפּון — — — — — — — — — — — — 208

7. שוואַרצע ערד און לויזער זאַמד — — — — — — — — 246

8. שעיר לעזאזל — — — — — — — — — — — — — — — 288

אָנמערקונג

אַ סך מאַטעריאַל פאַר די לעגענדעס, אגדתות, פאָלקסטימליכע געשיכטעס, חדר־מעשות, גלייבעכצן, פויערשע „דומקעס“, חתונה־לידלעך און באַלאַדעס זיינען געשעפּט געוואָרן פון די קוואַלן פון יידישער מיסטיק, פון סלאַווישער מיטאָלאָגיע און פון יידישן און אוקראַיניש־ווייסרוסישן פאָלקלאָר. ס׳רוב זיינען זיי אָבער אַ פּראָדוקט פון אָריגינעלער שאַפונג.

אָרט פון דער דערציילונג: פּאָלעסיער געגנט נאָענט צום פּריפּיעט און וואָלין

צייט: 1879־1880.

צום לייענער

„ביי די טייכן פון פּאָלעסיע" איז אַ פאַרגאַנגענע יידישע וועלט; איינע פון די פילע וועלטן, וואָס ליגן צעוואָרפן איבער אַלע קאָנטינענטן, וואו די היסטאָרישע אַפּשטויס-כוחות האָלטן אין איין אָפּזעצן די יידישע מאַסן זינט גלות בבל. לויטן מדרש איז דאָס פאָלק ישראל טאַקע געגליכנט צו באָוועגלעכן זאמד, וואָס ווערט אָן אָן אויפהער געטראָגן פון אָרט צו אָרט. אָבער אַלע די דאָזיקע פּעריפעערישע יידישע וועלטן האָבן קיינמאָל קיין קיום נישט געהאַט, וואָרעם דער מעכטיקער כוח-המושך פון דער יידישער נשמה האָט זי שטענדיק גוואַלדיק געצויגן צו איר נאַטירלעכן אַלטן צענטער:—צו דעם שמאָלן באַרגיקן ערד-בריקל צווישן אַזיע און אַפריקע, צו דעם זאַמדיקן זוניקן פּאַס לאַנד ביים ברעג פון דעם בלויען מיטלענדישן ים, דאָס וויגעלע פון די עלטסטע מענטשלעכע ציוויליזאַציעס.

אָט די דאָזיקע צענטראַלע יידישע וועלט איז כמעט אַ נאַטור-פענאָמען: זי איז דער אמתער שווערפּונקט פון דעם יידישן וועזן. אַזוי לאַנג ווי עס עקזיסטירט ערגעץ אַ יידישע מאַסע אויף דער ערד, אַזוי לאַנג וועט אויך אָנהאַלטן איר גראַוויטאַציע צום יידישן צענטער—צום לאַנד ישראל.

„ביי די טייכן פון פּאָלעסיע" איז אונדזער אייגענע היימישע אידילישע יידישע וועלט. אָבער אין די העלישע פייערן פון דעם גרעסטן שטן-המשחית פון אַלע צייטן, דער שר פון דעם קרומען קרייץ, זיינען פון דער דאָזיקער וועלט אפילו קיין קברים און חורבות נישט פאַרבליבן. נאָר גרויער אָרגאַנישער אַש, וואו געלערנטע אַרכעאָלאָגן וועלן זיך גריבלען אין דער צוקונפט. אָבער ביי מיר אין זכרון טליעט נאָך אַ פונק פון דער דאָזיקער ליבער זאַנפטער וועלט; האָב איך דעם פונק צעבלאָזן אין אַ ליכטיק פייערל. זאָל עס וואַרעמען אייערע הערצער, ליבע לייענער, פונקט ווי עס האָט מיין האַרץ געוואַרעמט.

„ביי די טייכן פון פּאָלעסיע" איז אַ נאָסטאַלגיש בוך, אַ בוך פון היים-בענקשאַפט. מיר לעבן איצטער אין אַ צייט-אַלטער, „וואָס זיינע צייגער זיינען שווערדן און זיינע באַקציינער—מעסערס"; מיר לעבן איצטער אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט

פון "דער גרויסער" קריסטלעכער ציוויליזאַציע. אין אַזאַ גרויע אייזערנע צייט קען זיך דאָס פאַרביטערט יידיש געמיט פאַרגינען צו געניסן אַ ביסעלע זיסע גאָלדענע נאָסטאַלגיע.

"ביי די טייכן פון פּאָלעסיע" איז דער אָנהייב פון מיין גרויסן ווערק **"וואַנדערער נאָך ליכט"**, אַ סעריע פון עטלעכע ביכער, וואָס האָבן זיך שוין ביי מיר אויסקריסטאַליזירט, אין וועלכע איך לאָז שפּילן דאָס יידיש לעבן אין פילזייטיקע פאַצעטן. צי וועט אָבער מיין גאַנץ ווערק אַמאָל דערזען די ליכט פון דער וועלט,—דאָס ווענדט זיך הויפּטזעכלעך אין דעם לייענער, אין דעם פּאַטעטישן לייענער פון יידיש, וואָס איז געוואָרן איצטער אַזאַ יקר-המציאות, וואָס האַלט דוכט זיך אַליין אין פאַרגיין, פּונקט ווי מיין פּאָלעסיער וועלטל איז פאַרגאַנגען.

דערווייל אָבער האָב איך אַרויסגעבראַכט אויף דער וועלט מיין ערשטלינג. רבי נחמן בראַצלאַווער האָט אַמאָל געזאָגט: "דער וואָס האָט די פעאיקייט צו שרייבן אַ ספר וואָס קען נוצלעך זיין פאַר מענטשן, און שרייבט ניט,—איז פּונקט ווי ער וואָלט זיין אייגן קינד פאַרלאָרן."

פּראָלאָג

דאָס לאַנד פון די זומפּן

מיט טויזנט יאָר צוריק איז פּאָלעסיע געווען אַן אור־לאַנד, מיט די רויע צעריסענע קאָנטורן, וואָס דער גרויסער לאַנד־אייז פון דער לעצטער אייז־פּעריאָדע האָט אויסגעפורעמט אין אים אין גרויען פּאַרהיסטאָרישן באַגינען. אַ לאַנד — אַ ווילדערניש פון צעשוואומענע אומצאָליקע אָזיערעס, פון פלאַכע טייכן אָן ברעגן, פון אומענדלעכע געשוואָלענע זומפּן, פון וויסטע טונדרעס און טאָרף־פּלוינען. אַ לאַנד געדיכט און ווילד פאַרוואַקסן מיט כל־המינים אומגראַזן, קרייטעכצער און קוסטאַרניקעס; מיט קאַרליקעס־ווערבעס, בלאָטע־בערעזעס, זומפּ־דעמבעס; און מיט אייביק־גרינע אור־וועלדער פון ריזיקע נאָדל־ביימער.

די אויסטערלישע באַשעפענישן פון פּאַרצייטנס האָבן שוין דאַמאָלט מער ניט געלעבט אין פּאָלעסיע. אויך דער מענטש פון קדמונים, דער מעכטיקער יעגער און פישער, איז נעלם געוואָרן פון יענע קאַנטן. דער פּאָלעסיער נאָמאַד איז געווען אַ קריגסמאַן און אַ הירטנמאַן. ער האָט אַרומגעוואַנדערט מיט זיינע טאַבונעס פערד און סטאַדעס פיך איבער די סטעפּעס, ווען ס׳איז געווען גראָז; און ווען פּאַשע האָט אויסגעפּעלט, האָט ער געמאַכט איבערפאַלן אויף זיינע שכנים. געלעבט האָט ער מער ניט ווי זיין אור־פּאָטער אין היילן און ערד־לעכער, נאָר אין געצעלטן פון פעל, אין ביידלעך פון קאָרע, אין הייזלעך פון קלעצער, אפילו געצייג און כלי־זיין פון אייזן האָט שוין פאַרמאָגט דער מענטש פון פּאָלעסיע.

ביסלעכווייז איז דער נאָמאַד אויך פאַרשוואונדן געוואָרן, נאָר דער פּאָלעסטשוק איז דאָרטן פאַרבליבן דער איינציקער תושב. דער זומפּ־מענטש איז געוואָרן אַן איינגעזעסענער אויף דער ערד, האָט אָנגעהויבן באַאַרבעטן דעם אָרעמען גרונט פון ליים און זאַמד; האָט געפלאַנצט גערשטן און קאָרן, געהאָדעוועט פיך, געכאָוועט בינען. געלעבט האָט דער פּאָלעסטשוק אין צעוואָרפענע ישובלעך ביי די

ברעגן פון די וואַסערן, געצאָלט צינז דעם פירשט מיט תבואה, פלאַקס און האָניק, דער עיקר אָבער מיט רויכוואַרג. אַמאָל פלעגט זיך קיין פּאָלעסיע אַריינכאַפּן אַ שייקע טייך־פּיראַטן אין שיפלעך פון אויס־געהוילטע קלעצער. פלעגן זיי פאַנגען יונגען מיט האַרטע מוסקולן און מיידן מיט שטייפע ברוסטן און פאַרשלעפּן צום שוואַרצן ים אויף די ביזאַנטישע שקלאַפן־באַזאַרן. אַמאָל פלעגט אַ באַנדע נאָמאַדן פון די סטעפּעס, וואָס ליגן אויף יענער זייט פריפּיעט, די פּאָלעסיער דערפלעך באַפאַלן, אויסרויבן און פאַרברענען. דאַמאָלט פלעגט דער פּאָלעסטשוק לויפן אין וואַלד ראַטעווען דאָס לעבן.

איינמאָל איז אין פּאָלעסיע אַראָפּגעקומען דער ווילדער קניאַז וולאַדימיר, דער פירשט פון קיעוו, וואָס האָט איבערן לאַנד געוועל־טיקט. האָט ער אַלע "טרעבישטשעס", די פּאָלעסיער געצנטעמפּלען, פאַרברענט; די געצנבילדער פון פּערון, דעם גרויסן אָפּגאָט פון דונער, האָט ער צעשטערט און אַלע פּאָלעסטשוקעס אין טייך פּריפּיעט גע־טריבן. דאָרטן האָט דער פירשט זיינע אונטערטעניקע געטויפט און זיי אַ נייעם גאָט געגעבן, וואָס זיין סימבאָל איז דער צלם.

דאַמאָלט אויך, מיט אַ קנאַפּע טויזנט יאָר צוריק, האָט זיך אין פּאָלעסיע באַוויזן אַ נייער סאָרט נאָמאַד. ניט דער מאָנגאָלישער רייטער אויף זיין פאַרוואָקסענעם קאַרליקל־פערדל; ניט דער סקיף אויפן פייערדיקן פערד, באַשמוקט מיט אַ זילבערנעם נאַז־באַנד; ניט דער קריגערישער כאַזאַר און ניט דער גרויזאַמער פעטשעניעג. אַ ווילד־פרעמדער מענטש איז אָנגעקומען אין לאַנד פון די זומפּן, אַ טונקל־אויגיקער און שוואַרץ־בערדיקער. ערגעץ פון די פרייסישע און פוילישע קאַנטן פון מערב, פון די פערסישע און ביזאַנטישע מקומות פון מזרח און דרום. אַ וואַנדער־פאָלק איז אַריין קיין פּאָלעסיע, ניט רייטנדיק אויף פערד און ניט באַוואָפנט מיט כלי־זיין, נאָר אין לייוונטענע בוידן געשלעפּט פון אָקסן און אָנגעלאָדן מיט ווייבער און קינדער און מיט היימישער באַלעבאָטישקייט. ניט צו רויבן זיינען די נייע איינוואַנדערער אַראָפּגעקומען, נאָר אויפן לאַנד זיך צו באַזעצן. דאָס איז געווען דער מיסטעריעזער שטאַם פון דעם "זשיד". דער יידישער גלות האָט אָנגעשפּאַרט אַזש קיין פּאָלעסיע. די קינדער פון ישראל האָבן זייערע געצעלטן אויסגעשלאָגן ביי די ווערבעס פון

דעם פּריפּיעט צווישן די פּלאַקס־האָריקע זומפּ־שוועסטערקינדער פון דעם יון.

מיט הונדערט יאָר צוריק האָט די פּאָלעסיער לאַנדשאַפט אויסגעזען ניט פיל אַנדערש ווי מיט טויזנט יאָר צוריק.

צווישן דעם פּוילישן פלאַכלאַנד און די פּלוינען פון דער שוואַרצער אוקראַינער ערד זיינען זיי געלעגן אויסגעשפּרייט, די זומפּיקע נידערונגען פון פּאָלעסיע, אַ בעט פאַרן פּריפּיעט און פאַר זיין גרויסע פאַרצווייגטע פאַמיליע,—די פילע פאַרשלאָפענע טייכן, וואָס נידערן אַרונטער פלעגמאַטיש פון די כמורנע ליטווישע וועלדער, פון די קאַלטע בערגלעך פון צפון און פון דעם זאַנפטן פאָדאָלישן פּלאַטאָ פון דרום. דאָרטן ליגט פּאָלעסיע ווי פאַרצייטנס: אַ וויסטער, שיטערבאַפעלקערטער שטח; אין פרילינג—אַ שטייענדיקער ים, אין זומער—אַ קאַליידאָסקאָפּ פון אָזיערעס, זומפּן, טאָרף־לאַנד און זאַמדיקע און ליימיקע אינדזלען. אָן עלנטע געגענט מיט אַ ווילדער פלאָראַ פון זומפּ־פלאַנצן און געדיכטע קוסטאַרניקעס פון אָטשערעט און ווערבעס, פון דעמב־און בערעזע־וועלדלעך און פון מעכטיקע וועלדער פון סאָסנעס און יעלאָווע ביימער.

דאָרטן אין די שטייענדיקע וואַסערן איז די היים פון די ביבערס און די ווילדע קאַטשקעס; די בושלס און די צאַפּליעס נעסטען דאָרטן אין די זומפּן; דער טאָרף־פוקס איז דאָרטן אַן איינוואוינער, דער סיוווער וואָלף איז דאָרט אַ תושב און דער ווילדער חזיר הויערט אין די בלאָטעס. דער לאָס־הערש מיט די מעכטיקע לאָפּעטע־הערנער איז אין יענעם קאַנט דער לעצטער מאָהיקאַנער פון זיין שטאַם.

דאָרטן לעבט דער פּאָלעסטשוק כמעט אויפן זעלבן שטייגער ווי זיינע עלטערן האָבן געלעבט מיט טויזנט יאָר צוריק: אין דעם זעלבן סאָרט הייזל פון ניט געהובלטע קלעצער באַדעקט מיט קאָרענער שטרוי; ער טראָגט דעם זעלבן סאָרט שאָפּן־פעלץ און לאַפּטשעס פון קאָרע. וואַלד און טייך פאַרזאָרגן אים נאָך אַלץ מיט פּרנסה, אָבער די הויפּט חיונה זיינע מוז ער אַרויסציען פון דער בידנער ערד. דאָך איז אין זיין לעבנס־שטייגער פאָרגעקומען אַ גוואַלדיקע איבערקערעניש: דער פּאָלעסטשוק איז מער ניט קיין פרייער מענטש אויף דער ערד וואָס ער באַוואוינט און באַאַרבעט,

ווי זיין אור־פּאָטער איז געווען,—ער איז אַ כלאָפּ ביי די ראַדזיווילס, ביי די טשאַרטאָריסקיס, סאַפּיעהאַס. וואָרעם דאָס גאַנצע לאַנד געהערט צו די גרויסע מאַגנאַטן.

דער פּאַלעסטשוק איז אַ פרומער קריסטלעכער מענטש. אויפן האַרצן טראָגט ער אַ מעשן צלמל, אויפן ציבל־פּאָרעמיקן דאַך פון זיין קלויסטער איז אַ גילדערנער צלם, וואָס באַשיינט די גאַנצע סביבה. בראָנזענע גלעקער רופן אים צו דער תפילה יעדן זונטיק און יעדע חגא. אָבער ביי אים אין הויז וואוינט נאָך אַלץ דער אַלטער הויז־גייסט, דער דאָמאָוויק, פונקט אַזאַ היימישער, ווי דער גריל אונטערן פּריפּעטשיק, די טייכן אַרום אים זיינען נאָך אַלץ קריסטאַלענע פּאָקאָיעס פאַר וואַסערמיידן־רוסאַלקעס. אין דער לופט פליען אַרום די וויעדמעס־מכשפות און בעסן־מזיקים. אין וואַלד הערשט דער גרינער ליעשי און אין די זומפּן געוועלטיקט די סיטרא־אחרא. דאָרטן איז דאָס קעניגרייך פון דעם שטן און פון זיין פינצטערער מאַכט.

אויף די זאַמדיקע און ליימיקע אינדזלען פון די זומפּן ליגן די שיטערע פּאַלעסיער דערפלעך האַרט ביי די שטויביקע שליאַכן. יעדער ישוב איז אַ שורה הילצערנע הייזלעך מיט שטרויענע דעכלעך און מיט פּיטשינקע פענצטערלעך. נאָענט צום הויז טוליעט זיך אַ שייערל מיט אַ קיילעכדיקן דעכל, אַזוי ווי אַ שטרויענער רעגנשירעם. זומער הענגט דער שטויב געדיכט ווי אַ נעפּל איבער אַלע גאַסן און איבער אַלע וועגן. קראַפּיווע, שטעכלקעס און בערעלעך וואַקסן פראַנק און פריי אויף אַלע הויפן און טראָקטן. אין פרילינג און האַרבסט ווערן אָפּגעמעקט די גרענעצן צווישן זומפּ און פעסטן לאַנד. די וועגן ווערן פאַרוואַנדלט אין שוואַרצע קאַנאַלן און דער פּויער מיט זיינע הויז־חיות ווערן מגולגל אין אַמפיבישע באַשעפענישן. ווינטער־צייט ווערן די דערפלעך אין גאַנצן פאַרזונקען אין מעכטיקע שניי־מאַסן, אַזוי ווי אין אַ ווייסע וואולקאַנישע לאַווע. נאָר די טונקלע קוימענס טאָרטשען אַרויס, אַזוי ווי אויסטערלישע שנויצן, וואָס אָטעמען אויס אַ בלויע פּראָסטיקע פּאַרע. זיי זיינען די איינציקע צייכנס פון לעבן.

צווישן די דערפלעך ליגן צעוואָרפן די יידישע ישובים געבויט אין דעם זעלבן פּויערשן סטיל, נאָר אביסל גערעאַמער. אַ שטעטל

פאַרמאָגט שוין צוויי רייען הילצערנע הייזלעך אויףביידע זייטן פון טראַקט. צווישן די שטרויענע דעכלעך וואַרפט זיך שוין דורך אַ שינדל־דאַך. אָבער דער כאַראַקטעריסטישסטער קענצייכן פון שטעטל איז דער מאַרק־פּלאַץ מיט די קרעמלעך: דאָס איז אַן עמבלעם פון שטאָטישער סוּווערעניטעט.

שוין קרוב טויזנט יאָר זינט די נאָמאַדישע קינדער פון ישראל האָבן זייערע געצעלטן אויפגעשטעלט אין פּאָלעסיע; שוין קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר זינט זיי וואַנדערן אַרום צווישן די אומות העולם. די הערשער פון די פרעמדע לענדער פאַרטרייבן זיי מיט דער שווערד; די גלחים פאַרפאָלגן זיי מיטן צלם; די פּויערן פאַריאָגן זיי מיטן מיסט־גאָפּל. אָבער פּונקט ווי שיפבראָכיקע קלאַמערן זיך אָן אַ שטיקל יבשה, אַזוי כאַפּן זיך אָן די יידישע וואַנדערער אָן יעדן אָרט, וואו מען קען נאָר קריגן אַ דערווייליקן אָפּדאַך.

קוקן די פּויערים מיט שרעק און מיט וואונדער אויף די איינ־געוואַנדערטע טשיקאַווע מענטשן אין די לאַנגע טונקלע בגדים, מיט די טונקלע אויגן וואָס זיינען פול מיט פּאַניק, אַזוי ווי די אויגן ביי פאַרהעצטע חיות. זייער שפּראַך איז אַ מאָדנע און זייערע מנהגים זיינען משונהדיקע. ווי אַזוי קען מען האָבן צוטרוי צו אַזוינע מיס־טעריעזע מענטשן? זיי וואַרפן דאָך אָן אַ פּחד. איז דאָס ניט דאָס פאַרשאָלטענע פאָלק וואָס האָט דעם דערלייזער דערהרגעט? זיי זיינען אומגלויביקע, ווילד־פרעמדע מענטשן, ערגער פון די טאָטערס; דערצו נאָך שטאָטישע מענטשן מיט ווייסע הענט און מיט פּריצישע פּירעכצן. ווייס ברויט עסט מען און פון דער ערד דערנערט מען זיך ניט. צווישן זיך אַליין האַלט מען זיך אויף, אַזוי ווי אַ באַנדע פאַרשווערערס. זיי זיינען רק הענדלערס, כיטרע און דורכגעטריבענע. זיי באַשווינדלען דעם פּויער, זיי לעבן פון זיין שווייס און זיין פּראַצע.

שוין קנאַפּע טויזנט יאָר לעבן זיי איינער לעבן דעם אַנדערן: דער פּויער און דער ייד, דער תושב און דער גר. דוכט זיך שכנים, נאָר אַ קליינער שטח איז אַריבערצוציִען פון דאָרף אין שטעטל אַריין. אין דער אמתן אָבער זיינען ביידע אָפּגעטיילט דורך אַ תהום, וואָס איז ווייטער ווי דער שטח פון זיד־פּאָל צום נאָרד־פּאָל.

ייד און פויער לעבן אין אַ מין וואָפנשטילשטאַנד. דער פויער איז אַ מענטש אַ פּאַריאַכטער און שווערמוטיקער פון האַרטער טעג־לעכער האַרעוואַניע. זיין נשמה איז פול מיט טונקעלע טאַבוס און מיט פינצטערע אָבערגלויבנס. ער איז אַן אומגעצוימטער און גרויזאַמער אין זיינעליידנשאַפטן. זיינע זונטיקס און פייערטעג זיינען ווילדע שיכורע הוליאַנקעס. אָבער ער איז אַ גאָטספאָרכטיקער מענטש און איז געבענטשט מיט אַ רייכער פאַנטאַזיע. ער האָט אַ געבאָרענעם חוש פאַר מוזיק און אַ נאַטירלעכן רויען און כיטרען הומאָר; ער האָט אַ גוטמוטיקע קינדיש־נאַיווע נאַטור. אָבער אין אים יוירן נאָך פרימיטיווע אינסטינקטן.

און לעבן דעם פויער איז זיין אַנטיפּאָד—דער ייד. דער אַלטער מענטש פון גייסט, דער מענטש אָן אַן ערד, וואָס האָט שוין אין אַלע פייערן געברענט און איז שוין אין אַלע וואַסערן גערייניקט געוואָרן. אַ רעשטל פון אַן אור־אַלטער קולטור, וואָס איז פאַרטראָגן געוואָרן קיין פּאָלעסיע אַזוי ווי טרייב־האָלץ, וואָס ווערט פאַרטריבן צו די ברעגן פון אַ שטורמישן ים. דער אייביקער וואַנדערער האָט דאָ אויפ־געבויט ביי די ברעגן פון די זומפּן זיינע ישובים. האַנדלס־פּונקטן פאַר דער גאַנצער סביבה. דער ייד דאָ איז דער האַנדלסמאַן, דער בעל־מלאכה, דער קרעמער, דער פאַקטאָר, דער הויזירער. ער לעבט שטרענג אָפּגעזונדערט פון זיינע שכנים, איזאָלירט אין אַ מין גייסטיקער פעסטונג. ער לעבט זיך זיין אַלטפרענקיש פאַרשטיינערט לעבן אונטער דער הערשאַפט פון זיין אור־אַלטער אמונה, וואָס איז האַרט און שטאַרק אַזוי ווי אַ פעלדז. יעדער איינציקער קען דעם יידן גלייך דערקענען: ער טראָגט אויף זיך אַ מערקווערדיקן בראַנד־מאַרק, וואָס דער פייער פון באַרג סיני האָט אויף אים אויסגעברענט. אָבער אין די אויגן פון די גויים וואָס רינגלען דעם יידן אַרום, איז דער דאָזיקער צייכן אַ שאַנד־פלעק, אַ מין שטעמפּל פון דעם טייוול.

שוין באַלד טויזנט יאָר שטייען די געצעלטן פון יעקב אין די זומפּן פון פּאָלעסיע. אָבער דאָס איז ניט קיין היים, נאָר אַ דער־ווייליק וואַוינאָרט. דער ייד לעבט דאָ אַזוי ווי אין דער צייט פון יציאת־מצרים: די שיך אויף די פיס, אָנגעגורט די לענדן, מיטן שטעקן

אין האַנט. לעבעדיק איז אין אים פֿאַרבליבען די טויזנט־יעריקע האָפֿענונג, הײס די בענקעניש און מעכטיק דער גלויבן:

„הײַ־יאָר שטײַן אונדזערע געצעלטן דאָ אין די פֿינצטערע נידערונגען פֿון פּאָלעסיע, אָבער לשנה הבאה בירושלים, איבער אַ יאָר, אם ירצה השם, װעלן מיר זײַן אין אונדזער אײגענער הײם, אין דעם באַשײַנטן הױכלאַנד פֿון ירושלים".

ערשטער קאַפּיטל

יענע זייט

— 1 —

ברייט איז דער פּריפּיעט בעת ער דערגרייכט דעם מעכטיקן דניעפּער, שטאַרק איז זיין שטראָם, וואָס טראָגט אים אָפּ צום שוואַרצן ים. דאָרטן אָבער וואו דער טייך הייבט זיך אָן, זיינען ניטאָ קיין שלאָגעדיקע קוואַלן, זיינען ניטאָ קיין לויפנדיקע וואַסערן. דעם פּריפּיעטס וואָרצלען זויגן אַ געשוואָלענע ברוסט, אַ צעווייקטע ערד פול מיט מיאַזמען. דאָרטן זיינען שליימיקע אָזיערעס, פאַרצויגענע מיט גרינעם שימל; טויטע טייכלעך, פאַרוואַקסענע מיט ווילדע ווערבעס; גריבער, היילן און יאַרן, אַנגעפּילטע מיט פוילער ליימיקער פליסיקייט, פאַרוואַקסענע מיט קריכנדיקע געוויקסן און קוסטאַר־ניקעס. דאָרטן זיינען פאַרזונקענע וועלדער, פאַרזומפּטע געמויזעכצן, פאַרטרונקענע לאַנקעס, פאַרפלייצטע פעלדער פול מיט שטעכיקע גראָזן און הוילן קאַמיש.

דאָרטן ליגן אויך די כאָפּונער בלאָטעס, ביים טייך פּריפּיעט.

פאַרצייטנס, דערציילן די כאָפּונער יידן, האָט זיך דער פּריפּיעט געשפּייזט פון פרישע לעבעדיקע קוואַלן, פון ריינע פליסנדיקע וואַסערן. האָט זיך געמאַכט אַמאָל אַז די היידאַמאַקעס, וואָס וואוינען ביים שוואַרצן ים, האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אויף זייערע רודער־שיפן אַרויף דעם דניעפּער און אַרויף דעם פּריפּיעט; און וואו ערגעץ ס'איז געווען אַ יידישע קהילה אויף ביידע זייטן פון די טייכן,—אויף די רעכטע ברעגן, וואָס זיינען נידעריק און אויף די לינקע ברעגן וואָס זיינען העכער,—האָבן זיך די קאָזאַקן אָפּגעשטעלט און אַלעמען פאַרטיליקט מיט פייער און מיט שווערד. אַלע יידן, קינד־און־קייט, האָבן זיי אומגעבראַכט און די דערהרגעטע אין טייך געוואָרפן, יעדן מת פאַר־זאָרגט מיט אַ מצבה—מיט אַ שטיין אַרום האַלדז.

אָבער די קדושים זיינען ניט אונטערגעגאַנגען, נייערט האָבן זיי אַרונטערגענידערט אַרונטער דעם פּריפּיעט און אַרונטער דעם דניעפּער

און האָבן פאַרשטאָפּט מיט זייערע לייבער דעם האַלדז פון דעם מאַמע־טייך, ניט ווייט פון דעם אָרט וואו ער פאַלט אַריין אין שוואַרצן ים. זיי האָבן זיך צונויפגעקליבן, די מתים, און האָבן געמאַכט אַ גאַנצן באַרג פון שטיינער און פעלדזן: די ״דניעפּראָווער פּאָראָגן״—אַ בית־עולם פון יידישע מצבות, שטיינערנע טרעפּ, וואו דאָס וואַסער קאָכט ווי דער טייך סמבטיון. קיינמאָל רוט דאָרט ניט דאָס וואַסער, וואָס איז פול מיט יידישע ביינער.

אַז די היידאַמאַקעס האָבן דערגרייכט די קוואַלן פון דעם טייך פּריפּיעט, האָבן זיי דאָרטן אויפגעשלאָגן זייערע געצעלטן און האָבן גערוט; און די ערד אונטער זיי איז דורכגעווייקט געוואָרן מיט בלוט. האָט דער טייך פּריפּיעט אויסגעשריגן: ״זייער אָטעם טוט שטינקען אין מיינע נאָזלעכער; איך וועל זיי אָפּשווענקען פון מיין פּנים און וועל מיך ריינוואַשן!״

האָט זיך דער פּריפּיעט אויפגעהויבן פון זיין בעט, האָט צוגע־דעקט די היידאַמאַקעס בעת זיי זיינען געלעגן אין אַ שיכורן שלאָף און אַלע זייערע געצעלטן פאַרפלייצט; און פון זיי אַלעמען און פון דעם רויב וואָס זיי האָבן אָנגעראַבעוועט איז קיין שריד ופליט ניט פאַרבליבן. האָט גאָט דער האַר געזאָגט: ״די זאָמפּיקע ערד איז טמא, די זאָמפּיקע וואַסערן זיינען אומריין!״

אַזוי זיינען באַשאַפן געוואָרן די כאַפּונער בלאָטעס, וואָס ליגן ביי די וואָרצלען פון דעם טייך פּריפּיעט ביז אויף היינטיקן טאָג. אַלע ריינע כשרע בריאות זיינען פון דאָרטן פאַרשוואונדן געוואָרן; אַ חוץ די פיש און די וואַנדער־פייגל און די רויב־חיות פון וואַלד און פון פעלד; און אַ חוץ די כל־המינים אומריינע באַשעפעניש, וואָס ווידמענען זיך אין דער פינצטערניש, וואָס פּרוכפּערן זיך אין שטייען־דיקן וואַסערן און וואָס מערן זיך אין זומפּיקע אָפּגרונטן.

צווישן די שיטערע פּויערשע ישובים וואָס זיינען צעוואָרפן אויף די זעלטענע שטיקלעך יבשה, אין סאַמע מיטן פון די זומפּן, אויף אַ ליימיקן אינדזל, ביים ברעג פון אַ דריבנעם טייכל איז גע־לעגן ״כאַפּון״—אַן אור־אַלט יידיש שטעטל, אַ קהילה פון עטלעכע הונדערט נפשות.

— 2 —

אין דרויסן איז נאָך געווען גרוי, מען האָט נאָר וואָס אָפּגעזאָגט סליחות, ווען "יונה קרומע־ביינע", דער כאַפּונער פישער, און גאַווריליאָ דער שבת־גוי זיינען אַרויס פון שטעטל. יעדער האָט געהאַט אַ ווענדקע און אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס און ביידע אין איינעם האָבן געטראָגן אַ טשיקאַווע פעסל מיט צוויי שטאַנגען פאַר הענטלעך, וואָס יונה האָט דאָס גערופן די פיש־מקוה. עס זיינען געווען אַ פּאָר טעג פאַר יום־כיפור און אין כאַפּון איז ניט געווען קיין פיש אפילו פאַר אַ רפואה; האָט יונה מיטגענומען גאַווריליאָן פיש כאַפּן, וואָרעם דער גוי איז געווען געניט אין יעדן שטעג אין די זומפּן, האָט זיך אויסגעקענט אין יעדן טייכל, וואו פיש פּלאָדזשען זיך.

ביידע זיינען געגאַנגען פלינק ביים ברעג פון טייכל כאַפּונקע. דאָס טייכל, אַ שמאָלער ליימיקער יאַר, פאַרוואַקסן מיט האַרטן טשערעט, איז נאָך געווען פאַרצויגן מיט אַ פרימאָרגן־נעפּל. טיף דאָרטן, אויפן סאַמע גרונט, האָט קוים געזשיפּעט אַ מוטנע וואַסערל — דער גוטער יאָר ווייס דאָס, צי דאָס גייט, צי דאָס שטייט. פאָרויס האָט געשפּאַנט גאַווריליאָ, אַ פויער אַ יאָר דרייסיק, אַ שיינער און אַ געוויקסיקער, מיט אַ פּאָר ריזיקע פּלייצעס און מיט אַ שטאַרק אָפּ־געברענטן שטרענגן פּנים. אָבער פון אונטער די כמורנע ברעמען האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר ליכטיקע, וואַסער־בלויע קינדישע אויגן. ער איז ניט געווען קיין געגאָלטער ווי ס'איז דער שטייגער ביי די אַרומיקע פויערן, נאָר האָט געהאַט אַ שיינע ליכטיק־ברוינע באָרד. אָנגעטאָן איז דער גוי געווען אין אַ פאַרלאַטעטער סוויטקע און די פיס זיינען געווען באָרוועסע, האַרטע און האָרנדיקע, אַזוי ווי פערדישע קאָפּיטעס.

יונה קרומע־ביינע, אַ יידל אַ קליינס און אַ רויטס, מיט אַ לעבעדיקן קלייענדיקן פּנים און מיט אַ פּאָר פיס קרום ווי אַ ראָד, האָט זיך נאָכגעקייקלט מיט דריבנע רירעוודיקע טריטעלעך.

"מען טאָר ניט הייען, גאַווריליאָ־סערצע!" האָט יונה אַ זאָג געטאָן פאַרזאָרגט. "טאָמער חלילה פאַרכאַפּן אונדז די רעגנס, איז שוין אַ־סוף־אַן־עק מיט אונדזער פיש כאַפּן."

גאַווריל‌אַ האָט באַטראַכט דעם גרויען הימל, וואָס האָט זיך שוין געריטלט אין מזרח, האָט אַ שמעק געטאָן די לופט און זיך אָנגע־רופן געלאַסן:

„האָב קיין זאָרג ניט יונה, ס׳וועט נאָך נעמען אַ פּאָר טעג איידער די רעגנס וועלן זיך אָנהייבן.“ ער האָט גערעדט יידיש פליסיק ווי אַ וואַסערל.

יונה האָט אַריינגעקוקט אין טייכל און אַריינגעשפּיגן אַהינצו מיט פאַראַכטונג. „ביי לייטן אַ טייך האָט ער פיש, ביי אונדז אָבער קען מען כאַפּן אָדער פּיאַווקעלעך, אָדער פּלאָטקעלעך, אַזוי ווי פליי די גרויס; קיי און שפּיי!“

די לופט איז געווען פייכט און וואַרעם. אַרום און אַרום זיינען געלעגן די כאַפּונער בלאָטעס. ביזן עק פון האָריזאָנט האָבן זיך געצויגן פעלדער פאַרוואָקסענע מיט ווילדע געוויקסן. אַ פּאַרע האָט פון זיי געזועצט; זיי האָבן אויסגעאָטעמט אַ דומפּיקן ריח פון פוילנדיקע פלאַנצן און שטייענדיקע וואַסערן. פליגן האָבן אָנגעהויבן זשומען; ס׳האָבן זיך דערהערט גאָרגלדיקע קולות פון זומפּ־פויגלען.

מיט אַמאָל האָט זיך די כאַפּונקע אַ קער געטאָן פון שליאַך, און גאַנץ כאַפּון האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר די אויגן אַזוי ווי אויף אַן אָפענער דלאָניע: אַ געל ליימיק בערגל צווישן פאַרזומפּטע וואַסערן און ווילדע טאָרף־פלוינען; אַ הונדערט הילצערנע הייזלעך מיט שטרויענע דעכלעך, איינגעטיילט אין אַ האַלבן טוץ געסלעך; אַ מאַרק־פלאַץ מיט אַ ברונעם אין מיטן; אַ פּאָר טוץ קרעמלעך געדעקט מיט דראַניצעס; אַ שול מיט אַ שינדל־דאַך; אַ באָד ביים ברעג פון טייכל; אַ בית־עולם מיט איינגעפאַלענע מצבות און מיט אַ קדושים־שטיבל נאָך פון כמעלניצקיס צייטן.

אַ קליין פאַרוואָרפן שטעטל, האָט כאַפּון פונדעסטוועגן געטראָגן דעם בכבודיקן טיטל פון אַ „קהילה קדושה“, וואָרעם אין גאַנץ כאַפּון איז אפילו קיין סימן ניט געווען פון אַ קלויסטער. אַמאָל, נאָך פאַר די גזירות־ת״ח, זיינען אין כאַפּון געווען אי אַ צערקווע, אי אַ קאָסציאָל. האָבן די פּאָליאַקן צעשטערט די צערקווע און כמעל׳ס קאָזאַקן האָבן חרוב געמאַכט דעם קאָסציאָל און ביידע חורבות זיינען פאַרזונקען געוואָרן אין די בלאָטעס ביז אויף היינטיקן טאָג.

״זינט ראש־השנה איז גאַנץ כאַפּון אָן פּיש,״ האָט יונה אַ זאָג געטאָן, ״קיין שום פּויערל האָט ניט אַריינגעשמעקט אין שטאָט אפילו מיט אַביסעלע ״דראָב״: מיט קאָרעסלעך, אָדער פּלאָטקעלעך. האָב איך מיך אַליין געוואָלט אַריינכאַפּן אין אַ פּאָר דערפלעך. דערציילט מיר אַ באַקאַנטער פּיש־הענדלער, אַז ס׳איז אָן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט: אַלע ״פּאָאימקעס״ פון די אַרומיקע פישערס—די וואָס כאַפּן פּיש מיט נעצן—גייען אָפּ די וואָך אין גראַפסקן מאַיאָנטעק, קיין יאַסנאָפּאָל.״

״כ׳האָב געהערט!״ האָט גאַווריל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ״ס׳איז יאָרצייט נאָך דער אַלטער גראַפיניע, דער ״טשאַרטאָרייסקאַ״. מען קלייבט זיך היינטיקן זונטיק דאָרטן פּראַוון אַ גרויסאַרטיקן באַנקעט. מען זאָגט אַ גוזמא פּריצים וועלן אָנקומען קיין יאַסנאָפּאָל פון אַלע אַרומיקע שטעט און מאַיאָנטעקס, אפילו פון פּעטערבאָרג און פון אויסלאַנד.״

״מען דאַרף כאַפּן כאָטשע אַ פּוד פּינף,״ האָט יונה פאַרדאגהט אַ קראַץ געטאָן דעם קאָפּ. ״אויב ניט, וועט זיין אַ פאַרשטערטער יום־טוב.״

״האָדיע שוין יונה זאָרגן,״ האָט אים דער שבת־גוי באַרואיקט. ״האָב קיין כלאָפּאָטע ניט. אין טייך לעבן הנילאָפּאָליע זיינען פאַראַן אַ סך ליעשטשעס, העכט און שלייען: און אין דער אָזיערע אין פאַנסקאַ־מאָהילאַ כאַוועןן זיך די בעסטע קאַרפּן אין גאַנצן קאַנט. דער טאָג איז נאָך גרויס און אָט זיינען מיר שוין באַלד אין די ״בערעזקעס״.

זייער פּלאַן איז געווען זיך אַריינצוכאַפּן אויפן וועג אין די ״בערעזקעס״ צום אַרענדאַר חיים דעם ״טאָרף־ייד״, וואָס איז אַליין געווען אַ ליבהאָבער פון פּיש כאַפּן און האָט אויך געהאַט אַן אייגענעם פערד און וואָגן. נאָך אַ מהלך פון אַ שעה אָנדערטהאַלבן, זיינען זיי אָנגעקומען אין די בערעזקעס. דאָס איז געווען אַ היפּשער ״הויף״ מיט אַ ווייס־אויסגעטינקעוועטן הייזל, מיט אַ שייער, מיט אַ שטאַל און אַ פּאָר שטעלכענס. הינטערן הויז האָט געגרינט אַ גאָרטן און ווייס געשימערט אַ בערעזע־וועלדל. אַ הונט האָט אָנגעהויבן בילן און זיך רייסן פון קייט.

אַן אַלטער פֿויער און אַ יונגער שײגעץ האָבן געהאַלטן אין אָנ־לאָדן אַ גרויסע דראַבינע מיט לאַנגע פּלאַכטעס טאָרף, וואָס האָט געדאַרפֿט אָפּגײן קײן יאַסנאָפּאָל. יעדער גוי האָט געהאַט אַ מאָדנע שופֿל און אַ טאָרף־מעסער מיט אַ לאַנגער קלינג אין די הענט. דער גאַנצער הויף איז געווען פֿאַרלײגט מיט ברוינלעך־גרויע פּאַסן טאָרף, אַזוי ווי מיט לאַנגע ציגל. דאָס זײַנען געווען די לעצטע טעג פֿון סעזאָן, ווען מען האָט דעם טאָרף נאָך געקענט טריקענען אויף דער זון.

יונה האָט אָן עפּן געטאָן דאָס טירל פֿון הויז. פֿון אינעווייניק האָט אַ זעץ געטאָן אַ געשמאַקער ריח פֿון פֿריש־געבאַקענעם ברויט און פֿון האַרבע געווירצן. די זון האָט אַרײַנגעקוקט אין מזרח־פֿענצטערל מיט אַ משופּעדיקן שטראַל. לעבן פֿענצטער איז געשטאַנען חיים דער טאָרף־ייִד אײַנגעוויקלט אין טלית און תּפֿילין און האָט געדאַוונט פֿון פֿאַרנט. ער האָט ניט געוואָלט מפֿסיק זײַן, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, פֿאַרבעטנדיק די געסט אין שטוב אַרײַן.

חיים איז געווען אַ ייִד אין די פֿערציקער, אַ הויכער און אַ קרענק־לעכער, מיט אַ באָרד און אויגן שוואַרץ ווי קויל, אָבער מיט אַ פּנים געל ווי וואַקס. אפֿילו די ווײַסלעך פֿון די אויגן זײַנען בײַ אים געווען פֿאַרגעלט. אָנגעטאָן איז ער געווען האַלב־דאָרפֿיש, האַלב־שטאָטיש: די הויזן פֿאַרשטעקט אין די כאָליעוועס, די פּאָלעס פֿון דער קאַפּאָטע פֿאַרשטעקט אין גאַרטל. גאַווריִלאָ האָט פֿאַרחידושט אָנגעקוקט חיימס תּפֿילין. ער האָט זיך שוין בײַ ייִדן אָנגעזען כּל־המינים תּפֿילין — גרויסע און קלײנע, אפֿילו צוויי תּפֿילין אויף אײן קאָפּ. אָבער אַזעלכע גוואַלדאָוונע תּפֿילין, ווי דער טאָרף־ייִד האָט געטראָגן, האָט דער שבת־גוי נאָך קײנמאָל ניט געזען. „אַזוי ווי צוויי ציגל די גרויס," האָט ער געטראַכט.

חיים האָט געהאַלטן בײַ קטורת, זיך געשאָקלט און געזאָגט מיט כּוונה: „און גאָט האָט געזאָגט צו משהן, נעם דיר זיסע געווירצן... און פֿון אַלע די דאָזיקע זאָלסטו מאַכן אַ שמעקעכץ, אַ געמישעכץ ווי דער אַפּטייקער מאַכט דאָס, צעשטויסן דין; און זאָלסט פֿון דעם ברענגען אין אוהל־מועד פֿאַרן פּנים פֿון דער עדה וואו איך וועל דיך באַגעגענען. און אהרן זאָל רייכערן ווײַרעך פֿון געווירצן. יעדן פֿרי־מאָרגן, ווען ער גרייט צו די ליכט זאָל ער רייכערן, און ווען ער צינדט

אָן די ליכט אין אָוונט זאָל ער רייכערן. אייביקע קטורת פאַר גאָט פאַר אַלע אייערע דורות.״

חיים האָט צוגעטראָגן צום נאָז אַ זילבערן הדס־ביקסל, האָט געשמעקט די בשמים און דערביי געשמאַק אויסגערעכנט די אַלערליי געווירצן וואָס די רבנים האָבן געלערנט: דעם באַלזאַם, דעם שמעקעדיקן פעך־זאַפט און די מירע; דעם גאַלבאַן, מוטער־האַרץ, צימערינג, זאַפראַן און נאַרד־געווירץ; דעם יין קפריסין, דאָס זאַלץ פון סדום, די שאָלעכץ פון אַ שמעקעדיקן בוים, דעם קרייטעכץ מעלה־עשן און בורשטין פון ירדן.

״רב נתן האָט געלערנט,״ האָט דער טאָרף־ייד ווייטער געזאָגט פאַרדבקהט, ״ווען מען שטויסט די געווירצן דאַרף מען זאָגן: שטויס דאָס דין, שטויס דאָס גוט! שטויס גוט, דין! וואָרעם דאָס קול איז גוט פאַר בשמים.״ דערביי האָט חיים ווידער געשמאַק געשמעקט פון הדסל.

דער שבת־גוי האָט זיך צוגעהערט אַ פאַרגאַפּטער. ״וואָס איז דאָס פאַר אַ מאָדנער מנהג?״ האָט ער איינגערוימט דעם פישער אין אויער אַריין. ״דוכט זיך ביי יידן שמעקט מען בשמים נאָר שבת־צונאַכט ווען מען צינדט אָן די הבדלה.״

יונה האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

״טשודנע מענטשן זיינען זיי ״די אויפגעוועקטע״, האָט ער אַ זאָג געטאָן אין אַ האַלבן קול. ״דעם אישאַנסקער רבין ישראל קענסטו דאָך? דער טאַטע זיינער איז געווען דער ״נסתר״, אַ גוואַלדיקער בעל־מקובל. זיינע חסידים רופט מען ״אנשי־חן״, וואָרעם ח״ן מיינט חכמה נסתרה—די פאַרבאָרגענע חכמה, אָדער דעם נסתרס חכמה. טשיקאָווע מענטשן זיינען זיי, די רעשטלעך פון דעם נסתרס חסידים, האָבן זייער אייגענעם נוסח. אין כאַפון איז פאַראַן נאָר אַ קליין הייפעלע פון די דאָזיקע ״אויפגעוועקטע״. זיי האָבן אפילו קיין אייגן קלייזל ניט, עס קלעקט זיי ניט אויף אַ מנין.״

די פאָדלאָגע פון גרויסן חדר איז געווען אויסגעריבן מיט געלן זאַמד. די באַלקנס פון דער סטעליע זיינען געהאָנגען אַזוי נידעריק, אַז גאָרילאָ פלעגט זיך יעדעס מאָל דעם קאָפּ אָנשלאָגן. ס׳איז אַרויסגעקומען פון קיך חיימס יידענע, אַ באָרוועסע און אַ צעוואָקסענע,

מיט אַ כאַפּטע קליינוואַרג פון הינטן און מיט אַ טראַגעדיקן בויך פון פאָרנט. זי האָט געשטעלט כּיבוד: אַ שיסל זויערמילך, אַ טעלער קעז און אַ פרישן לאַבן ברויט; די פּאַרע האָט נאָך געזעצט פון אים. מען האָט פאַרטרונקען מיט וואַסער פון קרעניצע, וואָס די כאַפּונער יידן האָבן גערופן ״מים חיים״. צוליב איר טאַקע פלעגט מען כאַפּן אַ שפּאַציר פון כאַפּון אין די ״בערעזקעס״ אין די זומערדיקע שבת־דיקע בייטאָגן.

נאָכן אָנבייסן האָט חיים איינגעשפּאַנט די ווייסע אויסגעפּאַשעטע שקאַפּע, אויסגעבעט דעם וואָגן מיט פרישן היי און—היידאַ צום נענטסטן טייך. אָפּגעפאָרן אַ ווערסטלעך זיבן, איז מען אָנגעקומען אין הנילאָפּאָליע—אַ היפּש דאָרף מיט אַ שענק, מיט אַ ווייסן קלויסטער און אַ גרינעם קופּאָל. איבערגעלאָזט פערד און וואָגן אין דאָרף, איז מען אַוועק מיט די פעקלעך אויף די פּלייצעס און מיט דעם פעסל אין די הענט אויף אַ געדרייטער סטעזשקע, דורך פאַרזומפּטע פעלדער צום ״קסיאָנדזיק״—אַ זאַמדיקן בערגל, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי ווי אַ ווייסער פליך צווישן די גרינע פאַרוואַקסענע בלאָטעס. ביים ברעג פון בערגל האָט זיך געשלענגלט אַ ביסטרע טייכל. ערטערווייז, וואו שטיינער האָבן פאַרשטעלט זיין וועג, האָט זיך דער טייך געוואָרפן און געליאַרעמט מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ווייסער שוים האָט אַזש אויסגעשלאָגן פון אים.

גאַווריאָ האָט אויסגעטאָן די סוויטקע, פאַרקאַטשעט די לייוונ־טענע הויזן, איז אַריין אין וואַסער און האָט זיך באַזעצט אויף אַ שטיין מיט דער ווענדקע אין האַנט. יונה און חיים האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן זאַמדיקן ברעג און אויך פאַרוואָרפן די ווענדקעס.

די זון איז שוין געשטאַנען היפּשלעך הויך און האָט געבאַקן גאָר זומערלעך. דאָס טייכל איז געווען אַזוי לויטער אַז מען האָט געקענט דורכקוקן ביזן גרונט, געקענט זען ווי די פיש פליעסקען זיך. פון די אַרומיקע בלאָטעס האָט זיך געטראָגן אַ פּאַרע. פליגעלעך האָבן גע־זשומעט. ערגעץ פון טשערעט האָט זיך אויפגעהויבן אַ סטאַיע ווילדע קאַטשקעס און איז אַוועקגעפלויגן מיט אַ הילכיקן קוואַקען; אַ פּנים זיך צעפּוזשעט פון די מענטשלעכע קולות.

״דאָ האַלטן זיך אויף ס׳רוב העכט און שלייען,״ האָט גאַווריליאָ

דערקלערט, „זיי האָבן האַלט לויפנדיק וואַסער. קאַרפּן זיינען אַנדערש, —זיי האָבן ליב בלאָטע, גראָבן זיך איין אין ליימיקן גרונט אַזוי ווי חזירים. דערפאַר טאַקע ווערן קאַרפּן אַזוי פעט.“

„מיר'ן פאַרטיק ווערן דאָ, וועלן מיר זיך אַריבערכאַפּן קיין פאַנסקאַ־מאָהילאַ נאָך קאַרפּן,“ האָט יונה אַ זאָג געטאָן.

„אַ קלוג פאָלק די יידן!“ האָט גאַוורילאָ געלויבט. „אַט נעמט למשל אַ העכט,—ס'איז פאַסקודסטווע. ס'ע שטינקט פון אים מיט בלאָטע. פּרואוו אָבער מאַכן פון אים געפילטע פיש, „שטשיקאַ־פּאָ־זשידיווסקי“,—איז דאָס טעם גן־עדן!“

ס'האָט זיך אָנגעהויבן כאַפּן גאָר נישקשהדיק, האָט מען די פיש געוואָרפן אין יונהס מקוה, וואָס איז געווען האַלב אָנגעפילט מיט וואַסער.

„פאַרצייטנס איז אויפן „קסיאָנדזיק“ אַ מיל געשטאַנען,“ האָט גאַווריל‌אָ דערציילט. „דאַמאָלס האָבן זיך דאָ אַזוי פיל פיש גע־פּלאָדזשעט, אַז מען האָט זיי מיט די הענט געקענט כאַפּן.“

„פאַרוואָס עפּעס הייסט דער באַרג „קסיאָנדזיק“? האָט יונה אַ פרעג געטאָן.

„אַמאָליקע יאָרן איז דאָ אַ קסיאָנדז דערטרונקען געוואָרן, אָדער דערהרגעט געוואָרן,—אויף געוויס ווייס מען ניט.“

„דערהרגעט געוואָרן?“ האָט יונה אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן.

„ביי אונדז אַ פּאָפּ, מעג ער נעמען אַ ווייב; דערפאַר טראָגט ער אַ צאָפּ. אָבער ביי די פּוילישע טאָר מען ניט, דערפאַר גאָלט מען זיי אויס אַ רעדל אויפן קאָפּ. אָבער אַז מען טאָר ניט אָפענערהייט, טוט מען באַהאַלטענערהייט. איינמאָל האָט דער מילנער געכאַפּט דעם קסיאָנדז מיט זיין יונגער מילנערקע און האָט אים אַרונטערגעוואָרפן אונטער דער ראָד פון מיל. די אַלטע ווייבער דערציילן גאָר, אַז אַ רוסאַלקע האָט דעם קסיאָנדז פאַרנאַרט אין וואַסער אַריין. אַזוי צי אַזוי, דער באַרג דאָ האָט געקראָגן דעם נאָמען „קסיאָנדזיק“ און זעט טאַקע אויס אַזוי ווי אַ פליך אויף אַ גלחס קאָפּ.“

די זון איז שוין געשטאַנען אויפן זעניט פון הימל. חיים האָט צונויפגעקליבן דאָרע צווייגלעך, צעלייגט זיי אונטער צוויי שטיינער, צוגעשטעלט פון אויבן אַן אייזערן קעסעלע מיט וואַסער און גע־

מאַכט פייער מיט אַ שטיקל טאָרף און פייערגעצייג. געלאָסן האָט ער אַרויסגענומען פון פּעקל אַ פּאָר קאַרטאָפליעס, אַ ציבעלע, זאַלץ און פעפער, אויסגערייניקט מיט זיין גרויסן טאָרף־מעסער אַ פּאָר שלייען און עטלעכע קאַרעסלעך און זיך געשטעלט קאָכן פיש־קאַרטאָפליעס. דער טאָרף־ייד איז געווען אַ מומחה אויף פיש קאָכן. אַלע דריי, אפילו דער שבת־גוי, האָבן זיך געוואַשן און זיך געשמאַק צוגע־כאַפּט צו די פיש. געגעסן האָט מען מיט הילצערנע לעפלען גלייך פון קעסעלע. אָפּגעגעסן, האָט מען געכאַפּט אַ דרימל און זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט.

אַ שטיק צייט זיינען אַלע געזעסן שווייגנדיק. יונה האָט ברייט געגענעצט און זיך געקראַצט דעם קאָפּ. גאַווריל׳אָ האָט געפּיפּקעט אַ ליולקע, חיים האָט געררייכערט פון אַ לאַנגען ציבוך. דער רויך האָט זיך געשלענגלט געלאָסן אין דינע בלויע ספּיראַלן. אַרום און אַרום האָט געהערשט אַ וואונדערלעכע שטילקייט. די מילדע שטראַלן פון דער זון האָבן געלאַשטשעט מיט אַ זאַנפטער וואַרעמקייט. דער הימל איז געווען אַ קלאָרער, אָן אַ קנייטשעלע, די לופט אַ לויטערע ווי קריסטאַל; דינינקע ארץ־ישראל־פעדעם האָבן אַרומגעשוועבט מיט אַ זיידענעם שימער.

״ס׳אַ מאָדנע זאַך,״ האָט זיך יונה געוואונדערט, ״אַזוי פיל וואַסערן זיינען דאָ אין אונדזער געגנט,—אָזיערעס און טייכן; אַלע זיינען זיי פול מיט פיש, אין די זומפּן האַלטן זיך אויף כל־המינים פויגלען און ווילדע באַשעפענישן, אָבער די ערד אַליין דאָ איז סאַמע פּאַסקודסטווע.״

״די כאַפּונער בלאָטעס זיינען פאַרשאָלטענע.״ האָט גאַווריל׳אָ אַ זאָג געטאָן אין אַן ערנצטן טאָן. ״ניט מען קען דאָ אַקערן און ניט מען קען זייען. אפילו די גראָזן און קרייטעכצער וואָס וואַקסן דאָ זיינען אומריינע, זיי טויגן ניט פאַר פאַשע. עסן דאָס די פערד, ווערן ביי זיי די בייכער געשוואָלן; ביי די ציגן הויבן אָן פוילן די קאָפּיטעס; ביי די בהמות ווערן די אייטער אויסגעדאַרט און זיי הערן זיך אויף מעלקן.״

חיים האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ״וואָס פאַר אַ פלאַנצן, מישטיינס־געזאָגט, וואַקסן דאָ אין די זומפּן?״ האָט ער זיך אָנגערופן

מיט ביטול. "מיסט־גראָז און אומקרויט. מען קען פון זיי פאַרסמט ווערן, אָדער רחמנא־ליצלן פון זינען אַראָפּ. מייזן־קאָרן, שלאַנגען־גראָז, קריך־ווייץ, חזירשע ריבעלעך; בערן לאַפּעס, הינטישע פעט־רישקע, ברעך־וואָרצל, קינס גראָז, וואָס איז האַרט און שאַרף אַזוי ווי אַ חלף; הײַנט דאָס שגעון־קרויט, וואָס אפילו חיות ווערן פון דעם משוגע!

"די אײנציקע כשרע געוויקסן וואָס וואַקסן ביי מיר אויפן טאָרפניק זײַנען די הושענות־ביימלעך, וואָס דער נסתר האָט געהייסן פאַרפלאַנצן פאַר אַ סגולה אַנטקעגן "יענע־לייט". הײַנט די ברודנע באַשעפענישן וואָס ווידמענען זיך דאָ אין די בלאָטעס, באַהיט און באַשיצט זאָל מען ווערן! עס שוויבלט און גריבלט דאָ מיט פליגן, מוקן, קאָמאַרעס; מיט שפינען, פּרעש, וואַסער־שלאַנגען און זומפּ־ראַצן; מיט יאַשטשערקעס, ווערעם און פּיאַווקעס, — אַלץ שקצים און רמשים."

חיים האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט טיף אַ זיפץ געטאָן. "אַט לעבט אונדזער פאַמיליע אין די בערעזקעס שוין קרוב פינף און זעכציק יאָר; איז וואו אַ מגפה, וואו אַ פאַרשלעפּטע קרענק אין אונדזער סביבה,—איז דאָס תמיד אַרויסגעקומען פון די בלאָטעס. אַט לייד איך אַליין פון קינדווייז־אָן פון געלזוכט און פון דער דריי־טעגיקער קדחת."

"ווערליק איך האָב געהערט," האָט יונה אַרײַנגעוואָרפן אַ וואָרט, "קריגט מען געלזוכט, ווען מען טרעט אָן מיט אַ באָרוועסן פוס אויף כינים."

"זאַבאַבאָנעס!" האָט חיים אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. "די בלאָטעס דאָ זײַנען סאַמע פסולת. די גאַנצע פוילע ערד דאָ איז אַ קראַנקע, זי ליידט פון אַ מין וואַסערזאַכט."

"פאַראַן דאָ אין די בלאָטעס אַזאַ ווערעמל," האָט גאַווריל אָ דערציילט, "וואָס איז ניט מער ווי אַ פעדעמל די גרויס, שלינגט מען אים אָבער איין, צעוואַקסט ער זיך אין בויך אויף דרײַסיק קלאַפטער די לענג. הײַנט לעבן דאָ אַזוינע זשאַבעס, וואָס פון זיי קריגט מען קרעץ; און שפינען אַזעלכע, וואָס פון זייערן אַ ביס ווערט מען פאַרסמט. ווייסע פלאַטערלעך פליען דאָ אַרום זומער־צייט, וואָס

אַז מען רירט זיי אָן קריגט מען אַ פּאַרך. די פּאָהאָנע בלאָטעס זייַנען פול מיט ברודיקייט... זעט איר, פיש אין די וואַסערן פּלאָדזשען זיך גראַדע דאָ פון דעם בעסטן סאָרט. אויך ווילדע קאַטשקעס, בושלעס און צאַפּליעס לעבן דאָ אָן אַ צאָל. און די זומפּן און די וועלדער זייַנען פול מיט ווילדע חיהלעך, וואָס האָבן די טייערסטע פעלן. פון די כּאַפּונער טייכן און פון דעם טשערנאָלוזשער וואַלד קען אַ פּויער האָבן פּרנסה."

"אָבער די וועלדער דאָ געהערן דאָך צו די פּריצים, ניט צו די פּויערים," האָט יונה באַמערקט.

"ציע פּראַוודאַ (ס׳איז אָן אמת)!" האָט דער שבת־גוי צוגעגעבן. "אין טשערנאָלוזשער וואַלד בראָדזשען אַרום גאַנצע טיטשקעס וועלף, אויך פוקסן, אפילו בערן. אויף זיי מאַכן נאָר די פּריצים "פּאָלאָוואַניע". פאַראַן נאָך אין טשערנאָלוזשער וואַלד אפילו אַ רעשטל פון די לאָס־הערשן; זיי זייַנען טשיקאַווע באַשעפענישן מיט מעכטיקע הערנער אַזוי ווי לאָפּעטעס. זיי טאָר מען גאָר ניט אָנרירן, אפילו די פּריצים שיסן זיי ניט."

"אַמאָליקע יאָרן האָבן די יאַסנאָפּאָלער גראַפן אין די בערעזקעס אַ לוסט־שלאָס געהאַט," האָט זיך חיים אָנגערופן, "דאָרטן פלעגט זיך די גאַנצע שליאַכטע צונויפקלייבן ווילדע חזירים שיסן."

"ווילדע חזירים זייַנען די געפערלעכסטע באַשעפענישן אין דער וועלט!" האָט גאַוורילאָ דערקלערט. "אַלע חיות ציטערן פאַר זיי. אַ ווילדער חזיר האָט גוואַלדאָוונע ציין, אַזוי ווי אייזערנע פלעקער. מיט איין ביס קען אַ צעבושעוועטער חזיר אייַנבייסן דעם האַלדז אפילו ביי אַן אָקס. ניט פאַרבליבן קיין סך ווילדע חזירים אין די זומפּן, אַמאָל האָבן זיי געלעבט דאָ אין גאַנצע טאַבונעס. אָבער מיט קליינע חיהלעך פון יעטווועדן מין שווימלט און גריבלט די גאַנצע כּאַפּונער געגנט: מיט העזלעך, וועווערקעס, טכוירן, פּיזעם, מאַרדערס. היינט די ביבערס וואָס לעבן אויף די טייכן, זיי האָבן דעם פייַנסטן פוטער... ס׳איז טאַקע אמת, יונה, פאַראַן ביי אונדז ערטער וואו מען מעג די דאָזיקע חיהלעך כאַפּן, און פאַראַן ווידער ערטער וואו מען טאָר ניט; מען מוז קריגן אַ דערלויבעניש פון פּריץ, אָדער צאָלן אַזאַ שטייער. אָבער אונדזערע פּויערלעך כאַפּן זיך אַריין בגנבה אין

טשערנאָלוזשער וואַלד און שטעלן פּאָסטקעס חיות צו כאַפּן. בפרט זינט דער ליעסניטשי דאַנילאָ איז דערהרגעט געוואָרן פּאַר צוויי־יאָרן פון אַ געפאַלענעם בוים און קיין נייעם ליעסניטשי האָט מען נאָך ניט אַריינגעשטעלט... כאַפּט זיך נאָר אַריבער פּאַר טשיקאַוועס אויף אַ מאָזירער יאַריד ביים פּריפּיעט, וועט איר זען וויפיל רויכ־וואַרג די פּויערים ברענגען איצטער אָן. מען שיקט אָפּ די סחורה אויף בערלינעס. סוחרים קומען זיך צענויף פון אויסרייסעניש, אפילו פון פּרייסן.״

״כ׳האָב געהערט אַז דער יאַסנאָפּאָלער עקאָנאָם איז אַ שטרענגער מענטש.״ האָט יונה אַ זאָג געטאָן. ״אויב ער וועט כאַפּן אַ גנב, וועט ער ניט נאָר שטראָפירן, נאָר אויך אַריינזעצן אין תפיסה.״

ביי חיימען איז דאָס פּנים מיט אַמאָל געוואָרן פינצטער. ״זינט די אַלטע גראַפיניע, די טשאַרטאָרייסקאַ, איז געשטאָרבן, האָבן זיך אין יאַסנאָפּאָל נייע פּאָראָנדקעס איינגעשטעלט,״ האָט ער אַ קרעכץ געטאָן. ״אַ שטיקל גליק וואָס דער גראַף איז אַקאָרשט אָנגעקומען פון פּאַריז אויפן מאַיאָנטעק צו זיין מאַמעס יאָרצייט.״

״דער גראַף איז אַן אַלטער בחור, ניט אַזוי רב חיים?״ האָט יונה אַ פרעג געטאָן. ״די וועלט זאָגט אַז די יאַסנאָפּאָלער גראַפן האָבן באַהאַלטן אין זייער מאַיאָנטעק די פּוילישע קרוין. ווער־זשע וועט זיין דער יורש?״

״ער איז שוין אין די זעכציקער, דער גראַף,״ האָט חיים צו־געשאָקלט מיטן קאָפּ. ״נאָך זיין טויט בלייבט טאַקע יאַסנאָפּאָל אָן אַ יורש. אַז די מאַמע זיינע, די אַלטע גראַפיניע, איז געשטאָרבן, איז זי אַלט געווען פינף און אַכציק יאָר. זי איז געווען די גרעסטע יחסנטע און אין דער יוגנט אויך די גרעסטע יפהפיה פון גאַנץ קרוין־פּוילן. בעת זי האָט חתונה געהאַט מיט דעם גראַף סטאַניסלאַוו יאַסנאָפּאָלסקי—דעם ווילדן סטאַסיעק,—איז ער געווען אַ מיטל־יעריקער מענטש, אָבער זי,—די דוכסיכע מאַריאַ טשאַרטאָרייסקאַ,—איז געווען קוים אַכצן יאָר אַלט; די גאָלדענע מאַריאַ האָט מען זי גערופן. דאָס איז געווען אין די נאַפּאָלעאָנער צייטן. די וועלט זאָגט, אַז זי איז געוואָרן דער קיסר נאַפּאָלעאָנס אַ קאָכאַנקע.

״אונדזער גראַף איז איר איינציקער זון און הייסן הייסט ער

אַדאַם באָנאַפּאַרט יאַסנאָפּאָלסקי. ער איז טאַקע געבוירן געוואָרן אין פּאַריז. ווער ווייסט, אפשר האָט ער טאַקע זיך אַמאָל אַרויפּצוזעצן אויפן פּוילישן טראָן, אָבער דעם מאַיאָנטעק זיינעם האָט ער פיינט. האַלט זיך אויף ס'רוב אין אויסלאַנד און כאַפּט זיך אַראָפּ צו אונדז נאָר אַמאָל אין אַ יובל.״

״די פּויערים דערציילן,״ האָט גאַווריליאַ אַ שמייכל געטאָן, ״אַז דער פּריץ איז ברוגז געוואָרן אויף אונדזער צאַר, דערפאַר וואָס ער האָט אָפּגעשאַפּט פּאַנשטשיזנע. דערפאַר האַלט ער זיך פון דער־ווייטנס פון זיינע מאַיאָנטקעס; דאָס האַרץ טוט אים וויי אָנצוקוקן די פרייע כלאָפּעס.״

״דער גראַף איז ניט קיין שלעכטער מענטש,״ האָט חיים אַ זאָג געטאָן אַ פאַרזאָרגטער, ״ער לאָזט זיךריידן, כ'וועל בלי־נדר זיך מוזן זען מיט אים באַלד נאָך די ימים־טובים. זינט די אַלטע טשאַרטאָרייסקאַ איז געשטאָרבן, האָב איך געברענטע צרות פון דעם יאַסנאָפּאָלער עקאָנאָם בידערמאַן. ער דערגייט מיר די יאָרן דער דייטשוק, דער בעל־גוף. די אַלטע טשאַרטאָרייסקאַ איז געווען אַ צוגעלאָזענע צו אונדזער פאַמיליע. אָט האַלטן מיר די אַרענדע פון די בערעזקעס שוין דריי דורות. מיר האָבן אויף דעם אַ חזקה, מיר דאַרפן צאָלן דעם גראַף נאָר מיט טאָרף.

״דער זיידע מיינער דוד, עליו השלום, איז געווען אַ כאַפּונער קצב, אַ יונג אַ העלד. האָט ער איינמאָל געהאָלפן אַרויסשלעפּן דער גראַפיניעס עקיפּאַזש פון די בלאָטעס. געווען איז דאַמאָלס די טשאַרטאָרייסקאַ גאָר אַ יונגע און אַ שיינע אַזוי ווי אַ פּרינצעסן. האָט דער זיידע שטאַרק נושא־חן געווען אין אירע אויגן און זי האָט אים אָפּגעגעבן די בערעזקעס אויף אַן אייביקע אַרענדע; האָט אפילו די גאַנצע פּאַסעסיע אויפגעבויט.

״זינט אָבער די גראַפיניע איז געשטאָרבן, האָט מיך דער עקאָנאָם אָנגעהויבן רודפן. אַנומלטן קומט ער אַראָפּ צו מיר און טוט אַ פרעג: ״וויפיל וועגעלעך טאָרף שטעלסטו צו אין יאַסנאָפּאָל פאַרן סעזאָן, חיים?״ ענטפער איך: ״אַ פופציק־זעכציק דראַבינעס״. פאַרקרימט ער די פעטע פּיסקעס און שפּייט אויס מיט ביטול: ״פופציק־זעכציק דראַבינעס, דאָס זיינען העכסטנס אַ צען־צוועלף טויזנט פודן טאָרף,

פכע, דאָס איז אַ שפּיי אין בלאָטע! ביי אונדז״ זאָגט ער, ״אין פּרייסן קען מען אויסגראָבן פון איין קוואַדראַטנעם וויאָרסט זומפּלאַנד אַ קיימא־לן פון פערציק מיליאָנען פודן פאַר דעם זומער־סעזאָן, אַ גוטע צוויי־הונדערט טויזנט דראַבינעס״, זאָגט ער.

״מן הסתם איז דאָס האַלב־נאַסער טאָרף, ניט קיין אויסגע־טרוקנטער אויף דער זון, ווי אונדזער בערעזקאָווער,״ זאָג איך. ״דער פיינסטער טאָרף אין דער וועלט איז דער דייטשער!״ ענטפערט ער מיר אָפּ מיט גדלות: ״איך האָב אויסגערעכנט, אַז פון דעם טאָרפניק אין די בערעזקעס קען מען אַרויסנעמען לכל הפחות אַ מיליאָן פודן אַ יאָר, אַ גוטע פינף־טויזנט וועגעלעך.״ קוק איך אים אָן אַזוי ווי אַ משוגענעם. ״מיר מוזן האָבן אַ סך טאָרף״, מאַכט ער צו מיר, ״וואָרעם מיר בויען אַ ניי ברויז אין יאַסנאָפּאָל און פון קומענדיקן יאָר אָן וויל איך נוצן נאָר טאָרף, ניט קיין האָלץ פאַר ברען־מאַטעריאַל.״ ״וואָס רעדט איר פריץ,״ שריי איך אויס, ״איך האָב דאָך נאָר צוויי אַרבעטער פאַר מיין באַלעבאַטישקייט, דעם אַלטן פּאַכאָם און זיין שייגעץ וואַסיל. דאַרף מען ניט נאָר טאָרף גראָבן, נאָר אויך אַביסל אַקערן און זייען און שניידן די תבואה און אַכטונג געבן אויף דער כודאָבע. וואו נעמט מען דאָ טויזנטער וועגענער און ווער וועט דאָס גראָבן?״

״מיר וועלן זיך שוין אָן עצה געבן,״ זאָגט דער דייטש, ״כ׳האָב אַ פּלאַן! מיר וועלן דאָ אויפשטעלןביידלעך, אַריינשיקן אַהערצו אַ פּאָר טוץ אַרבעטער פון יאַסנאָפּאָל מיט פערד און וועגענער, זאָלן זיי גראָבן!״ — גראָבן זאָל מען אים אַ קבר, דעם דייטש! ער וויל מיך אומגליקלעך מאַכן. כ׳מוז גיין צום גראַף בעטן רחמים, ס׳איז דאָך ממש אַ גזירה אויף מיין קאָפּ.״

— 3 —

די זון האָט זיך גענומען זעצן אויף די זומפּיקע פּלוינען, אַזוי ווי אויף אַ פּלאַטשיקן ים און דער בלייכער האָריזאָנט אויפן מערב האָט אָנגעהויבן גליען. די שאָטנס פון די דריי פישערס האָבן זיך אויס־געצויגן לאַנג און גראָטעסק. יונהס מקוה איז שוין היפּשלעך געוווען אָנגעפילט מיט פיש; צייט געוווען זיך קלייבן אַהיים. האָט מען זיך

אַוועקגעלאָזט צוריק קיין הנילאָפּאָליע, אָנגעלאָדן דאָס פיש־פּעסל אויפן וואָגן און מען איז אָפּגעפאָרן אין די בערעזקעס.

ס׳האָט אָנגעהויבן טונקלען. אַ גרויער קלעפּעדיקער נעפּל איז ווידער אַמאָל אַרויסגעקראָכן פון די זומפּן. זשאַבעס זיינען זיך פאַר־גאַנגען אין אַ הילכיק קוואַקעניש, זומפּ־פויגלען האָבן אָנגעהויבן קרעכצן. עפּעס האָט אין דעם גאַנצן פאַרשלייערטן שטח משונהדיק געקראַקעט, געקוויטשעט, געגאָרגלט און געזשומעט. מען איז פאַרביי־געפאָרן קליינע וועלדלעך, פאַרזונקענע ביז די לענדן אין בלאָטע, געדיכט פאַרוואָקסענע מיט מאָך. אַזעלכע האָבן קוים אַרויסגעגלאַנצט פון די ווילד־צעוואָקסענע ווערבעס. טייכלעך זיינען געשטאַנען פאַר־צויגטע מיט ריזיקע בלעטער פון וואַסער־ליליעס, וואָס האָבן אויס־געזען אַזוי ווי גרינע געמפּקעס. עפּעס האָט אַזוי ווי אַ פאַרבאָרגענע סכנה געלויערט פון אַלע זייטן; אויף יעדן שריט און טריט איז אַזוי ווי אַ פאַסטקע געשטאַנען. די הענגעדיקע צווייגן פון דיביימער האָבן אויסגעזען אַזוי ווי פּעטליעס, די גראָזן און קרייטעכצער אַזוי ווי אַן אויסגעשפּרייטע נעץ, די קוסטעס אַזוי ווי שפּינגעוועב גרייט עמעצן אַריינצונאַרן.

חיים האָט אָנגעהויבן שנעלער אונטערצוטרייבן דאָס פערדל. ביי אַלעמען איז געוואָרן אַביסל קאַלעמוטנע אויפן האַרצן.

״אונדזערע פויערים גלויבן אַז די כאַפּונער בלאָטעס זיינען פאַר־כישופטע,״ האָט דער שבת־גוי איבערגעריסן די שטילקייט. יעדע זאַך דאָ איז אַ גילגול. בייטאָג למשל זעסטו,—אַ וואָרצל פון אַ בוים שטעקט אַרויס; ביינאַכט אָבער איז דאָס גאָר אַ שוואַרץ שרעטעלע מיט אַ רויטן קאַפּעליושל. בייטאָג באַמערקסטו,—אַ מעכטיקער דעמב שטייט אין מיטן וואַלד; ביינאַכט ווייזט זיך אַרויס, דאָס איז גאָר דער ״ליעשי״ אַליין, דער באַטקאָ פון די וואַלד־טייוואָלים. אַ ריז איז ער מיט אַ גרינער באָרד; ער הירזשעט ווילד, לאַכט און הוקעט, פייפט און מאַכט גוואַלדן. ער צעפּוזשעט די פערד און פירט זיי אַראָפּ פון גלייכן וועג.

״בייטאָג טוסטו אַ קוק: עס שטייט אַ ווייסע בערעזקע און שפּיגלט זיך אין אַ וואַסערל; ביינאַכט אָבער איז דאָס גאָר אַ נאַקעטע וואַסער־מויד. בייטאָג—לאַנגע דינע גראָזן שפּראָצן אַרויס ערגעץ

פון אַ טייכל. גיב אָבער אַ קוק ביינאַכט,—זיינען דאָס גרינע האָר פון רוסאַלקעס. נאַרן זיי עמעצן אַריין צו זיך אין וואַסער, פאַר־קיצלען זיי אים צום טויט מיט די וואָרצלען פון זייערע ברוסטן. בייטאָג זעסטו: טרויער־ווערבעס שטייען מיט אַראָפּהענגענדיקע צווייגן; ביינאַכט אָבער זיינען דאָס הענט פון אַ גאַנצער מחנה שדים, וואָס טשאַטעווען עמעצן אַריינצוכאַפּן אין אָפּגרונט. בייטאָג הערסטו הינט וואָיען; ביינאַכט זיינען דאָס גאָר וואָלקעלאַקעס, האַלב־מענטשן און האַלב־וועלף. כאַפּן זיי אַ פאַרבלאָנדזשעטן, זויגן זיי אויס זיין בלוט.״

פלוצעם האָט זיך דערהערט אַזוי ווי אַ פאַרשטיקטער קלאַנג פון אַ גלאָק. יונה האָט אַ ציטער געטאָן, גאַווריליאָ האָט זיך איבערגעצלמט.

״ס׳איז גאָר ניט,״ האָט חיים אַ זאָג געטאָן ״עפּעס אַ באַ־שעפעניש שרייט אין די בלאָטעס, האָט אַ קול פון אַ גלאָק.״

ביי גאַווריליאָן האָט זיך באַוויזן אַ פייערלעכע מינע אויפן פּנים. ״דאָס קלינגט מען איצטער אין פאַרזונקענעם מאָנאַסטיר אויפן סאַמע גרונט פון די זומפּן.״

״וואָס פאַר אַ מאָנאַסטיר?״ האָט זיך יונה געחידושט, ״וואָס באַלבעסטו?״

״פאַרצייטנס, נאָך פאַר פאַנשטשיזנע, די ערד איז נאָך דאַמאָלס געווען אַ טרוקענע, איז דאָ געשטאַנען אַ גרויסער מאָנאַסטיר—אַ פּאַלאַץ: צוויי־הונדערט מאָנאַכן האָבן דאָרטן געלעבט אין צוויי הונדערט געמויערטע קאַמערן. אַ גרויסער מאַיאָנטעק איז דאָס געווען: טויזנטער דיעסיאַטינעס אַקערלאַנד, וועלדער, פעלדער און לאָנקעס; באַשטאַנעס, מילן און פּאַסינקעס,—ממש פון כל־טוב.

״האָט אַמאָל אַהינצו אַ קאָזאַק געבראַכט אַ יידישקע, כדי זי אָפּצושמדן. דאַרף זיך טרעפן, אַז דער באַטקאָ פון מאָנאַסטיר, דער עלצטער יעריי איבער אַלע מאָנאַכן, ווערט אין דער יידישקע פאַר־קאָכט,—ממש מיט לייב און לעבן. יענע נאַכט האָט זיך צום באַטקאָ אין שטיבל, בעת ער האָט זיך געהאַלטן אין מאָליען, אַריינגעכאַפּט ״כאַפּון״, דער גרויסער יידישער טייוול און האָט אים איבערגערעדט ער זאָל אָננעמען דעם יידישן גלויבן מיט אַלע מאָנאַכן. דערפאַר וועט ער אים אַוועקגעבן די יידישקע פאַר אַ געליבטע.

״אַז ס׳איז געקומען דער טאָג וואָס מען האָט אָפּגעמאַכט, האָט דער באַטקאָ צונויפגעקליבן אַלע מאַנאַכן און אויסגעטאָן זיי נאַקעטע. איז אַריינגעפלויגן כאַפּון מיט אַ גרויסן חלף און זיי אַלעמען געי־יידישט. מיט אַמאָל האָט אַ דונער אײנגעשלאָגן, די ערד האָט זיך געשפּאָלטן און דער גאַנצער מאָנאַסטיר איז איינגעשלונגען געוואָרן אין דער טיפעניש. נאָר דער קופּאָל פון קלויסטער האָט זיך אָפּגעריסן און איז אַוועקגעפלויגן אין הימל אַריין אַזוי ווי אַ גילדענע טויב. פון דאַמאָלס־אָן איז דאָס גאַנצע לאַנד דאָ פאַרפלייצט מיט וואַסער און עס זיינען געוואָרן די כאַפּונער בלאָטעס.״

ביי חיימען האָט זיך צעשפּילט אַ שמייכל אויפן געלן פּנים. ״גאַווריִלאָ, ביסט אַ גרויסער דורען, אַ טיפּש! ווער האָט דאָס דיר דערציילט אַזאַ בייקע? אמת טאַקע, דאָ אין די בלאָטעס האַלטן זיך אויף גאַנצע טיטשקעס פון ״יענע לייט״, וואָרעם די סיטרא־אחרא האָט דאָ אַ טויער, וואָס עפנט זיך אין תהום אַריין. דאָ הויזט טאַקע די שוואַרצע טומאה און עס קען געמאָלט זיין אַז דאָ איז פאַראַן אַזאַ טייוול וואָס הייסט כאַפּון, אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט יידן?״

גאַווריִלאָ איז געבליבן איינגעשפּאַרט. ״אַ סך פּויערים שווערן זיך, אַז זיי האָבן געזען ״כאַפּונען״ מיט זייערע אייגענע אויגן. ער איז ניט קיין שוואַרצער ווי די געוויינלעכע שדים, כאַפּון, נאָר אַ ווייסער מיט שוואַרצע פּאַסן. ער האָט ווייסע קאָפּיטעס, אַ לאַנגע סיווע באָרד, געדרייטע הערנער, וואָס הענגען ביי אים אַרונטער אַזוי ווי ביי אַ באַראַן; און ער האָט פיר ווײדלען,—צוויי פון הינטן און צוויי פון פאָרנט. איצטער טוט ער וואוינען מיט די מאָנאַכן אין טיפסטן אָפּגרונט. אַז ס׳טרעפט זיך אַמאָל אַז ער כאַפּט אַריין אַ פרישע קריסט־לעכע נשמה אין זיין נעץ, דאַמאָלס הייבן אָן די גלעקער פון אונטן קלינגען. כל־זמן כאַפּון, די אומריינע קראַפט, וועט זיך אויפהאַלטן אין דעם פאַרזונקענעם קלויסטער, אַזוי לאַנג וועלן די כאַפּונער בלאָטעס ניט אויסגעטריקנט ווערן. קומט יום־כיפור, כאַפּט כאַפּון די יידלעך און טראָגט זיי אָפּ אין אָפּגרונט אַריין אויף אַ גאַנצע נאַכט, כדי זיי זאָלן דאַווענען דאָרטן מיט די גרים־מאָנאַכן.״

פאַרגאַפטע האָבןביידע יידן אָנגעקוקט דעם פּויער. ״גאַווריִלאָ,״

האָט חיים אַ זאָג געטאָן אַ צעקאָכטער, „אָט לעבסטו צווישן יידן אַזוי פיל יאָרן און דו פלוידערסט אַזעלכע אומגעלומפּערטע זאַכן. שוין־זשע האָסטו ניט געזען אַז די יידן האַלטן זיך אויף כמעט דעם גאַנצן מעת־לעת פון יום־כיפור אין שול, אַ חוץ די פּאָר שטונדן ביי־נאַכט, ווען זיי גייען אַהיים זיך אַביסל אויסרוען? — גראָדע יום־כיפור איז דער איינציקער הייליקער און פּראַקטיקער טאָג, ווען די טומאה האָט אויף יידן גאָר קיין שליטה ניט. וואָרעם „השטן" מאַכט אויס בגמטריא דריי הונדערט און פיר און זעכציק: — דאָס הייסט אַז אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר האָט די סיטרא־אחרא אַ מאַכט איבער יידן, אָבער אין דעם איינציקן טאָג פון יום־כיפור זיינען מיר אינגאַנצן פריי פון דער שוואַרצער חברה."

דער שבת־גוי האָט זיך אַ קראַץ געטאָן די פּאָטילניצע. „כ'ווייס ניט!" האָט ער אַ זאָג געטאָן אַביסל ניט זיכער, „כ'האָב קיינמאָל ניט געזען די כאַפּונער יידן יום־כיפור ביינאַכט. מען פאַרשפּאַרט מיך געוויינלעך אין באָד באַלד נאָך כל־נדרי. מען האָט מורא מיר איבער־לאָזן אַליין אין שטאָט, איך זאָל ניט אָנטאָן קיין שקאָדע."

אַ לאַנגע צייט האָט זיך חיים ניט געקענט באַרויקן. „דאָס איז אַ נאַרישע פויערשע בייקע, גאַוורילאָ!" האָט ער זיך אָנגערופן מיט האַרץ. „דאָס איז אַ לעסטערונג פון גאָט. געהערט אַ מעשה? איינער אַ שטן־המשחית וואָס הייסט כאַפּון יידישע גויים־ערלים! ווייסטו דען ניט, פויערשער קאָפּ, דעם חילוק צווישן אַ יידן און אַן ערל? אַ ייד איז אַ געמלטער און אַ גוי איז אַ פאַרשטאָפּטער. וואָרעם ברית־מילה איז אַ הייליקער בונד צווישן גאָט און דעם פאָלק ישראל; דאָס איז אַ מין שטעמפּל וואָס גאָט האָט אויף אונדז אַרויפגעלייגט כדי צו מאַכן אַן אונטערשייד צווישן ריין און אומריין, צווישן כשר און טריף.

„דער זוהר זאָגט, די בהמות זיינען להבדיל ווי מענטשן: די ריינע בהמות זיינען געגליכנט צו יידן און די אומריינע צו די גויים. האָט אונדז דער נסתר דערקלערט, אַז דערפאַר טאַקע האָט אַ כשרע קו געשפּאָלטענע קלויען, וואָס איז אויך אַ מין מילה, אַ שטעמפּל פון ריינקייט. אַז דער שר איבער די בהמות, האָט דער רבי דערציילט, דערנענטערט זיך צו זייערע עופּעלעך בעת זיי ליגן נאָך אין מוטער־טראַכט און פרעגט ביי זיי: „זיינט איר גרייט צו ווערן אַ קרבן צו

גאָט, אַז איר וועט געבוירן ווערן?״ הייבן זיך די אומריינע עופעלעך אָן בריקען; רירן זיי אָן מיט זייערע ווייכע קאַפּיטקעס דעם פייערדיקן מלאך און די קאַפּיטעס ווערן ביי זיי צעגליט און פאַרהאַרטעוועט. אָבער די כשרע עופעלעך ציען אויס די פיסלעך טאַקע אַזוי ווי אומ־שולדיקע לעמעלעך. נעמט דער שר אָן די יונגע קאַפּיטקעס מיט גרויס צערטלעכקייט; און דאָרטן וואו די פייערדיקע פינגער פון דעם מלאך רירן אָן די ווייכע קלויען, ווערן זיי געשפּאָלטן. דאָס איז אויך להבדיל אַ ברית־מילה...

״אַ חוץ דעם טוען די כשרע בהמות אויך מעלה־גרה זיין. וואָרעם פון דער נאַטור עסן זיי פאַרעוועס, אַ חוץ אין דער צייט ווען זיי זויגן דער מאַמעס ברוסט: דאַמאָלס זיינען זיי מילכיקע. אָבער כדי זיי צו פאַרהיטן פון טריפה, טאָמער דערשלינגען זיי צופעליק עפּעס אַ פליישיקע זאַך, האָט גאָט געמאַכט אַז דאָס עסן זאָל זיי קומען צוריק און זאָל איבערגעקייעט ווערן, אַזוי אַז אין זעקס שעה צייט זאָל זיך פליישיקס ניט אויסמישן מיט מילכיקס אין זייערע מאָגנס... הייבט פאַרשטייסטו שוין, גאַורילאָ, אַז ברית־מילה איז אַ ריינע און הייליקע זאַך אפילו ביי בהמות. אַזאַ מין זאַך פון קדושה וועט דער אייבערשטער ניט איבערגעבן אין די הענט פון טומאה. דערפאַר איז די גאַנצע פויערשע מעשה דיינע פון אַ יידישן טייוול כאַפּון מיט אַ חלף אין די הענט, נישט געשטויגן און נישט געפלויגן.״

די ווייסע שקאַפּע האָט זיך צעהירזשעט און איז אַוועק אַ גאַנג. מען איז פאַרבייגעפאָרן חיימס טאָרף־פעלדער שוין נאָענט צו די בערעזקעס. מיט אַמאָל האָבן אָנגעהויבן גלימערן בלוי־גרינלעכע פייערלעך; זיי האָבן אַזוי ווי אַרומגעבלאָנדזשעט פון אָרט צו אָרט, געצאַנקט אַזוי ווי ליכטלעך, — אָט אויפגעגאַנגען און אָט אויס־געגאַנגען.

״בלודנע נשמות, נעבעך!״ האָט גאַורילאָ אַ זאָג געטאָן, פאַר־וואָגלטע זינדער וואָס האָבן ניט קיין רו אין קבר.״

ביי חיימען האָט זיך אַ מאָדנער שרעק באַוויזן אין די אויגן. ״דאָס איז טאַקע אמת!״ האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ״די איר־פייערלעך זיינען פאַרוואָגלטע נשמות וואָס בלאָנדזשען אַרום אויפן עולם־התוהו; נאַקעטע נשמות, נשמות ערטילאות, וואָס האָבן פאַר

זיך קיינע גילגולים ניט געפונען; בידנע נשמות, וואָס ווערן דאָ אַרומ־געשליידערט פון בייזע רוחות און שטייען אויס כף־הקלע; און די אומגליקלעכסטע פון אַלע נשמות, וועלכע האָבן זיך אַזוי שווער פאַר־זינדיקט אַז פאַר זיי איז אפילו אין גיהנום קיין שטראָף ניטאָ. זיי וועלן שוין קיינמאָל קיין רו און קיין מנוחה ניט האָבן.״

חיים האָט שטאַרקער אָנגעצויגן די לייצעס און אָנגעהויבן אונטערטרייבן די שקאַפּע מיט דער בייטש.

״פאַר די דאָזיקע איר־ליכטלעך דאַרף מען זיך היטן,״ האָט ער ווייטער גערעדט, ״מען קען דורך זיי, רחמנא־ליצלן, געניזוקט ווערן; זיי קענען פאַרפירן אין שאול־תחתיה אַריין. פאַראַיאָרן זומער, געווען שוין פאַרנאַכטלעך, גיי איך מיר אַזוי פאַרטראַכטערהייט פון טאָרפּניק אַהיים. איך גיב אַ קוק, — אַ פייערל האָט זיך אָנגעצונדן דוכט זיך טאַקע ביי מיר אויפן הויף. איך דערקען פון דערווייטן די בערעזקעס און דעם שליאַך וואָס פירט קיין כאַפּון. אָבער אַ מאָדנע זאַך: אַלע ווײַלע גיט זיך דאָס פייערל אַ טוק און בייט די קאָלירן, — אָט איז עס בלוילעך, אָט געל און אָט רויטלעך.

״פּלוצעם—איך בלייב שטיין אַזוי ווי אַ פריטשמעליעטער, די האָר אויפן קאָפּ שטעלן זיך מיר אויף, יעדער וואָרצל שטעכט אַזוי ווי אַ נאָדל: פּונקט ביי מיינע פיס ליגט אויסגעשפרייט די שרעקלעכע ״טריאַסינע״, וואָס האָט ניט קיין גרונט: די גרעסטע זויגעדיקע בלאָטע אין גאַנצן כאַפּונער קאַנט, וואָס ביי אונדז הייסט זי ״די שוואַרצע ראָשטשינע״. אין מיטן זומפּ זיצט אַ זשאַבע אויף די הינטער־שטע פיסלעך אַזוי ווי אַ קאָץ די גרויס און קוקט אויף מיר מיט אַ פּאָר פאַרגליווערטע אויגן, גרויסע אַזוי ווי אַ פּאָר טעלער. איך וויל מיך אָפּרייסן, — מיינע פיס זיינען צוגעשמידט צום גרונט אַזוי ווי מיט טשוועקעס. עס ציט מיך אין אָפּגרונט אַזוי ווי מיט שטריק. ״שמע ישראל!״ שריי איך אויס מיט די לעצטע כוחות און כאַפּ אַרויס די ציצית. מיט אַמאָל—פליוך!—ניטאָ קיין זשאַבע.

״כ׳האָב מיך אָפּגעריסן פון אָרט און גענומען לויפן. כ׳קוק מיך אום:—וואָס מיר הויז, ווער מיר בערעזקעס! זיי זיינען גאָר העט־העט ווייט, אַ פּאָר ווערסטלעך פון דער אַנדערער זייט. פון דאַמאָלס־אָן פאַרבלייב איך ניט אויף דער נאַכט איינער אַליין אויפן טאָרפּניק, איך

קוק ניט אויף די איר־ליכטער. טאָמער פֿאַרשפּעטיק איך זיך אַמאָל, זאָג איך אַ קאַפּיטל תהלים.״

— 4 —

אָפּגעגעסן וועטשערע אין גרויסן חדר מיט די נידעריקע באַלקענס, האָט גאַוורילאָ אַלץ געוואַרט אַז מען זאָל אים מכבד זײַן מיט אַ ביסל משקה. אָבער חיים האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיק: געבן דעם לייטישן גוי אַ טרונק בראָנפֿן—הייסט נאָר אויפֿרייצן זײַן געפֿערלעכן יצר־הרע; וואָרעם דאָס פֿלעשל איז געווען דעם שבת־גויס גרעסטע שוואַכקייט. איז גאַוורילאָ אַוועק שלאָפֿן אין שייער אַן אַנטוישטער. אָבער חיימען און יונהן האָט קיין שלאָף ניט גענומען. זײַנען ביידע געזעסן אַ שטיק צײַט און האָבן געשמועסט,—פֿריער אויפֿן גאַניקל, דערנאָך אינעווייניק אין שטוב ביי דער שײַן פֿון פֿאַררויכערטן לעמפּל.

פֿון די בלאָטעס האָט זיך געטראָגן אָן אַן אויפֿהער אַ מעכטיקער כאָר פֿון זשאַבעס, זיי זײַנען זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ ווילד עקס־טאַטיש קוואַקען.

״דאָס איז דער גרויסער חזיר־פּראָש,״ האָט חיים דערקלערט, ״ער קוואַקעט ניט, ער כרוקעט אַזוי ווי אַ דבר־אחר.״

יונה האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל און זיך, ווי זײַן טבע איז געווען, געשמאַק אַ קראַץ געטאָן דעם רויטן קאָפּ.

״אַז די וועלט רעדט פֿון די כאַפּונער בלאָטעס,״ האָט ער אַ זאָג געטאָן, ״דערמאָנט מען רק ליעשיעס און בעסן, שדים, מזיקים און אַלערליי פּאַסקודסטווע. על־פּי שכל־הישר קומט ביי מיר אויס, אַז דאָס זײַנען גאָלע באָבע־מעשיות; פּויערשע קאַזאַלעס און יידישע פּיזמעס.״

״אל תפתח פה לשטן!״ האָט זיך חיים אָנגערופֿן און געקוקט אויפֿן פֿישער מיט די ערנסטע שוואַרצע פֿאַרגעלטע אויגן. ״איר זײַנט אַ בלינדער, רב יונה, דאָ אין די כאַפּונער בלאָטעס איז טאַקע אַן אָרט, וואו די סיטרא־אחרא הויזט. דאָס האָבן מיר בקבלה פֿון דעם נסתר, וואָס האָט אַ סך מאָל פֿאַרבראַכט אויף די בערעזקעס ביים טאַטן. איר זײַנט ניט קיין ״אויפֿגעוועקטער״ וועט איר דאָס אפֿשר ניט אַזוי

גוט משיג זיין. אָבער דער נסתר האָט אונדז אויפגעמאַכט די אויגן, אַז מיר לעבן דאָ בשכנות מיט „יענע־לייט".

„די מענטשן אויף דער ערד זיינען געגליכנט צו בלינדע: פונקט ווי בלינדע קענען ניט זען זייער אייגענעם שאָטן, אַזוי קענען מיר ניט זען דעם שטן־המשחית. אָבער אַרום אונדז שווימלט און גריבלט מיט דער גוואַלדאָוונער חברה פון דער סיטרא־אחרא. זיי פּלאָדזשען זיך שוין אויף דער וועלט פון ששת־ימי־בראשית־אָן, אומצאָליקע דורות, אָנגעהויבן מיט דער מאַמע פון דער שוואַרצער טומאה, דער פייערדיקער לילית, און אויסגעלאָזן מיט דער מינדסטער קליפּהלע, וואָס איז אַקאָרשט געבוירן געוואָרן פון אַ טאַטן אַ זינדיקן מענטשן און פון אַ מאַמען אַ שדיכע.

„ס׳רוב האַלטן זיי זיך אויף אין די טיפענישן פון גרויסן תהום און זייער איינציקער ציל איז דעם מענטשן אַראָפּצופירן פון גלייכן וועג און אים צו ניזוקן; אַראָפּצוברענגען אויף אים אַלערליי נסיונות און מגפות, שלעק און אָנשיקענישן, רחמנא־ליצלן. זיי זיינען פול, די נישט־גוטע. אין אַלע גאַסן, אין אַלע הויפן, אין אַלע הייזער און אַלע חדרים. זיי פּלאָנטערן זיך אַלעמען אונטער די פיס:—שדים, טייוואָלים, רוחות, מזיקים, מחבלים, דיבוקים, קליפּות. מען קען קיין טיר ניט אויפמאַכן, מען קען קיין דעקל פון אַ טאָפּ ניט אַראָפּנעמען, מען קען אין שלאָף־צימער ניט אַריינגיין, אַז ערגעץ זאָל ניט לויערן איינער פון „יענע־לייט". נאָר זען זעט מען זיי ניט,—סיידן אין חלום.

„גייסטו אַרויס אויפן גאַס און פאַרגעסט אַ קוש טאָן די מזוזה, — גיט דיר אַ רוח אַ קוש אין שטערן. היפּערסטו עפּעס איבער ביים דאַווענען, — רוימט דיר איין אין אויער איינער פון יענע־לייט: ״איי, ס׳איז גוט!" רעדסטו אַרויס אַ זידלוואָרט, שפּרינגט אַרויס פון דיין מויל אַ שוואַרצער שדל. קוקסטו אויף אַ פרעמד ווייבס־פּאַרשוין מיט גלוסטיקייט, ווערט פון דיין יצר־הרע אַ שדיכע, וואָס קומט ביינאַכט אויף דיין געלעגער מיט דיר מזנה צו זיין. אונדזער גאַנץ לעבן אויף דער ערד איז פאַרוועבט און פאַרפּלאָנטערט מיט דער סיטרא־אחרא אַזוי ווי מיט אַ שפּינגעוועב.

„וואו טוט זי וואוינען, די סיטרא־אחרא? אירע הויפּט־קוואַרטירן זיינען אין גרויסן תהום אונטערן ים,—אַזוי האָט דער נסתר דער־

קלערט; און אויך אויפן עק־וועלט, אין די אומענדלעכע וויסטע מקומות אין וויטן צפון,—דאָרטן וואו עס געפינען זיך די קאַמערן פון אייז, פון האָגל און פון שניי־שטורעמס. זי האָט אָבער אויך אירע וואוינ־ערטער גאַנץ נאָענט צו אונדז: אין געדיכטע וועלדער, אין וויסטע פעלדער און מדבריות, אויף גויאישע בית־עולמס, אין פוסטקעס און חורבות, אין היילן און אין לעכער און אויך אין די זומפּן. דערפאַר האָט די סיטרא־אחרא אויך אין די כאַפּונער בלאָטעס איינעם פון אירע אָפּדעכער.״

אַ ווײַלע איז דער טאָרף־ייד געזעסן אַ פאַרטראַכטער. ״איר ווייסט, רב יונה,״ האָט ער ווייטער גערעדט, ״גאָט האָט באַשאַפן זיבן אונטערשטע ערדן, פונקט ווי זיבן אייבערשטע הימלען. איין ערד איז אָפּגעטיילט פון דער אַנדערער מיט אַ תהום, מיט אַ תהו־ובהו און מיט אַ ים פון אונטערשטע וואַסערן. אונדזער ערד, די אייבערשטע, הייסט ״חלד״. דער טייטש דערפון איז: ״די צייט פון לעבן״ און אויך ״זשאַווער״. דאָס מיינט, אַז די צייט פון אונדזער לעבן אויף דער ערד איז קורץ און פאַרענדיקט זיך מיט ״זשאַווער״,—מיט פאַר־פוילטקייט. די צווייטע ערד אונטער אונדז הייסט ״תבל״, די דריטע הייסט ״יבשת״, די פערטע—״ערבות״, די פינפטע—״ארקא״, די זעקסטע ערד איז ״אדמה״ און די זיבעטע—דער סאַמע פונדאַמענט—הייסט ״ארץ״.

״די באַשעפענישן וואָס באַוואוינען די אונטערשטע ערדן זיינען משונהדיקע: האַלב־מענטשן און האַלב־חיות. אַ סך פון זיי זיינען באַ־שאַפן געוואָרן ניט אין גאָטס גלייכעניש, נאָר פון שמוץ און פון פייכטיקייט פון דער ערד. אייניקע פון זיי זיינען צוויי־קעפּיקע, אַנדערע זיינען פיר־אויגיקע; אייניקע האָבן פליגלען, אַנדערע קריכן אַרום אויפן בויך אַזוי ווי שלאַנגען. פאַראַן אַזעלכע באַשעפענישן צווישן זיי, וואָס זיינען באַדעקט מיט פיש־שופּן אין אלערליי קאָלירן; אַנדערע ווידער זיינען באַוואָקסן מיט קאָרע אַזוי ווי ביימער. דאָרטן טוען אויך וואוינען די שבטים וואָס שטאַמען אָפּ פון קינען.

״די שרעקלעכסטע פון אַלע אונטערשטע ערדן איז די פינפטע, וואָס הייסט ״ארקא״, וואָרעם דאָרטן געפינט זיך דער גיהנום, דער צלמות און די שאול־תחתיה. דאָרטן האַלטן זיך אויך אויף ״סמאל״

מיט זיינע מלאכי־חבלה. דערפאַר טאַקע, אַז אַן אָרט ווערט טמא אויף דער ערד,—ווי למשל ביי אונדז אין די כאַפּונער בלאָטעס,—עפנט זיך פון דאָרטן אויף אַ טויער גלייך אין טיפן תהום אַריין. ביי מיר אויפן טאָרפניק, אין זינק־זומפּ פון דער "שוואַרצער ראָשטשינע", איז פאַראַן אַ דורכגאַנג קיין ארקא, גלייך אין שאול־תחתיה אַריין; אַזוי האָט דער נסתר דערקלערט.

"פאַרפאַרן פלעגט צו אונדז דער נסתר ס'רוב סליחות־צייט. "איך קום אַהערצו אין די בערעזקעס אויף 'מאַניעוורעס'", פלעגט ער זיך וויצלען פאַרן טאַטן. "וואָרעם פונקט ווי זעלנער גייען אַרויס אין די פעלדער און לעבן אין געצעלטן, כדי זיך צו איבן מיט זייערע כלי־זיין און לערנען זיך מלחמה צו האַלטן מיט אַ שונא, פונקט אַזוי גיי איך אַרויס אין די כאַפּונער בלאָטעס זיך צו לערנען מלחמה האַלטן מיט דער סיטרא־אחרא."

אַ פאַרגאַפּטער האָט זיך יונה צוגעהערט צו חיימס רייד. "דאָס אַלץ קומט מיר פאָר פריקרע," האָט ער אַ זאָג געטאָן. "די וועלט דערציילט אַז דער נסתר, זכרונו לברכה, איז געווען אַ גרויסער בעל־דמיון, אַ מענטש אַ פאַרטראַכטער, מיטן קאָפּ אין די הימלען. מען זאָגט אַז די לעצטע יאָרן זיינע, בעת ער האָט שוין געלעבט אין ארץ־ישראל, איז ער, רחמנא־ליצלן, פון זינען אַראָפּ. אפשר זיינען דאָס נאָר געווען אַזעלכע משונהדיקע חלומות וואָס ער האָט געזען. איך האָב קיינמאָל ניט געהערט דעם זון זיינעם, דעם אישאַנסקער רבין רב ישראל, דערמאָנען די סיטרא־אחרא, ניט אין זיין תורה און ניט אין זיינע שיחת־חולין."

חיים איז געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט. "איך ווייס, יונה, ווי איר קוקט אין כאַפּון אויף די "אנשי־חן", האָט ער זיך אָנגערופן מיט פאַרדראָס. "איר זיינט אַלע אישאַנסקער חסידים און מיר די "אויפגעוועקטע" זיינען האַלב־צעדרייטע אין אייערע אויגן. אוודאי האַלט דער אישאַנסקער רבי ישראל ווייניק פון קבלה און פון רוחניות, וואָרעם ער איז צופיל פאַרטאָן אין עולם־הזה. ער איז טאַקע אַ גרויסער מענטש און אַן אָפּענער מוח, אָבער דעם געטלעכן ח"ן פון זיין טאַטן פאַרמאָגט ער ניט...

"צי ווייסט איר דען, יונה, וואָס פאַר אַ סאָרט מענטש דער

נסתר איז געווען?״ איז חיים פּלוצעם אַריינגעפאַלן אין אַן עקסטאַז. ״דאָס איז דאָך געווען אַ מלאך פון הימל! און זיינע בלויע אויגן איז געלעגן דער שליסל צו אַלע וועלטן... אַראָפּגעגאַנגען פון זינען? דאָס איז דאָך אַ חילול־השם! שוין־זשע האָט איר ניט געהערט, אַז דער נסתר איז נעלם געוואָרן פון דער וועלט? ס׳איז פאַראַן אַ סברה, אַז ער איז גאָר ניט נסתלק געוואָרן, נאָר איז אַ לעבעדיקער אַרויף־גענומען געוואָרן אויפן הימל, אַזוי ווי אליהו הנביא.״

דער טאָרף־ייד האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט און האָט ווייטער גערעדט. ״איר האָט גאָר קיין באַגריף ניט ווער רב נחומטשע איז געווען און וואָס ער האָט אויפגעטאָן אין זיין יונגן לעבן. סך־הכל איז ער געזעסן אויף זיין כסא־הרבנות זיבן יאָר און פון דער דאָזיקער צייט האָט ער צוויי יאָר פאַרבראַכט אין געפענקעניש. מיט אַ יאָר זיבעציק צוריק, אין די נאַפּאָלעאָנער צייטן, איז אין אישאַנסק נתגלה געוואָרן דער בריסקער עילוי חיימקע, וועמען די מתנגדים האָבן שטאַרק גע־רודפט, וואָרעם ער איז געווען אַ ביסל געכאַפּט אין דער קבלה. געווען איז דאַמאָלס חיימקע אין די מיטעלע יאָרן, געהאַט זעקס טעכטער און איין בן־זקונימדל,—נחומטשען, מיט דעם דאָזיקן חיימקען האָט זיך אָנגעהויבן די גזע פון די אישאַנסקער גוטע־יידן.

״חיימקע איז באַקאַנט געוואָרן אין דער וועלט אונטער דעם נאָמען ״דער אישאַנסקער לויתן״,—וואָרעם ער איז געווען דער גרעסטער תלמיד־חכם פון זיין דור. זיין ספר ״עטרת־חיים״ געפינט זיך עד היום אין די ספרים־שענק פון אַלע למדנים און מקובלים. מיט שאלות־ותשובות פאַר כל תפוצות ישראל האָט זיך דער אישאַנסקער לויתן אָפּגעגעבן זיין גאַנץ לעבן.

״נחומטשע איז געווען זיין יורש־עצר; געווען איינגעטונקען אין קבלה פון וויגעלע אָן און איז אויסגעוואַקסן אונטער דעם נאָמען ״דער נסתר״. ער איז טאַקע געווען איינער פון די יחידי־סגולה, איינער פון די געציילטע בעלי־מקובלים וועלכע האָבן זוכה געווען צו זען די התגלות־השכינה מיט זייערע אייגענע אויגן. מען קען גאָר ניט באַ־שרייבן וואָס אין אישאַנסק האָט זיך אָפּגעטאָן, ווען רב נחומטשע איז געווען רבי,—אַזוי האָט מיר דער טאַטע דערציילט. ס׳איז גאָר קיין שיעור ניטאָ צו די ניסים און מופתים וואָס ער האָט באַוויזן. זיינע

פירעכצן, זיין התלהבות פלעגן ביי יעדן איינציקן אויפטרייסלען די נשמה. ער פלעגט דעם עולם ממש פאַרכישופן. מאַנסבילן פלעגן קושן די פאָלעס פון זיין קאַפּאָטע, ווייבער פלעגן קושן זיינע פוס־טריט; שווערע געווינערינס פלעגט מען לאָזן האַלטן דעם עק פון זיין פאַטשיילע דורך אַ פאַרהאַנג און זיי פלעגן געהאָלפן ווערן. ער האָט געהאַט אַזאַ וואונדערלעכן חוש־הראיה, אַז ער האָט געקענט זען וואָס עס טוט זיך אין די ווייטסטע מקומות, אפילו אונטער דער ערד. ביי אונדז אין די בערעזקעס, למשל, האָט ער אַנטפּלעקט דאָס אָרט וואו די קרעניצע געפינט זיך.

״דער נסתר איז אַלט געווען אַ יאָר צוויי און דרייסיק—דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער פוילישער פאָווסטאַניע,—האָבן מתנגדים אים פאַרמסרט אַז ער איז אַ מורד־במלכות. ניט ווייט פון אישאַנסק האָט זיך דאַמאָלס געהאַט אויפגעהאַלטן אַ באַנדע פאָווסטאַנצעס, האָט מען דעם רבין רב נחומטשען פאַרקלאָגט, אַז ער איז פאַרמישט מיט זיי. מען האָט דעם רבין פאַרשפאַרט אין בריסקער קאַזעמאַט און אים גענומען אויספרעגן וועגן זיין גלויבן און זיין אָפּשטאַמונג. דער עלטסטער יעריי איז אויך געווען ביי דעם פאַרהער.

״האָט דער נסתר דערקלערט אַז זיין טאַטע איז געווען דער גרעסטער פיש אין ים און ער אַליין איז אַ געטרייער דינער ביים גרעסטן קעניג אין דער וועלט; ער איז דער שאַצמייסטער, וואָס האָט דעם שליסל צו דער קעניגלעכער וואונדערלעכער שאַץ־קאַמער.

״דער יעריי און אַלע קייסערלעכע בעאַמטע האָבן געמיינט אַז זיי האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ משוגענעם. זיי האָבן גאָר ניט באַגריפן אַז דעם נסתרס רייד זיינען נאָר אַ רמז: די תורה איז אַ ים און דער אַלטער אישאַנסקער לויתן איז געווען דער גרעסטער בן־תורה, דאָס הייסט דער גרעסטער פיש, וואָס איז דאָרטן אַרומגעשוואומען; און ער אַליין, רב נחומטשע, איז געווען אַ שאַצמייסטער, וואָס האָט געהאַט אַ שליסל צו די אוצרות פון די סתרי־תורה. דער רבי רב נחומטשע איז געווען איינער פון די אויסדערווײלטע, וואָס אים האָט זיך איינגעגעבן דורכצוגיין דעם פאַרבאָרגענעם ״פרדס״ פון דער קבלה און פאַרבלייבן אַ לעבעדיקער.

״אָבער גאַנץ גלאַט איז דאָס אים אויך ניט אָפּגעגאַנגען, —

פֿון דער חכמה־נסתרה איז ער פֿאַרבליבן אַ ביסל אַ גענײזוקטער. ביסלעכװײַז האָט דער נסתר זיך אָנגעהױבן אָפּשײדן פֿון זײַנע חסידים, ניט געדאַװנט מער בציבור, ניט געזאָגט מער קײן תורה, ניט גע־פּראַװעט קײן טישן, געזעסן ס׳רוב אין זײַן חדר־מיוחד, אָדער אַרומ־געבלאָנדזשעט איבער די פֿעלדער, אַ פֿאַרטיפֿטער אין די געדאַנקען, אַ פֿאַרטראַגטער אױף אַנדערע עולמות. ממש געהאַט התפּשטות הגשמיות, אױסגעטאָן פֿון אונדזער װעלט. אָפּט פֿלעגט ער אױסבלײַבן פֿון הױף אױף אַ פּאָר טעג, איז געװאָרן „ניט קײן היגער". אין אישאַנסק האָט מען זיך װעגן דעם װײניק געזאָרגט, װאָרעם מען האָט געװאוסט אַז דער נסתר איז אַ רואה־ואינו־נראה. ביז פּלוצעם איז ער אין גאַנצן נעלם געװאָרן. איז געװאָרן אַ מהומה, מען האָט אפֿילו פּאָליצײַ געלאָזט װיסן: אפֿשר האָבן אים די מתנגדים אָפּגעטאָן עפּעס אַ בײזע זאַך?

„ערשט מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער איז אָנגעקומען אַ בריװ פֿון ארץ־ישראל. דער רבי רב נחומטשע האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט זײַנע חסידים און האָט געהײסן אַרױפֿזעצן אױף זײַן שטול זײַן בן־יחיד, דעם פּופּצניעריקן ישראליקן. דער רבי איז שױן פֿאַרבליבן אױף תמיד אין הײליקן לאַנד. אַ שטיק צײַט איז ער געװען אין ירושלים, דערנאָך האָט ער געלעבט אין דער שטאָט צפֿת ביז דער ערדציטערניש. נאָך דעם האָט ער זיך אױפֿגעהאַלטן אין אַן אַנדערער הײליקער שטאָט,—אין טבריה,—ביז שנת תרי״ג, װען דער נסתר איז אין גאַנצן פֿאַרשװאונדן געװאָרן פֿון דער װעלט. װאו־אַהין דער רבי איז אַהינגעקומען, װאו זײַן קבר, זײַן מקום־מנוחה איז? — דאָס האָט קײנער ניט אױסגעפֿונען. סײַדן דעם רבינס יציאת־נשמה איז ניט געװען װי בײַ אַ געװײנלעכן מענטשן, אָדער דער נסתר לעבט נאָך ערגעץ פֿאַרבאָרגענערהײט. אַזױ איז אונדזער רבי רב נחומטשע טאַקע פֿאַרבליבן אַ נסתר ביז אױף הײַנטיקן טאָג; װעגן אים טאָר מען גאָר ניט זאָגן „עליו־השלום".

יונה האָט זיך צוגעהערט צו דעם טאָרף־ײדס װאונדערלעכע רײד, צו די װילדע קולות װאָס האָבן זיך געטראָגן פֿון די זומפּן, האָט געקוקט אױף די טיפֿע שאָטנס, װאָס האָבן געלױערט צװישן די באַלקנס פֿון דער נידעריקער סטעליע און האָט ניט װילנדיק אַ שױדער געטאָן.

„אײער אָרט דאָ, רב חײם, װאַרפֿט טאַקע אָן אַ פּחד."

„דאָ זיינען מיר באַוואָרנט אַזוי ווי אין אַ פעסטונג," האָט חיים אַ שמייכל געטאָן. „מיר האָבן דאָ אַזעלכע סגולות, וואָס באַשירעמען אונדז פון דער סיטרא־אחרא. אַמאָליקע יאָרן זיינען מיר טאַקע גאָר ניט געווען באַשיצט פון „יענע־לייט", מיר האָבן ממש דאָס לעבן איינגעשטעלט. ביז דער נסתר האָט אָנגעהויבן פאָרן צו אונדז „אויף מאַניעוורעס", האָט ער אויסגעלערנט דעם טאַטן אַלערליי מלחמה־שפיצלעך ווי אַזוי יענע־לייט איבערצוכיטרעווען.

„עס זיינען פאַראַן צווייערליי מיטלען ווי אַזוי זיך פון דער סיטרא־אחרא אויסצוהיטן, האָט דער רבי דעם טאַטן געגעבן צו פאַר־שטיין. איין מיטל איז פאַר איר אַ ביסל יוצא צו זיין, אַזוי אַז זי זאָל קיין חשק ניט האָבן דעם מענטשן צו שעדיקן; דער אַנדער אויפטו איז די סיטרא־אחרא אין גאַנצן צו פאַרטרייבן פון דעם אָרט, וואו דער מענטש וואוינט. זעט איר יונה דאָס ציגענע הערעלע, וואָס שטעקט דאָ אַרויס פון דער מזוזה? פונקט אַזאַ הערעלע האָב איך אויך אין מיינע תפילין. איך האָב די תפילין גערירשנט פון טאַטן און ער האָט זיי געקראָגן פון דעם נסתר. דאָס ציגענע הערעלע איז אַ סגולה אַנטקעגן „יענע לייט", וואָרעם ווי נאָר זיי דערזען, אַז מען האָט זיי אין זינען ביים דאַווענען און אַז זיי האָבן אויך אַ שטיקל חלק אין דער הייליקייט,—וואָרעם הקדוש־ברוך־הוא אַליין האָט דאָך זיי געגעבן כח און רשות איבער דער וועלט,—אַזוי ווערט דאָס ביי זיי שטאַרק אָנגעלייגט און זיי טוען דעם מענטשן ניט ניזוקן. אויף אַזאַ אופן קען מען זיך פון זיי אויסהיטן.

„דער זוהר זאָגט, אַז דער שעיר־לעזאזל, דער זינד־באָק, וועלכן מען פלעגט אַוועקשיקן אין טאָג פון יום־כיפור אין מדבר אַריין, איז געווען ניט אַזוי אַ כפרה וואָס זאָל מכפר זיין אויף די זינד פון פאָלק ישראל, נאָר אַזאַ מין קרבן פאַר דער סיטרא־אחרא, אַזוי ווי אַ ביין איר צוגעוואָרפן, כדי זי זאָל ניט שעדיקן.

„דעם טאַטן מיינעם האָט מען געגעבן אַ צונעמעניש „אברהמל פיטום־הקטורת". ווייסט איר פאַרוואָס, יונה? דערפאַר וואָס ביי אונדז שמעקט מען געווירצן ביים דאַווענען. וואָרעם זאָגן קטורת און שמעקן געווירצן מיט גרויס כוונה איז אויך אַ סגולה אַנטקעגן יענע־לייט. אַז דער בית־המקדש איז געשטאַנען פלעגט מען רייכערן ווייערעך און

שמעקעדיקע געווירצן אויף דעם אינעווייניקסטן מזבח און דער זייל פון רויך פלעגט פאַרטרייבן די לייט פון דער שוואַרצער טומאה; זיי פלעגן פון דעם רויך פאַרטשאַדעט ווערן און פאַלן אַזוי ווי פליגן. וואָרעם פונקט ווי אַ שמעקעדיקער ריח פאַרטרייבט אַ שלעכטן גערוך, אַזוי פאַריאָגט דער רויך פון ווייערעך די בייזע רוחות. אָבער איצטער, אַז קיין קרבנות ברענגט מען ניט און קיין ווייערעך רייכערט מען ניט, דאַרף מען דערפאַר זאָגן קטורת מיט גרויס דבקות. דאָס איז שוין געוואָרן אַזאַ מנהג ביי אונדז אין די בערעזקעס.״

אַ שטיק צייט איז חיים געזעסן אַ פאַרזונקענער אין די געדאַנקען. ״אַז דער זיידע מיינער האָט געקראָגן די בערעזקעס אויף אַן אייביקע אַרענדע,״ האָט דער טאָרף־ייד ווידער אָנגעפאַנגען דערציילן, ״דאָס איז געווען מיט פינף און זעכציק יאָר צוריק, האָט ער געמיינט אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ שמאַלץ־גרוב. ס'האָט זיך אָבער אַרויס־געוויזן אַז די גרוב איז אַ מין שאול־תחתיה. שוין פון ערשטן יאָר אָן איז דעם זיידן אַלץ געגאַנגען מיט דער פוטער אַראָפּ. איין יאָר איז דער ווייץ פאַרדאַרט געוואָרן פון אַ שוואַרצן זשאַווער, דאָס אַנדערע יאָר זיינען די קאַרטאָפּליעס פאַרפוילט געוואָרן; דאָס דריטע יאָר האָט אַ בליץ איינגעשלאָגן אין שייער אַריין און האָט געמאַכט אַ שרפה. ביים פערדל האָבן די קאָפּיטעס אָנגעהויבן פוילן, ביי דער בהמה האָט זיך אַ בראַנד אַריינגעכאַפּט אין די אייטער און זי איז געוואָרן אַ יאַלאָווע. דערנאָך האָבן ביים זיידן אָנגעהויבן אַוועקפאַלן די קינדער. פון ניין קינדערלעך זיינען ביים זיידן דוד פאַרבליבן, לא־עליכם, נאָר מיין טאַטע אברהמל און צוויי טעכטער.

״דער טאַטע האָט זיך געפּלאָגט פונקט ווי דער זיידע. די איינ־ציקע גערעטעניש וואָס מיר האָבן דאָ געהאַט אין די בערעזקעס איז געווען אויף טאָרף. די מאַמע מיינע, אַ יידענע אַ קרענקלעכע, איז לאַנגע יאָרן געווען אַן עקרה. ביז דער טאַטע האָט אָנגעהויבן פאָרן קיין אישאַנסק און דער נסתר האָט אים געגעבן אַ ברכה. איז די מאַמע פאַרגאַנגען אין טראָגן און איך בין געקומען אויף דער וועלט. דאָס איז געווען אָנהייב אלול, דער נסתר איז אַראָפּגעקומען אויפן ברית און האָט דעם טאַטן געהייסן מיר אַ נאָמען געבען חיים,—נאָכן אַלטן רבין רב חיימקען, זכרונו לברכה.

"פונקט צום יאָר איז דער נסתר ווידער אַמאָל אָנגעקומען אויף די בערעזקעס. איך האָב מיך דאַמאָלס געשפּילט אויפן הויף,—אַזוי האָט דער טאַטע דערציילט,—אַרומגעפּויזעט אויף אַלע פיר. מיט אַמאָל בין איך מיר פאַרגאַנגען אין אַ געלעכטער. פרעגט דער רבי: "אברהמל, הערסטו עפּעס זשורטשעט, אַזוי ווי אַ לעבעדיק וואַסערל?" זאָגט דער טאַטע: "ניין רבי, כ'הער דאָס קינד כיכען." זאָגט דער נסתר: "איך הער דאָס קול פון אַ זילבערנעם קוואַל. זאָל מען גראָבן דאָ וואו דאָס קינד ליגט." האָט מען געגראָבן גאָר ניט טיף,—און אָט האָט איר די קרעניצע "מים־חיים"; ניטאָ קיין בעסערער קוואַל אין גאַנצן קאַנט.

"פריער האָבן מיר געהאַט אַ ברונעם מיט אַ האַרטן מוטנעם וואַסער, האָט דער נסתר אים געהייסן פאַרשיטן, וואָרעם דאָס וואַסער דאָרטן איז ניט געווען ריין; די סיטרא־אחרא פלעגט זיך דאָרטן אַמאָל טובל זיין.

"צו אַכצן יאָר האָב איך חתונה געהאַט. נאָך באַלייגנס אין דער חופה־נאַכט איז דער טאַטע פּלוצעם אַריין צו מיר אין שלאָף־חדרל מיט אַ קענדל וואַסער אין די הענט; בין איך שטאַרק צעטומלט געוואָרן. רופט זיך אָן דער טאַטע צו מיר: "שרעק זיך ניט מיין קינד, כ'האָב פאַר דיר אַ ברכה פון דעם הייליקן רבין. וואָרעם אַז אַ מאַנסביל פאַרייניקט זיך מיט זיין ווייב דאַרף ער זיך רייניקן אין זיין האַרצן. זאָג־זשע נאָך מיר די דאָזיקע ווערטער:

"די וואָס איז דאָ פאַרוויקלט אין אַ קלייד, איז באַשערט פאַר מיר!
זי איז ניט פאַר דיר און ניט פון דיין חלק!
זאָלסט ניט אַריינגיין, זאָלסט ניט אַרויסנעמען!
גיי אַוועק! דער ים הייבט זיך, די כוואַליעס וואַרטן אויף דיר.
איך באַהעפט זיך מיט מיין הייליקן טייל.
איך בין איינגעוויקלט מיט הייליקייט פון הימלשן קעניג."

"דערנאָך האָט דער טאַטע איבערגעדעקט מיין קאָפּ און מיין ווייבס קאָפּ מיט אַ טלית און האָט באַשפּריצט אונדזער חופה־בעט מיט ריינעם וואַסער. ווי איר קוקט מיך אָן, יונה, איז דאָס געווען אַ וואונדערלעכע ברכה און אויך אַ סגולה אַנטקעגן דער סיטרא־אחרא. גאָט האָט מיך געבענטשט מיט קינדערלעך, קיין עין־הרע זאָל זיי ניט

שאָטן. די קליפּה האָט אויף זיי קיינמאָל קיין שליטה ניט געהאַט. אפילו בעת די קרופּ־מגפה האָט פאַר צוויי־יאָר ניט היינט געדאַכט, געבושעוועט אין כאַפּון, האָט זי ניט איבערגעטראָטן די שוועל פון מיין הויז. אָט האָב איך שוין, השם־יתברך, צוויי אויסגעגעבענע טעכטער און אַ חתן־בחורל אין דער ישיבה."

יונה האָט זיך צוגעהערט צום טאַרף־יידס רייד מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. ער האָט פאַרוואונדערט אָנגעקוקט דעם מאַגערן יידן מיט די שוואַרצע פאַרגעלטע אויגן און האָט זיך אָנגערופן. "צוליב וואָס דאַרפט איר זיך דאָ פּלאָגן, רב חיים? איין עלנט יידיש הויזגעזינד אויף אַן אָפענעם פעלד, אַרומגערינגלט מיט וויסטע בלאָטעס, מיט פינצטערע פויערים און מיט דער שוואַרצער חברותא. דאָ איז דאָך טאַקע סכנת־נפשות! פאַרוואָס, צו אַלדע גוטע יאָר, קלייבט איר זיך ניט אַריבער אין שטאָט צווישן יידן?"

ביי חיימען אין די אויגן האָט זיך צעשפּילט אַ מאָדנע פייערל. "דאָס איז צוליב דעם אוצר," האָט ער אַ זאָג געטאָן סודותדיק. "אפשר וועט מיר דער מזל צושפּילן און איך וועל אים געפינען."

"וואָס פאַר אַן אוצר?" האָט יונה אַ פרעג געטאָן אַ פאַרגאַפטער.

"דאָ אין די זומפּן איז פאַראַן גאָלד! דעם דאָזיקן סוד האָט דער נסתר דעם טאַטן אַנטפּלעקט. וואָרעם גאָלד וואַקסט אין דער ערד פּונקט ווי אַ לעבעדיק געוויקס. פאַראַן גאָלד האַרט אַזוי ווי שטיין, וואָס וואַקסט אין די בערג; און פאַראַן גאָלד ווייך, זאַמדיק, וואָס וואַקסט אין וואַסערן און אין זומפּן. גאָלד שטייט אונטער דער השפעה פון די שטערן, דער עיקרשט פון די בלאַנדזשענדיקע בעזעם־שטערן. וואָרעם דאָס וואָס די זון איז פאַר די פלאַנצן, דאָס איז די שיין פון די שטערן און די שטראַלן פון זייערע ווײַדלען פאַר גאָלד און אַנדערע אוצרות. דאָ אין די כאַפּונער בלאָטעס, האָט דער נסתר דערקלערט, וואַקסט אויך גאָלד. דאָ איז פאַראַן אַן אמתער אוצר אין די בערעזקעס, מען דאַרף נאָר אויפפּאַסן וואו אַהין די וואַנדערנדיקע שטערן פאַלן אַרונטער זומער־צייט."

חיים האָט זיך פאַרטראַכט. "אַלע יאָרן גיב איך אַכטונג אויף די דאָזיקע שטערן," האָט ער אַ זיפץ געטאָן, "און ס'רוב פאַלן זיי גלייך אין זינק־זומפּ פון דער "שוואַרצער ראָשטשינע", וואָס אַהינצו

טאָר מען זיך אפילו ניט דערנענטערן... דער רבי האָט טאַקע אָנגעזאָגט אַז מען זאָל זיך שטאַרק היטן בעת מען גראָבט אויס אַן אוצר. וואָרעם גאָלד פליסט אין דער ערד, אַזוי ווי בלוט פליסט אין אָדערן; דאַרף מען וויסן ווי אַזוי אַ גאָלד־אָדער אָנצושטעכן.

„פאַראַן דאָ אין די בערעזקעס צוויי סאָרטן אוצרות, וואָס ליגן איינער נאָענט צום אַנדערן. איינער איז אַן אמתער אוצר פון „זהב", —פון רויען נאַטירלעכן גאָלד. דאָ אָבער אין די זומפּן איז אויך פאַראַן אַן אוצר פון „פּז", דאָס הייסט פון געלייטערטן אָבער טריפהנעם גאָלד, וואָס איז באַהאַלטן געוואָרן פון מערדער און גזלנים. אַזאַ מין גאָלד אויסצוגראָבן איז אַ גרויסע סכנה, וואָרעם „פּז"—גינגאָלד— ווערט אויסגעלייגט פון דעם אות „פ" וואָס האָט די געשטאַלט פון אַ צענויפגעקנוילטער שלאַנג מיטן קאָפּ אינעווייניק, צום בויך צו,— און פון דעם אות „ז", וואָס מיינט כלי־זיין און האָט אַן אָנזיכט פון אַ שווערד מיט אַ הענטל. דערפאַר אַז אַ מענטש אַנטפּלעקט אַזאַ מין אוצר פון „פּז" הייבט ער אָן אויסשטיין אַלערליי שווערע נסיונות, אָנהייבנדיק מיט אַ „פאַרפירונג פון אַ שלאַנג" און אויסלאָזנדיק מיט „בלוטפאַרגיסונג פון אַ שווערד".

„איר ווייסט, יונה, גאָלד איז אַ צייכן פון דין, דערפאַר ווערט ראש־השנה פאַרגליכנט צו גאָלד. דער הייליקער נסתר האָט פאָרויסגעזאָגט אַז דער בערעזקאָווער אוצר איז באַשערט פאַר אונדזער פאַמיליע. אפשר איז טאַקע אין הײ־יאָריקן יום־הדין פאַרצייכנט געוואָרן מן השמים, אַז דער אוצר זאָל פאַר מיר אַנטפּלעקט ווערן."

אַ פיבער האָט זיך אָנגעצונדן אין דעם טאָרף־יידס טונקלע פאַרשמאַכטע אויגן.

— 5 —

איבערגענעכטיקט אין די בערעזקעס, האָט מען זיך אויף מאָרגן געפעדערט און זיך אַוועקגעלאָזט קיין פאַנסקאַ־מאָהילאַ כאַפּן קאַרפּן. יונה האָט צוגעגאָסן עטלעכע קווערטלעך וואַסער פון דער קרעניצע צו זיין „מקוה", כדי די פיש זאָלן זיך בעסער האַלטן. פאַנסקאַ־מאָהילאַ, אַ קליין כוטאָרל, איז געלעגן אויפן פּעטריקאָווער שליאַך, אַ ווערסטלעך פינף פון די בערעזקעס. דאָס איז געווען דאָס דאָרף וואו גאַווריליאָ

איז אויסגעוואָקסן. אַמאַליקע יאָרן איז דאָרטן געווען אַ היפּשער מאַיאָנטעק. בעת די קאָזאַקן האָבן זיך באַוויזן אויפן פּריפּיעט אין כמעלניצקיס צייטן, האָבן זיך די כלאָפּעס צעבונטעוועט, דעם הויף פאַרברענט, דעם פּוילישן פּריץ מיט זיין גאַנצן הויזגעזינד אויסגעטאָן נאַקעטע, געבונדן אַזוי ווי שעפּסן און אַלעמען אַריינגעוואָרפן אין אַ זומפּ פול מיט פּיאַווקעס.

פינף טעג און פינף נעכט האָבן זיך די פּריצים געמוטשעט איידער זיי זיינען אומגעקומען מיט אַזאַ מיתה־משונה. די גאַנצע צייט זיינען די פּויערים געשטאַנען אַרום זיי אַזוי ווי אַ טיטשקע וועלף, געשטשירעט די ציינער און זיך געררייצט מיט זיי: ״אויף הינט—אַ הינטישער טויט! אַזוי ווי איר האָט אונדזער בלוט געזויגן, אַזוי זאָלן די פּיאַווקעס איצטער אייער בלוט זויגן!״ דער מאַיאָנטעק איז חרוב געוואָרן; דאָס דאָרף האָט געקראָגן דעם נאָמען ״פּאַנסקאַ־מאָהילאַ״ און האָט אָנגעהויבן שמען אין דער גאַנצער סביבה מיט זיינע פּיאַווקעס. די פּאַנסקאַ־מאָהילער פּיאַווקע איז געווען אַ גרויסע יחסנטע, די קרעפּטיק־סטע בלוט־זויגערקע פון אַלע מינים פּיאַווקעס אין די כאַפּונער זומפּן. אפילו קיין פּרייסן פלעגט מען זי אַרויספירן. די אַפּטייקערס פלעגן צאָלן פאַר איר מיט אַ גראָשן מער אויפן טוץ.

אַ חוץ די פּיאַווקעס איז פּאַנסקאַ־מאָהילאַ אויך געווען באַרימט מיט איר אָזיערע וואו קאַרפּן האָבן זיך געפּלאָדזשעט,—אויך אַ רעשטל פון דעם אַמאָליקן מאַיאָנטעק. די אָזיערע איז געווען פאַרוואָקסן מיט קרומע קאַרליקלעך־ווערבעס. קיין שטראָם האָט זיך ניט באַוועגט אין די מוטנע וואַסערן. די דריי פּישערס האָבן זיך באַזעצט אויפן ליימיקן ברעג און פאַרוואָרפן די ווענדקעס.

״דאָס וואַסער דאָ איז אוודאי צען קלאַפטער טיף,״ האָט גאַווריליאָ דערקלערט, ״איך האָב דאָס יינגלווייז געפּרוואווט דער־גרונטעווען, בין איך שיר ניט דערטרונקען געוואָרן. מען זאָגט אַז אויפן סאַמע דנאָ דאָ לעבן הונדערט־יעריקע קאַרפּן, אָבער מען קען זיי ניט כאַפּן.״

״וואָס איז די מעשה?״ האָט זיך יונה נאָכגעפרעגט.

״זיי זיינען שטאָק־בלינד, זיי זעען ניט דאָס ווערמל. אַ חוץ דעם זיינען זיי אַזוי שווער, אַז קיין ווענדקע קען זיי ניט אויפ־

האַלטן. הונדערט־פּונטיקע זיינען זיי די קאַרפּן, יעדעס יאָר קומט זיי צו אַ פּונט.״

״אר־וואַ!״ האָט זיך יונה געחידושט. ״איין קאַרפּל אַזאַ אַריינ־געכאַפּט און גאַנץ כאַפּון וואָלט שוין פאַרזאָרגט געווען מיט פיש.״

דאָס כאַפּן קאַרפּן איז אָנגעגאַנגען אַ ביסל לאַנגזאַם. דער קאַרפּ, בטבע אַ פלעגמאַטישע בריאה, ליגט זיך איינגעגראָבן איןליימיקן גרונט און דרימלט. דאָס ווערעמל אויפן העקל קען וואַרטן. דערפאַר אָבער, אַז ס׳האָט זיך שוין יאָ אָנגעהויבן כאַפּן איז דאָס געווען עפּעס רעכטס,—איין פיש גרעסער און פעטער פון דעם אַנדערן.

״פאַרוואָס האָבן די כשרע פיש לושקעס און פלוספעדערן,״ איז יונה געוואָרן נייגעריק, ״און די טרייפע זיינען נאַקעטע?״

״דאָס פירט זיך שוין אַזוי אויף דער וועלט פון קדמונים אָן,״ האָט דער טאָרף־ייד אַ זאָג געטאָן, ״מיר האָבן בקבלה פון דעם נסתר, אַז אין אדם־הראשונס צייטן זיינען אַלע פיש געווען נאַקעטע און אַלע זיינען געווען כשרע, וואָרעם דאָס וואַסער האָט זיי געהאַלטן ריין. אָבער אַז דער מבול איז געקומען, האָט נח פון יעדן מין פיש אויך אַריינגענומען אַ פּאָרל אין תיבה אַריין. ווי אַזוי־זשע זיינען די פיש אומגעקומען? זיי קענען דאָך אין וואַסער ניט דערטרינקען ווערן. האָט אָבער גאָט אַזוי געמאַכט, אַז איידער די פענצטער פון הימל האָבן זיך אויפגעעפנט, האָבן זיך צוערשט אַלע וואַסערן פון דער ערד אויפגעהויבן אין דער הויך. זיינען די פיש כמעט אַלע אויסגעפּגרט אויף דער טריקעניש. דערנאָך, אַז דער מבול האָט זיך אָפּגעשטעלט און ס׳האָבן זיך באַוויזן די שפּיצן פון די בערג, האָט נח איידער ער האָט אַרויסגעשיקט די טויב, אַרויסגעלאָזט די פיש פון קאַסטן אויס־צופאָרשן וואָס עס טוט זיך אויף דער ערד.

״אַזוי ווי די גאַנצע ערד איז געווען פול מיט נבלות, האָבן זיך די ערשטע פיש אַ לאָז געטאָן און האָבן אָנגעהויבן פרעסן די טויטע לייבער פון חיות און פון מענטשן. אָט דאָס זיינען טאַקע די נאַקעטע אומריינע פיש, וואָס זיינען ניט כשר. אַז גאָט ברוך הוא האָט דאָס דערזען, האָט ער אויסגעשפּרייט איבער דער פלאַך פון דער ערד אַ זילבערנע נעץ, וואָס האָט דעם איבעריקן טייל פון די פיש געפאַנגען. דאָרטן אין נעץ זיינען זיי פאַרבליבן ביז קיין נבלות זיינען מער ניט

געוועזן אויף דער ערד. דאַמאָלס האָבן די פיש די נעץ צעריסן, אָבער אַ שטיק פון דער זילבערנער נעץ האָט זיך באַהאַפטן צו זייער הויט. אויף אַזאַ אופן האָבן די כשרע פיש געקראָגן שופּן און פלוספעדערן.״

״הערט איר, ס׳איז מיר גאָר פון זינען אַרויס!״ האָט זיך יונה אַ כאַפּ געטאָן, ״כ׳האָב דאָך אַ קונה אויף פּיאַווקעס. אונדזער רופא האָט מיר אָנגעזאָגט, למען־השם אים אַראָפּצוברענגען עטלעכע טוץ פּאַנסקאַ־מאָהילער ״אדומלעך״, וואָרעם ס׳הייבט זיך באַלד אָן אין כאַפּון די סדרה־קדחת, דאַרף ער האָבן פּיאַווקעס. פרעג איך אים: רב חייקל, פאַרוואָס עפּעס רופט איר זיי ״אדומלעך״? ענטפערט ער: די פּאַנסקאַ־מאָהילער פּיאַווקע איז אַ רויטינקע און אַ גוטע בלוט־זויגערקע; און אדום, עשו הייסט דאָס, איז אויך געווען אַ רויטער און אַ גוטער בלוט־זויגער.״

חיים האָט אַ שמייכל געטאָן. ״אייער רופא איז טאַקע אַ לץ, אָבער די פּיאַווקעס וואָלטן גלייכער געדאַרפט הייסן ״אָדמלעך״, איידער ״אדומלעך״, וואָרעם זיי זיינען געקומען אויף דער וועלט דורך אדם־הראשונען אַליין. אַז אדם־הראשון איז צום ערשטן מאָל אַרויס אַקערן די ערד, האָט ער אויסגעגראָבן אַ גאַנצע נעסט מיט ערד־ווערעם. זיי זיינען פריינדלעכע באַשעפענישן, זיי טוען אַ סך גוטס דעם פּויער, זיי מאַכן די ערד לייכטער צו באַאַרבעטן. האָבן זיי זיך אָנגעהויבן שלענגלען אַרום אדמס פיס, געוואָלט דעם ערשטן ערד־אַרבעטער אָפּגעבן אַ ברוך־הבא. אָבער אדם האָט זיך דערשראָקן, ער האָט געמיינט אַז דאָס זיינען שלאַנגען, וואָס גאָט האָט פאַרשאָלטן און האָט זיי צעטראָטן מיט די פיס.

״נאָר אַ פּאָר קליינע ווערעמלעך זיינען פאַרבליבן. האָבן זיי געוויינט צו גאָט און דער אייבערשטער האָט אַזוי געזאָגט: ״ווייל דער מענטש האָט אייער בלוט פאַרגאָסן, דערום זאָלט איר זיך פון מענטשנס בלוט נערן.״ — אַזוי איז באַשאַפן געוואָרן דער וואָרצל־וואָרעם; ער איז אַ שטאָק־בלינדער און ער לעבט אין פייכטער ערד. צום ערשטן מאָל האָט ער פאַרזוכט הבלס בלוט, וואָס קין האָט פאַר־גאָסן. איצטער וואוינט ער ס׳רוב אין זומפּן, אויף שלאַכט־פעלדער, אין אומריינער ערד, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט מענטשלעכן בלוט. דער וואָרצל־וואָרעם האָט דריי הונדערט און פינף און זעכציק מיילער,

אַזוי ווי זויג־באַראַדעווקעס. אַז דער וואָרעם וואָרפט אַראָפּ פון זיך די הויט, פאַלן די דאָזיקע וואָרצלעך אָפּ און פון יעדן ווערט אַ פּיאַווקע, וואָס פאַר איר איז אָנגעצייכנט געוואָרן צו זויגן מענטשן־בלוט.״

״ס׳איז דיר אָן אַקציע מיט אונדזערע יידן,״ האָט יונה אַ זאָג געטאָן, ״אַלץ אין דער וועלט מוז האָבן אַ צונעמעניש; אַ זאַך אָן אַ צונעמעניש איז ביי אונדז פּונקט ווי אַ קאַץ אָן אַ וויידל. אפילו אין חומש איז וואו אַ נאָמען—איז דאָס אַ צונעמעניש. אָט נעמט, למשל, אונדזערע פּויערים, רופט מען זיי די ״כאַפּונער קאָלטנס״.

״ציע פּראַוודאַ!״ האָט גאַווריליאָ אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ״ניטאָ כמעט קיין פּויער דאָ וואָס זאָל ניט האָבן קיין קאָלטן. אפילו דאָס ביסל בידנע כודאָבע דאָ איז אויך קאָלטענעוואַטע. די קינדער האָבן צעגאָסענע קעפּלעך, די דערוואַקסענע האָבן קרעץ, די חזירים—ווערעם, די פערד—פוילע קאָפּיטעס, די בהמות—געשוואָלענע אייטער.״

״אָט נעמט אונדזערע כאַפּונער יידן, להבדיל,״ האָט יונה ווייטער גערעדט, ״האָט זיי די וועלט אַ נאָמען געגעבן ״די קראַצערס״. אַנומלטן בין איך אײַנגעשטאַנען אין אַן אײַנפאָרהויז אין מאַזיר. האָב איך אַ טבע פון קינדווייז־אָן, —לאָמיר זיך נאָר פאַרטראַכטן, כאַפּ איך אַרונטער דאָס היטל און גיב מיר אַ קראַץ דעם קאָפּ. רופט זיך אָן צו מיר דער בעל־אכסניה: רב־ייד, זייט איר נישט אַקאָרשט אַ כאַפּונער?״

״אמת ווי גאָלד!״ האָט חיים אַ לאַך געטאָן. ״וואו טרעפט איר ערגעץ אַ כאַפּונער, וואָס זאָל זיך ניט קראַצן? די בלאָטע וואַקסט דאָך ביי זיי אַלעמען פון די אויערן. וואו אַ כאַפּונער קינד האָט עס אַ פערכל און וואו אַ דערוואַקסענער איז ער פול, מחילה, מיט קריכעדיקע.״

״אדרבה, רב חיים, זייט אַ בריה און קראַצט זיך ניט,״ האָט זיך יונה אָנגעהויבן קאָכן, ״אַז זיבן חדשים אין יאָר איז כאַפּון פאַר־גרוזנעט ביזן גאַרטל אין בלאָטע. דאָס וואַסער איז געדיכט אַזוי ווי אַ קאַשע און פול מיט ליים. דאָס גרעט—וואַש הייַנט, וואַש מאָרגן, קיין זייף נעמט דאָס ניט; רייב מיט זאַלע, בלאָוו מיט סינקע,— ס׳בלייבט גרוי ווי די ערד. פון זונטיק ביז פרייטיק ווערט דאָס

געפּעס פאַרוואָקסן אַזוי ווי מיט קאָרע, כאָטש האַק מיט אַ האַקמעסער. נעמסטו אַ טרונק וואַסער, דאַרפסטו אַכטונג געבן ניט איינצושלינגען קיין זשאַבקע, אָדער גאָר חלילה אַ פּיאַווקע. ווילסטו אַ ריינעם טרונק, דאַרפסטו זיך מטריח זיין אין די בערעזקעס,—פּאָלג מיך אַ גאַנג— אַנדערטהאַלבן שעה אַהין און אַנדערטהאַלבן שעה צוריק.״

בייטאָג איז יונהס פּעסל שוין געווען פול ווי אַן אויג. מיט אַמאָל האָט דער טאָרף־ייִד אָנגעהויבן ציען די ווענדקע מיט אַלע כוחות. אַ פּאָר מינוטן האָט ער זיך געראַנגלט מיט דער איינגעשפּאַרטער באַשעפעניש אין וואַסער, אַ שווייס איז אים אַזש אויסגעשלאָגן אויפן געלן פּנים. באַלד אָבער האָט ער ארויסגעשלעפּט טריאומפירנדיק אַ געזונטן בייכיקן קאַרפּ, אוודאי אַ פונט פופצן די וואָג. דער פיש האָט זיך געוואָרפן ווילד, געגלאַנצט מיט אַ שופּיקן פּאַנצער אַזוי ווי פון אויסגעשמידטן זילבער, האָט שווער געסאָפּעט מיט אַן אָפענעם שטומען פּיסק און האָט מעכטיק געפּאַטשט מיטן וויידל.

יונה האָט אין פאַרלעגנהייט אַ קראַץ געטאָן דעם קאָפּ. ״וואָס טוט מען מיט דעם חברה־מאַן? ניטאָ פּאַר אים מער קיין אָרט אין מקוה.״

״ס׳אַ שאָד, כ׳וואָלט אים געוואָלט ברענגען אַ לעבעדיקן קיין כאַפּון.״ פּאַר אַ ווײַלע האָט זיך חיים געשלאָגן מיט דער דעה. ״כ׳בין געפאַלן אויף אַ המצאה, כ׳וועל אים אַריינלייגן אין נאַסע ליים. אַז אַ קאַרפּ קען לעבן אין ליים פון אונטן, וועט ער אויך מסתמא קענען לעבן אין ליים פון אויבן.״

מיט די דאַזיקע ווערטער האָט דער טאָרף־ייִד אָנגעגראָבן אַ הויפן פייכטע ליים און איינגעוויקלט דעם קאַרפּ אין דעם, אַזוי ווי מען וויקלט איין אַ שטיק קעז אין אַ בלינצע.

דאָס איז געווען דער סוף פון דער פיש־עקספּעדיציע. אויפן וועג האָט מען זיך ווידער אַמאָל אָפּגעשטעלט אין די בערעזקעס עפּעס איבערצובייסן און מיטצונעמען חיימס פאַמיליע אין שטאָט אַריין, וואָרעם עס זיינען אין גאַנצן פאַרבליבן צוויי טעג צו יום־כיפּור. דער טאָרף־ייִד האָט אַראָפּגעלאָזט דעם הונט פון קייט, האָט פאַרשלאָסן דעם הויף, האָט אַריינגעפּעקלט זיין גאַנצע כאַליאַסטרע אין וואָגן אַריין און איז אַרויסגעפאָרן מיט גרויס פּאַראַד.

פון פאַרנט איז געזעסן חיים, אָנטרייבנדיק די שקאַפּע. לעבן אים זיינען געווען: חיימיכע מיטן בויך, דריי באָרוועסע שנעקלעך און אַ פּאַק יום־טובדיקע מלבושים. פון הינטן זיינען געווען דריי עלטערע קינדער, יונה קרומע־ביינע מיטן קריגעלע פּיאַווקעס און אַ צענדליק געפּענטעטע עופות. דאָס פיש־פעסל איז געווען אָנגעבונדן צום וואָגן, דער ליימענער פיש פון אויבן. גאַווריל‏אָ איז נאָכגעגאַנגען צופוס.

"פאַרגעסט ניט איינצונעצן דעם קאַרפּ," האָט דער פויער נאָכגעשריען, "וועט ער ניט פגרן."

אָנגעקומען איז מען קיין כאַפּון שוין פאַרנאַכטלעך. חיים האָט אַראָפּגעלאָזט יונהן אין מיטן מאַרק און אַליין מיט זיין הויזגעזינד איז ער פאַרפאָרן צו מענדלען דעם שענקער, זיינעם אַ קרוב, וואָס האָט אויך געהאַלטן אַן איינפאָרהויז. באַלד האָט זיך איבער גאַנץ כאַפּון צעטראָגן דעם פישערס מונטערע שטים: "ווייבעלעך—פיש, כשר און פריש! לעבעדיק—צאַפּלדיק, נאָר וואָס פון מקוה אַרויס!"

די ווייבער זיינען זיך צונויפגעלאָפן אַזוי ווי פליגן אויף האָניק און האָבן צעכאַפּט די פיש אַזוי ווי מצה־וואַסער. די רעשטלעך, דאָס ביסעלע "דראָב", האָט יונה אויספאַרקויפט ביי דער שיין פון אַ לאָמטערנע, בעת האַלב כאַפּון איז שוין געלעגן אין די בעטן. דער שטאָט־באָק, דער גרעסטער גנב פון כאַפּון, האָט אַריינגעשטעקט די מאָרדע אין ליידיקן פעסל, האָט אַ טרייסל געטאָן מיט דער באָרד, זיך צעמעקעט און איז אַוועק אַ ברוגזער.

אַ ביסל אַן אויסגעמאַטערטער, אָבער אַן אויפגעלייגטער, האָט זיך יונה אַוועקגעקייקלט אַהיים. ס'האָט געשמעקט פון אים מיט בלאָטע און מיט לושפּייקעס פון פיש. פריילעכע געדאַנקען האָבן זיך ביי אים געבאָמבלט אין קאָפּ. "פאַרזאָרגט, הייסט דאָס, שטאָט מיט פיש, טאָקע אַ מצוה... אין קעשענע—ניט צו פאַרזינדיקן! גיין גלייך אַהיים, צי אַריינכאַפּן זיך אין שענק אויף אַ טרונק בראָנפן?... געבן דעם ערל אַ פּערטעלע, צי דריי גריוונ‏יעס?"... דער פישער האָט געשמאַק אַ קראַץ געטאָן דעם קאָפּ און זיך אַזוי הילכיק צעגענעצט, אַז די הינט האָבן אָנגעהויבן בילן.

אַ זייגער פיר פאַרטאָג איז גאַווריל‏אָ אַרויס פון זיין כאַלופּע,

וואָס איז געשטאַנען האַרט ביי דער באָד, מיט אַ לאַמטערנע אין די הענט. ער האָט געדאַרפט באַלייטן דעם שוחט איבער די הויפן כפרות שעכטן. אָבער אַזוי ווי אין דרויסען האָט געשיינט די לבנה, האָט ער די לאַמטערנע אויסגעלאָשן, זיך צוגעזעצט אויף דער פּריזבע און האָט פאַררייכערט די ליולקע. הענער האָבן געקרייעט אומרואיק, אַ פּנים געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז באַלד דאַרף פאָרקומען די גרויסע שחיטה. דאָס פולע אויסגעבלייכטע פּנים פון דער לבנה האָט געטראָגן אַ שטריימל,—געווען אַרומגערינגלט מיט אַ שימערדיקן נעפּל, אַזוי ווי מיט אַ רעגנבויגן.

„דער גוטער יאָר ווייס וואָס דאָס באַטייט!" האָט דער שבת־גוי געמורמלט באַטראַכטנדיק דעם הימל. „רעגן, צי ניט רעגן?... אפשר קלייבט זיך גאָר אַ שטורעם?"

צווייטער קאַפּיטל

אַ שטורעם אין כאַפּון

— 1 —

זינט כאַפּון איז אַ שטאָט איז נאָך דאָרטן אַזאַ אויסטערליש וועטער ניט געווען. ס'איז ערב יום־כיפור, אָבער אין דרויסן ברענט אַ היץ אַזוי ווי אין מיטן תמוז. די הילצערנע פאַרשוואַרצטע הייזלעך קנאַקן אַזש פאַר טרוקנקייט. די שטרויענע דעכער זיינען אַזוי ווי צונטער,—איין פונק און אַלץ קען אַוועק מיטן רויך. געלער שטויב איז געהאַנגען איבער די געסלעך, געדיכט און הייס. אַלץ איז געווען דורכגעשטראַלט פון דער זון, אפילו די שערבלעך אויף דער ערד האָבן געפונקלט אַזוי ווי דימענטן.

אין די קרעמלעך האָט זיך נאָך געטומלט פאַרן צומאַכן. באַר־וועסע יינגלעך האָבן זיך אַרומגעטראָגן אַזוי ווי וויכערס, געפאָלגט דער מאַמען אַ לעצטן גאַנג; די ווידלען פון זייערע העמדער האָבן געווייעט פון די שפּאַלטן פון די הייזלעך. פאַרשמייעטע יידן זיינען געלאָפן פון באָד אין די הוילע גאַטקעס. ווייבער מיט פאַרשטעקטע קליידלעך, מיט פאַררוקטע שייטלען אויף די געגאָלטע קעפּ, האָבן זיך געפּאָרעט אין די קיכן און אין די הויפן. אַלע ווילע איז אַ פרישע פּאַמאַיניצע אַרויסגעפליוכעט געוואָרן אויפן גאַס. אַ פּאָר הינט זיינען געלעגן אויפן מאַרק, אויסגעצויגענע אַזוי ווי געפּגרטע מיט אַרויס־הענגעדיקע צינגער, שווער סאַפּענדיק פאַר היץ. אפילו דער שטאָט־באָק, וואָס רוט קיינמאָל ניט, האָט איצטער אויך געדרימלט אין שאָטן לעבן באָד.

די קאַלוזשע ביים שטאָט־ברונעם, וואָס איז תמיד פול ווי אַן אויג, איז כמעט געווען אַן אויסגעטריקנטע. אַ קאַטשקע וואָס האָט אַהינצו פאַרבלאָנדזשעט, האָט אַ פּאָר מאָל אַ מאַך געטאָן מיט די פליגלען. אָבער מאַך היינט—מאַך מאָרגן, עס שווימט זיך ניט. האָט זי אַ טרייסל געטאָן מיטן עק און איז אַוועק מיט אַ טרוקענעם הינטן. גאַנץ כאַפּון האָט געשמעקט מיט בלוט פון די כפּרות. אויף די הויפן,

וואו מען האָט די עופות געקוילעט, האָט געשוויבלט און געגריבלט מיט גאַנצע מחנות גרינע מיסט־פליגן.

די זון איז פאַרגאַנגען אַ גרויסע און אַ פייערדיקע, אָנצינדנדיק אַ האַלבן הימל. ביסלעכווייז האָט אָנגעהויבן טונקלען; אין דער לופט האָט זיך געפילט אַ מאָדנע שווערקייט, אַזוי ווי פאַר אַ שטורעם. שטילער און שטילער איז געוואָרן דאָס שטעטל. דער טומלדיקער מאַרק איז פאַרשטומט געוואָרן, די קרעמלעך זיינען פאַרהאַקט מיט שווערע שלעסער. אין די פוסטע הייזער האָבן פאַריתומט געברענט נשמה־ליכט און עס האָבן זיך געטראָגן פון דאָרטן דורכדרינגענדיקע יום־טובדיקע ריחות פון געפילטע פיש, פון פרישע חלות, פון צימעסן מיט קוגלען.

ס׳איז געווען אַזוי שטיל, אַז מען האָט געקענט הערן ווי די מייז סקראָבען אין די לעכער. אַ פּאָר בלודנע הינט האָבן זיך אַרומגעדרייט אַזוי ווי פאַרלאָרענע איבער די הויפן, האָבן אַריינגעשטעקט די מאָרדעס אין די קיכן און זשעדנע אַריינגעצויגן די שאַרפע ריחות פון די געקעכצן. הויך אויפן בערגל האָבן מיט אַמאָל אַלע פענצטער פון דער גרויסער כאַפּונער שול העל אויפגעלויכטן פון אומצאָליקע וועקסענע ליכט און אַ פאַרשטיקט זשומעניש האָט זיך פון דאָרטן דערטראָגן אַזוי ווי פון אַ בינשטאָק.

ס׳איז געווען אַ מערקווערדיקער יום־כיפור, וואָס וועגן אים האָט מען אַריינגעשריבן אין פּינקס, וואָרעם אַזאַ יום־טוב האָט זיך אין כאַפּון נאָך קיינמאָל ניט פאַרלאָפן. ערב יום־כיפור איז אויסגעפאַלן פרייטיק און אין משך פון דעם גאַנצן הייליקן מעת־לעת איז די שטאָט געווען ניט אונטער דער יוריסדיקציע פון דער מלוכה פון דער ערד, נאָר אונטער דער איינציקער ממשלה פון מלכות־שמים. גאַנץ כאַפּונער נאַטשאַלסטוואָ,—די גאַנצע אָפיציעלע פאַמיליע,—האָט געהאַט פאַר־לאָזן די שטאָט אויף דריי טעג: דער גאָלאָווא מיט דער שטאָטישער אופּראַווע, די צוויי אַקציזניקעס, דער פּאָליציי־פּריסטאַוו מיט די פּאָר סטראַזשניקעס,—אַלע זיינען אָפּגעפאָרן קיין יאַסנאָפּאָל אין גראַפס מאַיאָנטעק; שבת האָט מען געדאַרפט אויפדעקן דעם מירמל־שטיינערנעם מאַוזאָליי פון דער פאַרשטאָרבענער גראַפיניע, דער אַלטער „טשאַרטאָרייסקאַ״. איר זון גראַף אַדאַם יאַסנאָפּאָלסקי איז

צוליב דעם ספּעציעל אַראָפּגעקומען פון פּאַריז. האָט מען אַלע פּריצים פון גאַנצן קאַנט און אויך אַלע מלוכה "קנעפּלעך",—די טשי־נאָווניקעס און אָפיצערן,—פאַרבעטן צו דער פייערלעכער אויפדעקונג פון דער מצבה. זונטיק האָט מען זיך געקליבן פּראַווען אַ גרויסן באַנקעט אין יאַסנאָפּאָל. דערפאַר איז גאַנץ כאַפּון געבליבן אָן אַן ערל, אַ חוץ דעם שבת־גוי גאַוורילאָ.

גאַנץ כאַפּון איז געווען פּוסט און פאַרלאָזן. קינד און קייט זיינען געווען אין שול, אפילו די קראַנקע און די קאַליקעס פון הקדש. פאַר די כאַפּונער מאַמעס איז היי־יאָר געווען דער גרעסטער יום־הדין, זיי האָבן זיך געקליבן אויסגיסן זייערע שווערע הערצער פאַר דעם הימלשן פּאָטער. וואָרעם פאַר די לעצטע פאַר יאָר האָט די שטאָט דורכ־געמאַכט צוויי שווערע קינדערשע מגפות. פאַר צוויי־יאָרן, ניט היינט געדאַכט, שפּעט אין האַרבסט, האָט זיך צעבושעוועט דער שרעקלעכער "קרופּ" און האָט כמעט אַלע קינדער ביז זעקס יאָר אַלט אומגעבראַכט. דאָס האָט זיי אַ קליפּה דערשטיקט, אַזוי האָבן די כאַפּונער "אנשי־חן" דערקלערט:—ניט לילית, נאָר אַן אַנדערע קליפּה, וואָס קלעפּט זיך צו "קליינע־פּנימלעך". פאַראַיאָרן ווידער, ניט דאָ געדאַכט, אין מיטן תמוז, האָט זיך צעשפּילט די קינדערשע כאָליעריע, די "כאָליערינקע", ווי דער רופא רופט דאָס,—אָדער די "כאַפּונער־סראַטשקע", ווי די דאָזיקע חלאת הייסט ביי די פּויערים. זיינען אַלע עופּעלעך, ס׳רוב זויגעדיקע קינדערלעך אין די וויקעלעך, געפאַלן אַזוי ווי די פליגן.

איצטער זיינען אין גאַנץ כאַפּון פאַראַן פינף טראָגעדיקע וויי־בלעך; און מיט חיים דעם טאָרף־יידס יידענע זיינען דאָ זעקס. לעבט מען אין גרויס ציטערניש. דערפאַר טאַקע איז גאַנץ כאַפּון, אפילו די יינגסטע קינדער, אין שול: מען מוז אויסבעטן אַ גוטן קוויטל ביים אייבערשטן.

איבער די פּוסטע געסלעך פון כאַפּון האָט אַרומגעבלאָנדזשעט גאַוורילאָ שבת־גוי איינער אַליין אַזוי ווי אַ פאַרוואָגלטע נשמה. עפּעס איז ער געווען טיף גערירט פון דער פייערלעכער יום־טובדיקער שטימונג. פאַרטראַכטערהייט האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן גאַניק פון מענדלס שענק אויפן מאַרק־פּלאַץ. דער ריח פון ספּירט האָט אים אַ זעץ געטאָן אין נאָז און האָט דורכגעדרונגען דעם מאַרך פון זיינע

ביינער. דער אור־אַלטער שענק אין כאַפּון האָט געשמט אין דער גאַנצער סביבה, אפילו פּריצים און גלחים פלעגן אַהינצו אַריינקומען.

גאַווריִלאַ איז געווען אַ גוי מיט אַלע מעלות, אַ געזעצטער און אַן אָרנטלעכער, האָט געהאַט אַ יידיש האַרץ, געקענט אויסגעבונדן אַלע יידישע פּירעכצן, גערעדט יידיש פליסיק ווי אַ וואַסערל. די כאַפּונער האָבן אים כמעט געהאַלטן פאַר אַ למד־ואָוניק. אָבער איין חסרון האָט דער גוי געהאַט—אַ גרויסע שוואַכקייט צו משקה. אַ ניכטערער איז ער געווײנלעך געווען מילד אַזוי ווי אַ לעמעלע, אַ שיכורער אָבער פלעגט ער ווערן אַזוי ווי אַ חיה־רעה. גאַווריִלאַ האָט גערעכנט אַז ניט אַנדערש עפּעס אַ בייזער וואָרעם האַלט זיך אויף אין זיינע געדערעם און דערוועקט אין אים אַ גלוסטעניש צו טרינקען. והאָ־ראיה, אַז ער זעט ניט און שמעקט ניט קיין שנאַפּס, גלוסט זיך אים גאָר ניט; דערשפּירט ער אָבער דעם ריח פון ספּירט, הייבט אים באַלד אָן טאָטשען אין בויך, הייבט אָן אינעווייניק אין אים עפּעס זויגן אַזוי ווי אַ פּיאַווקע. קען ער זיך ניט גובר זיין און מוז טרינקען; אַזוי לאַנג ביז ער ווערט אַ צעיושעטער ווי אַ משוגענער הונט און פּאַלט אַוועק אַ פּריטשמעליעטער.

בטבע אַ שווייגער, זיצט איצטער גאַווריִלאַ אויפן גאַניק פאַר־טיפט אין געדאַנקען. אָט דינט ער ביי יידן שוין זיבן יאָר. אָרנטלעכע מענטשן די יידן, אָבער דאָך פרעמדע. אַ פּאָר הונדערט יידישע נפשות און ער איז אַ גר צווישן זיי, אַן איין־און־איינציקע קריסטלעכע נשמה וואָס דינט ביי זיי. דאָ איז אפילו קיין קלויסטער ניטאָ. זונטיק איז קוים־קוים וואָס מען קען הערן די גלעקער פון הנילאָפּאָליע... אַרבעט ביי יידן כל עבודת־פּרך: הייצט די אויוונס, האַקט האָלץ, טראָגט וואַסער, העלפט אַרויס דעם בעדער און דעם קברות־מאַן, גייט מיט פיש כאַפּן. זיי זיינען צוגעלאָזן צו אים, די יידן, גיבן אים גוט עסן,—ווייסע חלה, פיש, לעקעך, אָבער בראָנפן גיט מען ניט,—דאָס ניט!

גאַווריִלאַס געמיט איז געוואָרן מאָדנע געדריקט, אַזוי ווי אינע־ווייניק אין אים וואָלט זיך אויך אָנגעקליבן אַ וואָלקן. ער געדענקט ניט דעם טאָג ווען ער האָט זיך געפילט אַזוי עלנט ווי היינט.

„אַ מענטש איז אַ לעבעדיקע נשמה,‟ האָט ער כמורנע געטראַכט. „ער דאַרף צו עמעצן געהערן, דאַרף האָבן אַ היים, דאַרף האָבן אַ

בעל־הבית; און ער איז אַ שלים־מזל, האָט ניט קיין לאַנד און האָט ניט קיין אייגענע כאַטע. אָן אַ קינד און אָן אַ רינד, אפילו קיין ריכטיקן בעל־הבית האָט ער ניט, גאַנץ שטאָט זיינען זיינע בעלי־בתים, יעדער איינציקער שאַפט זיך מיט אים..."

אָט לעבט ער צווישן יידן אַזוי פיל יאָרן; אַ ווילד־פרעמדער האָט ער צו זיי פאַרבלאָנדזשעט. אָט אַזאַ מענטש איז ער שוין דאָס גאַנצע לעבן, אַ "באַביל", אַזוי ווי אַ בלודנער הונט. אויסגעוואַקסן אַ קיילעכדיקער יתום אין פּאַנסקאַ־מאָהילאַ; זיך אויסגעכאַוועט ביי פרעמדע, געגעסן סקאָרניקעס פון פרעמדע טישן; אַלע יאָרן געאַרבעט אויף פרעמדע פעלדער. מען האָט אים פון קינדווייז־אָן איינגעשפּאַנט אין יאָך און אָט אַזוי האָט ער שוין אָפּגעפּראַצעוועט אַלע יאָרן אַזוי ווי אַ סקאָטינע. ער איז נאָך קיין דרייצן יאָר ניט אַלט געווען ווען דער צאַר האָט אָפּגעשאַפט פּאַנשטשיזנע. יעדער פּויער האָט געקראָגן אַ שטיקל נחלה, אָבער ער איז געווען אַ יתום, ער האָט צו קיינעם ניט געהערט, איז ער פאַרבליבן אָן לאַנד, אַ "בעזזעמלניק"; פאַרבליבן אַ "נאַימיט",—אַ געדונגענע האַנט. אָן אַ פריינט, אָן אַ קרוב, אָן אַ גואל...

אַ מענטש אַ שטילער, האָבן אים די פּויערים אַ נאָמען געגעבן "בעזליודניק". איז דאָס נענטסטע באַשעפעניש צו אים געווען דאָס פערדל אין דער סאָכע. ביידע אין איינעם האָבן זיי געהאָרעוועט גע־דולדיק די גאַנצע וואָך, די פיס אין דער שוואַרצער ערד, די קעפּ געברענט פון דער זון, גענעצט פון רעגן, די לייבער געווייקט פון שווייס. קומט זונטיק זיינען זיי ביידע פריי פון שפּאַן; דרימלט דאָס פערדל אין שטאַל און ער שלאָפט אין כאַטע אַזוי ווי אַ דערהרגעטער.

מיט אַמאָל האָט זיך אַ זאַנפטער שמייכל צעשפּילט אויפן פּויערס פנים. אַז ער איז אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר האָט די זון אויף אים אויך אַ שיין געטאָן, דער מזל האָט אים אויך אַ ביסל צוגעשפּילט. ער האָט באַגעגנט מאַרוסיאַן, אויך אַ יתומה, אויך אַ נאַימיטשקע, ביי פרעמדע מענטשן געדינט. האָט ער מיט איר חתונה געהאַט. דאָס איז געווען מיט צען יאָר צוריק. "מאַרוסיאַ!" האָט גאַווריילאָ געטראַכט מיט גרויס צערטלעכקייט. "געווען אַזאַ ליבער האַרציקער מענטש. קיין בייז וואָרט ניט געקענט אַרויסריידן. אַ שטיק גאָלד געווען;

צוויי גילדענע צעפּ געהאַט מיט אַ שרינט אויפן מיטן קאָפּ. אפילו די זומער־שפּרענקעלעך זיינען געווען גילדערנע. אַ שטאַרקע פרוי געווען, אַ בריה; געאַרבעט אַזוי ווי אַן אייזל. גערופן האָט זי אים "טאַטעלע" אָדער "טייבעלע". — "האָב געדולד גאַווריליאַ־סערדצע", פלעגט זי זאָגן, "מיר וועלן נאָך זיין מיט מענטשן גלייך, מיר וועלן נאָך האָבן אונדזער אייגענע היים און אונדזער אייגן שטיקל ערד"... דערנאָך זיינען צוגעקומען צוויי ליבע ליכטיגע קעפּלעך, וואַניאַ און גאַלינקאַ.

פּלוצעם האָט גאַווריילאָס פּנים אָנגעהויבן צוקן און זיך פאַר־קרימט פאַר ווייטאָג. זיין זכרון האָט אָנגערירט אַ טיפע אינע־ווייניקסטע וואונד, וואָס איז נאָך ניט פאַרהיילט געווען. ס'איז געווען סוף זומער, פאַרן שניט. זיינען אַלע דריי אַוועקגעפאַלן פון דער כאָלעריע; און אין אַ פאָר טעג אַרום זיינען זיי שוין געווען פאַרביי,— די מאַמע מיט די קינדער. דאָס גאַנצע חיות האָט אַרויסגעשטראָמט פון זייערע לייבער אַזוי ווי אַ בלוט־שטורץ... אַזוי ווי געקאָכט רייז־וואַסער איז דער זאָפט פון לעבן געלאָפן פון זיי אָן אָן אויפהער...

"האָספּאָדי, באָזשע מאָי (גאָט מיין האַר)!" האָט דער פויער אַ שוידער געטאָן. "ווי זיי האָבן דאָס אויסגעזען! גרויליקע סקעלעטן, נישט קיין מענטשן, הויט און ביינער!" האָט מען זיי אַלע דריי באַ־גראָבן אין איין קבר. מאַרוסיאַן אין מיטן און ביי יעדער זייט אַ פלאַקסן קעפּל. האָט זי טאַקע אויסגעזען אַזוי ווי די הייליקע מאַמע "מאַריאַ די באָגאָראָדיצאַ" מיט צוויי קינדער ביי דער ברוסט. זיי האָבן אויסגעזען פונקט ווי די "מאַשטשעס" אַלע דריי, אַזוי ווי די מומיעס פון די הייליקע מאַרטירערס וואָס ליגן אין די היילן פון דער קיעווער לאַווראַ.

דאַמאָלס נאָך מאַרוסיאַס טויט האָט זיך אינעווייניק אין אים עפּעס אָנגעצונדן אַזוי ווי אַ בראַנד; האָט ער געפּרואווט פאַרלעשן דאָס פייער מיט בראָנפן. אַ פאָר וואָכן האָט ער געשיכורט, גע־בושעוועט, געקערט וועלטן, ס'האָט אָבער ווייניק געהאָלפן. האָט ער איבערגעוואָרפן אַ טאַרבע איבער יעדן אַקסל,—פון רעכטס אויף לינקס און פון לינקס אויף רעכטס, האָט אַריינגעלייגט אַהינצו אַ פאָר לעבלעך ברויט, אַ זעקעלע זאַלץ, צוויי לייוונטענע העמדער און

האָט זיך אַוועקגעלאָזט אַ באָרוועסער עולה־רגל זיין צו דער הייליקער שטאָט קיעוו.

דאָרטן אין די טיפע היילן פון דער "פעטשערסקער לאַווראַ" ליגן די הייליקע אין די טרונעס און זייערע לייבער פוילן ניט, ווערעם רירן ניט אָן זייער פלייש. עס שמעקט דאָרטן מיט ווייַרעך, מיט געווירצן און מיט זיסן וואַקס פון די ליכט. אַ סך פּנימער פון די הייליקע מומיעס זיינען אים באַקאַנט פון די איקאָנעס און פון די הייליקע בילדער. האָט ער אויפגעמאַכט דעם בייטל מיטן ביסל אָפּגעשפּאָרטן זילבער־געלט, וואָס איז נאָך פאַרבליבן פון די שיכורע וואָכן און האָט געטיילט צדקה; האָט געשטעלט ליכטלעך ביי די קברים פון די הייליקע, איז זיי געפאַלן צו די פיס, האָט געוויינט און האָט זיך געמאָליעט, אַז זיי זאָלן אים ביישטיין; זיי זאָלן זיך מיען פאַר זיין נשמה, זאָלן שטילן זיין פּיין און אַ ביסל גרינגער מאַכן זיין שווערע דאָליע.

עפּעס האָט אין אים אינעווייניק דאַמאָלס געפּלאַצט אַזוי ווי אַן אָנגעריסענע מכה. ס׳האָט מער ניט אַזוי ווייַ געטאָן, ס׳האָט מער ניט אַזוי געשמאַרצט און געברענט ווי אַ פייער. איז ער אַוועק פון קיעוו אַהיים. טיף האָט נאָך אַלץ גענאָגט אַזוי ווי אַן אַלטער אָנגעווייטאָגטער צאָן, אָבער אויפן האַרצן איז געווען שטילער און איבערן האַרצן האָט ער געטראָגן אַ נייעם מעשענעם "געבענטשטן" צלם. אויך די טאָרבעס זיינען געווען פול מיט אַ נייער לאַמפּאַדע, מיט אַ הייליקער פלאַש קיפּאַריסן־אייל און מיט אַ שפּאָגל־נײַער באַגילדעטער און לאַקירטער איקאָנע פון "מיקאָלאַ דעם בעל־מופת". האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין פאַנסקאַ־מאָהילאַ, האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן וועג אין כאַפּון און איז שוין דאָ פאַרבליבן ביז אויף היינטיקן טאָג.

אָט וואוינט ער שוין צווישן יידן זיבן יאָר. פון אָנהויב איז געווען אַ ביסל פּריקרע. ער האָט זיך געפילט אַזוי ווי אַ היימישע שוואַרצע קראָ צווישן פרעמדלענדישע פויגלען. עפּעס זיינען זיי גאָר אַנדערש, האָבן אַנדערע פעדערן און אַנדערע פירעכצן; זיי זינגען אַנדערש און פליען אַנדערש. אָבער ער האָט זיך צוגעוויינט. אָט איז ער איין קריסט וואָס לעבט מיט יידן און אַרבעט פאַר זיי; ער פאַרשטייט שוין אַ ביסל זייער סאָרט לעבן. היינט אַ שענק האָבן זיי גאָר

אַ גרויסאַרטיקן, שנאַפּס איז דאָרטן פון דעם בעסטן גראַד. אָן בראָנפן קען ער שוין מער ניט אויסקומען זינט מאַרוסיאַ און די קינדער זייגען אומגעקומען.

אַ שטיק צייט איז דער שבת־גוי געזעסן אַ שווייגעדיקער. מיט אַמאָל האָט ער אָנגעהויבן אונטערברומען אונטערן נאָז:

„אויפן פעלד איז אַ ווערבעלע געשטאַנען,
אויפן פעלד איז אַן עלנטע געשטאַנען.
האָט זי מיט די צווייגעלעך געציטערט,
האָט זי מיט די בלעטעלעך געכליפּעט...“

„פון וואַנען קומט צו אים אַזאַ לידל?“ האָט ער זיך געחידושט, „אפשר האָט אים דאָס אַמאָל די מאַמע געזונגען? אַ מענטש דאַרף צו עמעצן געהערן,“ האָט ער ווידער געטראַכט יאושדיק, „דאַרף זיין צווישן אייגענע...“ מיט אַמאָל איז אים געוואָרן מאָדנע אָנגעזאָלעט אויפן האַרצן. גאַווריל״אָ האָט זיך מער ניט געקענט איינהאַלטן און האָט זיך צעכליפּעט. שווערע טרערן האָבן זיך גענומען קייקלען פון זיינע אויגן, פונקט ווי אַ קוואַל האָט זיך דאָרטן געעפנט. אָט ווישט ער די טרערן אויס מיטן אַרבל און אָט לויפן זיי ווידער אָן.

„אַ מענטש טאָר ניט זיין אַליין,“ האָט ער געכליפּעט. „היינט איז אַ גרויסער יום־הדין ביי די יידן; די גאַנצע שטאָט איז פאַרלאָזן, איינער אַליין איז ער איצטער אין כאַפּון; און דאָ ביי מענדלען אין קעלער ליגן גרויסע פעסער באַשלאָגענע מיט אייזערנע רייפן, זיי זיינען פול ווי אַן אויג מיט טייערער משקה. אָבער ער גאַווריל״אָ האָט אויף זיי קיין רשות ניט. היינט נאָך כל־נדרי וועט אים דער כאַפּונער בעדער, ווי דער שטייגער איז, איינשפּאַרן אין דער פּוסטער באָד אויף אַ גאַנצן מעת־לעת, וואָרעם מען האָט מורא איבערצולאָזן גאַנץ שטאָט אויף זיינע אחריות. זיי האָבן קיין צוטרוי ניט צו אים די יידן...“

אין דרויסן איז געוואָרן נאָך שטילער, די לופט — אַזוי ווי אַ פאַרגליווערטע; קיין צווייגל האָט זיך ניט גערירט, קיין פליג האָט ניט געזשומעט. פּלוצעם אַזוי ווי פון דער העלער הויט, אַזוי ווי פון אַ קייט זיך אָפּגעריסן, איז אָנגעלאָפן אַ ווינט מיט אַ רוישן און מיט אַ פייפן. פון דעם ווינט איז געוואָרן אַ וויכער; ער האָט אויפגעהויבן דעם שטויב פון גאַס הויך איבער די דעכער. די פּאָר כאַפּונער ביימלעך

האָבן זיך צעשאָקלט, טיר און טויער האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן; פון די זומפּן האָט זיך פאַרנומען אַ ווילד קראַקען פון אַ פויגל וואָס הייסט דער "שטורעם־אָנזאָגער".

גאַווארילאָ האָט זיך אַזוי ווי פון אַ שלאָף אויפגעכאַפּט און זיך געגומען רייבן די אויגן. "וואָס טוט זיך דאָ, גאָטעניו?" פונעם אַנדערן ברעג פון טייכל כאַפּונקע האָט זיך אָנגערוקט אַ געדיכטער שוואַרצער וואָלקן. קיין שטערנדל האָט זיך ניט אַרויסגעזען אויף יענער זייט פון הימל. "וואָס איז דאָס, אַ שטורעם, איצטער אין אָסיען?" האָט גאַווארילאָ געמורמלט און זיך איבערגעצלמט. "עפּעס מעשה־שטן, די אומריינע קראַפט איז דאָ פאַרמישט." דער פויער האָט זיך פאַרקוקט אויפן געוויטער־וואָלקן. ער רוקט זיך פון דעם טייך פריפּיעט. ס'איז געוויס כאַפּון דעם טייוולס אַ שטוקע... ער זעט אויס אַזוי ווי אַ פליגל, דער וואָלקן. דאָס האָט זיך געוויס דער ניט־גוטער אָפּגעטובלט אין פריפּיעט, זיך אָנגעזויגט מיט וואַסער אַזוי ווי אַ שוואָם און איצטער האָט ער צעשפּרייט זיינע פליגלען איבערן הימל און זיך פאַרשטעלט פאַר אַ וואָלקן.

די פינצטערניש איז געוואָרן אַלץ געדיכטער. אַ קליין קרום בליצל האָט אַ צאַפּל געטאָן און באַלד נאָכדעם האָט זיך דערהערט אַ דער־שטיקטער דריבנער דונער, "מסתמא זיך אויסגעשלאָגן פייער מיט זיין פייערגעצייג, כאַפּון דער ניט־גוטער," האָט גאַווארילאָ געטראַכט, "געוויס פאַררייכערט אַ ליולקע, דער טייוול!"

— 2 —

מיט אַמאָל האָט זיך פון גרויסן טראַקט דערטראָגן אַ גערודער און איז מיט יעדער מינוט געוואָרן אַלץ נענטער און הילכיקער. רעדער האָבן געסקריפּעט, קאָפּיטעס געקלאַפּט, בייטשן געקנאַקט, גלעקעלעך געקלונגען; מאַנסבילשער און ווייבערשער געלעכטער האָט זיך צו־נויפגעמישט מיט אַ פייפן פון אַ סאָפּילקע, מיט ריפּען פון אַ פידל, מיט ברומען פון אַ באַנדורע. דריי פורן פול געפּאַקט מיט פאַרשוינען, —מחותנים און געסט פון אַ פויערשער חתונה,—זיינען אַריינגעפּאָרן מיט אַ טראַסק אין מיטן מאַרק פון דעם אַזוי ווי אויסגעשטאָרבענעם שטעטל. די פריילעכע קאָמפּאַניע איז, זעט אויס, געווען אַ היפּש ביסל פאַרקנאַקט. די פויערים האָבן אָנגעהויבן טאַפּן אין דער פינצטערניש

און קלאַפּן מיט די בײַטש־שטעקענס אין די טירן פֿון די פֿאַרשלאָסענע קרעמלעך און פֿונעם פּינצעטערן שענק.

״הײ, ײדלעך, מאַכט אויף, האַרילקו טרעבאַ! בראָנפֿן דאַרפֿן מיר, הוליען װילן מיר! מיר האָבן אַ װעסיליע, אַ חתונה.״

אָבער דער אײנציקער ענטפֿער איז געװען אַ הילכיק װידער־קול.

״טפֿו זאָל דאָס װערן!״ האָט זיך דערהערט אַ באַסאָװע שטים. ״ס'איז פּינצעטער אַזױ װי בײַם טײַװל אין פּופּיק. װאו־אַהין האָט דאָס די קליפּה אויסגעכאַפּט די פֿאַרשאָלטענע ײדלעך?״

״שאַ, שטיל זאָל דאָ זײַן! װאָס פּילדערט איר אַזױ װי גענדז?״ האָט זיך פֿון דער פּינצטערניש פֿאַרנומען גאַװרילאָס שטרענג קול. ״געהערט אַ מעשה, אין מיטן נאַכט געמאַכט אַ טאַראַראַם, היגטישע זין! הײַנט איז ניט קײן יאַריד אין כאַפּון!״

דערהערט אַ מענטשלעך קול װאָס רעדט נאָך צו זײ אין זײער אײגענעם לשון, זײַנען די פּויערים געװאָרן גאָר אויפֿגעלעבט.

״געלױבט איז גאָט, אַ קריסטלעכע נשמה איז דאָ!״ האָט אויס־געשריגן אַ מונטער פּויעריש קולעכל. ״זאָג נאָר, פּעטערקע, װאו־אַהין האָבן זיך די ײדלעך אַהינגעטאָן? װי אַזױ קומט מען דאָ אַרײַן אין שענקל די העלדזער צו באַנעצן, די הערצער צו דערקװיקן? מיר פּראַװען דאָך אַ חתונה.״

״מיר זײַנען דאָ מחותנים אַלע,״ האָט זיך װידער אָנגערופֿן די באַסאָװע שטים, ״טאַקע היגע, אונדזערע, פֿון דער כלהס צד, זײַנען הנילאָפּאָליער די גאַנצע באַנדע. אָבער דער חתן און דער טאַטע זײַנע זײַנען פֿון טשערנאָלוזשע, אַ כוטאָר אַזאַ ניט װײַט פֿון אונדז.״

מיט די דאָזיקע װערטער זײַנען פֿון װאָגן אַרויסגעקראָכן צװײ פֿאַרשױנען. אײנער אַ גױ אַ ריז, מיט לאַנגע סיװע װאָנצעס, מיט אַן אויסגעגאָלטער פּאָטילניצע, מיט אַ לאַנגער טשופּרינע, אין אַ נײַער סװיטקע און מיט אַ פּאָר שטיװל, װאָס האָבן דעם גאַנצן מאַרק פֿאַר־שטונקען מיט דזשעגעכץ. דער אַנדערער, אַ פּויערל אַ יאָר זעכציק,— אַ קלײנס, אַ לעבעדיקס, מיט מונטערע אויגעלעך, מיט אַ רױטן נעזל און מיט אַ פּליך איבערן גאַנצן קאָפּ; אָנגעטאָן אין אַ לײַװנטענעם העמד איבער לײַװנטענע פּלױדערן און מיט אַ פּאָר ״פּאָסטאָלעס״ פֿון קאָרע אויף די פֿיס.

״איך בין פאַטאַפּ דער קאָוואַל (שמיד) פון הנילאָפּאָליע,״ האָט זיך דער הויכער פויער פאַרגעשטעלט, ״זי איז מיין טאָכטער, די כלה. און אָט־אָ־דער־אָ, דער פליכעוואַטער טייוול,״ האָט ער אַ טייט געטאָן מיטן פינגער אויפן קליינעם פויערל, ״ער איז מיין מחותן, איוואַנקאָ־פּאַסיטשניק (בינען־ציער) פון טשערנאָלוזשע. מיר האָבן, הייסט דאָס, געפּראַוועט אַ חתונה און האָבן ניט דערפּראַוועט. אונדזער הנילאָפּאָליער שינקאַר האָט געהאַט קרעסטינעס ביי אַ זון און אין דער אייגענער צייט האָט ער אַליין אַ טאָכטער אויסגעגעבן; נו, האָט ניט געסטייעט קיין משקה.״

״פאַרפאַלן אייער טירחה, ברודערקעס!״ האָט גאַווריליאָ אַ זאָג געטאָן קאַלטבלוטיק, ״היינט וועלן אייך די יידן ניט עפענען דעם שענק, אפילו איר זאָלט זיי אָפּגילטן.״

״אוי גוטע מענטשן, מען קען דאָך פּלאַצן פאַר חרפּה!״ האָט אַ צעוואָקסענע גויה, דער כלהס מאַמע, זיך אָנגעהויבן קלאָגן. ״וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַ טרוקענע וועסיליע? אַ חתונה אָן בראָנפן איז פונקט ווי קרעסטינעס אָן הייליק וואַסער. נעכיי וואָלטן מיר שוין געווען אויסגעטרונקען מיין ״סיראָוועץ״ (ברויט־קוואַס), כ׳האָב אַ פולע דייזשע אין דער היים. כאָטש אַ שטיקל כיבוד פאַר די ליבע געסט.״

דער אַלטער שטאָט־באָק איז פּלוצעם אויסגעוואָקסן אַזוי ווי פון אונטער דער ערד, איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן וואָגן און האָט גענומען צופּן בינטלעך היי. די דערשראָקענע שיקסעס האָבן זיך צעקוויטשעט; פּאַטאַפּ האָט דעם צאַפּ דערלאַנגט אַזאַ כמאַל מיט דער בייטש, אַז ער האָט זיך אָפּגעטראָגן ווי אַ רוח מיט אַ צאָרנדיקן מעקען. אַ וואָלקן שטויב האָט זיך אויפגעהויבן אונטער זיינע קאָפּיטעס און האָט געמאַכט אַלעמען ניסן.

״טפו, מיטן קאָפּ אין ד׳רערד, אומריינע קראַפט!״ האָט זיך דער שמיד געשאָלטן. ״פאַרוואָס־זשע, טשעלאָוויטשע, פאַרקויפן היינט ניט די יידן קיין בראָנפן?״

די גאַנצע חברה, אַ מענטשן צוואַנציק, זיינען אַרויסגעקראָכן פון די וואָגנס, האָבן אַרומגערינגלט דעם שבת־גוי, זיך געקאָכט און געליאַרעמט.

״היינט איז ביי יידן דער גרעסטער יום־טוב,״ האָט גאַוורילאָ דערקלערט פייערלעך. ״היינט איז זייער ״וועליקי־פּאָסט״, דער גרויסער תענית יום־כיפור. נאָט, טוט אַליין אַ קוק!״ האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו דער שול צו.

איצטער ערשט האָבן די פּויערים אָנגעהויבן קוקן פאַרוואונדערט אויף דער כאַפּונער שול, וואָס איז געשטאַנען אויפן בערגל, שיינענדיק מיט אַלע אירע פענצטער. הונדערטער מענטשלעכע געשטאַלטן האָבן זיך דאָרטן באַוועגט און אַ דערשטיקט געוויש פון מענטשלעכע קולות האָט זיך פון דאָרטן געטראָגן.

די פּויערים זיינען געבליבן שטיין געפּלעפטע און האָבן זיך גענומען צלמען.

״באַהיט און באַשיץ אונדז גאָט פון די שדים פון דער נאַכט און פון דער אומריינער קראַפט! דאָס טוען איצט די יידן פּראַוועון כישוף.״

״די יידן פּראַוועון ניט קיין כישוף, נאַראַנים איינע!״ האָט גאַוו־ רילאָ אַרויסגערעדט מיט האַרץ. ״כ׳זאָג דאָך אייך, די יידן מאָליען זיך אין זייער שול, היינט איז דער שרעקלעכער יידישער פּאָסט־טאָג.״

דער אַלטער פּאָטאַפּ האָט זיך אַזש אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ. ״וואָס רעדסטו, טשעלאָוויטשע, היינט איז דער יידישער פּאָסט? איר הערט, קריסטלעכע מענטשן, איר ווייסט וואָס דאָס באַטייט? היינט ביינאַכט קומט אַראָפּ דער גרויסער יידישער טייוול כאַפּון פאַרנעמען אַלע יידן אין פאַרזונקענעם קלויסטער אונטער די בלאָטעס אויף אַ גאַנצן מעת־ לעת; נאָר זייערע שיך וועלן דאָ פאַרבלייבן.״

דער עולם איז געוואָרן אַ פאַרציטערטער. גאַוורילאָ האָט זיך צעבייזערט.

״וואָס באַלבעסטו, אַלטער דורען! אונדזערע יידן זיינען ערלעכע מענטשן, אָרענטלעכע. אויף זיי קען די אומריינע קראַפט קיין שליטה ניט האָבן.״

דער שמיד האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן. ״איך ווייס שוין וואָס איך רעד, אָבער דו מאַכסט זיך געפּגרט. דו ליגסט, טראַסציאַ טוואָיע מאַטערי (אַ קדחת דיין מאַמען)!״

"קוש אַ סיוון רוח אין פּליך!" איז גאַווריללאָ געוואָרן אַן אַנגעצונדענער. "וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף מיר אַזוי ווי אַ זלידנע פליג?"

"אַ־נו, זאָג אַקאָרשט," האָט זיך פּאַטאַפּ גערייצט, "זאָג אויף טשיקאַוועס, וואָס די יידלעך דיינע טוען היינטיקע נאַכט און מאָרגן דעם גאַנצן טאָג פון זייער פאַסט?"

"אוודאי וועל איך דיר זאָגן," האָט גאַווריללאָ געדונערט, "זיי דאַווענען אין שול די גאַנצע צייט אָן אַן אויפהער."

"קענסטו זיך שווערן? האָסטו זיי אַליין געזען מיט דיינע אייגענע אויגן, די יידן, אַז זיי פאַרבלייבן די גאַנצע צייט אין שטעטל? ווערסטו זיך איבערצלמען?"

גאַווריללאָ האָט זיך פאַרלאָרן און האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

"דאָס ניט," האָט ער געשטאַמלט, "זיי פאַרשפּאַרן מיך אויף אַ גאַנצן טאָג אין באָד; זיי האָבן מורא מיך אַליין אין שטאָט איבערלאָזן."

"האָבן מורא מיך אַליין אין שטאָט איבערלאָזן!" האָט אים דער שמיד איבערגעקרימט מיט שפּאָט. "דו הינטישער זון, דו יידישער נאַימיט! דו ווייסט גאַנץ גוט אַז היינט קומט אַראָפּ כאַפּון די יידלעך פאַרכאַפּן. דערפאַר טאַקע באַהאַלטסטו זיך אויס אין דער פוסטער באָד, אַזוי ווי אַ שטשור אין אַ לאָך. אָט מאַך איך מיט דיר אַ וועט: אויב דער טייוול וועט זיך באַווייזן, וועסטו אויפמאַכן דעם שענק און וועסט שטעלן צוויי עמער שנאַפּס. טאָמער ניט,—וועל איך שטעלן. קינדער, נעמט אַרויס די צלמלעך און לאָמיר גיין צו דער זשידאָווסקער שקאָלע."

דער שמיד האָט אָנגעשטעלט צוויי גרויסע שוואַרצע פויסטן. "ווי דערטאַפּט מען נאָר דעם אַלטן טייוול! כ'וואָלט אים דעם צלם אַריינגעשטעקט גלייך אין געמבע אַריין און וואָלט אים דערוואָרגן."

אויף די שפּיץ פינגער האָט דער עולם אָנגעהויבן אַרויפקלעטערן אויפן בערגל וואו די שול איז געשטאַנען, יעדער מיט אַ מעשענעם צלמל אין האַנט. פון הינטן אין נאָכגעגאַנגען גאַווריללאָ, אַ פאַר־שעמטער און אַ צעמישטער.

"דיוויס, דיוויס (זעט־זעט)!" האָט פּאָטאַפּ געשעפּטשעט אויפ־געגרעגט, טייטנדיק אויף די שיך און פּאַנטאָפּל, וואָס זיינען געווען אויסגעשטעלט אין פּאָליש. "אָט פּאַסט אויף, פּאָטערלעך, באַלד וועט זיך כאַפּון אַריינכאַפּן אין שול דורכן קוימען אַזוי ווי אַ וויכער, וועט אויסלעשן די ליכט און וועט אַוועקטראָגן אַ גוזמא יידעלעך; נאָר די שיך זייערע וועלן דאָ פאַרבלייבן. ווער פון די זשידעס וועט אויך אַרויספליען אַזוי ווי אַ סאָראָקע, ווער ווי אַ פלעדערמויז און ווער וועט אַרויסקריכן פון אונטער דער פּאָדלאָגע, אַזוי ווי אַ ראָץ.

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָבן די פּויערים אַריינגעקוקט אין די שיינענדיקע פענצטער פון שול, נייגעריקע און דערשראָקענע.

— 3 —

היינט, אין ניינטן טאָג תשרי, אַז די זון איז פאַרגאַנגען, האָט זיך אָנגעפאַנגען אין דער קהילה כאַפּון,—פּונקט ווי אומעטום אין דער וועלט וואו די געצעלטן פון יעקב זיינען צעוואָרפן,—דאָס מערק־ווערדיקע יום־כיפּור־שפּיל, וואָס וועט אָנהאַלטן ביז מאָרגן פאַרנאַכט ווען די זון וועט פאַרגיין: די קולמינאַציע פון דער מיסטישער דראַמע אין פיר אַקטן, וואָס איר נאָמען איז: **"זינד און אורטייל"**. דער ערשטער אַקט,—"דעם מענטשנס זינדיקייט",—שפּילט זיך אָפּ אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר; דער צווייטער אַקט,—"דעם מענטשנס תשובה", —ווערט דורכגעפירט אין די עשרת־ימי־תשובה; דער דריטער אַקט, —"גאָטס משפּט",—און דער פערטער אַקט,—"גאָטס גזר־דין",— דאַרף דורכגעשפּילט ווערן אין דעם טאָג פון יום־כיפּור.

דער תוך פון דער טראַגישער טעמע איז אַזאַ: ווייל איז דעם מענטשן, ווען זיין נידעריקער ווילן שטעלט זיך אַנטקעגן דעם גאָט־לעכן ווילן! דער מענטש איז פריי, אַזוי ווי אַן אָקס אויף אַ שטריק: איין איבעריקער טריט—און דער שטריק פאַרציט דעם האַלדז; איין פאַלשער שריט—און אָט לויערט שוין אויפן מענטשן דער וואָס האָט טויזנט אויגן און טראָגט אים אָפּ צו זיין באַשעפער אָפּ־צוגעבן דין־וחשבון.

דער דריטער אַקט פון דער דראַמע,—"גאָטס משפּט",—האָט זיך נאָר־וואָס אָנגעהויבן. גאַנץ כאַפּון איז פאַרזאַמלט אין דער גרויסער

שול,—מענער, ווייבער און קינדער. גאַנץ הויז זעט אויס אַזוי ווי אַ געריכט־זאַל: די מענטשן אינעווייניק זיינען די אָנגעקלאָגטע, די סטענדערס זיינען די אָנקלאַג־בענק, דער בעל־תפילה ביים עמוד איז דער אַדוואָקאַט; און ערגעץ הויך־הויך,—איבערן ארון־קודש און איבער דער שול, פאַרבאָרגן פון מענטשלעכע אויגן,—געפינט זיך דער הימלשער טריבונאַל. דער זינד־רייסטער פאַר יעדן איינציקן איז שוין אָנגעצייכנט און איז צוגעגרייט.

ס׳הויבט זיך אָן גאַנץ שרעקלעכער מאַסן־פּראָצעס. הייליקייט און פאַרכטיקייט הערשט אין גאַנץ הויז. די וועקסענע ליכט שימערן פייערלעך. מיט אַכפּערקייט און אונטערטעניקייט אין האַרצן שטייען די אָנגעקלאָגטע, אין ווייסע קיטלען אָנגעטאָן, אָן שיך אויף די פיס; בלייך זיינען די פּנימער, אַן אימה איז אין האַרצן, אַ ציטערניש אין די קני.

פאַרן עמוד, ניט ווייט פון דעם ארון־קודש, שטייט דער שליח־ציבור—משהלע דער רב. אַ קליין פייערדיק יידל, ווי אַן אַלט אויס־געדאַרט ביימל; מער באָרד ווי פּנים, מער ברעמען ווי אויגן. משהלע —דער גרעסטער פּאַסטער אין כאַפּון: פאַר אים אַ תענית אַריינכאַפּן איז פּונקט ווי אַ שמעק־טאַבעקע נעמען. באַלד דאַרף ער האַלטן זיין גרויסע פאַרטיידיקונגס־רעדע. אָבער פּונקט ווי אַ משפּט אויף דער ערד הייבט זיך אָן מיט אַ שבועה, אַזוי דאַרף זיך דער געטלעכער יום־הדין אויך אָנהייבן מיט אַ שבועה—מיט ״כל־נדרי״.

אין שול איז מיט אַמאָל געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מען האָט געקענט הערן דאָס קנאַקן פון די וועקסענע ליכט. די גאַנצע קהילה איז גע־שטאַנען מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. די פּויערים אין דרויסן, מיט די פּנימער צוגעפּרעסט צו די שויבן, האָבן אַריינגעקוקט אין שול אַריין אַזוי ווי פאַרכישופטע.

דער חתן פּעטראָ—אַ בלוט־יונגער שייגעץ, מיט האָר ליכטיקע אַזוי ווי קלאָטשע, מיט אַ מילכיקער צורה פול מיט קלייען און מיט אַ ווייכן פּוך אויף דער געמבע, אויסגעפּוצט אין אַ נייער סוויטקע מיט שווערע ״טשאָבאָטעס״ (שטיוול),—האָט פּלוצעם אויפגערעגט גענומען טייטן מיטן פינגער צום עמוד־צו, וואו משהלע דער רב איז געשטאַנען איינגעוויקלט אין קיטל און טלית.

״דיוויס־דיוויס! אָט איז ער, כאַפּון דער נישט־גוטער, ווי ער לייבט און לעבט! קוקט־אָן, הערנער צווייַ הענגען ביי אים געגרייזלטע אַזוי ווי ביי אַ באַראַן; אַ ווייסער איז ער מיט שוואַרצע פּאַסן, אַ סיווע ציגענע באָרד האָט ער, ווייסע קאַפּיטעס און פיר ווײַדלען הענגען אַרונטער—צוויי פון פאָרנט און צוויי פון הינטן.״

גאַווריל אַ האָט אַריינגעקוקט אין שול און האָט אַזש אויסגע־שפּיגן פּאַר כעס.

״טפו זאָלסטו ווערן, דו ווייס קעלבל, מען דאַרף דיר נאָך געבן דער מאַמעס ציצקע! דאָס איז דאָך דער ראַבין. ניט קיין הערנער האָט ער, נאָר געגרייזלטע פּאות, ניט קיין קאַפּיטעס זיינען דאָס—ווייסע זאָקן,—ניט קיין ווײַדלען, נאָר ציצית פון טלית.״

איוואַנקאַס טאָכטער פּאַראַסקאַ, אַ מאָלאָדיצע—אַ בראַנד, אַ שוואַרצהנעוודיקע אַזוי ווי אַ ציגיינערקע, וואָס אין דאָרף האָט מען זי גערופן ״מאָסקאַלקאַ״, וואָרעם איר מאַן האָט געדינט פּאַר אַ סאָלדאַט,—האָט שעלמיש איינגערוימט דער כלה אין אויער אַריין: ״נאַטאַלקאַ, אַז וועסט גיין שלאָפן מיט דעם ברודער מיינעם, טו ניט אויס דאָס העמד. דער דורען קען נאָך מיינען אַז דו ביסט אַ וויעדמאַ און וועט זוכן ביי דיר אַ ווײַדל.״

ביסלעכווייז האָבן זיך די פּויערים איינגעשטילט. די אויסטער־לישקייט פון דער יידישער שול, די הונדערטער וועקסענע ליכט, די טראַגישע פּנימער פון די ווייסע פיגורן,—די גאַנצע ימים־נוראימדיקע פייערלעכקייט,—האָט אָנגעהויבן ווירקן אויף זייערע געמיטער.

״קריסטן גלויביקע, וואָס טוט זיך דאָ?״ האָט זיך געגומען צלמען דער כלהס מוטער קאַטערינאַ, אַ גויה אַ בלאָנדע און אַ ברוסטיקע, אַזוי ווי אַ גוטע מעלקעדיקע קו. ״ס'איז דאָך קרימינאַל! די יידן זעען אויס פּונקט ווי אַרעסטאַנטן, וואָס אָט־אָט פירט מען זיי אָפּ צו דער תליה.״

דער קליינער טשיקאַווער איוואַנקאַ־פּאַסיטשניק, דעם חתנס טאַטע, האָט געקוקט און געקוקט און זיך ניט געקענט אָפּרייסן, די אויגן זיינען אים כמעט אַרויסגעקראָכן פון קאָפּ. ״הייליקע פּאַטערס!״ האָט ער געשעפּטשעט, ״זעט אויס זיי האָבן טאַקע דאָס לעצטע געריכט,

די יידלעך. זיי זעען אויס אַקוראַט ווי די זינדיקע, וואָס זיינען אויס־געמאָלט אויף די הייליקע בילדער.״

פלוצעם זיינען די פויערים געוואָרן פאַרגאַפטע, אַן אימה איז אויף זיי אָנגעפאַלן. פון אינעווייניק האָבן זיך דערהערט די וואונדער־לעכע, האַרצרייסנדיקע טענער פון דעם אור־אַלטן סקאַרבאָוון ניגון: די אָנגעקלאָגטע יידן האָבן אָנגעהויבן זאָגן זייערע מערקווערדיקע שבועה ״כל־נדרי״,—אַ שבועה וואָס איז גאָר קיין שבועה ניט, נאָר אַ טראַגישע פאַרלייקענונג פון אַלע שבועות וואָס קומען דורך צוואַנג.

״כל־נדרי: אַלע צוזאָגן וואָס וועלן פון אונדז אויסגעפרעסט ווערן, אַלע פאַרבאָטן וואָס וועלן אויף אונדז אַרויפגעלייגט ווערן, אַלע פאַר־פליכטונגען וואָס וועלן אויף אונדז אַרויפגעצוואונגען ווערן, אַנטקעגן גאָט און אַנטקעגן זיין הייליק געבאָט,—פון דעם יום־כיפור פון הײנט ביז דעם יום־כיפור וואָס וועט קומען איבער אַ יאָר, אונדז צו גוטן,— אויף אָט די אַלע האָבן מיר שוין איצט חרטה! זיי זאָלן אונדז אַלע פאַרגעבן ווערן, זיי זאָלן פאַרשטערט ווערן, זיי זאָלן קיין האַפט און קיין קיום ניט האָבן! אונדזער נדר זאָל קיין נדר ניט זיין, אונדזער איסור זאָל קיין איסור ניט זיין, אונדזער שבועה זאָל קיין שבועה ניט זיין!״

די כאָפונער שול איז מיט אַמאָל געוואָרן פול מיט מאָדנע צע־ווייטאָגטע ווידער־קולות פון הונדערטער יאָרן און פון צענדליקער־צענדליקער דורות: מיט דערשטיקטן יידישן געוויין פון די וואָס האָבן געדינט צו גאָט אין באַהעלטעניש, מיט זיפצן פון די וואָס האָבן געשמאַכט אין די געפענקענישן, מיט קרעכצן פון די וואָס מען האָט געפייניקט אין די קעלערן; מיט אַנגסט־געשרייען פון די וואָס מען האָט געהרגעט, מיט גוואַלדן פון די וואָס מען האָט פאַרברענט, מיט יאָמערן פון די וואָס מען האָט פאַרטריבן פון די היימען, מיט שמע־ישראל געשרייען פון די וואָס מען האָט אומגעבראַכט אויף קידוש־השם.

דער אַלטער ניגון האָט פאַרמאָגט אַ וואונדערלעכע קראַפט: ער האָט געקענט אויפטרייסלען דעם סאַמע גרונט פון דער נשמה, איז געווען בכוח אויפצומאַכן די קוואַלן פון מענטשלעכע טרערן.

אַ יללה האָט אויסגעבראָכן אין שול. גאַנץ כאָפּון, גרויס און קליין, האָט געיאָמערט, האָט געגאָסן מיט טרערן.

אין דרויסן זיינען געשטאַנען די פּויערים מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. עפּעס האָט ביי זיי געצופּט אין האַרצן. די מענער האָבן אָנ־געהויבן שמאָרען מיט די נעזער, די ווייבער—ווישן די אויגן.

„נעבאָהיי!״ האָט אַ זיפץ געטאָן די כלה נאַטאַלקאַ, אַ שיקסע מיט צוויי גאָלדענע צעפּ און מיט אַ פּאָר בלויע אויגן. „אָרעמענקע, נעבעך, בעטן זיך ביי גאָט ער זאָל זיי ראַטעווען פון כאָפּונען דעם נישט־גוטן.״

פּאַטאַפּ דער שמיד האָט געשטוינט: „אַ טשיקאַווע זאַך, דעם ראַבינס פּנים שיינט פּונקט ווי דעם הייליקן מיקאָלאַס געשטאַלט אויף מיין איקאָנע.״

איוואַנקאַ־פּאַסיטשניק האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און זיך צעכליפּעט. „אוי פּאַטערלעך, אַזאַ תפילה אַ מאָדנע האָבן זיי אויס־געטראַכט, די יידן. ס׳האָט מיך אין גאַנצן צענומען!... אַזאַ טרויעריקע, אַזאַ האַרציקע, אַזאַ ווייַנענדיקע, ממש פאַרכאַפּט ביים האַרצן.״

„גאָט זאָל זיי העלפן, די אָרעמע מענטשן!״ האָט דער כלהס מאַמע קאַטערינאַ געווינטשעוועט און זיך געווישט די אויגן מיטן עק פון איר געבלומטער כוסטקע. „זאָלן זיי אויסגעלייזט ווערן פון די הענט פון דער אומריינער קראַפט.״

מיט אַמאָל האָט אַ בליץ געטאָן, אַזוי ווי אַ פייערדיקע פייל איז אַרויסגעפלויגן פון הימל און האָט דורכגעשאָסן די שול. אַ דונער האָט אַ קראַך געטאָן, אַ שינדל איז אַראָפּגעפאַלן פון דאַך. פון ערגעץ־וואו האָט זיך דערטראָגן דעם שטאָט־באָקס יאָמערדיק מעקען. באַלד אָבער איז אַלץ געוואָרן שטיל. פאַרציטערטע האָבן די גויים געגלאָצט פון הימל צום דאַך און דורך די פענצטער—אינעווייניק אין שול אַריין. אויפן הימל איז נאָך אַלץ געהאַנגען דער שווערער וואָלקן און אין שול האָבן די ליכט געברענט נאָך העלער ווי פריער, קיין איינציקע ליכט איז ניט אויסגעלאָשן געוואָרן; קיין איינציקער מענטש איז ניט געטראָפן געוואָרן פון דונער. דאָס וויינען אין שול האָט זיך איינ־געשטילט, די פּנימער ביי די יידן האָבן זיך אויסגעלייטערט.

ביים שבת־גוי איז אַזוי ווי אַ שטיין אַראָפּגעפאַלן פון האַרצן און זיין פנים האָט אויפגעשיינט פאַר גדולה. ער האָט דערלאַנגט דעם אַלטן שמיד אַ מעכטיקן זעץ איבער דער פּלייצע. „נו, וואָס זאָגסטו איצטער, סיווי דידקאַ, אַ רוח אין דיין טאַטנס טאַטן אַריין, וואו איז ערגעץ דיין טייוול כאַפּון?״

פּאַטאַפּ האָט זיך אַ קראַץ געטאָן די פּאַטילניצע אין פאַרלעגענ־הייט. „אַ שטאַרקע תפילה האָבן זיי אויסגעטראַכט דיינע יידעלעך, די הינטישע זין! זיי האָבן פאַרטריבן די אומריינע קראַפט... נו, פאַרפאַלן ברודערקעס, לאָמיר גיין אין שענק אַריין דורכנעצן די העלדזער. כ׳האָב פאַרשפּילט צוויי עמער בראָנפן. פאַרפאַלן, פאַר־שפּילט איז פאַרשפּילט!״

אַ ווייל איז גאַווריליאָ געשטאַנען אויפן אָרט און האָט זיך געקווענקלט:—עפּענען, צי ניט עפּענען? מיט אַמאָל האָט ער גוטמוטיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. „נו־מילא, פּטור, דער גוטער יאָר זאָל אייך נעמען! כ׳וועל אייך אויפמאַכן דעם שענק, אַ חתונה איז אַ חתונה! אָבער איין זאַך חברה, שאַ־שטיל זאָל זיין! אויפגעפירט זיך סטאַטעטשנע, ניט געגוואַלדעוועט, ניט געבויאַנעוועט; און פאַר בראָנפן זאָל געצאָלט ווערן מזומן, ביי מיר איז ניטאָ אויף באָרג; און אַז מענדל וועט צוריקקומען פון שול, זאָלט איר זיך אַלע אָפּ־טראָגן מיט די ביינער, אייער דוך זאָל מען דאָ ניט הערן!״

— 4 —

אַוועקגעשטעלט די פורלעך אין מענדלס שטאַל און פאַרזאָרגט די פערדלעך מיט האָבער, האָט זיך דער אויפגעלייגטער עולם אַ לאָז געטאָן אינעווייניק אין שענק אַריין. גאַווריליאָ האָט אָנגעצונדן דעם בליך־לאָמפּ וואָס איז געהאַנגען פון אַ מעכטיקן באַלקן אויף דער סטעליע און האָט באַלויכטן אַ גרויסן נידעריקן חדר מיט פאַררייכערטע ווענט און מיט פּיטשינקע פאַרשטויבטע פענצטערלעך.

באַלעבאַטיש האָבן זיך די געסט אויסגעזעצט אויף די לאַנגע דעמבענע בענק אַרום דעם ריזיקן דעמבענעם טיש. אויבן־אָן האָט מען באַזעצט חתן־כלה און נאָענט דערביי אויף אַ גרויסער פּאַס—די גאַנצע

קאַפּעליע. מיכאַילאַ—אַן אַלטער ציגיינער מיט אַ הילצערנעם פוס, וואָס קומט געוויינלעך באַלד נאָכן שניט איבערווינטערן אין הנילאָ־פּאָליע און העלפט אַרויס פּאָטאַפּן אין קוזניע,—האָט געשפּילט די פידל. מיקיטקאָ, דעם הנילאָפּאָליער דיאָקס מיזיניק, האָט געשפּילט די באַנדורע (אַזאַ מין גיטאַרע), און הריצקאָ, איוואַנקאָס קליין שייגעצל, האָט געשפּילט די סאָפּילקע (אַ קליינע פלייט). גאַווריילאָ, מעשה בעל־הבית, האָט דערלאַנגט די משקה און איז צוריק אַוועק צו דער סטאָיקע.

פּאָטאַפּ האָט געשעפּט דעם שנאַפּס מיט אַ בלעכענעם קווערטל, האָט זיך געבוקט פאַר יעדן גאַסט און האָט יעדן מכבד געווען מיט איין גלעזל נאָכן אַנדערן. די פּויערים האָבן געטרונקען אַלע אין איינעם און האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן ווערן רויטער און ליאַרעמ־דיקער. די כלה האָט זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט און איז צוגעגאַנגען צו דער קאַפּעליע. קאָלירטע סטענגעס האָבן געפלאַטערט פון ליכטיקן קאָפּ, קרעלן און מאָניסטן זיינען געהאַנגען אויפן ווייסן האַדלז; אַן אויסגעניים העמד אויף דער הויכער ברוסט, געבלומטע געקעסטלטע קליידלעך אויף די שטאַרקע היפטן. אַ פּנים—אַזוי ווי עפּל־צוויט, ליפּן—ווי קאַרשן, אויגן—ווי קאָרן־בלומען, פאַרפלאָכטענע גאָלדענע צעפּ—אַזוי ווי רייפער ווייץ. מיט פאַרבענקטע אויגן האָט זי אַ קוק געטאָן אויף מיקיטקאָן און זיך גענומען בעטן:

„מיקיטקאָ־סערדענקאָ, שפּיל מיר אויף עפּעס האַרציקעס, די יידן האָבן מיך אַזוי אומעטיק געמאַכט, אַז ס׳ע גלוסט זיך וויינען.״

מיקיטקאָ האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קוטשעראַוון קאָפּ, האָט אַ בליץ געטאָן מיטן זילבערנעם אוירינגל אין לינקן אויער, איבער־געוואָרפן דעם רימען פון דער באַנדורע איבערן אַקסל, האָט אַ פאָר געטאָן מיט די פינגער איבער די סטרונעס און האָט זיך צעזונגען אין אַ הויכן טענאָר:

„שיין ליכטיקע לבנה, שיין
אין קליין פענצטערל אַריין;
דאָרטן שלאָפט מיין ליובע שיינע
מיינע איינציקע און איינע.
שיק אַהינצו דיינע שטראַלן,

זאָג—איך וואַרט, זי זאָל זיך איילן!

ענטפערט די לבנה הויכע:
אוי, די כלה איז אַ בלייכע!
כ׳זע אַ נייער חתן איינער
שטייט און שטשירעט מיט די ציינער;
כ׳זע ער קושט דעם מויל דעם רויטן
מיט אַ קאַלטן קוש אַ טויטן;

כ׳זע אַ קאַמער איז גרייט פאַר איר
אָן אַ פענצטער און אָן אַ טיר;
כ׳זע מען לייגט די כלה בלאַסע
נ׳חופה־בעט—די ערד די נאַסע!...״

די שוואַרצחנעוודיקע פאַראַסקאַ, אַ ווייבל אַ ברען, האָט זיך צעשריען הויך אויפן קול: ״טפו אויף דיין קאָפּ, מיקיטקאַ־דורען! גיי צום באַנדאַר, זאָל ער דיר אַריינשטעלן אַ קליעפּקע. וואָס איז דאָס פאַר אַ קלאָגעניש, ס׳איז אַ חתונה, צי אַ לויה? זאָל ווערן פריילעך, לעבעדיק, חברה! געטאַנצט זאָל ווערן!״

דער עולם האָט אָפּגערוקט טיש און בענק, אַראָפּגעוואָרפן די שווערע קאַפּטנס און סוויטעס און האָט זיך אָוועקגעלאָזט טאַנצן. די פּאָדלאָגע האָט זיך אָנגעהויבן הוידען, די סטעליע ציטערן, די פלעשער קלינגען; ליים איז געפאַלן פון די ווענט, שטויב האָט זיך אויפגעהויבן ביז דער סטעליע. די מאַנסבילן האָבן געטאַנצט אין די הוילע העמדער און לייוונטענע הויזן, אויסגעקלאַפּט דעם טאַקט מיט די געקאָוועטע שטיוול. די ווייבער האָבן זיך געדרייט אין די געבלומטע קליידלעך, מיט רויטע פאַטשיילעס אויף די קעפּ; די סטענגעס האָבן געפלאַטערט אין דער לופטן.

פאַראַסקאַ האָט זיך שטיפעריש צוגעשאַרט צום שווייגעדיקן שבת־גוי ביים שענקערס סטאָיקע. ״פּאַנע שינקאַרו, וואָס טראָגסטו עפּעס אַ באָרד, ביסטו ניט אַקאָרשט אַ קאַצאַפּ?״

״כ׳בין אַ קריסטלעכער מענטש, אַ היגער.״ האָט גאַוורילאָ אַ זאָג געטאָן כמורנע.

״כ׳מיין אין שפּאַס,״ האָט פאַראַסקאַ געלאַכט. ״אָט רופט מען מיך ״מאָסקאַלקאַ״, וואָרעם מיין מאַן דינט פאַר אַ סאָלדאַט.

פּאַנע שינקאַרו, װעסט טרינקען צו מײַן געזונט? װעל איך מיט דיר טאַנצן.״

גאַװרילאָ האָט געשװיגן האַרטנאַקנדיק. ״טאַטקאָ!״ האָט זיך פּאַראַסקאַ אָנגעהױבן קלאָגן הױך אױפֿן קול, ״זאָג דעם שענקער ער זאָל מיר געבן טרינקען און זאָל ער זײַן גוט צו מיר. כ׳בין דאָך אָן אַ מאַן און אַ בידנע יתומה.״

״גיב איר נאָך, טשעלאָװיטשע!״ האָט איװאַנקאָ לוסטיק אױס־געשריגן, ״אַ יתומה איז אַ מצוה צו קיצלען.״

פּאַראַסקאַ האָט זיך געקאַטשעט פֿאַר געלעכטער און דער שטרענגער גאַװרילאָ האָט אױך געמוזט מיטלאַכן. פּאַראַסקאַ האָט אױף אים אַ קוק געטאָן מיט אַ פּאָר הײסע אױגן. אַ שלאַנקע און ברוסטיקע, האָט זי אים אָנגערירט מיט איר בוזעם. מער האָט גאַװרילאָ ניט געקענט בײַשטײן דעם נסיון און האָט זיך אונטערגעגעבן. ער האָט אױסגעטרונקען מיט דער מאָלאָדיצע אײן קעלישעק, אַ צװײטן און אַ דריטן. עפּעס אַזױ װי אַ נײַע הױט האָט זיך אױף אים אָנגעצױגן, דאָס פּנים איז געװאָרן רױט, די אױגן האָבן אָנגעפֿאַנגען גלאַנצן,— גאָר ניט דער זעלבער פֿאַרכמורעטער גױ.

פּאַראַסקאַ האָט זיך אַ שטעל געטאָן אין מיטן שענק מיט די הענט אין די באָקעס; מיט צװײ פּעך־שװאַרצע צעפּ, אין רױטע קלײדלעך, מיט רױטע קרעלן און מיט רױטע סטענגעס האָט זי אױס־געזען אַזױ װי אַ ציגײַנערקע. װי אַ קאַטשקעלע האָט זיך זיך אַװעק־געלאָזט איבערן דיל, טופּענדיק מיט די הױכע שטיװעלעך, קלינגענדיק מיט די זילבערנע פּאַדקאָװעס. די שעלמיש־שװאַרצע אױגן האָבן זיך צעפֿלאַקערט און אָט האָט זי זיך גענומען דרײען אַזױ װי אַ װיכער, זינגענדיק אין אַ הילכיקן סאָפּראַן:

״טו אָן די שטיװעלעך די רױטע
און דאָס קלײד דאָס אױסגענײטע;
דרײ זיך, האָפּקע, טרײַב קאַטאָװעס,
שלאָג די זילבערנע פּאַדקאָװעס!
אַזש די פֿונקען זאָלן פֿליען,
אַזש די קלײדלעך זאָלן װײען!
טופּ־און־טופּ, קלאַפּ־און־קלאַפּ —

שטייט די סטעליע קאָפּ־אַראָפּ!
גייט דער דיל ווי אַ מיל!
וואַקסן פליגלען פון די פיס,
אויפן האַרצן איז מיר זיס!
אוי, ווי ס׳פלאַמט פון גליק דאָס פנים,
אויף צעפּוקעניש די שונאים.״

די קאַפּעליע איז אַרויס פון די כלים. דער אַלטער מיכאַילאָ האָט געסקריפּעט אויף דער פידל מיט אַזאַ אימפּעט, אַז די סטרונעס האָבן געהאַלטן אין פּלאַצן, דערביי האָט ער צוגעטופּעט מיטן הילצערנעם פוס צום טאַקט. מיקיטקאָ האָט צוגעטשעפּעט בײַנדלעך צו די פינגער און פון זיין באַנדורע האָבן זיך געגומען שיטן טענער אַזוי ווי קלינגענ־דיקע אַרבעסן. דער קלײנער הריצקאָ איז זיך פאַרגאַנגען אויף זיין סאָפּילקע אַזוי ווי אַ לוסטיק פויגעלע.

גאַווריִלאָ האָט זיך מער ניט געקענט איינהאַלטן: מען איז דאָך מער ניט ווי אַ בשר־ודם. האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די סוויטקע און גענומען טאַנצן אַנטקעגן פּאַראַסקאַן אין די אַלטע לייוונטענע פּליודערן. פלינק האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט, בריהדיק פאַרוואַרפנדיק די באָרוועסע פיס, פּליעסקענדיק מיט די הענט און זינגענדיק אין אַ טיפן באַריטאָן:

״דריי זיך, האָפּקע, טרייב קאַטאָוועס!
שלאָג די זילבערנע פּאָדקאָוועס...״

איוואַנקאָ־פּאַסיטשניק, אַ ביסל בגילופין, אַ מונטערער, אַן אויפ־געלייגטער, האָט זיך די גאַנצע צייט אַרומגעדרייט צווישן דעם עולם אַזוי ווי אויף רעדלעך. אָט האָט ער אַ כאַפּ געטאָן די פּערצניעריקע כיווריאַ, קאַטערינאַס מיזינקע. ״היי כיווריאַ, קום טאַנצן!״

דאָס שיקסל, געראָטן אין דער מאַמען, נאָר אַ דינס אַזוי ווי אַ ריטל, האָט זיך אַוועקגעלאָזט טאַנצן מיטן קליינעם פּויערל אַזוי ווי אַ וויכער. דאָס קורצע קליידל האָט זיך איר אויפגעבלאָזן, די ״דריבושקעס״—די דריבנע פלאַקסענע צעפּלעך,—האָבן זיך געוואָרפן אויפן קאָפּ, דאָס מעשן צלמל האָט זיך געבאָמבלט אויפן האַלדז: דאָס קלייענדיק פנים האָט געשיינט פון עקסטאַז.

איוואַנקאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָפּגעסאָפּעט און באַטראַכט די מיידל פון אַלע זייטן. אַ פּאָר מאָל האָט ער זי אַרומגעדרייט, אָפּגע־שאַצט אַזוי ווי אַ פערדל:—אַ טאַפּ פון הינטן, אַ טאַפּ פון פאָרנט—און אַט האָט ער אַריינגעשטעקט אַ לאַפּע צו דער קליינער אין בוזעם אַריין. צוויי האַרטע בריסטלעך—די ערשטע ציין פון מיידלשקייט—האָבן זיך ביי דער שיקסע ערשט אָנגעהויבן שניידן. איוואַנקאָ האָט זיך געחידושט:

„קוק נאָר אָן, נעכטן ערשט געווען אַ צוציק און היינט איז זי שוין אַ גאַנצע צויג! זאָג נאָר, כיוריאַ, נעצסט מער ניט אין בעט? און אַ חתן ווילסטו? כ׳וועל דיר געבן מיין כלאָפּטשיק הריצקאָ. היי, בייסטרוק איינער, קום אַהער, דער טאַטע רופט!"

הריצקאָ איז צוגעלאָפן צו איוואַנקאָן מיט דער סאָפּילקע אין האַנט. אַ שייגעצל אַ יאָר פופצן, אַ באָרוועסער, אין לייוונטענע הייזלעך און אין אַן אויסגעגייטן העמדל, אַ ברוינער פון דער זון אַזוי ווי אַ פלוים, מיט אַ פּאָר לאַכנדיקע אויגן, האָט ער אויסגערופן: „אַט בין איך טאַטקאָ, וואָס ווילסטו?"

„היי פייפער מיינער, האָדיע שוין שלעפן ציגן פון נאָז", האָט זיך איוואַנקאָ געבייזערט. „נאַ, אַט האָסטו דיר אַ כלה. וואָס זאָגסטו כיוריאַ, ווילסט אים האָבן? ער איז שוין אַ האַלבער מאַזנביל, סע וואַקסט אים שוין פוך אונטערן פּופּיק."

אַ פלאַמעדיקע רויטקייט האָט זיך צעגאָסן איבער דער מיידלס פנים און זיך צעשפרייט איבערן האַלדז. זי האָט איינגעגראָבן דאָס פּנים אין די ברייטע אַרבל.

„אפשר ווילסטו מיך אַליין גאָר האָבן?" האָט איוואַנקאָ ווייטער געטריבן קאַטאָוועס „קיין זשינקע האָב איך ניט, דאַרף איך טאַקע אַ הייסע מויד וואָס זאָל מיר האַלטן וואַרעם."

דער אַרומיקער עולם האָט גאָר אָנגעקוואָלן און דער אַלטער פּאַטאַפּ, כיוריאַס טאַטע, האָט אַ זאָג געטאָן לצנותדיק: „וואָס עלטער דער אָקס, אַלץ שטאַרקער דער האָרן."

די שוואַרצע פּאַראַסקאָ האָט זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער.

„ווייס איך וואָס, מיין באַטקאָס האָרן קען מער ניט שטויסן! היי, אַלטער טייוול, וואָס האָט זיך דיר פאַרגלוסט? זי איז אַ גרין

עפּעלע, אַ באַליאַטשקע ווּעסטו אַזוינס קענען איינבייסן מיט דיינע אַלטע ציינער... קום, לאָמיר בעסער טאַנצן."

טאַטע און טאָכטער האָבן זיך אָוועקגעשטעלט איינער אַנטקעגן דער אַנדערער מיט די הענט אין די באָקעס און זיך אָנגעקוקט אַזוי ווי אַ האָן מיט אַ הון. דער אַלטער האָט זיך גענומען רוקן נענטער צו דער ווייבל מיט דריבנע טאַנצעוודיקע טריטעלעך, זינגענדיק דער־ביי אין אַ הויכן פאַלצעט:

„ביי מיר אין גאָרטן, ביי מיר אין סאָד
וואַקסט אַ זיסע ציבעלע.
קום צו מיר מיין טייבעלע,
קום צו מיר אין שטיבעלע."

פּאַראַסקאַ האָט זיך ווילד גענומען דרייען אַרום טאַטן אין אַ ראָד. די קליידלעך האָבן זיך ביי איר אָנגעבלאָזן. אַלץ האָט אין איר מיטגעטאַנצט: די ברוסטן, די היפּטן, די פאַרשייטע אויגן. דאָס היל־כיקע ברוסטיקע קול איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ שטיפעריש געזאַנג:

„ביי מיר אין גאָרטן, ביי מיר אין סאָד
וואַקסט אַ האַרבער קנאָבל.
ווילסט מיר פּיקן, אַלטער האָן?
האָסט אַ דאַרן שנאָבל!"

דער עולם האָט געפּאַטשט מיט די הענט און פּאָטאָפּ האָט גע־דונערט מיט זיין באַסאָוער געמבע פאַר גרויס התפעלות:

„אויף כפרות, אַלטער האָן,
טויג דיין דאַרער שנאָבל!"

אַ פאַרפלאָמטע און אַ פאַרסאָפּעטע, האָט פּאַראַסקאַ אויסגע־שריגן: „היי, גאַווריל‏אַ, קאַצאָפּ מיינער, וואו האָסטו זיך אַהינגעטאָן? גיס אָן נאָך אַ גלעזל האָרילקאַ!"

גאַווריל‏אַ איז געווען ניט צו דערקענען. ער האָט געגאָסן אין זיך איין כוסה נאָך דער אַנדערער און דער בייזער וואָרעם אין זיינע געדערעם האָט גענאָגט און גענאָיעט און געמאָנט: נאָך, נאָך! דער שבת־גוי איז שוין געווען אין סאַמע מיטן קאָן, האָט געטאַנצט מיט

די ווייבער, געקושט זיך מיט פּאַראַסקאַן, געטרונקען לחיים מיט אַלע מחותנים. וואָס שווערער עס איז געוואָרן דעם שבת־גויס קאָפּ, אַלץ גרינגער זײַנען געוואָרן זיינע פיס, אַלץ אָפּגעבונדענער זיין שיכורע צונג.

״פּאַרבייסעכץ, פּאַרבייסעכץ!״ האָבן די פּויערים אָנגעהויבן ליאַרמען. ״היי, גאַווריל‌אָ, וואו קריגט מען דאָ אַ צוביס צו דער משקה?״

מען האָט דערטאַפּט אַ פּעסל זויערע אוגערקעס, אָבער ס׳האָט געקלעקט אויף אַ שפּיץ צאָן.

״פּאַרבייסעכץ גלוסט זיך אייך, ברודערקעס? טאָ זייט זיך מטריח, פּאַנאָווע־מחותנים, אין די כאַפּונער הייזער. דאָרטן האָבן די יידן אָנגעגרייט פון כל־טוב, די טייערסטע מאכלים אָפּצופּאַסטן נאָך זייער תענית.״

באַלד האָט זיך צונויפגעשטעלט אַן עקספּעדיציע אויפצוקלייבן ״פּאָדאַטקעס״ פון די יידן. פּאָטאַפּ האָט אַרויסגעפירט זיין פערד און וואָגן און אין איינעם מיט גאַווריל‌אָן, איוואַנקאָן און אַ פּאָר אַנדערע פּויערים האָט מען זיך אַוועקגעלאָזט איבער די יידישע הייזער. מען איז געגאַנגען פון טיר צו טיר אַזוי ווי אויף קאָליענדעס, גאַווריל‌אָ איז געווען דער וועגווייזער. מען האָט אַרויסגערוקט די זאַסלינקעס פון די אויוונס, אויפגעמאַכט די שאַפּקעס און קרעדענצלעך, מען איז געקראָכן אין די קעלערס און ליאַדאָווניעס.

אינגיכן איז דער גאַנצער וואָגן געווען אָנגעלאָדן מיט טעפּלעך יויך, געבראָטענע הינדלעך, ריינדלעך צימעס, פּאָלומיסקעס פיש, פרישע חלות און מיט אַ גוזמא בייכיקע פלעשעלעך וויין, נאַליווקע, ווישניאַק און סליווניאַק. מיט גרויס פּאַראַד האָט מען דעם רייב אָב־געפירט אין שענק אַריין; זיך אפילו ניט אומגעקוקט אויף דעם שווערן וואָלקן וואָס איז געהאַנגען אויפן הימל, געהערט ווי המן דעם גראָזגער די דונערן און בליצן און דעם ווינט וואָס האָט געוואָיעט.

ס׳האָט זיך אָנגעפאַנגען די גרויסע סעודה, די ווילדסטע הול־יאַנקע, וואָס אַזוינס האָט זיין כאַפּון נאָך קיינמאָל ניט פּאַסירט. די פּויערים האָבן זיך פּאַסמאַקעוועט מיט די אויסטערלישע יידישע פּאַטראַוועס. בראָנפן האָט זיך געגאָסן אַזוי ווי וואַסער.

„יידישע פיש און פסחאָווקע!״ האָט גאַוורילאָ געדוינערט און געקלאַפּט מיט די פויסטן אין דעמבענעם טיש פאַר גרויס התפּעלות. „יידישע פיש און פסחאָווקע, דאָס זיינען די טייערסטע מאכלים אין דער וועלט, אפילו דער קיסר פאַרמאָגט ניט קיין בעסערעס!״

— 5 —

אַ מערקווערדיקע סצענע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין כאַפּון, אַ משונהדיק געמיש פון קודש וחול—פון הייליקייט און אויסגעלאַסנ־קייט. פון שול האָט זיך געלאָזט הערן דאָס „קול־יעקב״,—יעקבס איידלע שטימע,—פּייערלעכע קלאָגעדיקע טענער:

„יעלה—זאָל אויפגיין אונדזער געבעט איצטער אויף דער נאַכט, און זאָל קומען אונדזער געשריי פון מאָרגן אין דער פרי, און אונדזער געזאַנג זאָל דערגרייכן ביז מאָרגן אויף דער נאַכט...״

אין דער זעלביקער צייט האָט זיך פון שענק געטראָגן עשוס קול—ווילדע, פריילעכע, פאַרשייטע, עולם־הזהדיקע טענער. די פידל האָט געסקריפּעט, די באַנדורע האָט געברומט, די סאָפּילקע האָט געפּייפט, שיכורע שטימען האָבן געזונגען:

„טאַנץ און האָפּקע, טרייב קאַטאָוועס,
שלאָג די זילבערנע פּאָדקאָוועס!...״

הויך איבער אַלע אייבערשטע הימלען איז געווען פאַרזאַמלט דער בית־דין של מעלה: דער כביכול מיט זיין פמליא־של־מעלה האָט געהאַלטן געריכט איבער דער גאַנצער וועלט. אָבער אין כאַפּון האָט מען די הימלען גאָר ניט אַרויסגעזען,—דער שטן האָט זיי פאַרשטעלט מיט אַ שוואַרצן וואָלקן. די לופט איז געווען אָנגעלאָדן מיט שטורעם, אָט־אָט וועט אויסברעכן אַ געוויטער. יעדע מינוט האָט אַ בליץ אַ בלאַנק געטאָן און אַ דונער האָט אים נאָכגעיאָגט. דער ווינט האָט זיך געריסן און געהיילט, די זשאַבעס האָבן געקוואַקעט—פאַרטויבט צו ווערן און די הינט זיינען זיך פאַרגאַנגען אין אַ לאַנג וואָיען.

דעם גאַנצן אָוונט האָט די כלה ניט אויפגעהערט צו טאַנצן. פון די פאָר גלעזלעך ספּריט און נאַליווקע האָט דער שיקסעס פּנים געפלאַמט, די בלויע אויגן האָבן געבליצט; די גילדענע האָר, די

קאָלירטע סטענגעס און קליידלעך זיינען אַרומגעפלויגן און האָבן געלויכטן אַזוי ווי די פעדערן פון אַ פּילפּאַרביקן פויגל. אַזוי ווי אויף כוואַליעס האָט זיך איר שלאַנקער קערפּער געוויגט. דער חתן פּעטראָ האָט זיך געטאָפּטשעט לעבן איר אין די שווערע טשאָבאָטעס אַזוי ווי אַ שטיק האָלץ. אַ רויטער טשאַד איז אים געשטאַנען אין קאָפּ פון דער פייערדיקער יידישער פּסחאָווקע. די וואָסערדיקע אויגן האָבן זיך אים געקלעפּט, די צונג האָט זיך געפּלאָנטערט אַזוי ווי אַ שמאַטע און געהאַלטן אין איין בעטן:

״האָדיע שוין, נאַטאַלקו, לאָמיר זיך צוזעצן! גענוג שוין, כ׳פאַל פון די פיס.״

אָבער די יונגע ווייבל האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט און זיך גע־דרייט און געדרייט אָן אַן אויפהער. פּלוצעם האָט מיקיטקאָ אָפּגע־וואָרפן דעם רימען פון זיין באַנדורע, זיך אַ לאָז געטאָן צו נאַטאַלקאָן און זי אַריינגעכאַפּט אין זיינע שטאַרקע אָרעמס. די קוטשעראַווע האָר האָבן אָנגעהויבן פלאַטערן, די אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן, די פּאָד־קאָוועס פון זיינע שטיוול האָבן אָנגעפאַנגען בלאַנקען און קלינגען. זיין גאַנץ לייב האָט זיך געצויגן צו דער יונגער פויערטע אַזוי ווי אייזן צו אַ מאַגנעט. אָט האָט ער געטאַנצט נידעריק, כמעט ביי דער פּאָדלאָגע, און אָט האָבן זיינע פיס געגומען פליען בריהדיק אין דער לופטן, כמעט אָנרירנדיק די סטעליע. אַזוי ווי אַן אָדלער מיט צע־שפּרייטע פליגלען האָט ער געשוועבט איבער נאַטאַלקאָן און זי האָט זיך געדרייט און געוויגט שטיל און לייכט אַזוי ווי אַ טויב.

ווי אַ פאַרכישופטע האָט נאַטאַלקאָ געקוקט אויפן שיינעם יונג, די אויגן ניט געקענט אָפּרייסן. ״מיקיטקאָ,״ האָט זי געשעפּטשעט, ״ניכיי וואָלסטו מיר אַפּריער געווען אַריינגעשטעקט אַ מעסער אין האַרצן, איידער דער פּאָפּ און דער טאַטע דיינער האָבן מיך חתונה געמאַכט.״

״איך בין אים צו די פיס געפאַלן,״ האָט זיך אַ פאַרשטיקט קול אַרויסגעריסן פון יונגס האַלדז, ״און ער האָט מיך געקאַטעוועט מיט פערדישע וואַשקעס—דער טאַטע מיינער, דער דיאַק. ער האָט מיך געסטראַשעט אַז ער וועט מיך אָפּגעבן פּאַר אַ סאָלדאַט, אויב איך וועל ניט נעמען דעם פּאָפּס מויד, מאַריאַ די קאָסאָקע... טאַנץ,

סערדענקאָ, טאַנץ, דער רוח זאָל מיר נעמען!... היי, מיכאַילאָ, גיכער, לעבעדיקער, פּלי אויף די טייוולשע סטרונעס, כ׳וועל פּלאַצן טאַנצנדיק!״

גיכער און גיכער האָט זיך נאַטאַלקאַ געדרייט, דער קאָפּ האָט איר געשווינדלט, די בלויע אויגן זיינען געווען פול מיט הייסע טרערן און פון איר ברוסט האָבן זיך אַרויסגעריסן האַלב־לאַכנדיקע, האַלב־וויינענדיקע טענער:

״אוי עס פלאַמט פון גליק דאָס פּנים,
אויף צעפּוקעניש די שונאים!...״

מיכאַילאָס סמיק איז געפלויגן אַזוי ווי אַ שד איבער די סטרונעס פון פידל און זיין הילצערנער פוס האָט לעבעדיק אויסגעקלאַפּט דעם טאַקט. אין מיטן שענק האָבן געטאַנצט פּאָטאַפּ מיט איוואַנקאָן. דער קליינער פויער איז געווען אָנגעטאָן אין אַן איבערגעקערטן פּעלץ מיטן פוטער אַרויף און דער שמיד האָט אים אַרומגעפירט אויף אַ קייט.

״אָט איז דיין שווער—לעקיש דער בער!״ האָט פּאָטאַפּ זיך געוויצלט און צוגעוואונקען צו דער טאַנצנדיקער נאַטאַלקאַ.

״היי, דו שיינער וואָזשאַק מיינער!״ האָט איוואַנקאָ געפּילדערט. ״דער בער איז דאָרשטיק, פיר אים צו וואָדאָפּאָי. גאַוורילאָ, פּיל אַקאָרשט אָן אַ גלעזל מיט אַ ווערך!״

גאַוורילאָ האָט אַ דריי געטאָן דעם צאַפּן פון פּאַס, אָבער קוים־קוים וואָס אַ פּאָר טראָפּנס האָבן אַריינגעקאַפּעט אין קווערטל. די פּיפּע איז געווען ליידיק.

״סע טאָגט שוין!״ האָט ער אויסגערופן. ״אויסגעגאַנגען בראָנפן, ניעמאָ האָרילקו!״

״ניעמאָ האָרילקו!״ אין שענק איז געוואָרן אַ מהומה, דער גאַנצער עולם איז געבליבן שטיין אַ פּאַרציטערטער. ״ניטאָ קיין שנאַפּס, וואָס טוט מען?״

״וועלן מיר אַרונטערגיין אין סקליעפּ,״ האָט פּאָטאַפּ געפּסקנט, דאָרטן איז פאַראַן בראָנפן פאַר צען וועסיליעס. אַ־נו, גאַוורילאָ, עפן אויף די טיר.״

ווי שיכור גאַווריליאָ איז ניט געווען, האָט ער דאָך אויפגע־שוידערט. פאַרשוועכן מענדלס קדשי־קדשים! אַזאַ חילול־השם האָט ער ניט געקענט דערלאָזן. האָט ער זיך אויסגעצויגן ווי גרויס ער איז געווען און האָט פאַרשטעלט די קעלער־טיר.

"ניין, ליודי דאָבריע (גוטע מענטשן), דאָס ניט, מען טאָר ניט!"

אַ צערייצטער האָט זיך דער עולם גענומען רוקן אויפן שבת־גוי. דער שמיד איז געקראָכן אויף אים מיט די פויסטן, אָבער גאַווריליאָ האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

"גאַווריליאָ, טייבעלע מיין," האָט זיך איוואַנקאָ ביי אים גע־בעטן אַזוי ווי ביי אַ גזלן, "ס'איז אַ זינד פאַר גאָט צו פאַרשטערן אַ חתונה; מען וועט דיך דערפאַר אין פעקלאָ ברענען און בראָטן אין פעך און אין סמאָלע! זאָג דו אים, פאַראַסיו, ער זאָל אויפמאַכן דעם סקליעפּ, מיין צונג הענגט ביי מיר אַרויס פאַר דאָרשטיקייט, אַזוי ווי ביי אַ הונט אין מיטן תמוז."

די שוואַרצע פאַראַסקאַ האָט אַרויפגעלייגטביידע אָרעמס אויפן גויס אַקסלען. "לאָז זיי אַריין, נשמה מיינע," האָט זי זיך געבעטן, "טו מיר צוליב."

גאַווריליאָס האַרץ איז צעגאַנגען געוואָרן אַזוי ווי וואַסער און ער האָט אָפּגעטראָטן. באַלד האָבן זיך פּאָטאָפּ, איוואַנקאָ און די איבעריקע מחותנים, ווער מיט אַ לאַמטערנע אין די הענט, אַרונטער־געלאָזן אין קעלער. אַ קילע דומפּע פייכטקייט, דורכגעדרונגען מיט ריחות פון שימל, וויין און ספירט האָט זיי אַ זעץ געטאָן אין די פּנימער. אין דער שוואַך־באַלויכטענער טיפעניש האָבן זיי באַמערקט מיט גרויס דרך־ארץ אַ פּאָר שורות פעסער און פעסלעך אַרומגעשטעלט אַרום די ווענט.

דאָ אין קעלער איז געווען מענדל־שענקערס גאַנצער מאַיאָנטעק: צוויי פעסער קאָרן־ספּירט, איין פעסל חמצדיקע פּסחאָווקע, אַ פאַס ווימאַראָזעק, אַ פעסל צמוקים, אַ פעסל מעד און אַ פאַס היימיש־געמאַכטער וויין, וואָס די גוים האָבן אים גערופן "כאַפּונאָווקע" און די יידן—"יין־המשומד". דער דאַזיקער וויין האָט געהאַט אַלע טעמים: זיסלעך, זויערלעך און אייליק, אַ קאַפּעלע מוטנעוואַטע און אַ ביסעלע שוימיק, אַזוי ווי אַ יונג ביר. דערפאַר אָבער האָט דער יין־המשומד

פּאַרמאָגט אַזאַ ברען, אַז אַ הונדערט־פּראָצענטיקער ספּירט האָט אים געקענט מקנא זיין. חייקל־רופא פלעגט פון אים הייסן מאַכן אַ קאָמ־פּרעס פאַר אַ פאַרקילונג: שאַרפער פון אַ זענפט־פּלאַסטער.

אין די ווינקלען פון קעלער זיינען געווען אָנגעשטעלט כל־המינים פלעשער און ס'איז געווען אָנגעוואָרפן דאָס גאַנצע קלאָפּערגעצייג פון מענדלס לאַבאָראַטאָריע צו מאַכן "געשמדטע" משקה: בעקנס צו קאָכן סירופּ, קופּערנע פאַנען צו ברענען קאַראַמעל; לייקעס, זייערס און בלעכענע קווערטלעך; צוקער, זויער־זאַלץ, ראָזשינקעס און האָניק.

"זדראַוואָ פּאַנאָווע!" האָט זיך פּאָטאָפּ גענומען בוקן צו יעדער פּאָס באַזונדער. "היי, גיט נאָר אַ קוק אויף אָט־דעם גרויסן טייוול!" האָט ער אויסגערופן אין פאַרוואונדערונג. "אַ הילצערנער פּעמפּיק מיט פיר אייזערנע גאַרטלען פאַרגאַרטלט."

איוואַנקאָ האָט אַרומגעוואַנדערט פון פעסל צו פעסל, אויסגע־קלאַפּט זיי מיט זיין ליולקע און געלאַכט פאַר גרויס אַנטציקונג:

"כי־כי־כי, פּאַטערלעך, זיי זיינען פול ווי אַן אויג! זיי זעען אויס פּונקט ווי מיינע בינשטאָקן, אַקוראַט ווי מיין פּאַסינקע. אָבער אוי זיינען דאָ בינען אין די פעסער, אוי טוען זיי בייסן און ברענען און זשומען אין קאָפּ... כי־כי־כי, אַ קדחת אין אייער מאַמעס־מאַמען אַריין, וואָס פאַר אַ טייערער האָניק דאָ איז!"

ס'האָט זיך שוין געטאָן אויף טישן און אויף בענק. די מחותנים האָבן געטרונקען אי פון אויבן, אי פון אונטן און ניט מער פון גלעזלעך, נאָר פון קווערטלעך. די ווילדע קולות און די שיכורע געזאַנגען האָבן זיך געטראָגן ביזן הימל אַריין. ביי מיכאַילאָן האָבן דריי סטרונעס פון פידל געפּלאַצט, האָט ער געריפּעט אויף איינער. ביסלעכווייז האָט דער עולם אָנגעהויבן ווערן אויסגעשעפּט. אין קעלער איז געווען אַ משונהדיק בילד. אויף אַ פּאָר פעסער האָבן געברענט לאָמטערנעס. אויבן־אָן אויף אַ גרויסער פּאָס זיינען געזעסן מיכאַילאָ מיט זיין פידל און מיקיטקאָ מיט זיין באַנדורע; אויף אַן אַנדערן פעסל איז געלעגן אַ צונויפגעקאָרטשעטער הריצקאָ מיט זיין סאָפּליקע און האָט געשמאַק געכראָפּעט. אין אַ ווינקעלע צוגעדעקט מיט אַ סוויטקע, איז געשלאָפן די קליינע כיווריאַ אַזוי ווי אַ דערהרגעטע.

פּאָטאָפּ איז געזעסן אויף דער ערד, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אין די עלנבויגנס, אַ פינצטערער אַזוי ווי אַ וואָלקן, טרערן זיינען אים גערונען פון די אויגן.

„כ׳בין קאַפּוט!״ האָט ער געכליפּעט. „הייליקע פּאָטערס, כ׳בין פאַרכישופט, ס׳איז אַ טייוולשע משקה... כאַפּון, דער נישט־גוטער האָט מיר אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. אוי, אין די קישקעס איז אַ בראַנד, די פיס זיינען ווי ליים און דער קאָפּ איז ווי אַ צעשפּאָלטענער טאָפּ... קריסטלעכע מענטשן—ראַטעוועט, כ׳בין פאַרביי!״

איוואַנקאָ האָט זיך צוגעשאַרט צו קאַטערינאַן. די שמאַלציקע אייגעלעך האָבן ביי אים געלויכטן, דאָס רויט נעזל האָט געפלאַמט, דער פּליך האָט געגלאַנצט פון שווייס אַזוי ווי אַ שפּיגל.

„אוי, מחותנתטע, איז דאָס אַ וועסיליע, איז דאָס אַ וועסיליע! זינט איך לעב, זינט איך שטיי אויף די פיס! אפילו ביי די טייוואָלים אין פּעקלאָ איז ניט אַזוי הייס... אוי טייבעלע מיינע, וואָלט איך דיר פון דעם דאָזיקן יידישן ספּירט געקענט אויסקאָכן אַ „וואַרענוכע״ אַ מלכותדיקע; דו גיב מיר נאָר האָניק און צימערינג און קימל און נעגעלעך... אוי, מחותנתטע, ביסטו אַ באַבע—אַ קייסערינע, אַ גלאַטע און אַ ווייסע אַזוי ווי סמעטענע. טרינק נאָך אַ טשאַרקע, האָלובקו, טרינק!״

ער האָט איר אונטערגעטראָגן אַ גלעזל שנאַפּס צו די ליפּן און האָט האַלב פאַרגאָסן אין איר בוזעם אַריין.

„הער אויף, פּליכוואַטער טייוול! כאַ־כאַ־כאַ, אוי עס קיצלט מיך!״ איז זיך קאַטערינאַ פאַרגאַנגען אין אַ געלעכטער. „האָדיע שוין, ליסי דידקאָ, האָדיע, כ׳בין אַ קיצלדיקע.״

אירע מעכטיקע ברוסטן האָבן זיך געוויגט אַזוי ווי אַ טייג אין אַ מולטער. אַ שנור קרעלן און זילבערנע דוקאַטן האָבן זיך געבאַמבלט אויף איר פעטן האַלדז. שטיפעריש האָט זי אַ שטורך געטאָן דעם קליינעם פויער מיטן עלנבויגן; ער איז אַוועקגעשליידערט געוואָרן צום וואַנט און דאָס קווערטל שנאַפּס איז אַרויסגעפלויגן פון זיין האַנט. דער גויעצל איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ דריבנע געלעכטערל.

„אוי ביסטו אַן אויסגעפּאַשעטע בהמה! איין בריק—און דו קערסט איבער די גאַנצע דאָניצע.״

"גיי מעלק אויס די גרויסע פּיפּע," האָט קאַטערינאַ געהירזשעט, "אפשר וועסטו קריגן מער משקה."

איוואַנקאָ האָט אָפּגעדרייט דעם שפּונט פון דער גרויסער פאַס, אָבער קיין שנאַפּס איז ניט געגאַנגען. "ס'מעלקט זיך ניט, קאַטערי־נושקאַ," האָט ער אויסגעשריען, "די פּיפּע איז אַ יאַלאָווע. כ'וועל פּרואוון אַן אַנדערע."

אין אַ פּאָר מינוטן אַרום איז ער צוריקגעקומען, וואַקלענדיק זיך ווילד אַזוי ווי אַ שטאַרקער ווינט וואָלט אים געוואָרפן. אָבער דאָך האָט ער מיטגעבראַכט אַ פול קווערטל פּסחאָווקע. קאַטערינאַ האָט אָפּ־געווישט דאָס מויל מיטן אַרבל און האָט אַ היפּשן זופּ געטאָן.

"אַי־וואַ, ס'איז פלאַם־פייער, סע גייט דורך אַלע גלידערלעך... איוואַנקאָ־מחותן, כ'האָב דיך האָלט! ביסט טאַקע אַ ווישקרעבאַק, אָבער אַ פריילעכער. מיין פּאָטאַפּ אַז ער נעמט אַן איבעריקן קאַפּ, ווערט ער שוואַרץ אַזוי ווי אַ כמאַרע."

איוואַנקאָ האָט זיך נענטער צוגערוקט צו איר. "קאַטערינושקאַ, ווי אַזוי קענסטו שלאָפן מיט אַזאַ אַלטער פּאַדקאָווע? ער זעט דאָך אויס אַזוי ווי אַ קוימענקערער, סע שטינקט פון אים מיט רויך און מיט דזשעגעכץ. אָט נעם מיך,—פון מיר שמעקט מיט האָניק. די בינען האָבן מיך ליב, די ווייבער זיינען פּאַר מיר די כפרה."

"טרינקט ער זיך אָן, טוט ער אַלעמען ממיתן," האָט קאַטערינאַ געכליפּעט שיכורלעך, "שלאָגט זיך מכות־רצח."

"ער שלאָגט דיך, דער טאַטער? אָרעמע קעפּעלע!" האָט זי איוואַנקאָ באַדויערט און מיטביידע הענט אַרומגענומען איר בוזעם. "אוי טייבעלע האָסטו אַ פּערינע — אַ קייסערינע פּאַרמאָגט ניט אַזעלכע! עס שלאָגט פון דיר אַ היץ אַזוי ווי פון אַן אויוון." ער האָט איינגענורעט זיין פּליכעוואַטן קאָפּ אין דער פויערטעס ווייכער ברוסט. "מיט דיר קאַטערינאַ," האָט ער געמורמלט שלעפעריק, "קען מען ליגן ווי אין גאָטס פּאַזוכע אפילו אין אַ ברענעדיקן פראָסט, אין אַ כאַטע אָן אַ דאַך, אויף אַ הוילן טאָפּטשאַן און ס'וועט ניט זיין קאַלט."

אַ פּאָר פויערים האָבן זיך נאָך אַרומגעטאָפּטשעט, קוים האַלטנדיק זיך אויף די פיס; אָפּגעריסענע שיכורע טענער האָבן זיך געטראָגן

פון זייערע הייזעריקע געמבעס. גאַוורילאָ, טויט־שיכור, איז שוין אין גאַנצן אַרויס פון די כלים; אַ צעיושעטער האָט ער געבושעוועט, געבראָכן פלעשער און גלעזלעך, געגוואַלדעוועט אויף אַ באַנומע־נעם קול.

„אַ רוח אין אייער טאַטנס־טאַטן אַריין, הינט ניט־גלויביקע, נשמות פאַרשאָלטענע! זיבן יאָר מיין בלוט געזויגן, פּיאַווקעס פאַר־שיווע! אייער גאַנץ האָב־און־גוטס וועל איך צעראַבעווען! כ׳וועל אייך אַלעמען אויסקוילענען מיט דעם שוחטס חלף, פּונקט ווי די כפּרות אייערע...״

די שוואַרצע פּאַראַסקאַ האָט אים אַרומגענומען ביים האַלדז. „נו, האָדיע שוין גאַוורילאָ,״ האָט זי זיך געלאַשטשעט, „אוודאי ביסטו אַ שטאַרקער. ביסט אַ גרויסער און אַ העלדישער, קאַצאַפּ מיינער!... מסתמא ביסטו אַ רייכער אויכעט, געוויס אָנגעקליבן אַ מאַיאָנטעק ביי די יידן.״

פלינק ווי אַ קאַץ האָט זי אַריינגעשטעקט אַ סאַמעטענע לאַפּקע צום פויער אין פאַזוכע אַריין. זי האָט אָנגעטאַפּט אַ לעדערנעם בייטל פול מיט מטבעות וואָס איז אים געהאַנגען פון האַלדז.

„היי גאַוורילאָ, סאָקאָל מיינער!״ האָט זי הייס געפליסטערט אין זיין אויער, „קויף מיר אַ שנירל זילבערנע דוקאַטן, און גילדערנע אוירינגלעך, און אַ זיידענע פאַטשיילע. אוי וועל איך דיך האָליובען, סערדעניקאָ! יעדעס אברל דיר אויסקושן.״

גאַוורילאָ האָט זי אַרומגענומען מיט אַזאַ אימפּעט, אַז אירע ביינער האָבן אָנגעהויבן קנאַקן. „אַלץ וואָס דיין האַרץ גלוסט וועל איך דיר קויפן, ציגיינערקע מיינע! מענדעליכע די שענקערקע האָט אין איר סקריניע אַ שנור פּערל, אַזוי ווי אַ בייטש די לענג; און אוירינגלעך דימענטענע און פינגערלעך מיט רויטע שטיינער און בלויע שטיינער; און אַ זייגערל מיט אַ גילדערנער קייט און אַ טערקישע שאַל, וואָס זעט אויס אַזוי ווי אַ פּאַווע. היינט טאָרן די יידישקעס ניט טראָגן קיין צירונג, היינט איז יום־כיפּור. אַזוי ווי אַ קייסערינע וועל איך דיך אויספּוצן, דו שוואַרצע מכשפה... טרינק נאָך אַ טשאַרקע, פּאַראַסיו, טרינק, די פעדערן זאָלן אויף דיר ברענען, טויב מיינע שוואַרצפליגלדיקע!״

— 6 —

ביסלעכווייז זיינען די שיכורע געשרייען פון די פויערים פאַר־שטומט געוואָרן. נאָר ווען ניט ווען פלעגט פּאַטאַפּ אַ כליפּע טאָן פון שלאָף; פון צייט צו צייט פלעגט זיך מיכאַילאָ אויפכאַפּן, אַ ריפּע טאָן אויף דער איינציקער סטרונע, אַ טופּע טאָן מיטן הילצערנעם פוס און באַלד ווידער איינדרימלען. אומעטום אין שענק און אין קעלער האָט זיך געהערט אַ שנאָרכן, אַ סאָפּען און כראָפּען. אויבן און אונטן זיינען געלעגן אויסגעצויגן שלאָפנדיקע מענער און ווייבער: אויף פּעסער, אויף טישן, אויף בענק און אויף דער הוילער פּאָדלאָגע.

אויפן מיטן דיל פון שענק איז געלעגן אַזוי ווי אַ קלאָץ דער חתן פּעטראָ אין דער ווייסער סוויטקע, מיט אַן אָפענעם מויל און האָט שווער געאָטעמט. אָבער די כלה נאַטאַלקאָ האָט זיך אין ערגעץ ניט אָנגעזען. אויפן צוואָק איבער דער גרויסער פאַס, וואו עס הענגט געוויינלעך דאָס בלעכענע קווערטל, איז איצטער פאַריתומט געהאַנגען מיקיטקאָס באַנדורע. די טיר פון שענק האָט אַ סקריפּע געטאָן און גאוורילאָס שיכור קול איז מיט אַמאָל אַזוי ווי אָפּגעהאַקט געוואָרן; אויך די שוואַרצע פּאַראַסקאָ האָט זיך מער ניט געלאָזט הערן.

מענדלס שענק האָט אויסגעזען אַזוי ווי אַ שלאַכט־פעלד נאָך אַ מלחמה. אומעטום האָבן זיך געוואַלגערט צעבראָכענע פלעשער און גלעזער; די לאָמטערנעס האָבן קוים־קוים געצאַנקט, דער גרויסער לאָמפּ האָט געגרויכערט און געטוקט זיך. אינגיכן אין דער גאַנצער שענק פאַרזונקען געוואָרן אין שטילקייט און טונקלקייט.

אין דרויסן האָט דער שטורעם־ווינט פאַר אַ ווײַלע איינגעהאַלטן זיין אָטעם; אין שטעטל האָט געהערשט אַ מאָדנע רואיקייט. ווי נאָר מען האָט געעפנט אין שול דעם ארון־קודש און מען האָט אָנגעהויבן זאָגן ״פּתח שערי שמים לתפילתנו״, עפּן אויף די טויערן פון הימל פאַר אונדזער געבעט,—אַזוי האָט פון אויבן מיט אַמאָל אַזוי ווי אַ דאַמבע געפּלאַצט און עס האָט אָנגעהויבן גיסן אין שטראָמען.

אָפּגעדאַוונט מעריב, אָפּגעזונגען אויף גיך אדון־עולם, האָט זיך גאַנץ כאַפּון אַ לאָז געטאָן צום פּאַליש, אָבער דער שלאַקס־רעגן האָט שוין פאַרפלייצט דאָס גאַנצע שטעטל. אַ גוטע שעה אויפן זייגער האָט זיך דער עולם געשטופּט, געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ ביי די

פענצטער פון שול, געוואָרט טאָמער וועט זיך דער רעגן איינשטילן. אָבער אין דרויסן האָט זיך געטאָן מעשה־בראשית: ס׳איז געווען וויסט און פינצטער און שטורעמדיק; ס׳איז פאַרשוואונדן געוואָרן דער אויסשפרייט, וואָס שיידט אָפּ די וואַסערן וואָס זיינען פון אויבן פון די וואַסערן וואָס זיינען פון אונטן.

איינזעענדיק אַז ס׳איז אַן אומזיסטע וואַרטעניש, האָט זיך די כאַפּונער קהילה גענומען ווי עס איז איינאָרדענען אין שול איבער נאַכט: ווער עס האָט זיך אויסגעצויגן אויף אַ באַנק, ווער עס האָט זיך אויסגעשטרעקט אויף דער פּאָדלאָגע. ווער עס האָט געפּרואווט כאַפּן אַ דרימל, אָנגעשפּאַרט אין אַ סטענדער, אָדער אָנגעלענט אָן אַ וואַנט. די קליינע קינדער האָבן זיך דערשראָקן געטוליעט צו די מאַמעס און זיינען איינגעשלאָפן אויף די ווייבערשע שויסן.

אין פּאָליש האָט זיך צונויפגעקליבן אַ חברה חדר־ייִנגלעך און זיך צוגעקוקט מיט פריידיקער ציטערניש צו די צעשפּילטע עלעמענטן. ״קאָפּל פון דער קרעניצע״, חיים דעם טאָרף־יידס ייִנגל, האָט גע־גלאָצט אין דער פינצטערניש מיט אַ פּאָר גרויסע פאַרחלומטע אויגן.

״זע־נאָר, די פענצטער פון הימל האָבן זיך געעפנט,״ האָט ער אויסגעשריען, ״אפשר קומט ווידער אַראָפּ אַ מבול אויף דער ערד?״

״לייבעלע־לבנה״, משהלע דעם רבס אַן אייניקל, אַ פאַרפרומט אויסגעווייקט ייִנגעלע מיט אַ פּאַרך איבער די אויערן, האָט זיך אויסגעלאַכט פון אים.

״גיי שוין—גיי, פויערשער קאָפּ! אין דער סדרה נח שטייט— גאָט האָט געזאָגט אַזוי צו זאָגן: ״און עס וועט זיין אַז איך וועל טאָן וואָלקענען אַ וואָלקן אויף דער ערד, אַזוי וועט זיך באַווייזן אַ רעגנ־בויגן אין וואָלקן, אַ צייכן פון דעם בונד צווישן מיר און דער ערד, אַז ס׳וועט מער ניט זיין קיין מבול אומצוברענגען די ערד.״ גאָט ברענגט אַראָפּ אַ שטורעם כדי צו באַווייזן זיין גבורה, אַזוי ווי עס שטייט אין דער ברכה: ״שכוחו״ וואָס זיין כוח, ״וגבורתו״ און זיין קראַפט, ״מלא״ פילט אָן, ״עולם״ די וועלט. דאָס טוט איצטער דער מלאך אוריאל, וואָס האָט רשות איבער דונערן און בליצן, מאַכן דעם שטורעם וואָס דער אייבערשטער האָט אים געהייסן.״

״אַרעלע דער רויטער״, יונה דעם פישערס ייִנגל, מיט אַ פלאַם־

פייערדיקן קאָפּ און מיט אַ שיינעם קוויטשערל, איז געוועזן אויפ־גערעגט מער פאַר אַלעמען.

״קינדער, דאָס בלאָזט מען איצטער שופר אין הימל, אויף מיין נאמנות! די בליצן זיינען די פייערדיקע מלאכים וואָס טוען בלאָזן און די דונערן—דאָס איז טאַקע דאָס שופר־בלאָזן אַליין. ווי איך בין אַ ייד, כ׳וועל אייך באַלד באַווייזן!״

ער האָט אָנגעהויבן אויסזינגען אין זיין קלינגענדיקן קולעכל: ״תקיעה״!—אַ בליץ האָט זיך באַוויזן אין דער הויך און באַלד נאָכדעם האָט קורץ אַ דונער געטאָן. ״שברים!״ האָט דער ייִנגל ווייטער גע־זונגען; אַ בליץ האָט אַ שפּאַלט געטאָן די פינצטערניש און דערנאָך האָט זיך דערהערט אַ געבראָכענער דונער, אַזוי ווי אייזערנע קוילן האָבן זיך גענומען קייקלען פון אויבן. ״תרועה״!—ס׳האָט אַ בליץ געטאָן שאַרף און העל און אַ שטאַרקער דונער האָט אַ קנאַק געטאָן. ״תקיעה־גדולה״!—האָט אַרעלע אויסגעשריען אין גרויס באַגייסטערונג. אַ ריזיקער בליץ,—אַ פינקלדיקער מלאך,—פון איין עק הימל ביזן אַנדערן האָט פאַרבלענדט די אויגן און אַ גוואַלדיק־לאַנגער דונער האָט אָנגעפאַנגען קראַכן אַזוי ווילד און מעכטיק, אַז די ייִנגלעך האָבן געמיינט עפּעס פּלאַצט ביי זיי אין די אויערן און די גאַנצע שול שאָקלט זיך. פאַרציטערטע זיינען זיי אַנטלאָפן פון פּאָליש אין עזרת־נשים אַריין און האָבן זיך פאַרשטעקט אין די מאַמעס קליידלעך.

אין דרויסן האָט זיך נאָר געהערט דאָס ווילדע פּליוכען פון דעם רעגן. דאָס וואַסער פון דער שול־רינווע איז געפאַלן אין דייזשע אַזוי ווי אַ וואַסער־פאַל. די שטילע פאַרשלאָפענע כאַפּונקע האָט איצטער געגוואַלדעוועט און געזאָטן אַזוי ווי אַ קעסל. אינעווייניק אין שול האָבן זיך געהערט שטילע האַרציקע טענער. אין שיין פון די וועקסענע ליכט, צווישן די דרימלענדיקע פיגורן, זיינען געשטאַנען אַלטע לייט מיט ווייסע בערד ביי זייערע סטענדערס; אין ווייסע קיטלען, אין ווייסע זאָקן, האָבן זיי זיך געשאָקלט ריטמיש און בנעימותדיק געזאָגט די זיסע ווערטער פון דוד־המלכס לויב געזאַנגען, אַ קאַפּיטל נאָך אַ קאַפּיטל; האָבן אויסגעזונגען די שיינע פּערזן פון דער געטלעכער פּאָעמע, דעם שיר־היחוד—אַ שורה נאָך אַ שורה, אַ גראַם נאָך אַ גראַם.

דריטער קאַפּיטל

דער לעצטער אַקט

— 1 —

באַגינען איז געקומען, אָבער ס'האָט אויסגעזען אַזוי ווי אַ בין־השמשות. דער טאָג יום־כּיפּור איז געבוירן געוואָרן אַ גרויער און אַן אויסגעלאָשענער. אַ בלייענער וואָלקן איז געהאַנגען נידעריק איבערן שטעטל, האָט כּמעט אָנגערירט די דעכער פון כאַפּון און דער גוס־רעגן האָט ניט אויפגעהערט צו שטראָמען. פונקט אַזוי גרוי, אויסגעלאָשן און פאַרוויינט האָבן אויסגעזען די פּנימער פון די וואָס האָבן זיך אין דעם דאָזיקן פרימאָרגן אויפגעכאַפּט פון אַן אומרואיקן שלאָף אין גאָטס הויז. הייַנט איז דער לעצטער טאָג פון דעם פּראָצעס פונעם העכסטן טריבונאַל אויף דער וועלט; הייַנט איז דער יום־הדין פאַר אַצלדינג וואָס לעבט. הייַנט ווערט אַרויסגעגעבן דער אַלער־לעצטער דעקרעט. דער גזר־דין איז שוין פאַרזיגלט, אָבער מען קען נאָך אָפּשרייַען די גזירה.

די גאַנצע קהילה הייבט אויף די אויגן מיט אַנגסט און מיט האָפענונג צו דער הויך צו. דאָרטן אין דער פאַרבאָרגעניש, אין די הויכע אייבערשטע געוועלבן, אין די באַשייַנטע הימלען, שטייט דער פייערדיקער כּסא־הכּבֿוד. דאָרטן זיצט דער מלך מלכי המלכים, דער וואָס איז שטאַרקער און פאָרכטיקער פון אַלע צענדליקער־טויזנטער מלאכים. דאָרטן זיצט ער איצטער, דער ריכטער פון אַלע וועלטן, וואָס ווייסט אַלץ וואָס ס'איז געווען און אַלץ וואָס וועט זייַן אויף אייביקע דורות. ער אַליין איז דער דיין, אַליין דער עדות; ער שרייבט אַליין און טוט אַליין חתמענען; און ער ציילט און רעכנט אַלע טועכצן; און געדענקט אַלע פאַרגעסענע זאַכן. און ער עפנט דעם ספר־הזיכרונות און עס לייענט זיך פון זיך אַליין; די חתימה פון יעטוועדן מענטשן איז דאָרטן אין ספר.

אין גרויסן שופר טוט מען בלאָזן און די מלאכים, אין שרעקעניש און ציטערניש, טוען זיך אַיילן צום אייבערשטן גרייט אויסצופירן

זיינע שליחות. היינט ווערט דער פסק־דין פאַרזיגלט און עס איז פאַר־צייכנט געוואָרן ווער עס זאָל לעבן און ווער עס זאָל שטאַרבן; ווער עס זאָל געמשפּט ווערן מיט וואַסער און ווער מיט פייער. ווער עס זאָל געהרגעט ווערן דורך אַ שווערד און ווער עס זאָל אומקומען דורך אַ חיה; ווער עס זאָל שטאַרבן פון הונגער און ווער פון דאָרשט. ווער עס זאָל אומקומען אין אַ שטורעם און ווער עס זאָל שטאַרבן אין אַ מגפה. ווער עס זאָל דערוואָרגן ווערן, ווער עס זאָל פאַר־שטיינערט ווערן; ווער עס זאָל רוען און ווער עס זאָל זיין נע־ונד. ווער עס זאָל האָבן וואוילטאָג און ווער עס זאָל האָבן פּיין; ווער עס זאָל ווערן רייך און ווער פאַראָרעמט. ווער עס זאָל ווערן שפּל און ווער עס זאָל דערהויבן ווערן.

דער געטלעכער דעקרעט איז שוין פאַרטיק, אָבער מען קען נאָך אָפּשרייען. און אָט שטעלט זיך אַוועק פאַרן עמוד דער גרעסטער אַדוואָקאַט פון כאָפּון, דער פייערדיקער מליץ־יושר,—משהלע דער רב, —און הייבט אָן זיין פאַרטיידיקונגס־רעדע צום רבונו של עולם. אַזוי ווי אַן עמוד־אש זעט ער אויס,—אַ ווייסער פלאַם,—איינגעהילט אין טלית, אין ווייסן קיטל, אין ווייסע זאָקן, מיט ווייסע באָרד און ברעמען. מיטן פּנים געווענדט צום מזרח און צום הימל, צו דער שטול פון דעם פאַרבאָרגענעם ריכטער, טענהט ער זיך אויס מיטן אייבערשטן, רעדט צו אים מיט הייסן געוויין, מיטן גאַנצן ברען פון זיין נשמה, מיטן בלוט פון זיין האַרצן.

״האַר און ריכטער פון אַלע וועלטן! דו וואָס משפּטסט מיט דין און וואָס פסקנסט מיט גערעכטיקייט; דו וואָס באַטראַכטסט מיט חסד און ביסט גוזר מיט רחמים. היינט איז דער יום הכיפורים, דער טאָג פון משפּט און דער טאָג פון פאַרגעבונג פאַר דער גאָרער וועלט. היינט איז דער הייליקער טאָג וואָס איז פאַרכטיק, ווען אפילו אַ פיש אין וואַסער ציטערט. היינט אין דעם צענטן טאָג תשרי האָט זיך פאַרזאַמלט אין דיין הויז די גאַנצע קהילה, יונג און אַלט, תפילה טאָן צו דיר און בעטן דו זאָלסט אונדז אַלעמען מוחל זיין אונדזערע זינד און פאַרגעבן אונדזער שולדיקייט.

״היינט איז דער צענטער שרעקלעכער טאָג זינט אונדזערע הערצער זיינען איבערגעפילט געוואָרן מיט געבעט און באַקערונג, מיט

פרײַגיביקײט און גאָטספאַרכטיקײט. מיר האָבן זיך נעכטן טובל געװען און האָבן רײנגעװאַשן אונדזערע קלײדער; און אַצונד שטײען מיר פֿאַר דיר בדחילו ורחימו, מיט אָכפּערקײט און ליבשאַפֿט, אָן באַפּוצונגען, באָרװעסע, דערנידעריקטע און טוען פּײניקן אונדזערע גופֿים מיט פֿאַסטן, אַזױ װי דו האָסט געבאָטן אין דײַן תּורה.

"נון שטײען מיר פֿאַר דײַן פּנים, די קרימינאַלניקעס, און זײַנען זיך מודה־ומתוודה אַז מיר האָבן עובר געװען אױף אַלע געבאָטן און פֿאַרבאָטן פֿון דײַן הײליקער תּורה. אמת, מיר האָבן געזינדיקט, דער יצר־הרע איז פֿון תּמיד־אָן אײנגעװײנט מיט אונדז. מיר האָבן מוט־װיליק שלעכטס געטאָן מיט בײזע מעשׂים; מיר האָבן געטאָן שמוציקע זאַכן, געטאָן פֿאַלשקײטן, געזאָגט ליגנס, װידערשפּעניקט אַנטקעגן דיר; געטאָן פֿאַרקרימונגען, שענדלעכקײטן און אומװערדיקײטן; געטאָן אָפֿענע זינד און פֿאַרבאָרגענע עבֿירות. דו ביסט אונדזער באַשעפֿער און דו קענסט דאָך אונדזער יצר־הרע: ער גײט אַרײַן קלײן אַזױ װי אַ פֿליג אין די קאַמערן פֿון האַרצן און דאָרטן װאַקסט ער אױס גרױס און מעכטיק.

"װאָס פֿאַר אַ קראַפֿט, מישטײנס־געזאָגט, פֿאַרמאָגט דער מענטש, װאָס איז באַשאַפֿן פֿון אַ פֿאַרשטונקענעם טראָפּן? פֿלײש און בלוט איז ער, דערום טוט ער זינדיקן. דער יסוד פֿונעם מענטשן איז ערד און זײַן סוף איז צו ערד; מיט סכּנת־נפֿשות קריגט ער זײַן ברױט. ער איז געגליכנט צו אַ צעבראָכענעם שאַרבן, צו פֿאַרטרוקנט גראָז, צו אַ פֿאַרפֿױלטע שפּראָצונג; צו אַ שאָטן װאָס װערט פֿאַרשװאונדן, צו אַ װינט װאָס װערט פֿאַרװײט, צו אַ שטױב װאָס װערט צעבלאָזן, צו אַ חלום װאָס שװעבט אַװעק. אָט אַזאַ איז דער מענטש אױף דער װעלט.

"װי אַזױ קען דער מענטש רײן זײַן, אַז אַפֿילו די מלאכים אין הימל זײַנען ניט רײן אין דײַנע אױגן? און כאָטש דײַן פֿאַרכט איז צװישן די װאָרהאַפֿטיקע און אײביקע מלאכים װאָס װאױנען אין די הױכע הימלען, פֿונדעסטװעגן פֿאַרלאַנגסטו ליב פֿון די מענטשן, װאָס באַװאױנען די נידעריקע ערד און װאָס זײערע לײַבער זײַנען געפֿורעמט פֿון שטױב און פֿון אַש.

"געדענק, אַלמעכטיקער גאָט, אונדזער פאָטער אברהם און דעם בונד וואָס דו האָסט געטאָן מיט אים; געדענק דעם פרומען יצחק, וואָס האָט אויסגעשטרעקט זיין האַלדז אַזוי ווי אַ לאַם אויף דער עקידה פון דיינעטוועגן; געדענק דעם גאָטספאָרכטיגען יעקב, וואָס איז געגאַנגען אין דיינע וועגן; געדענק משה־רבינו, וואָס האָט געקנעלט מיט דיין פאָלק פערציק יאָר די תורה דיינע; געדענק דיין פאָלק ישראל, דאָס איינציקע צווישן אַלע פעלקער, וואָס האָט דיין תורה אָנגענומען; געדענק אונדזערע קדושים, וואָס זיינען אומגעקומען צוליב דיין תורה, וואָס האָבן זיך געלאָזט ווערגן, שעכטן און דערטרינקען, פאַרברענען, אויפהענגען און באַגראָבן לעבעדיקערהייט פאַר דעם כבוד פון דיין הייליקייט; געדענק דיין בידנע פאָלק, וואָס איז איצט אין גלות, צעזייט און צעשפרייט איבער דער גאַנצער וועלט, פאַרוואָרפן פון ים צו ים, פאַרוואָגלט צווישן פעלקער־ערלים, פאַרגרעבט צווישן גויים, פאַרהאַוועט פון עול־פרנסה, ניט ווייסנדיק ווי אַזוי זיין נפש אויפצוהאַלטן.

"דערום טוען מיר בעטן צו דיר, הייליקער גאָט: **סלח לנו! מחל לנו! כפר לנו!** פאַרגיב די זינד פון דער גאַנצער קהילה! אַ טאָג און אַ נאַכט טוען מיר פייניקן אונדזערע לייבער מיט פאַסטן און פאַרגיסן ווי וואַסער אונדזערע צעגאַנגענע הערצער. הער אונדזער קול, פאָטער אין הימל, זע אונדזערע טרערן! עפן אויף די טויערן פון הימל און פאַרנעם אונדזער תפילה! פאַראומווערדיק דעם שטן וואָס רעדט אויף אונדז שלעכטס, מאַך שטילשווייגן דעם בייזן מקטרג! מאַך אונדז גערעכטפאַרטיק, גנעדיקער גאָט, מעק אָפּ די פאַרדאָרבנ־קייט, טו אָפּ דאָס געשטאַנק פון אונדזערע עבירות; פּרעס אויס אונדזער זינדיקייט, לייטער אונדז אַזוי ווי זילבער, וואָס ווערט געלייטערט זיבן מאָל. מאַך לייכטער און הייל אונדזער ווייטאָג און פיין!

"אין זכות פון אונדזערע הייליקע אבות, צדיקים און קדושים, אין זכות פון אונדזער תשובה, תפילה און צדקה,—בעטן מיר ביי דיר, באַרעמהאַרציקער גאָט,—רוף אויס פון הימל אין אַ הויכן קול: **סלחתי!**—כ'האָב די זינד פאַרגעבן! **תשובה, תפילה וצדקה** זיינען מבטל די **גזירה!**"

— 2 —

דער דריטער אַקט פון דער יום־כיפור־דראַמע,—דער טראַגישער משפט פון בית־דין של מעלה,—ווערט איצטער אָפּגעהאַלטן. די וועקסענע ליכט פון שול באַלייכטן טויטע אויסגעמאַטערטע פּנימער. דער גאַנצער עולם האָט זיך צעכליפּעט און צעיאָמערט. אַלע האָבן אָנגעהויבן דאַווענען בציבור, אַלע קולות האָבן זיך צונויפגעמישט אין איין הייסע תפילה; אַלע אין איינעם האָבן זיך גענומען מתוודה זיין אויף זייערע זינד. און פּלוצעם זיינען די קליינע עבירהלעך פון יעדן איינציקן אַזוי ווי דערטרונקען געוואָרן אין דעם ים עבירות פון דעם גאַנצן קהל. די זינד פון דעם יחיד זיינען געוואָרן די זינד פונעם כלל, די דאָליע פון רב־ישראל איז געוואָרן דער גורל פון כל־ישראל. און פּונקט ווי ביי אַ פאַרמשפּטן צום טויט טראָגט זיך ניט זעלטן אין די לעצטע מינוטן דורך די געדאַנקען דאָס גאַנצע לעבן, אַזוי שוועבט איצטער פאַרביי די אינעווייניקסטע אויגן פון דעם קהל אין שול דאָס גאַנצע לעבן פון פאָלק ישראל, פון דעם סאַמע וויגעלע פון דער יידישער אומה.

עס צעוויקלט זיך פאַר זייערע אויגן אַ דרייטויזנט־יעריקע יידישע קייט, אַ קייט וואָס ציט זיך פון די הייסע זאַמדן פון ירדן ביז דער קאַלטער ליים פון דער כאַפּונקע. אַ דור נאָך אַ דור, אַ רינג נאָך אַ רינג,— שטענדיק געקייטלט אין דעם זעלביקן טראַגישן נוסח: פון גערעכטפאַרטיקייט צו זינדיקייט—פון זינדיקייט צו שטראָף.

אָט לעבן אדם און חוה—די ערשטע מענטשן אויף דער ערד— אין ליכטיקן גן־עדן, גליקלעך און אומשולדיק, פריי אַזוי ווי די פויגלען פון הימל; האָרן זיינען זיי איבער אַלע באַשעפענישן. אָבער זיי טוען זינדיקן און גאָט שטראָפט זיי: ער טרייבט זיי אַרויס פון גן־עדן אין דער ווייטער וועלט אַריין, וואו דער הימל איז האַרט, די ערד איז קאַרג, די באַשעפענישן זיינען ווילד און בלוטדאַרשטיק; וואו מען לעבט און האָרעוועט אין שווייס און מען שטאַרבט אין ווייטאָג; וואו מען ראַנגלט זיך פאַר וואַסער און מען קעמפט פאַר ברויט.

אָט לעבן די ערשטע מענטשן־קינדער אויף דער ערד און זיי זינדקן,—אַ ברודער דערהרגעט אַ ברודער. און גאָט פאַרשעלט דעם

מערדערס געביין: נע־ונד ווערט ער אויף דער ערד, וואו ער האָט דאָס בלוט פון זיין ברודער פאַרגאָסן.

אָט מערן זיך די ערשטע דורות פון מענטשן אויף דער ערד. די זין פון הימל נידערן אַרונטער און נעמען פאַר זיך די טעכטער פון דער ערד. ריזן און גיבורים ווערן געבוירן. אָבער זיי טוען אויך זינדיקן, די גאַנצע טראַכטונג פון זייער האַרצן איז רק צום בייזן. די ערד ווערט פאַרדאָרבן און פול מיט אומרעכט. און גאָט טוט שטראָפן: ער ברענגט אַראָפּ אַ מבול, מעקט שיר־ניט אָפּ אַלץ וואָס ער האָט באַשאַפן פונעם פנים פון דער ערד.

אָט איז דאָס וואַנדער־פאָלק ישראל, וואָס משה־רבינו האָט אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים, פאַרזאַמלט אין מדבר. אונטערן באַרג סיני שטייען אַלע אין פאַרכטיקייט און אַכפּערקייט. זיי האָבן זיך געהייליקט און זייערע קליידער געוואַשן. עס איז דער פרימאָרגן פונעם הייליקן טאָג פון מתן־תורה. עס דונערט און עס בליצט, אַ שווערער וואָלקן שוועבט איבערן באַרג. אַ רויך גייט אויף אויפן באַרג אַזוי ווי דער רויך פון אַ קאַלך־אויוון. דער גאַנצער באַרג ציטערט און גאָט נידערט אַראָפּ אויף אים מיט פייער. דאָס קול פון אַ שופר ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער און הילכיקער. און גאָט רעדט צו די קינדער פון ישראל אַזוי צו זאָגן: „איך בין יהוה דיין גאָט, זאָלסט ניט האָבן קיין אַנדערע געטער פאַר מיין פנים! זאָלסט זיך ניט בוקן צו זיי און זאָלסט צו זיי ניט דינען, וואָרעם איך יהוה דיין גאָט בין אַ צאָרנדיקער גאָט!״

און דאָס גאַנצע פאָלק אונטערן באַרג שרייט אויס אין איין קול: „נעשה ונשמע!״—מיר וועלן טאָן און וועלן האָרכן!

אָט האָט זיך דאָס זעלביקע פאָלק ישראל צונויפגעקליבען אין דער וויסטע אַרום אַ ברענעדיקן שמעלץ־אויוון. די מאַנסבילן און די ווייבער, די יונג־פרויען און די קינדער נעמען אַראָפּ פון זיך די צירונג, די גילדערנע אוירינגלעך און וואַרפן אין פייער אַריין. און אהרן דער כהן פורעמט אַ פורעם און מאַכט פונעם גאָלד אַ געגאָסן קאַלב. און דאָס פאָלק יובלט און שאַלט: „אָט דאָס איז דיין גאָט, ישראל!״ מען בויט אַ מזבח און מען שלאַכט צום גאָלדענעם קאַלב. דאָס פאָלק

עסט און טרינקט, טאַנצט און מאַכט זיך לוסטיק פאַרן פּנים פונעם אָפּגאָט.

גרויס איז דער צאָרן פון גאָט און ער איז גרייט דאָס פאָלק ישראל צו פאַרלענדן; אָבער משה־רבינו בעט זיך אָפּ ביים אייבערשטן. און גאָט דער האַר רופט זיך אָן אַזוי צו זאָגן: ״אַצינד וועל איך ניט שטראָפן, אָבער אין טאָג פון רעכענונג וועל איך זיך אָפּרעכענען מיט זיי פאַר די דאָזיקע זינד!״

אָט לעבט דאָס פאָלק ישראל אין געבענטשטן לאַנד וואָס גאָט האָט אים צוגעזאָגט; אין אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און מיט האָניק. יעדער וואוינט דאָרט אונטער זיין ווייַנשטאָק און אונטער זיין פייגנבוים. פעט איז דאָס לאַנד און ברענגט אַרויס פיל גערשטן און ווייץ. פרוכפּעריק זיינען די סעדער מיט פּירות און די גערטנער מיט איילבערטן. די פּאַשעס זיינען פול מיט פיך און רינדער, די פעלדער—מיט קעמלען און מויל־אייזלען. פרום און גאָטספאָרכטיק איז דאָס פאָלק און טוט וואָס איז גערעכט אין גאָטס אויגן. אַלע שבטים טוען עולה־רגל זיין קיין ירושלים די ימים־טובים פראַוועןן און זייערע קרבנות ברענגען. דאָרטן אין דודס שטאָט, אין דעם באַשיינטן אָרט פון ציון, שטייט גאָטס הויז אין זיין גאַנצער הייליקייט און פראַכט. פון אַלע עקן פון לאַנד קומט מען זיך אַהינצו צונויף: פון די רויטע בערג פון יהודה, פון די גרינע טאָלן פון גליל, פון די ווייסע ברעגן פון ים־המלח. ״**אשרי עין ראתה אלה**״—וואויל איז דעם אויג, וואָס האָט דאָס אַלץ צוגעזען!

אָט פראַוועט מען יום־כיפּור אין ציון. הויך אויף די פעלדזן פון דעם הר־הבית שטייט דער געטלעכער בית־המקדש אין זיין גאַנצער גלאָריע: אומצאָליקע הויפן און פּאַרהייזער, הייליקע זאַלן אין זייטן־קאַמערן געבויט שטאָק אויף שטאָק; הויכע טעראַסן מיט שווינדל־טרעפּ. עס שעמערירן די ווענט און די מאַסיווע טירן פון טעמפּל, באַלייגט מיט גאָלד, באַשלאָגן מיט גילדערנע געשטאַלטן פון גע־פליגעלטע כרובים; באַשמוקט מיט געשניצטע באַגאָלדטע קווייטן פון טייטל־ביימער. עס שטראַלן די מעכטיקע קופּערנע זיילן אין דער ליכטיקער ארץ־ישראל זון.

אין אינעווייניקסטן הויף, וואָס איז אויסגעפלאַסטערט מיט גע־

האַקטע שטיינער, ברענט אַ פייער אויפן גרויסן מזבח. אין דער עזרה פאַר די כהנים בלאַנקט פון דער גרויסער מחנה פריסטער אין ווייסן געקליידט. אויף די טעראַסן שטייען די מעכטיקע כאָרן פון די לויים מיט די כלי־זמר אין די הענט. אין דעם קאָלאָסאַלן פאַרהויף פון טעמפל,—אין דער עזרה פאַר מענער און אין דער עזרה פאַר פרויען, —איז אַ ים מיט מענטשן: טויזנטער שטייען דאָרטן קאָפּ אויף קאָפּ, קינד און קייט. די יום־טובדיקע קליידער שפילן הערלעך אין אַלע קאָלירן. אַלעמענס אויגן זיינען געווענדט צום היכל מיט אַ פּאַר־כאַפּטן אָטעם.

אַ פריידיקער מורמל גייט פלוצעם דורך דעם עולם אַזוי ווי אַ כוואַליע. אויבן ביים פּאַליש פון היכל, דעם אויסנווייניקסטן הייליקטום, צווישן צוויי קופּערנע זיילן באַזעצט מיט גלאַנציקע קרוינען, באַווייזט זיך די מאַיעסטעטישע געשטאַלט פון דעם כהן־גדול. בלוי איז זיין אייבער־מאַנטל, אויפן האַרצן טראָגט ער דעם חושן וואָס איז גאָלדיק־בלוי און פּורפּור־רויט אין קאָליר. עס פינקלען אויף אים די צוועלף דימענטן און איידלשטיינער מיט די נעמען פון די צוועלף שבטים. אויפן שטערן שיינט די גאָלדענע דיאַדעם מיט די אויסגעקריצטע ווערטער: **קודש לשם**—הייליק צו גאָט. ער דערנענטערט זיך צום גרויסן מזבח מיט געמאָסטענע טריט. עס קלינגען די גאָלדענע גלעקעלעך אויפן פּורפּורנעם זוים פון זיין מאַנטל.

דער פרימאָרגן־ריטואַל הייבט זיך אָן אין טעמפל. דער כהן־גדול איז מקריב דעם "קרבן־תמיד", אַן אייניאָריקן שעפּס, און דאָס פייער צעפלאַקערט זיך העל אויפן מזבח. דערנאָך גייט צו דער כהן־גדול צום קליינעם גילדערנעם מזבח, וואָס שטייט אין היכל און ברענט אויף אים ווייַרעך און געווירצן. אַ בלויער שמעקעדיקער רויך צע־שפּרייט זיך אין אַלע זייטן. אַז דער רויך צעגייט זיך איז דער כהן־גדול פאַרהוילן געוואָרן.

באַלד באַווייזט ער זיך ווידער אין טעמפל. ווייס ווי שניי זעט ער איצט אויס אין די לייוונטענע הייליקע קליידער, מיט אַ ווייסער הויב אויפן קאָפּ, מיט אַ ווייסן גאַרטל אַרום די לענדן. ער האָט געבאָדן זיין לייב, געוואַשן די הענט און די פיס און ער הייבט אָן די פייערלעכע יום־כיפּורדיקע עבודה. מיטן סקאַרבאָוון

ניגון זאָגט ער די הייליקע הימנעס און די לויים אויף די טעראַסן העלפן אונטער און זינגען אין אַ הערלעכן כאָר, שפּילן אויף זייערע האַרפן, בלאָזן אין זייערע האָרנס, שאַלן אין די טרומפּייטן, פייפן אין די פלייטן, קלאַפּן אין די צימבלען און פויקן.

יעדעס מאָל ווען דער פּאָרכטיקער "שם־המפורש", דער ריינער און הייליקער נאָמען פון גאָט, לאָזט זיך הערן פון כהן־גדולס מויל, טוען זיך בוקן און קניען די כהנים און דאָס גאַנצע פאָלק. זיי פאַלן אויף די פנימער און שרייען אויס: **ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד!**—געבענטשט איז דער נאָמען פון זיין פאַרערטער הער־שאַפט אויף שטענדיק און אייביק!

מיט געציילטע טריט דערנענטערט זיך דער כהן־גדול צום גרויסן מזבח. פון איין זייט שטייט דאָרטן אַן אָקס, אַ זינד־אָפּפער צו גאָט פון דעם כהן־גדול. אויפן קאָפּ פון דעם דאָזיקן אָקס טוט ער זיך מתוודה זיין אויף זיינע אייגענע זינד און אויף די זינד פון זיין שבט. פון דער אַנדערער זייט פונעם מזבח שטייען צוויי ציגנבעק, געקויפט פאַר קהלס געלט. און דער כהן־גדול וואַרפט צוויי גילדערנע גורלות: איין ציגנבאָק ווערט אויסגעקליבן פאַר אַ זינד־אָפּפער צו גאָט פונעם פאָלק ישראל; דער אַנדערער ציגנבאָק מיטן גורל "צום פעלדז עזאזל" ווערט אָפּגעזונדערט מיט אַ רויטער באַנד אויף די הערנער, גרייט אַוועקגעשיקט ווערן אין דער וויסטע.

אָט ליגט שוין דעם כהן־גדולס אָקס ביי דער צפון־זייט פון מזבח אַ געפּענטעטער מיט איין פאָדערשטן פוס און מיט איין הינטערשטן פוס און דער קאָפּ איז איינגעקלעמט אין אַ אייזערנער קלעם. און דער כהן־גדול קוילעט זיין קרבן מיט אַ שאַרפן מעסער; און ער נעמט אין דער רעכטער האַנט אַ רויט־גאָלדענע פאַן פול מיט גליענדיקע קוילן פון מזבח, און אין דער לינקער האַנט אַ לעפל פול מיט ווייראך און געשטויסענע געווירצן. צום היכל ווענדט ער זיינע טריט און אַ יונגער כהן גייט אים נאָך מיט אַ שפּרענג־בעקן פול מיט שוימיקן בלוט; און ער שלאָגט דאָס בלוט מיט אַ שלעגער, כדי עס זאָל ניט פאַר־גליווערט ווערן.

ווי נאָר דער כהן־גדול דערגרייכט דעם בלויען פרוכת, וואָס איז פאַרוועבט מיט גאָלד און מיט פּורפּור און הענגט צווישן דעם היכל

און "קדשי־קדשים", אָפּשיידענדיק דאָס אויסנווייניקסטע הייליקטום פון דעם אינעווייניקסטן, — אַזוי ווערט דאָס גאַנצע פאָלק פאַרציטערט: נאָר איינמאָל אין יאָר, אין דעם יום־הכיפורים, דערוועגט זיך דער כהן־גדול אַריינצוגיין אַהינצו וואו די שכינה רוט. דאָרטן אויפן גילדערנעם דיל שטייט דער גאָלדענער ארון, וואו משה־רבינוס לוחות זיינען באַהאַלטן; ער שטייט צווישן די צעשפּרייטע פליגלען פון די צוויי מעכטיקע גאָלדענע כרובים. דער כהן־גדול הייבט אויף דעם זוים פונעם פּרוכת און גייט אַריין אין די פאַרכטיקע פאַרבאָרגעניש. צווישן די שטאַנגען פון דעם גאָלדענעם ארון טוט ער רייכערן אַ געדיכטן רויך פון ווייערעך און געווירצן, כדי דאָס פּנים פון גאָט זאָל פאַר אים ניט אַנטפּלעקט ווערן און ער זאָל ניט שטאַרבן.

דערנאָך נעמט ער דעם שפּרענג־בעקן פול מיט בלוט און שפּריצט קעגן ארון און קעגן זיין גילדערנעם צודעק; זיבן מאָל טוט ער שפּריצן. נאָך דעם קוילעט דער כהן־גדול דעם ציגנבאָק, דעם זינד־אָפּפער פאַרן פאָלק ישראל, און ווידער אַמאָל טוט ער שפּריצן דאָס פרישע בלוט אויפן ארון אין קדשי־קדשים זיבן מאָל. און ער מישט צונויף די בלוטן פון ביידע קרבנות און שפּריצט אויפן קליינעם גאָלדענעם מזבח וואָס שטייט אין היכל: זיבן שפּריצן אויפן מיטן מזבח, פיר שפּריצן אויף זיינע פיר ווינקלען.

איצטער דערנענטערט זיך דער כהן־גדול צום לעבעדיקן באָק וואָס האָט דעם גורל "צום פעלדז עזאזל"; און ער לענט אָן ביידע הענט אויפן קאָפּ פון דעם באָק און איז זיך מתוודה איבער אים אויף אַלע זינד פון די ווילדע קינדער פון ישראל. אויפן קאָפּ פונעם ציגנבאָק זאָלן זיי אַרויפגעטאָן ווערן! אַזוי ווי אַ דיבוק גייט פלוצעם אַריין אין דעם צאַפּ. ער שפּרינגט צעווילדעוועט, שטויסט און בריקעט זיך, שוים הייבט אָן אַרויסשלאָגן פון זיין מויל. אַ שליח־מיוחד כאַפּט אים אָן ביי די הערנער און שלעפּט אים אַוועק אין מדבר אַריין, אויף אַ וויסט פאַרשניטן אָרט. אַהינצו טראָגט דער באָק אַוועק מיט זיך אַלע זינד און אַלע אומריינע פלעקן פונעם פאָלק ישראל. און דער שליח שטויסט אַרונטער דעם באָק פונעם הויכן שפּיציקן פעלדז עזאזל און זיינע ביינער ווערן צעבראָכן אַזוי ווי אַ ליימענער שאַרבן.

אַ שטיק צייט שטייט דער שליח אויפן שפּיץ פעלדז, די אויגן פאַרשטעלט מיט די הענט פאַר דער זון. שאַקאַלן הייבן אָן וואָיען און היילן אַזוי ווי נישט־גוטע; רויב־פויגלען לאָזן זיך אַרונטער פון הימל מיט צעשפּרייטע פליגלען און מיט אַ ווילדן קרעכצן; עקדישן הייבן אָן אַרומפויזען אין זאַמד; אַ שלאַנג קריכט אַרויס פון אַ שפּאַלט אין פעלדז. אָבער אַז זיי דערזען די שרעקלעכע נבילה כאַפּט זיי אָן אַ גרויל און זיי טראָגן זיך אָפּ. לאַנג און געשפּאַנט קוקט דער שליח אויף די הערנער פונעם טויטן באָק. ביסלעכווייז הייבט אָן די רויטע באַנד אָפּגעבליאַקעוועט ווערן אין דער בלענדנדער זון; און אָט ווערט זי אין גאַנצן ווייס. ס'איז אַ גוטער סימן. געלויבט איז דער אייבערשטער! דער שטאָפּעט קערט זיך אום אין שטאָט, וואַשט זיין לייב און זיינע קליידער און קומט צוריק צום קהל.

אין טעמפּל הייבט זיך אָן די פייערלעכע „ברכת־כהנים". אויף זייער דוכן־פּלאַטפאָרמע שטייען אַלע כהנים מיטן כהן־גדול בראש אין ווייסן געקליידט, אָן סאַנדאַלן אויף די פיס, מיט די פּנימער צום עולם געווענדט. זייערע אָרעמס זיינען אויפגעהויבן, די הענט אויס־געשטרעקט און די פינגער צעשפּרייט אין דעם סימבאָלישן צייכן פון די צען געטלעכע ספירות. און דאָס פאָלק אַרום שטייט מיט איינגעבויגענע קעפּ. די מאַנסבילן באַהאַלטן די יינגלעך אין די פאַלטן פון זייערע קליידער, די פרויען פאַרשטעקן די קליינע קינדער אין זייערע ברוסט־טיכער, כדי די שיין פון דער זיו־השכינה וואָס שטראַלט דורך די כהנימס פינגער זאָל זיי ניט בלינד מאַכן.

און די כהנים בענטשן דאָס פאָלק מיט די צען הייליקע ווערטער, מיט די זעכציק מיסטישע אותיות; און זיי דוכנען און זינגען:

„גאָט זאָל דיך בענטשן,
„און דיך היטן!
„גאָט זאָל דערלייכטן זיין פּנים צו דיר,
„און דיך לייטזעליקן!
„גאָט זאָל אויפהייבן זיין פּנים צו דיר,
„און דיר באַשערן שלום!"

די בייטאָגיקע יום־כיפּור־עבודה האַלט זיך ביים פאַרענדיקן. דער כהן־גדול פאַרברענט די געדערעם פון די זינד אָפּפערס אויפן

גרויסן מזבח און אַ הויכער זייל פון פייער און רויך זעצט אַרויס צום הימל.

דערנאָך לייענט דער כהן־גדול די פרשה פון דער עבודה פון אַ ספר־תורה און ווערט ווידער פאַרהוילן פון די אויגן פון פאָלק. ער באָדט אויף דאָס ניי זיין לייב, וואַשט די הענט און די פיס און טוט ווידער אָן די גילדערנע קליידער.

אין דרויסן ווערט שוין פינצטערלעך. דער כהן־גדול איז מקריב זיין אָוונטלעכן אָפּפער, דעם קרבן־תמיד, אויפן גרויסן מזבח און ברענט די שמעקעדיקע געווירצן אויפן גאָלדענעם מזבח אין היכל. ער צינדט אָן די זיבן ליכט פון דער גאָלדענער מנורה און זיין פּנים הייבט אָן שיינען אַזוי ווי די זון מיט אַ שטאַרקער שיין. די ערשטע שטערן גייען אויף אויפן הימל. צווישן עולם פאַרשפּרייט זיך די גוטע בשורה אַז די רויטע באַנד אויף די הערנער פונעם באָק, וואָס איז פאַרשיקט געוואָרן צום פעלדז עזאזל, איז ווייס געוואָרן. אַזוי ווי דער נביא האָט געזאָגט: „אויב אַפילו אייערע זינד וועלן זיין רויט ווי קאַרמין, וועלן זיי ווערן ווייס ווי שניי.‟ אַ סימן אַז גאָט האָט פאַרגעבן די זינד.

די עבודה אין בית־המקדש האָט זיך פאַרענדיקט. אין דרויסן איז ששון־ושמחה, געלעכטער און געזאַנג, טאַנצן און שאַלן פון פרייד. די הימלען טוען טריפן טוי און די פעלדער זיינען זאַט מיט רעגן. דער שניט איז שוין איינגעזאַמלט, די פרוכטן זיינען צייטיק, די קעלטערן זיינען פול מיט וויין. די פיך און רינדער זיינען פעט און קרעפטיק. און דער כהן־גדול בענטשט דאָס פאָלק ישראל און די פרוכט פון זייערע לענדן; און ער בענטשט די פיך און די רינדער און די פרוכט פון זייערע לייבער; און ער בענטשט די ערד פון ישראל און אַלץ וואָס זי גיט אַרויס פון זיך.

— 3 —

ווייטער וויקלט זיך פונאַנדער די יידישע קייט—אַ רינג נאָך אַ רינג, אַ דור נאָך אַ דור. אָט טוט דאָס פאָלק ישראל ווידערשפּעניקן אין גאָט, טוט אַלץ וואָס איז בייז אין זיינע אויגן. מען דינט צו עבודה־זרהס פון די אַרומיקע פעלקער און צו זייערע אומווערדיקייטן.

אָט טוט דאָס פאָלק ישראל עולה־רגל זיין קיין שומרון צום טעמפּל

פון בעל, — דעם גרויסן אָפּגאָט מיט די שעפּסענע הערנער, — די ימים־טובים פראַוועט און קרבנות שלאַכטן. דאָרטן ביי די מזבחות שטייען הונדערטער פּריסטער און פאַלשע נביאים. זיי רופן צו זייער גאָט אין הויכע קולות, טאַנצן ווילדע טענץ און שניידן זיך איין די לייבער מיט שווערדן און שפּיזן ביז בלוט הייבט אָן רינען. און דאָס פאָלק שאַלט אַ ווילדע שאַלונג: „אָט דאָס איז דיין גאָט, ישראל״!

אָט קומט זיך צונויף דאָס פאָלק אין דער תיפלה פון דעם בלוטיקן אָפּגאָט מולך. צו זיינע מזבחות ברענגען טאַטעס און מאַמעס אַזוי ווי לעמעלעך זייערע ערשט־געבוירענע, זייער אייגן פלייש און בלוט, פאַר בראַנד־אָפּפערס צום שרעקלעכן געץ. אָט שטייט דאָס פאָלק אין שאַנד־הויז פון דער פאַרזעעניש עשתורת, דער געטין פון זנות און אויסגעלאַסנקייט. יונג און אַלט טוט קניען פאַר איר, קושט איר נאַקעטע געשטאַלט, פראַוועט שמוציקייט און פאַרשייטקייט.

אין גאַנצן געמאַרק פון יהודה און ישראל שטייען געגאָסענע גילדערנע קעלבער און דאָס פאָלק טוט שלאַכטן צו זיי. אויף אַלע שיידוועגן שטייען געצן־זיילן פון ווייסן קאַלכשטיין און געצן־אָבעליסקן פון שוואַרצן באַזאַלט. אין שאָטן פון צווייגהאַפטיגע געצן־ביימער קניען מענטשן אין גרויס אַכפּערונג. רויך ציט זיך צום הימל פון אַלע הויכע ערטער אויף די בערג פון יהודה און ישראל. דאָרטן זיינען אויפגעשטעלט במות און מזבחות צו די באַרג־אָפּגעטער און דאָס פאָלק ברענגט צו זיי קרבנות און רייכערט צו זיי ווייערך און שמעקעדיקע געווירצן. אויף די פלאַכע דעכער פון די הייזער קניען מענטשן צו אומגעטער: בייטאָג—צו דער זון, ביינאַכט—צו די שטערן און די מזלות.

אַלע באַוואוינטע ערטער פון לאַנד זיינען פול מיט הייזער פון טומאה פאַר די פרעמדגעטער. וואו אַ שבט האָט ער זיין אייגענעם ״פסל״,— אַ געשניצטן אידאָל; וואו אַ הויזגעזינד פאַרמאָגט דאָס זיינע אייגענע „תרפים״, — היימישע געטשקעס, — פון גאָלד גע־גאָסענע, פון שטיין געהאַקטע, פון האָלץ געשניצטע. דאָס גאַנצע לאַנד איז פול מיט צויבער־קונסט. אַלע מאַרק־פּלעצער שוויבלען און גריבלען מיט כישוף־מאַכערס, צייכן־זעערס, גייסטער־באַשווערער; מיט וואָרזאָגערס, טרעפערס און זנאַכערס.

צעשטערט איז דער בונד צווישן פאָלק ישראל און זיין איינציקן גאָט. געלעסטערט זיינען די געבאָט וואָס זיינען געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני. מען טוט אַלץ וואָס איז שלעכט אין גאָטס אויגן. מען עסט וואָס איז טריף, מען טרינקט וואָס איז אומריין, מען הרגעט, מען גזלט, מען זאָגט פאַלש עדות; מען גלוסט דעם ברודערס ווייב, דעם חברס דינסט, דעם שכנס וויינגאָרטן. מען באַרויבט אַלמנות, מען באַגזלט יתומים, מען פייניקט קנעכט, מען דריקט אָרעמעלייט. אַזוי ווי אַ זונה איז געוואָרן דאָס גאַנצע לאַנד, אַזוי ווי די זינד פון סדום און עמורה זיינען זייערע פאַרברעכן. זיינע פירער זיינען פאַרפירער, זייערע הערשער זיינען אָפּנאַרער. „לית דין ולית דיין״ — ניטאָ קיין גערעכטיקייט און ניטאָ קיין ריכטער אין ישראל.

גייען אַרום צווישן פאָלק געטלעכע מענער, נביאים און זעערס, און זיי טוען וואָרענען אַזוי צו זאָגן: קערט זיך אום פון אייערע שלעכטע וועגן, טוט ניט מער וואָס איז אומרעכט אין גאָטס אויגן. טוט אָפּ פון זיך די נישטיקייט און פאַרדאָרבנקייט פון די פעלקער וואָס אַרום אייך. היט ווידער אָפּ די געבאָט פון דער תורה, וואָס איר האָט אָנגענומען. אויב ניט וועט גאָט דער האַר, דער אל נוקם־ונוטר, זיך דערצערענען און זיך אָפּרעכענען מיט אייך. ער וועט אָפּקערן זיין פנים פון אייך, וועט פאַראַכטן דעם זאָמען פון ישראל און וועט אייך איבערגעבן אין די הענט פון די אויסרויבער, וועט אייך פאַר־טיליקן און פאַרטרייבן פון אייער ערד.

אָבער דאָס פאָלק מאַכט האַרט זיין נאַקן, טוט שפּאָטן פון די נביאים און הערט זיך ניט איין צו זייערע וואָרענונגען; נייערט טוט עס פאַראַכטן און טוט פעלשן אין דעם איינציקן גאָט. און דעם אייבערשטנס צאָרן גרימט און ער רופט זיך אָן אַזוי צו זאָגן: ״די זינד פון ישראל זיינען אויפגעשריבן מיט אַן אייזערנער פען, זיינען אויס־געקריצט מיט אַ דימענטענעם שפּיץ אויפן טאָוול פון זיין האַרצן. די מאָס פון מיין געדולד איז פול ביזן ברעג, מיין גרימצאָרן האָט זיך אָנגעצונדן און וועט זיך מער ניט אויסלעשן. דער טאָג פון נויט און פון שמאַך און פון שטראָף איז געקומען! ווייל זיי האָבן פאַר־שוועכט מיין בונד און צו שאַנד געמאַכט מיין נאָמען, דערום וועל איך פאַרשניידן ישראל און אים אָפּמעקן פון געזיכט פון דער ערד.

איך וועל פאַראַכטן דאָס לאַנד וואָס איך האָב פאַר זיי אויסדערוויילט, איך וועל אויסווישן ציון, די גלוסטיקע, אַזוי ווי מען ווישט אויס אַ שיסל און וועל זי איבערקערן אויף איר פּנים. איך וועל אַוועקוואַרפן די איבערבלייבעניש פונעם פאָלק און זי איבערגעבן אין די הענט פון אירע פיינט פאַר רויב. און דאָס הויז וואָס איך האָב געהייליקט און דערהויבן זאָגנדיק: 'מיין נאָמען זאָל דאָרט זיין!' וועל איך צעשטערן און פאַרוויסטן. איטלעכער וואָס וועט פאַרבייגיין וועט זיך דערשרעקן און שמוצערן. איך וועל פאַרטרייבן ישראל פון זיין אַרב, איך וועל אים צעבלאָזן איבער אַלע עקן פון דער ערד, אַזוי ווי ווינט צעבלאָזט שטויב. ישראל וועט ווערן אַ שפּריכוואָרט, אַ שפּאָט־וואָרט צווישן פעלקער!"

עס ציט זיך ווייטער די יידישע קייט: אַ דור נאָך אַ דור, אַ רינג נאָך אַ רינג, שטענדיק געקייטלט אין דעם זעלבן טראַגישן סדר: פון גערעכטפאַרטיקייט צו זינדיקייט, פון זינדיקייט צו שטראָף. אָט ווערט גאָטס צאָרן און שטראָף אויסגעגאָסן אויפן פאָלק ישראל. עס קומט דער גרויסער בראָך — דער שרעקלעכער חורבן. פאַרברענט איז ירושלים, די ליכטיקע טאָכטער פון ציון, פאַרוויסט איז דעם קעניגס פּאַלאַץ און דער געטלעכער בית־המקדש איז צעשטערט ביזן גרונט. די מויערן פון דודס שטאָט זיינען איינגעוואָרפן און די ערד איז מיטן אַקער־אייזן צעאַקערט און פאַרזייט מיט זאַלץ. ווילדע פוקסן לויפן אַרום אין די פּוסטקעס, שאַקאַלן וואָיען אין די חורבות. די אוצרות פון מלכּס שאַצקאַמערן, די הייליקע כלים, דאָס גאָלד און זילבער און די טייערע שטיינער פון בית־המקדש זיינען אויסגערויבט פונעם שונא.

ניטאָ מער גאָטס הויז, ניטאָ מער קיין מזבחות קרבנות צו שלאַכטן און ווייערעך צו רייכערן; ניטאָ מער קיין כהנים אין גילדערנע קליידער די הייליקע עבודה דורכצופירן. וויסט איז דאָס לאַנד ישראל. פאַר־שאָלטן איז די פרוכט פון פעלד און פון גאָרטן; פּוסטע זאַנגען שפּראָצן אויף די פעלדער; ניטאָ קיין אייל אין די איילבערטן, ניטאָ קיין וויין אין די קעלטערן; די שפּייכלערס זיינען ליידיק, די שטאַלן זיינען לער. ניטאָ קיין רינד און ניטאָ קיין מילך, ניטאָ קיין שאָף און ניטאָ קיין וואָל. אין שטאָט איז הונגער און פּעסט; אויפן פעלד ליגן ווי מיסט די

דערשלאָגענע פון שווערד, — שפּייז פאַר הינט, רויב פאַר חיות פון דער ערד און פאַר פויגלען פון הימל.

וואו מען טרעפט אָן אַ פרוי—איז זי אַן אַלמנה, וואו מען זעט אַ יונג־פרוי—איז זי אַ יתומה; וואו מען באַגעגנט אַ באַיאָרנטן מענטשן —האָט ער אַ פליך אויסגעריסן אויפן קאָפּ; וואו עס באַווייזט זיך אַ זקן—טראָגט ער אַ זאַק אויף די לענדן. פאַרלענדט איז די בליענדיקע יוגנט פון פאָלק אָדער אין געפאַנגענשאַפט פאַרטריבן. אַזוי ווי אַ יעגער וואַנדערט דער שונא אַרום איבערן לאַנד און פון יעטוועדן באַרג און וואַלדיקן אָרט, פון יעטוועדער הייל אין דער ערד און שפּאַלט אין די פעלדזן יאָגט ער אַרויס און הרגעט אויס די וואָס האָבן זיך דאָרטן אויסבאַהאַלטן.

דער עלנטער רעשט פון פאָלק איז פאַרשקלאַפט, איז אין גע־פאַנגענשאַפט, אָדער אין גלות פאַרטריבן, פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט פון איין ים ביזן אַנדערן. ארץ ישראל איז אין פרעמדע הענט, צעשמעטערט זיינען די געצעלטן פון יעקב. ישראל איז נע־ונד אַזוי ווי קין, פאַרוואָגלט צווישן פרעמדע פעלקער. אַזוי ווי אַ פּוסטע כלי איז ער, פון אַלץ אויסגעליידיקט געוואָרן. אַזוי ווי אַ בלינדער טאַפּט ער אין דער פינצטערניש, אָן אַ פירער און אָן אַ פריינד, אָן אַ טרייסטער און אָן אַ גואל. יעדן פרימאָרגן פרעגט ער ביי זיך: ווען וועט שוין קומען דער סוף? דאָס לעבן איז דאָך ביטערער ווי דער טויט.

ישראל טוט תשובה. ווידער אַמאָל ווערט ער גוט און פרום, קערט זיך אום צום איינציקן גאָט מיטן גאַנצן האַרצן. אָט טוט חנה, אַ געטרייע יידישע מאַמע, מקריב זיין צו גאָט ניט איין זון, ווי אברהם איז גרייט געוועזן צו טאָן, נאָר זיבן קינדער: די גאַנצע פרוכט פון איר מוטער־לייב האָט זי בעסער געלאָזט אומברענגען, איידער זיי לאָזן זיך בוקן צו אַן עבודה־זרה. אָט ווערן די צען „הרוגי־מלכות״, לערערס און פירערס פון ישראל, פאַרפייניקט אויף קידוש־השם, וואָרעם זיי זאָגן זיך אָפּ דעם איינציקן גאָט צו פאַרלייקענען. ביים נשיא רבן שמעון בן גמליאל האַקט מען אָפּ דעם קאָפּ און בלוט גיסט זיך פון אים אַזוי ווי פון אַ געקוילעטן אָקס. דעם כהן־גדול רבי ישמעאל שינדט מען די הויט פון ליכטיקן פּנים לעבעדיקערהייט. דעם גרויסן תנא

רבי עקיבא רײַסט מען דאָס לײַב מיט אײַזערנע קאַמען. רבי חנינא בן תרדיון װערט פֿאַרברענט אײַנגעװיקלט אין אַ ספֿר־תּורה; אויף אַ שײַטער־הויפֿן פֿון גרינע צװײַגן ברענט מען אים און אויפֿן האַרצן לײגט מען אים נאַסע װאָל, כּדי ער זאָל זיך לענגער מאַטערן.

ישׂראל קערט זיך אום צוריק צו זײַן גאָט, אָבער צו שפּעט איז זײַן חרטה. דער גזר־דין איז שוין געפֿאַלן, דער פּסק װערט שוין אויס־געפֿירט. ישׂראל איז צעזײט איבער אַלע עקן פֿון דער װעלט, אַזוי װי זאַמד אין אַ שטורעם־װינט, — פֿון מזרח צו מערבֿ, פֿון דרום צו צפֿון. יעקבֿס געצעלטן הײבן אָן אַרומװאַנדערן אָן אַ רו און אָן אַן אָפּשטעל, װאו געטאָגט—ניט גענעכטיקט. דאָס בלודנע פֿאָלק שלעפּט זיך אַרום איבער ימען און איבער פֿעסטלאַנד, איבער אינדזלען און איבער פּוסטע מדבריות. איבער לענדער װאו די זון ברענט שטענדיק און איבער לענדער װאו ס׳איז אײביקער שניי. צװישן פֿעלקער װאָס גײען נאַקעט און צװישן פֿעלקער װאָס קלײדן זיך אין פֿעלצן פֿון חיות. צװישן פֿעלקער מיט װײַסער הויט, מיט שװאַרצער הויט, מיט געלער הויט, מיט רויטער הויט. צװישן פֿעלקער װאָס לעבן פֿון געיעג, פֿון פֿיש כאַפּן, פֿון פֿיך האָדעװען, פֿון ערד אַקערן, פֿון מלאכות טאָן, פֿון האַנדל און װאַנדל טרײַבן, פֿון רויבערײַ און מלחמה פֿירן. צװישן פֿעלקער װאָס דינען צו אָפּגעטער, צו טײַװאָלים, צו גײַסטער, צו דער זון און די מזלות, צו פֿײַער, צו מכשפֿים, צו נבֿיאים און צו דעם געקרײציקטן גאָט.

אָבער אויף אַלע זײַנע װאַנדערונגען טראָגט ישׂראל אַרום מיט זיך ניט קײן גאָלד און ניט קײן זילבער, ניט קײן צירונג און ניט קײנע טײַערע חפֿצים; נאָר אַ ספֿר תּורה טראָגט ער אַרום, אַ פֿאַר־געלטע פֿאַרמעטענע מגילה. אַזױ װי אַ צװאה פֿון אַ פֿאָטער װאָס װערט אַרומגעטראָגן פֿון אַ זון װעמען מען האָט מעבֿיר־נחלה געװען. ישׂראל, גאָטס אויסדערװײלט פֿאַרשטויסן קינד, װאַרט נאָך אַלץ אַז דער הימלשער פֿאָטער װעט אים זײַן אַרבֿ צוריקגעבן.

ישׂראל װערט צו אַ בײז שפּריכװאָרט, צו אַ צײכן פֿון שאַנד און שפּאָט צװישן די אומות העולם, װי דער אײבערשטער האָט פֿאַר־אויסגעזאָגט. װער עס האָט נאָר גאָט אין האַרצן יאָגט אים, פּײַניקט אים, איזדיעקעװעט זיך איבער אים, מאַכט אויף אים בילבולים, רויבט

און פאַרטיליקט אים. אָבער די פאַרגעלטע צוואה זיינע גיט ישראל ניט אָפּ, ניט מיט גוטן און ניט מיט בייזן. ער איז זיך מוסר נפש— לאָזט זיך קוילען, אויפהענגען, דערטרינקען, פאַרברענען, — פאַר דער תורה. פון לאַנד צו לאַנד און פון שטאָט צו שטאָט טוט ער וואַנדערן מיט אַ געלער לאַטע אויף די קליידער; אַזוי ווי אַ פאַרברעכער וואָס איז געבראַנדיקט געוואָרן מיט אַ גליענדיקן אייזן, אַזוי ווי אַ פאַרצייטיקער מצורע וואָס פלעגט שרייען: אומריין, אומריין! שקצים באַוואַרפן אים מיט קויט און מיט שטיינער; גלחים שפייען אים אין פנים. גויישע מאַמעס באַהאַלטן זייערע קינדער הינטער די פאַרטעכער אַז זיי דערזעען אים. טראַגעדיקע ווייבער צלמען איבער זייערע בייכער, פונקט ווי זיי וואָלטן באַגעגנט דעם טייוול.

אָט טראָגן זיך אַרום איבער די קריסטלעכע לענדער גרויסע חילות, — זעלנער פון דעם געקרייציקטן, — מיט אַ שווערד אין איין האַנט, מיט אַ צלם אין דער אַנדערער און גלחים־קנאים זיינען זייערע פירערס. גייט אַזאַ שרעקלעכער חיל דורך אַ יידישן ישוב, איז פונקט ווי אַן ערדציטערניש וואָלט פאַרבייגעגאַנגען: עס פאַר־בלייבט ניט קיין סימן פון יידישן לעבן.

אָט גנבענען זיך אַריין קריסטן ביינאַכט און פאַרסמען די ברונימער אין די גויישע שטעט און אין דער פרי קוילעט מען אויס אַלע יידן. אָט וואַרפט מען אונטער אין דער פינצטערניש פגרים פון קריסטלעכע קינדער אין די יידישע בתי־מדרשים און אַז ס'ווערט ליכטיק שעכט מען אויס אַלע יידן.

אָט איז אַ נייער בראַך—„גלות־ספרד". צענדליקער־טויזנטער פראַנקישע יידן, יונג און אַלט, בלאָנדזשען אַרום איבער די שטיינערנע וועגן, פאַרטריבענע פון זייער איינגעזעסענעם לאַנד, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען ווילדע חיות. אָן אַן אָפּדאַך, אָן ברויט, אָן אַן אָרט וואו אַהין צו גיין, — כאַטש נעם און וואַרף זיך אַריין אין געזאַלצענעם ים. ווייבער זיינען מפיל ביי די אָפענע טראַקטן; קינדער גייען אויס פאַר הונגער ביי די מאַמעס ליידיקע ברוסטן; אַלטע לייט, קראַנקע און אויסגעמאַטערטע שטייען אָפּ און שטאַרבן אויף די פוסטע פעלדער. פון הינטן לויערט עמלק, — די איינגעבוירענע פון לאַנד, — צו באַ־

פאַלן און באַרויבן די אָפּגעשטאַנענע. טאָמער שטרעקט זיך אויס צו זיי אַ פאַרשמאַכטע יידישע האַנט פאַר אַ שטיקל ברויט, קריגט זי אַ האַרטן קריסטלעכן שטיין.

פינצטערע גלחים נישטערן אַרום איבערן גאַנצן לאַנד וואו די עלנטע יידישע רעשטלעך, די אנוסים, דינען נאָך צו גאָט אין פאַר־באָרגעניש. אויסקוקערס שפּירן זיי אויס אין הינטער־הייזלעך, אין רומפּל־קאַמערן, אין טיפע קעלערן, אויף בוידעם־שטיבלעך. אָט שלעפּט מען שוין די באַהאַלטענע יידן געמאַטערט צו ווערן אין די שרעקלעכע געוועלבטע קלויסטער־קאַמערן. מען פּרעסט זייערע לייבער אין אייזערנע פּרעסן, אַזוי ווי מען פּרעסט אויס איילבערטן; מען ציט אויס זייערע גלידער מיט צוואַנגען, אַזוי ווי אַ בעקער ציט אויס זיין טייג; מען שלאָגט זייער פלייש מיט אייזערנע שטאַנגען, אַזוי ווי אַ פּויער שלאָגט אויס פּלעווען פון ווייץ; מען רייסט אויס זייערע נעגל, אַזוי ווי מען רייסט פעדערן פון אַ פויגל. דערנאָך פירן די גלחים אין די שוואַרצע פייערלעכע קליידער מיט די גילדערנע צלמים אויף די הערצער די פאַרפּייניקטע צו די שייטער־הויפנס פאַרברענט צו ווערן אויף קידוש־השם, וואָרעם די קדושים זאָגן זיך אָפּ צו פאַר־לייקענען די הייליקע תורה.

אָט איז די גרויסע קאָזאַקן־שחיטה—„גזירות־ת״ח": די בלוטיקע כוואַליע דערגרייכט אויך ביז כאָפּון. אַ שייקע היידאַמאַקעס פאָרט אַריין אין שטאָט מיט לאַנגע שפּיזן, מיט קרומע טערקישע שווערדן, אין בלויע זשופּאַנעס, רייטנדיק אויף ווילדע פאַרוואָקסענע פערדלעך. שיכורע טראָגן זיי זיך אַריין מיט אַן אויסגעלאַסענעם געזאַנג. די פּנימער זיינען גזלנשע מיט לאַנגע אַראָפּהענגענדיקע וואָנצעס; די קעפּ זיינען אויסגעגאָלטע, אַ חוץ אַ געדיכטע טשופּרינע פון פאָרנט. ביי יום־טוב ליפּען דעם פּרנס־חודש זוכט מען גאָלד און צירונג: דאָס האָט די גוישע דינסט אָנגעפאַרטרויט. האָבן ניט אַקאָרשט די יידן דעם אוצר איינגעשלונגען? שניידט מען אויף די בייכער ביים גאַנצן הויז־געזינד, פּילט זיי אָן מיט פעדערן און די צאַפּלדיקע געדערעם וואַרפט מען אַרויס אין גאַס פאַר די הינט. ביים שענקער דוב־בער זויגט אַ טאָכטער אַ צווילינג. שניידן די קאָזאַקן אָפּ די עופּעלעך מיט דער מאַמעס בריסט אין איינעם, שטעכן זיי אָן אויף שפּיזן, באַגיסן מיט

סמאָלע און צינדן זיי אָן אַזוי ווי שטורקאַצן. ביי יצחק־לויקן דעם רב שטעכט מען אויס די אויגן מיט אַ שפּיז, מען וויקלט אים איין אין אַ ספר־תורה און מען פאַרברענט אים לעבעדיקערהייט. נאַקעטע מיידלעך בינדט מען אָן מיט די צעפּ צו פערדישע ווײדלען און מען שלעפּט זיי אַרום איבער די גאַסן, שמייסנדיק זיי מיט בייטשן. דעם שוחט יעקב־צדוק קוילעט מען מיט זיין אייגענעם חלף; אַ געפּענטעטן אַזוי ווי אַ האָן שעכט מען אים אויף דער שוועל פון זיין אייגענעם הייזל און דאָס בלוט שפּריצט ביזן שטרויענעם דאַך.

די ביינער פון די דאָזיקע קדושים ליגן איצטער אַלע אין איינעם אין אַן איינגעפאַלענעם שטיבל אויפן כאַפּונער הייליקן אָרט.

״אוי, גאָטעניו, ביז וואַנען? ווי לאַנג נאָך וועסטו שטראָפן און פּייניקן?״

טרייסטן די נביאים אַזוי צו זאָגן: ״נחמו, נחמו! זיי געטרייסט, פאָלק ישראל, ס׳וועט באַלד קומען אַ סוף צו דיינע ליידן. גאָט האָט רחמנות געקראָגן אויף דיר, אַזוי ווי אַ פאָטער האָט רחמנות אויף זיין קינד, באַלד וועט ער אָוועקוואַרפן די רוט פון זיין שטראָף, וועט אומקערן זיין פּנים און וועט לייטזעליג ווערן צו דיר... הייב אויף אַ פּאָן צו די פעלקער פון דער ערד, טאָכטער פון ציון, דיין הילף איז שוין נאָענט. זאָל מער ניט געהערט ווערן קיין שטים פון געוויין און קיין קול פון געשריי! גאָט וועט דיר צוריקגעבן דיין אַרב אויף אייביק. ער וועט אַ נייעם בונד מאַכן מיט דיר און וועסט ווידער ווערן אַ זאַמען געבענטשט פון גאָט. מען וועט דיר מער ניט רופן ״די פאַר־לאָזענע״, נאָר ״די אויסדערוויילטע״ אַזוי ווי אין די פאַרגאַנגענע צייטן. וואָרעם גאָט וועט דיך צוריקברענגען צו דער שויס פון דיין ערד. דער וויסטער באַרג פון ציון וועט ווידער אויפגעריכט ווערן פאַר אַ הייליקע קרוין פון שיינקייט. ירושלים, די אלמנה, וועט אַראָפּ־וואַרפן פון זיך די שוואַרצע קליידער פון טרויער און וועט זיך איינ־הילן אין פרייד און אין לוסטיקייט.

״גאָט וועט באַשאַפן פון דיינעטוועגן אַ נייע ערד און נײַע הימלען. דו וועסט בויען הייזער און וועסט זיי באַוואוינען, וועסטו פלאַנצן וויינגערטנער און וועסט עסן פון זייערע פרוכטן. געבויגן וועלן קומען צו דיר די זין פון דיינע פּייניקער און בוקן וועלן זיך צו דיינע פוסטריט

אַלע דיינע לעסטערער. זיי געטרייסט, פּאָלק ישראל, באַלד וועט קומען דיין אמתער אויסלייזער, משיח דער גואַלבטער!"

"ווי לאַנג אָבער, גאָטעניו, וועסטו אונדז נאָך פּרואוון? ניטאָ מער קיין כוחות צו דולדן! אָט וואַנדערט דערוויייל אַרום דער מלך המשיח איבער דער וועלט פאַרשטעלט פאַר אַ בעטלער, אין שמאַטעס געקליידט, אין קייטן געשמידט און זיין לייב איז פול מיט וואונדן. ווען־זשע וועט ער נתגלה ווערן, ווען וועט ער קומען צו אונדז, דער זון פון דוד?"

— 4 —

עס הייבט זיך אָן דער לעצטער אַקט פון דער יום־כיפור דראַמע: גזר־דין,—דער אַנטגילטיקער אורטייל פונעם הימלשן טריבונאַל. די גאַנצע קהילה אין שול ווערט מיט אַמאָל פאַרכאַפּט פון עפּעס אַ וואונדערלעכן מאַסן־עקסטאַז. אַלע צעשאָקלען זיך, צעדאַוונען זיך און ברעכן אויס אין אַ הייס געוויין, אין אַ מין קאָלעקטיוון האַרצ־אויסגוס:

"**קדוש אתה**, דו הייליקער גאָט, וואָס ביסט אויפן הימל און
"פאַרנעמסט די לויב פון ישראל אויף דער ערד: נון ליבער
"גאָט, דו זיצסט אין פאַרבאָרגעניש, אָבער דיינע אויגן זעען
"אַלץ וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. הילף איז דיין קרוין,
"געבונג איז דיין קלייד, גערעכטיקייט איז דיין פאַרהוילונג,
"וואָרהאַפטיקייט אין דיין ראָט, פולקאָמקייט אין דיין ווערק!
"דו ביסט שטאַרק, דו ביסט פאָרכטיק, דו ביסט דערהויבן,
"דו ביסט אייביק, דו ביסט הייליק! **פתח לנו שער**, עפן אויף
"פאַר אונדז דעם טויער פון תפילה, וואָרעם באַלד וועלן די
"טויערן פון הימל פאַרשלאָסן ווערן. דער טאָג יום־כיפור גייט
"אַוועק, די זון גייט שוין אונטער. לאָז אַריין אונדזער געבעט
"אין דיין אַלערהעכסט אָרט, וואו עס זיינען די קאַמערן פון
"אמת, יושר און רחמים, וואו עס געפינען זיך די שפּייכלערס
"פון שלום און ברכה, וואו עס לעבן די ריינע נשמות וואָס זיינען
נאָך ניט אַראָפּגעקומען און די גערעכטע נשמות וואָס זיינען
"שוין צוריקגעקומען; וואו עס איז דער אייביקער קוואַל פון
"לעבן—דיין אייגענער כיסא־הכבוד. **אנא אל נא!** מיר בעטן
"דיך גאָט, פאַרטראָג אונדזערע זינד! פאַרגיב, זיי מוחל, זיי זיך

„מרחם, דערבאַרעם זיך אויף אונדז! זיי מכפּר אונדזערע עבירות,
„באַצווינג אונדזערע חטאים! זיבן מאָל בעטן מיר צו דיר גאָט,
„פֿאַר די זיבן טעג פֿון דער וואָך. מיט אונדזערע זיבן אברים
„טוען מיר בעטן: מיט אונדזערע מײַלער, מיט אונדזערע צינגער,
„מיט די הענט, מיט די פֿיס, מיט די אויערן, מיט די אויגן,
„מיט אונדזערע הערצער!"

אַזוי ווי אַ כוואַליע טראָגט זיך דורך דער שול אַ פֿאַרצוקטער געשריי: **שמע ישראל!**—הער צו ישראל, אונדזער גאָט איז דער איינציקער גאָט! יעדער פֿאַרמאַכט די אויגן, דריקט זיי צו פֿעסט מיט די הענט און מורמלט זיבן מאָל: **יי הוא האלהים!**—גאָט איז גאָט! די גאַנצע קהילה שטייט פֿאַרדבקהט און דער כוח־הדמיון טראָגט זיי אַוועק העט־העט ווײַט פֿון דער ערד. פֿאַר אַ ווײַל הערשט אין שול אַ טיפֿע שטילקייט, אָבער די ווײַלע ציט זיך אויס אַזוי ווי אַן אומענדלעכקייט.

פּלוצעם איז דער דאַך פֿון שול פֿאַרשוואונדן געוואָרן. די טונקלע בלײַענע וואָלקנס פֿון אויבן האָבן זיך געשפּאָלטן. מיט אַ מוראדיקן גערויש פֿון גרויסע וואַסערן, מיט אַ שרעקלעכן גערודער פֿון אַן ערד־ציטערניש האָבן זיך די טויערן פֿון די אייבערשטע געוועלבן אויפֿגעמאַכט און אַנטפּלעקט אַלע הימלשע ספֿערן: דעם הימל וואָס איז אַזוי ווי בלויער עטער, דעם הימל וואָס איז אַזוי ווי וואַסער, דעם הימל וואָס איז אַזוי ווי פֿײַער; דעם הימל וואָס איז אַזוי ווי אײַז, דעם הימל וואָס איז אַזוי ווי קריסטאַל, דעם הימל וואָס איז אַזוי ווי פּערל און טײַערע שטיינער, דעם הימל וואָס איז אַזוי ווי געלײַטערט גאָלד.

אַ בלענדנדע ליכט האָט זיך פֿון דאָרטן געגאָסן, די אויגן האָבן ניט געקענט פֿאַרטראָגן די שײַן. די לופֿט איז געוואָרן פֿול מיט אַ פֿלאַטערניש פֿון אומצאָליקע פֿליגלען. ס׳האָבן זיך דערהערט וואונדער־לעכע קולות, אַ הימלשער געזאַנג פֿון אַן אומבאַשרײַבלעכער זיסקייט. טויזנטער און אָבער־טויזנטער מלאכים האָבן אַרומגעשוועבט, — עס איז ניטאָ קיין צאָל צום אייבערשטנס חילות. מלאכים זײַנען אַרום־געפֿלויגן אַזוי ווי שטיקער פֿײַער און מלאכים אַזוי ווי בליצן; מלאכים וואָס זײַנען אויסגעמישט פֿון אײַז און פֿון פֿלאַם; מלאכים וואָס פֿינקלען אַזוי ווי געלײַטערט קופּער און מלאכים וואָס בלאַנקען אַזוי

ווי זילבער; מלאכים וואָס פליען אַזוי ווי שאַרפע פיילן און מלאכים וואָס טראָגן זיך אַזוי ווי אַ קלינג פון אַ שפּיז; ליכטיקע מלאכים וואָס ווערן באַנייט יעדן באַגינען; מלאכים ווי קלאָר־ווייסע טויבן; מלאכים מיט פיר פּנימער צו אַלע פיר זייטן פון הימל געריכטעט; מלאכים וואָס זיינען פול מיט אויגן; מלאכים וואָס זיינען גרויס ווי דער ים.

אָט אַלע די דאָזיקע מיליאָסן לויכטנדיקע פינקלדיקע הימלשע באַשעפענישן עפענען זייערע מיילער מיט לויב צום אייבערשטן, זאָגן צו גאָט שירה און רופן איינס צום אַנדערן מיט געזאַנג. מיט אַכפּער־קייט, מיט אַנגסט און מיט ציטערניש שטייען זיי פאַרן פּנים פון זייער באַשעפער. מיט צוויי פליגלען טוען זיי שוועבן, מיט צוויי פליגלען דעקן זיי צו זייערע פיס און מיט צוויי פליגלען פאַרדעקן זיי די פּנימער, כדי ניט פאַרבלענדט צו ווערן פון דעם זיו־השכינה וואָס שטראַלט אַרויס פון געטלעכן טראָן.

יעדער מלאך זאָגט שירה אויף זיין אייגענעם אופן. ווער עס זינגט זיין לויב־געזאַנג אין הייליקער שטילקייט און ווער עס וואַרקעט אַזוי ווי אַ טויב; ווער עס בוקט זיך און ווער עס קניט; ווער עס נייגט זיך און ווער עס פאַלט כורעים; ווער עס שפּרינגט און ווער עס טאַנצט פאַר פרייד. דורך אַלע אונטערשטע און אייבערשטע הימלען: דורך דעם הימל וואָס הייסט "וילון", און דעם הימל וואָס הייסט "רקיע", און דעם הימל וואָס הייסט "שחק"; דורך דעם הימל וואָס הייסט "זבול", און דעם הימל וואָס הייסט "מעון", און דעם הימל וואָס הייסט "מכון" און דורך דעם זיבעטן הימל "ערבות", וואו עס שטייט דער כסא־הכבוד פון הקדוש ברוך הוא, — דורך אַלע הימלען טראָגן זיך די וואונדערלעכע קולות: דאָס זיסע ברומען, דאָס זינגען, דאָס שאַלן, דאָס פייפן, דאָס שפּילן, דאָס רימען, דאָס לויבן פון די פלאַמענדיקע שרפים, פון די הייליקע כרובים און פון אַלע אַנדערע הימלשע מחנות. — ברוך, געלויבט איז די הערלעכקייט פון גאָט אויף זיין הויכן אָרט! און אַלע אין איינעם רופן אויס די מלאכים: קדוש! קדוש! קדוש! הייליק, הייליק, הייליק!

די הימלען שטייען אָפן און פון אַלע עקן פון דער וועלט פאַרנעמט זיך אַ געזאַנג צום כבוד פונעם אייבערשטן. די שטערן זינגען אין אַ מעכטיקן כאָר; די אינדן פון ים רופן גוואַלדיק זיין נאָמען; די הויכע

בערג און די ביימער פון וואַלד זינגען זיין לויב; די טייכן קלאַפּן מיט די הענט; די חיות פון דער ערד און די פייגל פון פעלד זינגען אַזוי ווי מיט פייפלעך; די גרויסע פיש פון די אָפּגרונטן רימען אַזוי ווי אויף כלי־זמר. אַלע באַשעפענישן עפענען זייערע מיילער מיט לויב צום הייליקן נאָמען פון גאָט.

הויך איבער אַלע באַשיינטע געוועלבן פון די הימלען זיצט דער וואָס איז שטאַרקער און פּאָרכטיקער, דערהויבענער און הייליקער פון אַלע צענדליקער־טויזנטער מלאכים, — זיצט דער באַשעפער פון אַלע וועלטן. אַלע אייבערשטע און אונטערשטע הימלען זיינען פול מיט זיין פּראַכט און די ערד איז זיין פוסבענקעלע. די שטראַלענדיקע שכינה רוט אויפן כסא־הכבוד. אויף אַן אָנבליק פון אַ טראָן וואָס האָט דעם אויסזען פון סאַפּירשטיין איז די דערשיינונג פון גאָטס גלאָריע אַזוי ווי דער אויסזען פון בורשטין, איינגעראַמט אין אַ וואונדערלעך פייער און אַרומגערינגלט מיט אַ הערלעכער שיין, אַזוי ווי די אויסזיכט פון אַ רעגנבויגן אין אַ וואָלקן אין אַ טאָג פון רעגן. די פייערדיקע מלאכי־השרת קרוינען דעם מלך מלכי המלכים און רופן איינער צום אַנדערן: קדוש! קדוש! קדוש!

אויף דער רעכטער זייט פונעם הייליקן טראָן שטייט דער ליכטיקער מלאך מיכאל, דער הויפּט־סניגור, אַרומגערינגלט מיט אַ גוואַלדיקער סוויטע מלאכים־פּאַרטיידיקער און זייערע פּנימער זיינען פול מיט באַרעמהאַרציקייט און לייטזעליקייט. אַרום זיי שוועבן לעגיאָנען מלאכים אַזוי ווי ווייסע טויבן: יעדער ייד האָט צווישן זיי זיין אייגענעם שר, „דעם מלאך דעם גוטן”. פון דער לינקער זייט שטייט דער שטן־המקטרג. שוואַרץ ווי אַ וואָלקן איז זיין פּנים און איז פול מיט קנאה און נקמה. לעבן אים איז די גאַנצע פינצטערע חברותא פון די מלאכי־חבלה. עס פלאַטערן זייערע שוואַרצע פליגלען אַזוי ווי די פליגלען פון רויב־פויגלען, דורכגעמישט מיט די פייערדיקע פליגלען פון די לינדווערעם, די קינדער פון דעם ״נחש־הקדמוני״, דעם אור־אַלטן פאַרפירער.

ביידע קעגנערס האָבן נאָר וואָס פאַרענדיקט זייערע טענות פאַרן בית־דין של מעלה. **מדת־הרחמים!**—די מאָס פון באַרעמהאַרציקייט! בעט מען פון דער רעכטער זייט. **מדת־הדין!**—די מאָס פון גערעכטיקייט!—

קייט! פּאַדערט מען פון דער לינקער זייט. דאַמאָלס וואַרטןביידע צדדים אין שטילשווייגעניש. דער ספר־הזכרונות מיט אַלע מענטשלעכע מעשים ליגט אָפן פאַרן אייבערשטן און אַ "קול דממה דקה", אַן אומבאַשרייבלעכער געטלעכער שטילקלאַנג דרינגט דורך אַלע וועלטן: **סלחתי כדבריך!** כ'האָב דיר פאַרגעבן, פאָלק ישראל!

אין אַ גרויסן שופר טוט מען בלאָזן און אַ בת־קול שרייט אויס פון הימל: **תשובה, תפלה וצדקה** זיינען מבטל די **גזירה!**

און דער מלך מלכי המלכים רעדט צו דער פאַרשטויסענער כנסת ישראל מיט אַ געטלעכער צערטלעכקייט, אַזוי ווי מען רעדט צו אַ פאַרבלאָנדזשעטער געליבטער פון דער יוגנט וואָס איז צוריק אַהיים געקומען; און ער בענטשט ישראל אַזוי צו זאָגן:

"**על ישראל**, אויף דיר ישראל איז מיין בענטשונג, אויף דיר
"ישראל איז מיין גלויבן; אויף דיר ישראל איז מיין הויכקייט,
"אויף דיר ישראל איז מיין שיינקייט; אויף דיר ישראל איז מיין
"ריינקייט, אויף דיר ישראל איז מיין דערבאַרעמקייט; אויף דיר
"ישראל איז מיין זיסקייט, אויף דיר ישראל איז מיין ליבשאַפט;
"אויף דיר ישראל איז מיין גערעכטיקייט, אויף דיר ישראל איז
"מיין הייליקייט, אויף דיר ישראל איז מיין אויסדערוויילונג."

עס הייבט זיך אָן דער אַפּאָטעאָז פון דער יום־כיפור דראַמע: עס ווערט אַנטפּלעקט דער פאַרבאָרגענער "קץ" פון דער גאולה. אַ שטורעם־ווינט הייבט זיך אויף מיט אַמאָל און אַ פייערדיקער רייט־וואָגן מיט פייערדיקע פערד טראָגן זיך דורך פון איין עק וועלט ביזן אַנדערן. אינעווייניק זיצט אליהו־הנביא און די צעווייעטע האָר פון זיין קאָפּ און זיין באָרד זעען אויס אַזוי ווי אַ זילבערנער וואָלקן. דאָס זיינען דער רייטוואָגן און דער רייטער פון ישראל, וואָס זאָגן אָן אַז דער גואל־צדק קומט באַלד אָן.

אין אַלע עקן פון דער וועלט טוט שאַלן דער שופר־של־משיח און די פעלקער פון דער וועלט פאַלן אויף זייערע פּנימער און אַ יובל־געשריי רייסט זיך אַרויס פון אַלעמענס העלדזער. טויזנטער און אָבער־טויזנטער זעלנער פון אַלע לענדער, פון אַלע חילות אויף דער וועלט, קערן זיך אום אַהיים מיט אַ פריידגעזאַנג. מען דאַרף זיך מער ניט לערנען מלחמה האַלטן. פון אַלע שמידרייען אויף דער

ערד קלינגט מונטער דאָס קול פון אייזן און פון שטאָל. דאָס שמידט מען איבער די שווערדן אויף אַקער־אייזנס און פון די שפּיזן האַמערט מען אויס צווייג־מעסערס. וואָרעם קיין פאָלק וועט מער ניט אויפהייבן אַ שווערד קעגן אַן אַנדער פאָלק.

אַ פאַרבאָרגענע האַנט הייבט אויף אַזוי ווי אַ פאָרהאַנג דעם ברעג פון הימל: ערגעץ אין דער בלענדיקער ליכט באַווייזט זיך אַ נייער הימל באַשיינט מיט אַ נייער זון. אונטערן הימל ליגט דאָס באַנייטע לאַנד פון ישראל. פון איין זייט שפּרייט זיך דאָרטן גוואַלדיק דער בלויער ים, פון די אַנדערע זייטן ליגן די לענדער פון די אומות־העולם און דער ווייטער מדבר. לעבעדיקע קוואַלן שלאָגן אין דער וויסטע, בלומען בליען אין די זאַמדן. אויף די גרינע פעלדער פאַשען זיך פרידלעך בערן און אָקסן; אין די שאָטנדיקע וועלדער ליגן גרויע וואָלפּיכעס און זייגן אַן געגרייזלטע שעפּעלעך; אויף די זוניקע פעלדזען שפּרינגען אַרום לוסטיק געפלעקטע לעמפּערטן און לעקן ווייסע ציגעלעך. קליינע קינדער שפּילן זיך ביי די נאָרעס פון שלאַנגען. לאַשטשענדיק פאַרפלעכטן די קריכנדיקע באַשעפענישן די קינדערשע לייבער מיט זייערע שופּיקע רינגען. יונגע פאַסטוכלעך פירן אַרום סטאַדעס פעטע רינדער, הירשן און יונגלייבן צו די קילע וואַסערן און שאַקאַלן פון מדבר לויפן זיי נאָך אַזוי ווי לעבעדיקע הינטלעך.

פון מיטן ארץ־ישראל שימערט אַרויס ירושלים מיט אירע ליכטיקע פּאַלאַצן פון מירמלשטיין, מיט אירע פינקלדיקע טורעם־שפּיצן באַזעצט מיט רויטע רובינען, מיט אירע בלויע גלימערדיקע גאַסן, אויסגע־פּלאַסטערט מיט סאַפירשטיינער, מיט אירע קריסטאַלענע פענצטער און דעכער. אויפן הר־הבית שטראַלט דער געטלעכער גאָלדענער בית־המקדש. אַלע טויערן פון שטאָט, לייכטנדיק מיט אַ רויטער שיין פון גאַרפינקלשטיינער, שטייען אָפן. אַלע וועגן און שטעגן אַרום ציון זיינען שוואַרץ פון מענטשן,—פּוסגייערס און רייטערס. דער ים איז פול מיט שיפן און אַלע ציען זיי קיין ארץ־ישראל. די ווייסע זעגל־שיפן זיינען אָנגעפילט מיט גאָלד, מיט זילבער און מיט טייערע סחורות; קאַראַוואַנען קעמלען זיינען באַלאָדן מיט געווירצן און מיט העלפאַנד־ביין; מוילאייזלען טראָגן לאָגלען מיט ווייַן און טייערע פּרוכטן; פאַסטוכער טרייבן גוואַלדיקע סטאַדעס שאָף און רינדער; כל מלכי

מזרח ומערב, אַלע גרויסע מלכים פֿון דער װעלט, מיט קרוינען אויף די קעפּ, רײַטנדיק אויף פּרעכטיקע פֿערד, פֿירן אין הײליקן לאַנד די רײַכסטע מתנות פֿון סאַמעט און זײַד, פֿון פּערל און אײדלשטײנער.

פֿון אומעטום, פֿון אַלע לענדער, פֿון אַלע ימען, פֿון אַלע אינדזלען שטראָמען צוריק פֿון גלות די צעזײטע און צעשפּרײטע, די פֿאַרטריבענע און פֿאַרװאָגלטע פֿונעם פֿאָלק ישׂראל. מיט געזאַנג און פֿרײדגעשרײען, מיט פּויקן און טרומפּײטן, מיט פֿאָנען און ספֿר־תּורהס באַלײטן די אומות־העולם די ײדן אַהײם. זײ ברענגען די רעשטלעך פֿון ישׂראל זײַן ליבן נאָמען פֿאַר אַ טײער געשאַנק. זײ פֿירן זײ אָפּ אויף זעגל־שיפֿן, אויף קאַטשן, אויף טראָג־װעגן, אויף פֿערד, אויף מױלאײזלען, אויף יאָג־קעמלען צום הײליקן באַרג ציון.

אָט באַװײזט זיך בײ די שײנענדיקע טױערן פֿון ירושלים די מאַיעסטעטישע פֿיגור פֿון אַן אײנזאַמען רײַטער. אויף אַ װײסן אײזל זיצט ער, אין װײַסע קלײדער אָנגעטאָן, מיט אַ קרוין אויפֿן קאָפּ און זײַן פּנים שטראַלט אַזױ װי די זון.

„געבענטשט איז דער נאָמען פֿון גאָט!“ שאַלן די מענטשן פֿון דער גאַנצער װעלט. „אַ ריטל איז אַרויס פֿונעם שטאַם פֿון דוד, אַ צװײַג האָט אַרויסגעשפּראָצט פֿון זײַנע װאָרצלען. אויף אים רוט דער גײַסט פֿון גאָט און צו אים טוען זיך אַלע אומות װענדן.“

— 5 —

דער עולם אין שול האָט אויפֿגעמאַכט די אויגן און די װאונדערלעכע זעאונג איז זיך צעגאַנגען אַזױ װי אַ ליכטיקער חלום.

משהלע דער רב האָט אָנגעהויבן זאָגן קדיש, ס׳איז שוין באַלד צײַט שופֿר בלאָזן. מענדל־קוצעלאַפּקע, דער כאַפּונער שענקער, אַ קלײן געפּאַקט ײדל, װאָס האָט די חזקה אויף שופֿר בלאָזן, שטעלט זיך אַװעק אויף דער באַנק מיט די קורצע פֿיסלעך אין די װײַסע שקאַרפּעטקעס און קוקט אַרויס דורכן פֿענצטער אין גאַס אַרײַן.

אַ גאַנצן טאָג האָט דער שלאַקס־רעגן געגאָסן אָן אַן אויפֿהער. אַ גאַנצע װאַנט אין שול איז דורכגענעצט געװאָרן; אין עזרת־נשים האָט גערונען פֿון סטעליע און אין פּאַליש איז געשטאַנען אַ גרויסע קאַלוזשע. פּלוצעם אָבער איז דער רעגן אַזױ װי אָפּגעהאַקט געװאָרן.

אַ ריס האָט זיך באַוויזן אין די שווערע וואָלקנס און ס׳האָט פון דאָרטן אַרויסגעקוקט אַן אויסגעווייקט שטערנדל, וואָס האָט אַזוי ווי גע־ציטערט פאַר קעלט.

״מותר לתקוע, מען מעג שוין בלאָזן!״ האָט מענדל אָנגעזאָגט די בשורה און זיך טאָקע באַלד אַ כאַפּ געטאָן צום שופר און האָט הילכיק אַ בלאָז געטאָן איין ״תקיעה״.

״לשנה הבאה בירושלים!״ האָט גאַנץ ק״ק כאַפּון אויסגע־שריען אין איין קול מיט גרויס באַגייסטערונג. „באַלד וועט משיח קומען אונדז אַלעמען אויסצולייזן פון גלות; ער וועט צונויפקלייבן די פאַרוואָגלטע שבטים פון ישראל, וועט מאַכן שיינען די ליכטער פאַרן פאָלק וואָס בלאָנדזשעט אין פינצטערניש און וועט באַלייכטן די טונקלקייט פון ציון. פאָטער אין הימל, באַניי אונדזערע טעג, גיב אונדז אַ יאָר פון פרידן.״

אָפּגעדאַוונט אויף גיך מעריב האָט דער עולם זיך אַ לאָז געטאָן פון שול אין צוויי שטראָמען,—די מענער פון אונטן, די ווייבער פון אויבן. אויסגעמאַטערטע, מיט שטראַלנדיקע פּנימער, האָבן זיי אויס־געזען אַזוי ווי באַפרייטע אַרעסטאַנטן און אַ פריידיקער מורמל האָט זיך אַרומגעטראָגן צווישן זיי. ״דערלעבט איבער אַ יאָר... אַ גוט קוויטל... אַ גמר חתימה טובה... גם אתם, גם אתם...״ אָבער אין פּאָליש ביים אַרויסגאַנג איז דער גאַנצער עולם פּלוצים געבליבן אַ געשטראַנדעטער; אַלע האָבן זיך צונויפגעדריקט אין אַ געדיכטע מאַסע און זיינען געשטאַנען אַזוי ווי פאַרשטיינערטע.

ס׳איז געוואָרן אַ בהלה און מיט אַמאָל האָט זיך כמעט אַ פּאַניש געשריי אַרויסגעריסן פון אַלעמענס העלדזער: די שול אויפן בערגל האָט אויסגעזען אַזוי ווי אַ קליינער אינדזל און אַרום און אַרום איז געלעגן דאָס פאַרפלייצטע שטעטל פונקט ווי אַן אָזיערע. כאַפּון איז געווען טויט און טונקל, קיין איין פייערל האָט ניט אַרויסגעלויכטן, קיין מענטשלעך קול האָט זיך פון דאָרטן ניט געהערט. פון אַ פּאָר הייזלעך וואָס זיינען געשטאַנען אין טאָל האָבן זיך נאָר די דעכער אַרויסגעזען. אויבן אויפן הימל האָבן זיך אַרומגעטראָגן שטיקער צעריסענע וואָלקנס, בייזע און פינצטערע, אַזוי ווי אַ רעשטל פון אַ גרויסן חיל וואָס האַלט אין אָפּטרעטן פון אַ שלאַכט.

„פּאַוואָליע, יידן!״ האָט משהלע דער רב אויסגעשריגן, „קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן אַ פוס אַרויסצושטעלן פון דאַנען, מען קען נאָך חלילה דערטרינקען ווערן.״

די ווייבער האָבן זיך צעיאָמערט, די וויינענדיקע קינדער האָבן זיך געטוליעט צו די מאַמעס קליידלעך, די צעטומלטע מענער האָבן זיך געשאַרט אַרום דעם רב אַזוי ווי שאָף אַרום אַ פּאַסטוך.

„שאַ, שטיל זאָל זיין!״ האָט דער רב באַפוילן, „מע באַדאַרף אויפזוכן דעם שבת־גוי, ער איז דער איינציקער וואָס קען אונדז איצטער ביישטיין אין אונדזער נויט״.

דאָ האָט דער עולם זיך דערמאָנט, אַז אין היינטיקן יום־כּיפּור האָט מען גאַוורילאָן גאָר פאַרגעסן צו פאַרשפּאַרן אין באָד. יעדן איינציקן האָט דאָס האַרץ געזאָגט, אַז עפּעס אַ קאַטאַסטראָפע האָט געמוזט פּאַרקומען אין כאַפּון. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן הערן פאַר־צווייפלטע געשרייען: „היי, גאַווריל‪אָ, וואו ביסטו אַהינגעקומען צו אַלדע גוטע יאַר? ברענג עפּעס עסן, מיר גייען אויס פאַר הונגער... גאַוורילאָ, דו לעבסט צי ביסט דערטרונקען געוואָרן? וואו אַהין ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן, דו חזירשער ביין? וואו פּאַפּסטו ערגעץ, דו טרייפענער שיכורניק? גאַוורילאָ, גאַוורילאָ! גוואַלד, גוואַלד, ראַטוי!...״

— אָבער גיי שריי חי־וקים! גאַוורילאָ היינט, גאַוורילאָ מאָרגן, — נאָר אַ ווידער־קול האָט הילכיק אָפּגעשאַלט אין שטעטל.

מיט אַמאָל איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע. „גוואַלד יידן, מענדעליכע חלשט! חייקל, חייקל, ריר זיך, זי איז פאַרביי.״ חייקל־רופא, אַ לעבעדיק יידל, וואָס הינטער די אויגן רופט מען אים געוויינלעך חייקע־רופא, וואָרום קיין באָרד וואַקסט אים ניט, איז צוגעלאָפן צו דער יידענע מיט דריבנע טריטעלעך און האָט איר אָנגעשטאָפּט אַ פולע נאָז מיט טאַבעקע פון זיין טאַוולינקע. חייקל פלעגט צומישן אַ ביסל סאַלאַמיאַק צו זיין שמעק־טאַבאַק און דאָס נוצן פאַר חלשות־טראָפּנס.

„געוויס פון הונגער געחלשט!״ האָט דער עולם געמורמלט. דאָ האָט מענדעליכע, אַ יידענע אַ קורצינקע און אַ פּעטינקע, אַן עפּן

געטאָן די אייגעלעך, פאַרוואָרפן דאָס קעפּעלע און האָט אָנגעהויבן ניסן.

"פּאַוואָליע, רבותי, ניט געכאַפּט!", האָט דער רופא אויסגעשריען, זיך איבערגעבויגן איבער דער יידענע און גענומען שיטן טאַבאַק אויף איר האַלדז. באַלד האָט ער אַראָפּגענומען פון דאָרטן עפּעס אַזוינס וואָס האָט אויסגעזען אַזוי ווי אַ בלויע זאַפטיקע פלוים: דאָס איז געווען אַ פּיאַווקע אָנגעזויגן מיט בלוט.

חייקלס ווייבערש פּנים האָט זיך צעגאָסן אין אַ טוץ שמייכעלעך־קנייטשעלעך. "אַזאַ שעלמע, ליגט זיך איינגענורעט אונטערן גוידערל און זויגט זיך אָן אַזוי ווי אַן עופהלע. טאַקע פאַרבלאָנדזשעט יום כיפור אין אַ מקום־קדוש, אָבער פון תעניתים פאַסטן האַלט זי ניט. דאָס האָט איר זי, רב חיים, מסתמא פאַרשלעפּט אין שענק אַריין מיט אייערע בעבעכעס. זי איז אַן אדומל, איז זי, אַ פּאַנסקאַ־מאַהילער פּיאַווקע. איך דערקען זי פונעם רויטן שטרייפל אויף איר בייכל."

"רבי, וואָס טוט מען, וואָס הייבט מען אָן צו טאָן?" האָבן זיך דערהערט יאושדיקע קולות. "מע קען דאָך דאָ חס וחלילה אויסגיין פאַר הונגער."

"פּע יידן, פּע!" האָט זיך דער רב אָנגערופן מיט האַרץ, "ערשט איבערגעקומען אַזאַ יום־הדין, אָנגעזאָגט זיך מיט תפילות אַזוי ווי אַ פּויק, און איצטער רק געטראַכט פון דער קישקע."

"וואָס רעדט איר רבי, גאָט איז מיט אייך!" האָבן אויפגערעגטע שטימען אָנגעהויבן פּראָטעסטירן, "סע גייט דאָך שוין דער אַנדערער מעת־לעת זינט מיר האָבן געהאַט אַ קאַפּ וואַסער אין מויל. היינט וואָס וועט זיין מיט די קינדער און מיט די אַלטע לייט? זיי קענען דאָך חלילה פאַרשלאָפט ווערן. ווײ געשריגן, וואָס פאַר אַ קוויטל מיר האָבן זיך דאָס הײ־יאָר אויסגעבעטן! מי ברעב ומי בצמא—ווער ס'וועט אומקומען פון הונגער און ווער פון דאָרשט... רבי, איר מוזט עפּעס טאָן, איר מוזט העלפן, רבי!"

משהלע דער רב, אַ ייד אַ כעסן, האָט זיך צעבייזערט: "הערט איר יידן, כ'הייס טאַקע משה און כ'בין אַ רב און אין דער היים האָב איך אַ יאַמשענעם שטעקן. אָבער משה־רבנו בין איך ניט, דעם ים שפּאַלטן קען איך ניט און קיין מן אַראָפּברענגען פאַר אייך פון הימל

בין איך ניט בכוח. לאָמיר אָפּוואַרטן ביז מאָרגן, פון הונגער שטאַרבט מען ניט. גאָט וואָס שפּייזט אַ ווערעמל אונטער אַ שטיין וועט אונדז אויך ניט פאַרלאָזן".

"שאַט יידן, שטיל זאָל זיין!" האָט זיך פּלוצעם דערהערט אַ הייזעריקע שטים ערגעץ פון דער הויך, "דער אייבערשטער האָט אייך שוין צוגעשיקט דעם שפּייזער."

שווערע לאַנגזאַמע טריט האָבן זיך דערטראָגן; פון אייבערשטיבל האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אַ משונהדיק באַשעפעניש געבויגן אין דרייען אונטער דער שווערער לאַסט פון צוויי זעק. דער נפש איז אַרונטערגעקומען אַ פּאַרסאַפּעטער, האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיךביידע פּעק און פאַר די אויגן פון דער גאַנצער עדה יידן איז געשטאַנען יאַשקע־קעמל, אַ ייד אַ קאַליקע וואָס גייט אַרום איבער די הייזער תמיד מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס. צוויי הויקערס האָט יאַשקע פאַרמאָגט, איינעם פון פאָרנט דעם אַנדערן פון הינטן. יעדע כאַפּונער בעל־הביתטע פלעגט יעדן פרייטיק אויסבאַקן אַ בולקע פאַר יאַשקען.

אַט שטייט ער איצטער פאַרן כאַפּונער קהל אין אַ צעריסענעם קיטל פאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק, די באַרוועסע פיס אַרומגעוויקלט מיט פויערשע אָנעטשעס, דאָס פּנים פאַרוואָקסען אַזוי ווי מיט קלאָטשע. אָבער די צוויי רויטע אייגעלעך אָן וויעס זיינען אַרומגעלאָפן פלינק און פריילעך און האָבן געפינטלט לצנותדיק. פאַר אַ ווײַלע האָט ער באַטראַכט דעם עולם נייגעריק, זיך געריבן אַ האַנט אין אַ האַנט און זיין איינגעפאַלן מויל אָן אַ איינציקן צאָן האָט זיך אויסגעצויגן אין אַ ברייטן שמייכל. דער הויקער איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ געלעכטער מיט אַ מאָדנעם כליפּ.

"גוואַלד יידן, מען קען פּלאַצן, מען קען קראַפּירן פאַר וואוילטאָג. יידן, ווינטשט מיר אַ מזלדיק יאָר, כ'בין אויפגעריכט געוואָרן, דער אייבערשטער האָט מיר באַשערט אַ גוטן קוויטל."

די כאַפּונער האָבן אים אָנגעקוקט אַזוי ווי אַ בייז וואונדער. "יאַשקע־טיפּש, מאַכסטו חוזק פון אונדז אָדער ביסט פון זינען אַראָפּ?"

יאַשקע־קעמל האָט אַזש אָנגעהויבן טאַנצן פאַר פרייד. "ניין, ניין יידן, כ'בין קלאָר ווי דער טאָג. אָבער גאָט האָט מיך מזכה געווען

מיט אַ כתיבה וחתימה טובה. וואָרעם וואָס בין איך געווען ביז איצט אין כאַפּון? אַ הונט וואָס קלייבט ברעקלעך פון אונטער די טישן. איר זיינט געווען חשוב ווי דער קאָפּ און איך בין געווען שפּל ווי דער עק, פּונקט ווי עס שטייט אין דער תפילה וואָס מיר האָבן היינט געזאָגט: ׳איך בין געווען דאָרשטיק און קיינער האָט מיך ניט געמאַכט טרינקען; איך בין געווען פאַרחלשט און קיינער האָט מיך ניט דערקוויקט. איך בין געווען טמא און קיינער האָט מיך ניט מטהר געווען; איך בין געווען פאַרשעמט און קיינער האָט מיך ניט מכבד געווען.׳ אָבער היינט האָט מיך דער אייבערשטער דערהויבן. יידן, אַלע יאָרן בין איך געווען אַן אורח ביי פרעמדע טישן, אַצונד אָבער וועט גאַנץ ק״ק כאַפּון זיין אַן אורח ביי מיין טיש... יידן!״ האָט יאַשקע אויסגעשריען פייערלעך, ״אני יוסף־חיים בן אריה־לייב בין מקיים די מצוה פון הכנסת־אורחים. איך פאַרבעט גאַנץ שטאָט צו מיין מאָלצייט אָפּצו־פאַסטן נאָכן הייליקן תענית.״

מיט די דאָזיקע רייד האָט יאַשקע־קעמל אויסגעליידיקט די זעק, וואָס זיינען געווען פול מיט חלות אויפן גרויסן שולחן פון שול. דאָרטן זיינען געווען אַ פּאָר טוץ פרישע בולקעלעך און אוודאי אַ מאה אַלט־געבאַקענע חלות. אַ סך פון זיי האָבן אויסגעזען אַזוי ווי מייז וואָלטן זיי אויסגעפרעסן, וואָרעם יאַשקע וואָס האָט ניט געקענט גוט קייען האָט געהאַט אַ טבע אויסצוקאָלופּען דאָס ווייכע פון אינעווייניק.

״דעם דאָזיקן כאַרטש האָב איך באַהאַלטן אין שול,״ האָט יאַשקע דערקלערט, ״טאַקע געהאַלטן פאַר אַן עת־צרה. פון באַלד נאָך פּסח אָן האָב איך אָנגעהויבן קלייבן, פּונקט ווי אַ וועווערקע וואָס קלייבט ניסלעך.״

מען האָט אַריינגעקאַטשעט די דייזשע רעגן־וואַסער וואָס איז געשטאַנען אונטער דער רינווע לעבן פּאַליש, מען האָט צונויפגערוקט די בענק, צונויפגעשטעלט די טישן און די סטענדערס, זיך געוואַשן און גאַנץ כאַפּון האָט זיך געזעצט פאַרוואָן די סעודת־ציבור. אויבן אָן פון איין זייט איז געזעסן משהלע דער רב, פון דער אַנדערער זייט—יאַשקע־קעמל. די חלות האָט מען צעשניטן אין פענעצלעך: די פרישע פאַר די קינדער און די אַלטע לייט, די אַלט־געבאַקענע—פאַר די דער־

וואַקסענע. די גרויסע קופּערנע שול־קוואָרט, וואָס די ייִנגלעך רופן זי "צאַפּ", וואָרעם זי זעט אויס אַזוי ווי אַ באָק מיט הערנער, האָט אָנ־געהויבן אַרומגיין פון האַנט צו האַנט. יידן האָבן געווייקט דאַרע חלה אין רעגן־וואַסער און דערקוויקט די פאַרחלשטע הערצער.

משהלע דער רב האָט אויפגעגעסן אַ כזיתל, האָט לויז געמאַכט דעם גאַרטל, אָפּגעשפּיליעט די קאַפּאָטע און מחילה אַ גרעבץ געטאָן.

"געלויבט השם יתברך, אָפּגעפּאַסט!... פּ־פּע, סע שפּאַרט אונטערן לעפּעלע... רבותי, מיר וועלן בענטשן..."

פערטער קאַפּיטל

די געצעלטן פון יעקב

— 1 —

ווידער אַמאָל האָבן די כּאַפּונער יידן פאַרבראַכט אַן אומרואיקע נאַכט אין שול. אַ סך האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער פּאָדלאָגע אין אַ שווערן דרימל. אַנדערע זיינען געלעגן צונויפגעקאָרטשעטע אויף די הוילע בענק. די קינדער האָבן קאַלאַצעט, די ווייבער האָבן שטילער־הייט געכליפּעט, די קראַנקע האָבן געקרעכצט, די אַלטע לייט האָבן אומעטיק געמורמלט תהלים. אַ פּאָר ליכט האָבן נאָך געצאַנקט און גערייכערט. די לופט איז געווען אַזוי געדיכט—כאָטש שנייד מיט אַ מעסער. אין דרויסן איז נאָך געווען גרוי ווען משהלע דער רב האָט זיך אויפגעהויבן שטילערהייט, אַרויסגעשאַרט פון הינטערן אויוון אַ פּאָר אַלטע שקראַבעס, וואָס האָבן געהערט צום שמש און איז אַרויס אויפן שול־הויף. דאָרטן האָט ער זיך אָפּגעבאָברעט אַ גוטע שעה אויפן זייגער און איז צוריקגעקומען אַ פאַרדריפּטער ביזן גאַרטל, אָבער זיין פּנים האָט געשיינט פון צופרידנקייט. דאָס האָט דער רב זיך עוסק געווען אין דער מצוה פון סוכה. פיר שטאַנגען, אַ סקעלעט פון אַ סוכה, האָט ער אויפגעבויט אין דער בלאָטע.

דער טאָג איז געווען אַ כמורנער, אַ האַרבסטיקער. פון די כּאַפּונער בלאָטעס האָבן זיך געטראָגן מאָדנע גערוישן: אַ זשומען, אַ פּייפן, אַ פּישטשען, אַ קרעכצן, אַ מורמלען, אַ קראַקען, אַ קוואַקען. זעט אויס אַז יעדע בריאה וואָס לעבט דאָרט אין די קוסטעס, אין די גראָזן, אין די ערד־לעכער און וואָס ווידמענט זיך טיף אין אָפּגרונט, איז אַרויסגעקראָכן פון איר נעסט און איז זיך פאַרגאַנגען אויף איר אייגענעם שטייגער.

נאָכן דאַווענען האָט זיך דער עולם אַריינגעשטופּט אין פּאַליש. דאָס וואַסער איז איבער נאַכט שטאַרק אָפּגעפאַלן, אָבער ס׳האָט נאָך אַלץ געגלאַנצט איבער די געסלעך פון די קאַלוזשעס. דער מאַרק־פּלאַץ האָט אויסגעזען אַזוי ווי אַ סאַזשלקע און האָט אָפּגעשפּיגלט אַ גרויען

פּאַרוואָלקנטן הימל. די דריבנע קאַפּונקע איז אַרויס פון די ברעגן, האָט זיך צעגאָסן אַזוי ווי אַן אמתער טייך און פאַרפלייצט דעם גאַנצן טאָל. פון בית־עולם האָט זיך אַרויסגעזען נאָר דער אוהל פון די קדושי־ת״ח.

״קוקט, קוקט!״ האָט דער עולם אויסגעשריגן און גענומען טייטן מיט די פינגער צו דער באָד צו, וואָס איז געווען האַלב פאַרזונקען אין וואַסער. פון גאַווריליאָס כאַטע האָט זיך אַרויסגעזען נאָר דער שטרויענער דאַך.

״אוי וויי!״ האָבן זיך דערהערט אויפגערעגטע שטימען, ״גאַווריליאָ איז מסתמא דערטרונקען געוואָרן. גוואַלד יידן, מע דאַרף אים גיין ראַטעווען.״

״צו שפּעט!״ האָבן אַנדערע געענטפערט, ״פאַרפאַלן, קאַפּוט מיט גאַווריליאָן!״

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָכן, אַ זיפצן, אַ קרעכצן. ״נעבעך, אַ גוי געווען אַ דימענט, אַ מענטש אָן אַ גאַל, איבערגעגעבן אַזוי ווי אַ הונט און ערלעך ווי דער טאָג! היינט זיין געניטקייט אין אידיש־קייט—אַ מדינה אויסצופאָרן.״

״אַ כשרע נשמה געווען דער ערל!״ האָט משהלע דער רב מיט באַדויערן געשאָקלט מיטן קאָפּ. ״די גמרא זאָגט, אַז פאַר די חסידי אומות העולם איז אויך אָנגעגרייט אַ חלק עולם הבא. טאָ זאָל ער האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן״.

״רבי, וואָס־זשע טוט מען איצטער?״ האָבן זיך די כאַפּונער אַנגסטלעך גענומען שאַרן אַרום דעם רב, ״וואָס זאָל זיין דער פּלאַן?״

״אונדזער שול איז געגליכנט צו דער תיבה באַלד נאָכן מבול,״ האָט רב משהלע פאַרקנייטשט די געדיכטע ברעמען און זיך פאַר־קלערטערהייט געגלעט די באָרד, ״מען וואָלט באַדאַרפט אַרויסשיקן אַ טויב אויסצופאָרשן אויף ווי ווייט די וואַסערן זיינען אָפּגעפאַלן פון דער ערד.״

״מי ומי ההולכים?״ האָט מענדל־קוצלאַפּקע אַ פרעג געטאָן סאַרקאַסטיש. ״ווער וועלן זיין די גייערס? פון פליערס איז דאָך שוין אָפּגערעדט.״

״איך וועל זיין די טויב, רבי!״ האָט זיך פּלוצעם דערהערט יונה

קרומע־ביינעס קול. ״איך וועל גיין אויספאָרשן וואָס עס טוט זיך אין כאַפּון.״ מיט די דאָזיקע ווערטער האָט דער פישער פלינק אויס־געטאָן שיך און זאָקן, האָט פאַרשטעקט די קאַפּאָטע, פאַרקאַטשעט די הויזן איבער די קני און איז אַריינגעשפּרונגען אין קאַלוזשע מיט גרויס קוראַזש. ״ניט געזאָרגט יידן!״ האָט ער אויסגעשריגן, ״גאָט איז אַ פאָטער און פאַר וואַסער האָב איך קיין מורא ניט. ראשית בין איך אַליין אַ שטיקל וואַסער־מענטש, שנית טאָמער חלילה האַלט איך אין דערטרינקען ווערן, וועל איך טאָן וואָס דער זיידע־יונה האָט געטאָן: כ׳וועל זיך לאָזן איינשלינגען פון אַ פיש.״

יונה איז נעלם געוואָרן און דער גאַנצער עולם איז געבליבן שטיין אין גרויס שפּאַנונג, האָט זיך אויסגעקוקט די אויגן און געוואַרט מיט פאַרקלעמטע הערצער. ס׳איז אַריבער אַ גוטע שעה אויפן זייגער, פּלוצעם האָט זיך דערהערט אַ כליאַפּען אין בלאָטע. צו אַלעמענס וואונדער האָט זיך יונה באַוויזן רייטנדיק אויף חיים דעם טאָרף־יידס ווייסער שקאַפּע. ער האָט געבראַכט אַ ווייטע און פינצטערע בשורה: גאַנץ כאַפּון איז פאַרפלייצט, די גאַסן זענען טאַקע אויס אַזוי ווי נאָך אַ מבול. אומעטום טראָגן זיך אַרום הילצערנע כלים, צעבערס, עמערס, באַקדייזשעס, בעזעמער, לאָפּאַטעס, לאָקשן־ברעטלעך, שיך און פאַנ־טאָפל. אַלע הייזער זענען אויס אַזוי ווי היישעריקן וואָלטן זיי באַפאַלן. די פּוסטע אויוונס שטייען אָן זאָסלענקעס, די שאַפעס און קרעדענצלעך זיינען אויסגעליידיקט, די שפּייז־קאַמערן זיינען אויסגערוימט פון יעדן ברעקל חמץ, פונקט ווי פאַר פּסח.

אין שטאַל אויף מענדלס הויף שטייען דריי פערד־און־וועגעלעך און אינעווייניק אין שענק זעט אויס אַזוי ווי נאָך אַן ערדציטערניש: די פענצטער זיינען אויסגעזעצט, די כלים צעקלאַפּט, די פלעשער צעבראָכן, די בענקלעך צעהאַקט. אַלע וויין־און ספּירט־פעסער זיינען פּוסט, קיין טראָפּן משקה איז אין זיי ניט פאַרבליבן. און אומעטום אויף די דילן, אויף די בענק, אויף די פעסער, — אויבן אין שענק און אונטן אין קעלער, — וואַלגערן זיך ווי חזירים און כראָפּען טויט שיכורע פּויערים און פּויערטעס, שיקסעס און שקצים. צווישן אָט דער דאָזיקער פריטשמעליעטער חברה ליגט אויך שטייף אַזוי ווי אַ קלאָץ דער שומר פון כאַפּון—גאַוורילאָ שבת־גוי.

גרויס איז געווען דער גרימצאָרן פֿון כאַפּונער קהל אויף די אומ־געבעטענע געסט. דערהויפּט האָט מען געברענט אויף גאַווריילאָן. אַ שיינע חתונה האָט זיך אָפּגעשפּילט אין כאַפּון אין זייער אייגענע קאָץ איז דער סאַרווער געווען! משהלע דער רב האָט אַ טיפֿן קרעכץ געטאָן. "אוי נאַ מענע און גוי נאַ מענע! גיי פֿאַרלאָז זיך אויף גויאישע נאמנות."

"אַז עס גייען אַוועק די פּני־העיר, קומען אָן די פּיאַני־העיר!" האָט זיך חייקל־רופֿא געוויצלט.

די קוצלאַפּקעס, מענדל און מענדעליכע, זיינען געוואָרן טויט ווי די וואַנט. ביידע לייבלעכע שוועסטער־קינדער, זיינען זיי געווען געראָטן איינער אין דער אַנדערער אַזוי ווי אַ פּאָר קוילעטשן. ביידע ווייסינקע און פּוכלינקע; ער מיט אַ פּעמפּיק—זי מיט אַ פּעמפּיק, ער מיט צוויי גוידערלעך—זי מיט צוויי גוידערלעך; ער אַ יאַדעשלעווער—זי, אַ יאַדעשלעווע; ער מיט קורצע הענטלעך און קורצע פּיסלעך—זי מיט קורצע הענטלעך און קורצע פּיסלעך.

"אוי, אַ בראָך אויף מיר!" האָט מענדל פֿאַרבראָכן די הענטלעך. "אוי, אַ קלאָג אויף מיר!" האָט מענדעליכע פֿאַרבראָכן אירע הענטלעך. "רואינירט זיינען מיר, בדיל־הדל געוואָרן!" האָט מענדל געשריען. "חרוב געוואָרן!" האָט מענדעליכע נאָכגעשריען. "איבער די הייזער וועלן מיר מוזן גיין. טאָרבעס וועלן מיר דאַרפֿן אַנטאָן!" האָבן ביידע געכליפּעט.

"שאַ, שטיל זאָל זיין!" האָט זיך משהלע דער רב צעבייזערט. "וואָס פֿאַר אַ קלאָגעניש אויף אייך? ס'איז דען אייערע אייגענע צרה, ס'איז דאָך צרת־רבים. מען דאַרף זיך בעסער דערטראַכטן צו עפּעס אַן עצה, געפֿינען עפּעס אַן אויסוועג."

מיט אַמאָל איז דער שענקער געוואָרן מאָדנע רואיק. אַ פֿייערל פֿון נקמה האָט זיך אָנגעצונדן אין זיינע אייגעלעך. מענדל איז בטבע געווען אַ קלוג דורכגעטריבן יידל.

"איך האָב אַ פּלאַן יידן," האָט ער אויסגערופֿן, "אי מיר וועלן מיט די גזלנים בלק לערנען, אי מיר וועלן פּטור ווערן פֿון זיי. ראשית דאַרף מען זיי נעמען געפֿאַנגען."

"ווי אַזוי למשל ווּעסטו זיי נעמען געפֿאַנגען?" איז דער עולם געוואָרן טשיקאַווע.

"מיר וועלן אַרויסשיקן מרגלים און פֿאַרכאַפּן זייערע פֿערדלעך."

"הערט איר, ס'איז טאַקע אַן איינפֿאַל!" האָבן די כאַפּונער צו־געגעבן. "נו, וואָס וועט זיין דערנאָך?"

"דערנאָך וועלן מיר זיי אַרויסיאָגן אַזוי ווי פֿאַרסמטע מייז פֿון די לעכער," האָט דער שענקער אויסגעשריען אין נצחון, "מיר וועלן זיי אָפּטובלען מיט עטלעכע עמערלעך קאַלט־וואַסער וועלן זיי זיך אויסטשוכען די באַנדיטן, די היידאַמאַקעס, דער שלאַק זאָל זיי טרעפֿן!"

"איי גוט, איי גוט!" האָט דער עולם אָנגעקוואָלן, "אַן המצאה פֿון אַ שענקער!"

— 2 —

גערעדט און געטאָן. דער פּישער האָט אַראָפּגעבראַכט אַ פּאָר פֿערדלעך פֿון שטאָט און באַלד האָט זיך צונויפֿגעשטעלט די יידישע קאַוואַלעריע. פֿון פֿאָרנט איז געווען דער קאָמאַנדיר אַליין יונה קרומע־ביינע אויף חיימס ווייסער שקאַפּע. נאָך אים איז געפֿאָרן רייטנ־דיק אויף אַ הויכער קאַשטאַנקע מיט איינגעפֿאַלענע באָקעס "יעקבס־לייטער", דער כאַפּונער בעל־עגלה. אַז ער איז טאַקע געווען אַזוי הויך ווי יעקב־אבינוס לייטער, איז געוויס אַ גוזמא, אָבער העכער פֿון אים איז קיינער ניט געווען אין כאַפּון. "הינדעלע מיט די נעגעלעך", דעם בעל־עגלהס ווייבל, וואָס האָט געהאַט אַ טבע צו רייסן ביי יאַנקלען די באָרד, האָט צו אים געמוזט צושטעלן אַ בענקעלע,—אַזוי האָט מען זיך אין כאַפּון געשוואָרן; און דער בעל־עגלה אַליין פֿלעגט שטענדיק אַרומגיין מיט אַ גוליע אויפֿן שפּיץ קאָפּ פֿון אָנשלאָגן זיך אין די באַלקנס פֿון זיין סטעליע.

גאָר פֿון הינטן איז נאָכגעריטן אויף אַ ריאַבער קליאַטשע דער דריטער וועלכניאַק "נח ריח־ניחוח" דער גאַרבאַרניק. פֿון אים האָט זיך תמיד געטראָגן אַזאַ האַרבער ריח, אַז מען האָט געקענט פֿאַר־טשאַדעט ווערן. אַ ייד וואָס האָט היינטיקן יום־כיפּור געדאַווענט לעבן אים איז געפֿאַלן חלשות. נחס קליאַטשע,—אַ זקנה מיט אַ בעלמע

אויף איין אויג און מיט אַ פליך אויפן קאָפּ,—האָט קוים געפּלאָנטערט מיט די פיס, וואָרעם אויפן בויך האָט זיך ביי איר געבאָמבלט אַ קילע אַזוי ווי אַ קאַווענע די גרויס. דער גאַרבאַרניק האָט איר אָקאָרשט פאַר יום־טוב איינגעהאַנדלט ביי אַ ציגיינער און האָט קיין צייט ניט געהאַט זי אָפּצושינדן.

קודם־כל האָבן די רייטערס אַראָפּגעבראַכט די פאַרכאַפּטע פויערשע פערדלעך,—קליינע, ברוינע, קאַלטענעוואַטע, מיט אַזוינע פאַרוואַקסענע גריוועס, אַז מען האָט קיין אויגן ניט אַרויסגעזען. דער־נאָך האָט מען זיך אַוועקגעלאָזט צום שטאָט־ברונעם אויפן מאַרק־פּלאַץ מקיים־פּסק זיין וואָס קהל האָט געבאָטן. די דריי שלוחים האָבן גע־אַרבעט אין אַ קייט, אַזוי ווי אויף אַ שרפה. „נח ריח־ניחוח״ האָט געשעפּט דאָס וואַסער פון ברונעם מיט אַן עמער. „יעקבס־לייטער״ האָט דעם פולן עמער אָפּגעטראָגן צו יונהן און דער פישער האָט דאָס וואַסער אַריינגעגאָסן אינעווייניק אין שענק אַריין דורך דער טיר און דורך די פענצטער.

יונה האָט געגאָסן מיט גרויס אימפּעט איבער טישן, איבער בענק, האָט געפּליוכעט אויפן דיל, געשפּריצט גלייך אין קעלער אַריין, וואו נאָר אַ שלאָפנדיקער שנאָרכנדיקער גוף פון אַ פויער אָדער אַ פויערטע האָט זיך געוואַלגערט. די סצענע האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר די אויגן פון גאַנץ ק״ק כאָפּון, וואָס איז געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ אין פּאָליש, אויפן שול־הויף און אינעווייניק אין שול, צוגעקלעפּט צו די שויבן אַזוי ווי פליגן, צוקוקנדיק זיך מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם צו דער מערק־ווערדיקער עקזעקוציע.

ס׳האָט ניט גענומען לאַנג און די פאַרשלאָפענע פויערים האָבן אָנגעהויבן אַרויסשפּרינגען פון שענק ניט טויט ניט לעבעדיק, שטראָ־מענדיק פון וואַסער, פירקענדיק מיט די נעזער אַזוי ווי נאַסע הינט, זידלענדיק זיך מיט טויטע קללות, גלאָצנדיק מיט די אויגן און ממש ניט וויסנדיק אויף וואָס פאַר אַ וועלט זיי זיינען.

„באַנדיטן!״ האָבן די אויפגערעגטע יידן גענומען שרייען מיט באַנומענע קולות און האָבן געפאָכעט מיט די פויסטן, דערזעענדיק די שיינע קאָמפּאַניע, „גזלנים, איר האָט אונדז באַראַבעוועט! זשלאָבעס, קאַטערזשאַנעס, בורלאַקעס, אַ פּאַהיבעל אויף אייך!״

דערהערט אַזאַ שיין קבלת־פּנים, האָבן די פּויערים זיך אָנגעהויבן אויסטשוכען. דער שיכורער רויך האָט געגומען אויסוועפּן פון די פאַרנעפּלטע קעפּ. ביסלעכווייז האָבן זיי זיך דערמאָנט אין דער ווילדער הוליאַנקע און זיינען שטאַרק פאַרשעמט געוואָרן.

״נישקאָשע יידן, האָט קיין זאָרג ניט, מיר וועלן באַצאָלן!״ האָבן די פּויערים געפּלאָנטערט מיט די שווערע צינגער און זיינען געשטאַנען אַזוי ווי אָפּגעשמיסענע, זיך געקראַצט די פּאָטילניצעס אין גרויס פאַרלעגנהייט. ״דאגהט גאָר ניט, מיר וועלן באַצאָלן פאַרן גאַנצן היזק, אַקוראַט ביז אַ קאָפּיקע, ווי עס באַדאַרף צו זיין!״ מיט די דאָזיקע ווערטער האָבן זיי גענומען שלעפּן די לעדערנע בייטלען פון די פּאַזוכעס און פון די כאַליעוועס. ״מיר זיינען ניט קיין גנבים, חלילה. מיר זיינען אָרענטלעכע בעלי־בתים. מחותנים זיינען מיר, אַ וועסיליע געפּראַוועט און קיין האָרליקאַ האָט ניט געסטייעט. האָט גאָר קיין עגמת־נפש ניט, יידלעך!״

די כאַפּונער יידן האָבן כמעט אָנגעהויבן היילן פאַר צאָרן.

״וואָס וואַרפט איר זיך מיט אייער געלט, קדחת זאָל אייך וואַרפן! איר האָט אויסגעראַמט יעדע סקאָרינקע אין כאַפּון און מיר פּעכגען איצט פון הונגער. אפשר זאָלן מיר אייער געלט פרעסן, איר הינטישע זין? אַ רוח אין אייער טאַטנס טאַטן אַריין!״

״שאַ־שאַ!״ האָט מענדל שענקער הילכיק אַ פּליעסקע געטאָן מיט די הענטלעך, כדי אַלע זאָלן אים הערן און האָט אָנגעהויבן שרייען אויף זיין אייבער־קול. ״שטיל זאָל זיין, לאָזט מיך קאָמאַנ־דעווען! איר וועט טאָקע פּויערלעך פאַר אַלץ באַצאָלן אַזוי ווי טאַטע־לעך. טילקאָ צו אַלער־ערשט מוזט איר אונדז אַריבערפּעקלען פון שול אין אונדזערע הייזער און דערנאָך וועט איר מאַכן אַ שטיקל פּאַראַנדעק אין שטעטל. און דו שנאַפּס־קאַפּיטאַן פון דער פּיאַנער קאָמאַנדע,״ האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן מיט חוזק צו גאַוורילאָן, וואָס איז גע־שטאַנען אַ פּינצטערער אַזוי ווי אַ וואָלקן צווישן די פּויערים, ״דו וועסט טאָקע זיין דער פירער. איצטער לעבעדיק, מאַרש! נעמט זיך באַלד צו דער אַרבעט.״

אין כאַפּון האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבעדיקע טעטיקייט. די פּויערים האָבן איינגעשפּאַנט די פערדלעך און אָנגעפּאַנגען אַריבערפירן

די יידן אַהיים. איין פור נאָך אַן אַנדערער איז אָפּגעגאַנגען געפּאַקט מיט מענער און ווייבער. די פּיצלעך קינדער האָבן די גויהס געטראָגן אין די אָרעמס; אַ פּאָר יינגלעך זיינען געזעסן רייטנדיק אויף די פערדלעך; אַנדערע קינדער זיינען געפּאָרן "באַראַנטשיקאַם" אויף די פּויערשע פּלייצעס. די אַלטע לייט האָט מען אַריינגעטראָגן אויף די הענט גלייך אין די שטובער אַריין.

"משיחס צייטן," האָבן די כאַפּונער געטראַכט ביי זיך אין האַרצן, ממש ווי דער נביא האָט פאָרויסגעזאָגט: "זיי וועלן ברענגען אייערע ברידער אַ מתנה צו גאָט, אויף פערד און אויף קאָטשן, אויף טראָג־וועגן, אויף מויל־אייזלען, אויף יאָג־קעמלען." יעקבס־לייטער דער בעל־עגלה האָט אָפּגעפירט זיין ווייבל אַהיים אין זיין אייגענער בויד. איינע אַליין אַזוי ווי אַ שררהטע איז דאָרטן געזעסן "הינדעלע מיט די נעגעלעך" אין אַ שוואַרצער סאַמעטענער פעלערינקע אַנגעניזעט מיט פּיטשינקע גלעזערנע פליטערלעך, מיט אַ זיידענער פאַטשיילע אויפן קאָפּ. האָט אַרויסגעקוקט גאווהדיק און דאָס פּיסקל איז איר געגאַנגען אַזוי ווי אויף שרייפלעך:

"אַ גאַנץ יאָר פירט עס אַרום פרעמדע פאַרשוינען, הײנט איז עס ניט קראַנק צו פירן אַן אייגן פאַרשוין. צו וואָס דען טויג זיך עס אויסעט, מישטיינס געזאָגט, אויב ניט די סאָכע צו שלעפּן, ווי אַן אַלטער אָקס? אַז הויך איז דאָס און דאַר און שמעקט מיט נאַר".

חיים דער טאָרף־ייד האָט אָפּגעפירט אין זיין וואָגן זיין אייגענע כאַליאַסטרע און די קוצעלאַפּקעס מיט זייער געזינדל אין שענק אַריין. ווי נאָר דער שענקער האָט דערזען דעם חורבן וואָס מען האָט אָנגע־מאַכט אין שענק, — פריער די פּויערים דערנאָך די פרייוויליקע "פייער־קאָמאַנדע", האָט ער זיך געכאַפּט ביי די האָר פאַר פאַרצווייפ־לונג. "גוואַלד, מען האָט מיך געקוילעט אָן אַ מעסער! אוי בין איך אַ בהמה, מען דאַרף מיר געבן קייען שטרוי. ס'איז דאָך געווען מיין אייגענער איינפאַל. איצטער איז געוואָרן אַ תל פון דער גאַנצער באַלעבאַטישקייט, אפילו די פערינעס זיינען פּיטש־נאַס. גוואַלד, ס'וועט ניט זיין וואו אַ קאָפּ אָנצושפּאַרן!"

מענדעליכע איז אָנגעלאָפן מיט דריבנע טריטעלעך אַ פאַר־ציטערטע, סאָפּענדיק אַזוי ווי אַ גאַנדז מיט אַן אָנגעשטאָפּטער וואַליע.

אַלץ האָט אויף איר געציטערט פאַר אויפרעגונג,—די ליפּעלעך, די צוויי גוידערלעך, די פעטע קנייטשעלעך אויפן פּנים, די הענטעלעך מיט אַ קישעלע אויף יעדן פינגערל.

״אוי כ׳וועל חלשן!״ האָבן זיך פון איר האַלדז געגומען טראַגן אָפּגעריסענע קוויטשעלעך. ״מענדל, די צירונג, די צירונג! קוק אין קאַסטן אַריין, פאַראַן די צירונג? גאַנץ די צירונג? אוי, אָט־אי־דאָס, אָט־אי־דאָס, כ׳וועל ניט אויסהאַלטן!״ זי האָט צערטלעך צוגעדריקט צום האַרצן דאָס טייערע קעסטעלע, אַזוי ווי מען דריקט צו אַן עופּהלע. ״מענדל, קוק אויפן טיש, פאַראַנען די זילבערנע לייכטער? אוי דער שלאַק וועט מיך טרעפן! מענדל עפן אויף די שאַפע, פאַראַן דאָס זילבער, פאַראַן? און דאָס הדס־פּושקעלע? און דאָס חנוכה־לעמפּל? אוי כ׳וועל חלשן!... צייל איבער די לעפלען, צייל איבער די גאָפּלען און די בעכערלעך! פאַראַן, אַלץ פאַראַן? ס׳ע סטייעט גאַרניט? אוי טאַטע־זיסער־האַרציקער־געטרייער!״ מענדעליכע האָט פאַרוואָרפן דאָס קעפּל און האָט ווידער אַמאָל אַוועקגעחלשט.

יונה קרומע־ביינע האָט די שענקערקע אָפּגעמינטערט מיט אַן עמער וואַסער. דאָ האָט מענדל דערזען דעם שבת־גוי און האָט אָנגעהויבן טייטן אויף אים מיט אַ פּוכקן פינגערל, ממש אים געוואָלט דורכלעכערן מיט די קליינע בייזע אייגעלעך. ״האָ גברא והאָ שקאָדאָ!״ האָט ער געגוואַלדעוועט, ״אָט שטייט ער דער פעלד־גזלן!״

גאַוורילאָ האָט זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקעלע, געשטאַנען אַזוי ווי אַן אָפּגעשמיסענער, אַ צונויפגעקאָרטשעטער, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט אַז די ערד זאָל אים איינשלינגען. די אויגן זיינען ביי אים געווען פאַרלאָפן מיט בלוט, די האָר אויפן קאָפּ און אין באָרד ווילד צעשויבערט, דאָס לייוונטענע העמד נאַס און צעכראַסטעט, דאָס פּנים פינצטער און צעמישט. ער האָט געלעקט די צעשפּאָלטענע ליפּן מיט אַן אויסגעדאַרטער צונג.

יונה קרומע־ביינע איז צוגעגאַנגען צום פּויער מיט אַ סודותדיקער מינע אויפן פּנים. ״ניט געזאָרגט, גאַוורילאָ־סערדצע!״ האָט ער אים איינגערוימט אין אויער אַריין. ״כ׳האָב אַלץ צורעכט געמאַכט. כ׳האָב געפונען די שוואַרצע מויד אין דיינע אָרעמס אין מענדלס אַלקערל. אַ טויט שיכורע איז זי געווען, פּונקט ווי דו, און אַן אויסגעפּוצטע

אַזוי ווי אַ פּאַווע. האָב איך אָפּגעפּליקט פון איר די פרעמדע פעדערן, האָב אַראָפּגענומען פון איר די טערקישע שאַל, דעם שנור פּערל, די דימענטענע אוירינגלעך, דאָס זייגערל מיט דער גילדערנער קייט און האָב אַלץ אַריינגעלייגט צוריק צו מענדעליכען אין סקריניע אַריין, אַלץ איז כאַטע־פּאַרישקע, קיין האָר האָט ניט געקרייעט.״

גאַווריליאָ איז געשטאַנען מיט אַן אָפּגענומענעם לשון, הכנעהדיק, דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזט צו דער ערד. מיט אַמאָל האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים האַרצן און האָט דערהערט אַ זילבערנעם קלאַנג. דער בייטל מיט געלט איז דאָ! ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די קני און געכאַפּט קושן יונהס האַנט.

״גאָט זאָל דיך באַלוינען פאַר דיין גנאָד צו מיר, גוטער מענטש!״ האָט זיך אַ מאָדנער כליפּ אַרויסגעריסן פון זיין ברוסט. ״האָסט גע־ראַטעוועט מיין נשמה פון אַ גרויסער זינד.״

— 3 —

דערווייל האָבן די פּויערים אָנגעהויבן מאַכן אַ שטיקל אָרדענונג אין שטעטל. די פּויערטעס און די שיקסעס אין איינעם מיט דער כלה, מיט איר מאַמען קאַטערינאַ און מיט דער שוואַרצער פּאַראַסקאַ האָבן אַראָפּגענומען פון זיך די חתונה קליידער מיט די סטענגעס, קרעלען און געקאָוועטע שטיוועלעך, האָבן הויך פאַרשטעקט די ספּאָדניצעס און זיך גענומען צו דער אַרבעט, קנעטנדיק די בלאָטע מיט די באָר־וועסע פיס. באַלד האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ וואַשן און אַ סקראָבען, אויסצורייניקן די שיטערע בלאָטע, וואָס איז אַנגעטראָגן געוואָרן אין די הייזלעך דורכן רעגן. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויסשעפּן פון די ברודנע וואַסערן מיט צעבערס און מיט עמערס; אַ הייצן פון די אויוונס, אַ קנעטן פון טייג און מולטערס. אַ רויך האָט אָנגעהויבן זעצן פון די קוימענס. באָרוועסע שיקסעס זיינען געגאַנגען מיט קאָראָמיסלעס אויף די אַקסלען צום שטאָט־ברונעם, האָבן געשעפּט וואַסער און זינגענדיק אָנגעפילט די דייזשעס אין די הייזלעך.

אין דער זעלביקער צייט האָבן די פּויערים, מיט גאַווריליאָן בראש אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די סוויטקעס, אויסגעטאָן די שטיוול און די פּאָסטאָלעס; אין די הוילע העמדער, מיט פאַרקאַטשעטע לייוונטענע

הויזן, מיט בייטשן, קאַטשערעס, לאָפּעטעס און שטעקנס אין די הענט, האָבן זיי געשפּרייזט איבער די פאַרפּלייצטע געסלעך, הילכיק גע־הוקעט און געפילדערט, אַרויספישנדיק פון די קאַלוזשעס די פאַר־בלאָנדזשעטע יידישע חפצים.

„מיקיטקאַ,” האָט זיך אָנגערופן פּאַטאַפּ, „דו נעם מיין קאַלטון און היידאַ קיין הנילאָפּאָליע. ער איז דער גרעסטער בלאָטע־קריכער, מיין קליינער מוציק. פּאַק אַריין אין וואָגן אַזוי פיל כאַרטש וויפיל ס׳וועט נאָר אַריינקריכן און הייע ניט, קום באַלד צוריק קיין כאַפּון.”

פלוצעם איז געוואָרן אַ טומל און אַ צונויפלויפעניש, יינגלעך האָבן אָנגעהויבן גוואַלדעווען: „דער בר־מצוה בחור איז דערטרונקען געוואָרן!” ביי דער כאַפּונקע, וואָס איז איצטער געווען פיל ווי אַן אויג, איז געשטאַנען אַ רעדל פויערים און האָט געקוקט אויף אַ פּאָר קאַפּיטעס, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט פון וואַסער. פּאַטאַפּ האָט זיי אַ פּאַק געטאָן און האָט אַרויסגעשלעפּט די נבלה פונעם שטאָט־באָק. דער צאַפּ איז געווען אַ ווייסער, נאָר אַ פּאָר שוואַרצע פּאַסן האָט ער געהאַט אויפן רוקן און אויפן האַלדז; די באָרד איז געווען אַ לאַנגע און אַ סיווע, די הערנער געדרייטע און שפּיציקע.

„אַרעלע דער רויטער” און די איבעריקע חדר־יינגלעך האָבן גע־וויינט אויף אים קוקנדיק. זיי האָבן אים געהאַט אַ נאָמען געגעבן „דער בר־מצוה בחור”, וואָרעם דער צאַפּ איז שוין געוויס געווען אַלט אַ יאָר דרייצן. אַ חוץ דעם האָט ער „געלייגט תפילין”: אויפן סאַמע מיטן פון ווייסן שטערן איז ביים באָק געווען אַ שוואַרצער פירקאַנטיקער פלעק—אַקוראַט אַ „של־ראש”. כאָטש אַלע לאַטעס אויף די הינטנס פון די יינגלשע הייזלעך זיינען געווען צו פאַרדאַנקען דעם „בר־מצוה בחורס” הערנער, האָבן פונדעסטוועגן די קינדער דעם צאַפּ זייער ליב געהאַט. וואָרעם מיט וועמען דען קען מען זיך שפּילען אויפן גאַס, וועמען קען מען שלעפּן ביי דער באָרד? ווער שטעקט אַריין די מאָרדע אין חדר־פענצטערל אין סאַמע מיטן גמרא לערנען, אָדער שפּרינגט גאָר אַרויף אויפן רבינס דאַך כאַפּן אַ בינטל שטרוי? ווערט פאַרשטייט זיך אַ טומל און דער מלמד מוז מפסיק זיין אין מיטן קנעלן.

די פויערים זיינען געשטאַנען פאַרגאַפּטע, זיך געשושקעט און געצלמט זיך. „גאָט און אַלע הייליקע זאָלן אונדז ביישטיין, דאָס איז

די אומרייגע קראַפט, אַ גילגול פון כאַפּונעץ!" פּאַטאַפּ האָט זיך געשוואָרן אַז דער באָק איז דערהרגעט געוואָרן פון אַ בליץ. ער האָט אַליין געזען מיט זיינע אייגענע אויגן, ווי בעת כל־נדרי איז אַ בליץ אַריין אין שול. האָט אים דער ראַבין געכאַפּט מיט די הוילע הענט, פּונקט ווי אַ פּויער כאַפּט אַ הייסע קויל פאַר אַ ליולקע, און האָט דעם בליץ צוריק אַרויסגעשליידערט אין דרויסן. און טאַקע באַלד נאָך דעם האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעך מעקעניש פון אַ באָק. דער ראַבין האָט דעם פאַרשאַלטענעם טייוול געטראָפן מיטן בליץ, איז דער נישט־גוטער געלאָפן צום טייכל אויסצולעשן דאָס פייער און איז אין די וואַסערן אומגעקומען.

די פּויערים האָבן די פגירה אַוועקגעשלעפּט אין די קוסטעס, האָבן צעלייגט אַ פייער און פאַרברענט דעם באָק מיט די קאָפּיטעס. איבער גאַנץ כאַפּון האָט זיך פאַרשפּרייט אַ געדיכטער שטינקעדיקער רויך, ממש דערשטיקט צו ווערן, ערגער פון אַ געסמאַליעטן חזיר. פּאַטאַפּ האָט דערנאָך דערציילט, אַז בשעת דער גילגול איז פאַרברענט געוואָרן איז אַרויס פון אים אַ בלוי פייערל און ס׳האָט אָנגעפאַנגען שטינקען מיט שוועבל און פעך. די פּויערים האָבן דאָס אַש צעבלאָזן איבער אַלע פיר זייטן און האָבן זיך ווידער אַמאָל איבערגעצלמט.

זינט מען האָט דעם באָק פאַרברענט אין כאַפּון האָט זיך צווישן די גויים פון דער גאַנצער סביבה איינגעשטעלט אַ מאָדנער מנהג, אַ זאַבאַבאָנע וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט אפילו צווישן די יידן אין דער כאַפּונער געגנט. נאָך אַ חתונה, אַז מען פירט אָפּ דאָס יונגע פאָר־פאָלק אין זייער שטיבל, נעמט מען אַ בינטל ציגענע האָר, בינדט דאָס איבער מיט אַ האָר פון חתנס קאָפּ און מיט אַ האָר פון דער כלהס קאָפּ און מען פאַרברענט דאָס אויף דער שוועל. דערביי זאָגט מען געוויינלעך אַזאַ שפּרוך: "בייזע קליפּה טו זיך אָפּ פון זיין קאָפּ, טו זיך אָפּ פון איר קאָפּ! שוואַרצע טומאה טו זיך אָפּ פון זיין שוועל, טו זיך אָפּ פון איר שוועל! ווער צעווייט, ווער צעשפּרייט איבער פוסטע פעלדער און איבער וויסטע וועלדער, איבער ימען און איבער בלאָטעס. טפו־טפו, טפו־טפו!" מען שפּייט אָפּ צו אַלע זייטן און מען צעבלאָזט דאָס אַש איבער אַלע פיר עקן פון דער וועלט.

שפּעט בייטאָג איז אָנגעקומען מיקיטקאָ מיט אַ וואָגן אָנגעלאָדן

מיט כל־טוב: מיט אייער, פּוטער, קעז און מיט אַ פּאָר טוץ עופות. אָנגעבונדן פון הינטן איז נאָכגעגאַנגען אַן אויסגעפּאַשעט קאַלב. פּסחל דער שוחט, אָדער "פּסח־קטן", האָט תיכף די עופות געקוילעט און דאָס קאַלב געשאָכטן. "פּסח דער גרויסער", דער קצב, האָט דאָס פלייש אויף איין פוס צורעכט געמאַכט. מען האָט אַן עפן געטאָן די קרעמלעך און די כאַפּונער ווייבער האָבן אַריינגעכאַפּט אַביסל מעל און הייזון, זאַלץ און צוקער, וואָס איז ניט איינגענעצט געוואָרן פונעם רעגן. פאַרנאַכט האָט מען שוין געהאַט אין כאַפּון אַ פיינע וועטשערע מיט פרישע חלות, מיט געבראָטענע הינער און מיט אַ קעלבערנעם ראָסל־פלייש. די פּויערים ווידער האָבן געמאַכט אין שענק זייער אייגענעם מאַלצייט פון דער רייקע און פונעם קעלבערנעם זאַדעק. אָבער די סעודה איז געווען אַ טרוקענע, אַפילו אַ לעק בראָנפן איז ניט געווען פאַר אַ רפואה.

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויער איינ־דערוואָכנדיקער טאָג פונעם נייעם יאָר. די קרעמער האָבן געעפנט די קלייטן, די בעלי־מלאכות זייערע וואַרשטאַטן. די פּויערים זיינען אויפגעשטאַנען שוין אין גאַנצן אויסגעניכטערטע, געגעבן אַלעמען לייזן אַ שיינעם פּאַטשאַטעק און האָבן זיך אויסגערעכנט מיט מענדלען גאָר אָרנטלעך. פאַר דער משקה וואָס זיי האָבן אויסגע־טרונקען האָבן זיי באַצאָלט באַר־געלט, איז ביי זיי קיין אָפּגעריבענער גראָשן ניט פאַרבליבן אין די בייטלען. פאַר די צעבראָכענע כלים און פאַרן גאַנצן היזק וואָס זיי האָבן אָנגעמאַכט אין שענק האָבן זיך די מחותנים מתחייב געווען צושטעלן מענדלען צוועלף וועגענער האָלץ און פינף פורן קאַרטאָפליעס.

"פאַנע שינקאַרו," האָט איוואַנקאָ־פּאַסיטשניק איינגעטענהט מיט מענדלען, "דו האָסט אַ קו אַ יאַלאָווע, אויף וואָס דאַרפסטו אַזאַ אַלטע כאַלערע? בעסער פאַרקויף זי דעם קצב. איך האָב אַ מעלקעדיקע בהמה־לע, אַ יונגיטשקע, אַ פעטינקע. מילך גייט פון איר אַזוי ווי וואַסער פון אַ קרעניצע. כ'וועל זי דיר פאַרקויפן בזיל הזול, אַ מציאה אַפילו פאַר אַ ציגיינער. דו דאַקאַזשע מיר אַ פעסל פּסחאָווקע און די קו איז דיינע!"

דער פּויער און דער שענקער האָבן געשלאָגן אין די פּאַלעס און אָפּגעמאַכט דעם מסחר אויף אם ירצה השם באַלד נאָך די ימים־טובים.

אָפּגעזעגנט זיך מיט כאַפּון האָבן זיך די מחותנים אָוועקגעלאָזט אין וועג אַריין. איין פורל האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים גאַניק פון משהלע דעם רבס הייזל. פון וואָגן זיינען אַרויסגעקראָכן פּאָטאָפּ דער קאָוואַל און איוואַנקאָ פּאַסיטשנעק, און האָבן זיך אַריינגערוקט אין שטיבל. ביידע האָבן זיך געטאָפּטשעט אויף איין אָרט אין גרויס פאַר־לעגנהייט, געקראַצט די פּאָטילניצעס און געדרייט די היטלען. רב משהלע אין אַ קאַפּאָטע איבער די הוילע גאַטקעס, אין אַ יאַרמלקע פול מיט פעדערן, איז געזעסן אין אַ פּאָטער־שטול אַריינקוקנדיק אין אַ ספר. דערזעענדיק די גויים האָט ער אויפגעהויבן די געדיכטע ברעמען אין גרויס פאַרוואונדערונג.

״פּאַנע ראַבין,״ האָט זיך אָנגערופן פּאָטאָפּ, ״האָב קיין פּאַראיבל ניט וואָס מיר האָבן אָנגעמאַכט אַזאַ טאַראַראַם און אַזאַ שקאָדע אין שטאָט. ליכאָ יעוואָ מאַטערי, מיר זיינען געווען אַזוי שיכור, אַז מיר האָבן ניט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט מיר זיינען. יעיי באָהו, ס׳איז אַ שאַנד פאַר לייטן! דו ביסט אַ היילקער מאַן, ראַבין, בעטן מיר דיך, טו אונדז ניט פאַרשעלטן.״

פון אונטער די שווערע ברעמען און פון אונטער די געדיכטע וואָנצעס פון רב משהלעס באָרד האָט זיך באַוויזן אַ מילדער שמייכל. פינף יאָר האָט ער געגעסן קעסט ביי אַ שווער אַ ישובניק און האָט זיך גוט אויסגעקענט אויף גויאיש.

״וואָס פאַר אַ שעלטער בין איך ביי יידן?״ האָט ער אַ זאָג געטאָן אין אַ בנעימותדיקן קול און זיך דערביי געלאָסן געגלעט די ווייסע באָרד, ״זעט איר, אן עוולה האָט איר אונדז טאַקע געטאָן אַ גרויסע און נאָך אין אַזאַ הייליקן טאָג. בכן, אויב איר ווילט זיך פאַרלאָזן אויף מיין פסק, וועל איך צו אייך אַזוי זאָגן: אונדזער גאַנצע הראָמאַדע האָט געליטן פון אייך אַ גרויסן שאָדן, וואָלט געווען ניט מער ווי יושרדיק אַז אייער אייגענע הראָמאַדע זאָל אונדז מיט עפּעס אָפּדינען. טאָ שטעלט־זשע אונדז צו אַ פּאָר צענדליק פורלעך סכך פאַר סוכות.״

ביי ביידע פויערים האָבן די פּנימער אָנגעהויבן שיינען. ״פּאַנע ראַבין, מיר וועלן אייך אָנפירן אַזוי פיל סכך, אַז איר וועט קענען דעם גאַנצן כאַפּונער מאַרק אויסבעטן מיט גרינע נאָדלען. זיי אַזוי גוט,

הייליקער מאַן, און בענטש אונדז, באַווייז אַז דו טראָגסט ניט קיין האַרץ אויף אונדז.״

משהלעס שטרענג פּנים איז געוואָרן מאָדנע ווייך. זיינע פאַר־באָרגענע אויגן האָבן זיך מיט אַמאָל באַוויזן פון אונטער די סיוועברעמען, אַזוי ווי צוויי גרויע טויבן אין אַ פאַרשנייטער נעסט.

״זאָל אויף אונדז אַלעמען מקוים ווערן די ברכה מיט וועלכער אונדזער כהן־גדול פלעגט אונדז אַמאָל בענטשן אום יום־כיפּור!״ האָט ער זיך אָנגערופן אין אַ פרומען קול, ״עס זאָל זיין דער ווילן פון גאָט אַז דאָס קומענדיקע יאָר זאָל זיין אַ געבענטשט יאָר. אַ יאָר פון פולע שפּייכלערס, אַ יאָר פון פיל קאָרן און פון פילע פרוכטן, אַ וואָלוול יאָר און אַ יאָר פון אַ גוט לעבן; אַ יאָר פון טוי און פון פיל רעגן. די פּירות זאָלן זיין זיס און געראָטן, די פרוכט פון אונדזערע לייבער און די פרוכט פון אונדזער ערד זאָל זיין געבענטשט. אַ יאָר פון פרייד, אַ יאָר פון פאַרגעניגן און פון גליק. אַ מזל־ברכה זאָל אַריינגיין אין די ווערק פון אונדזערע הענט, אמן! גייט אַהיים אין שלום, גוטע מענטשן.״

״גאָט זאָל דיך באַלוינען, פאַר דיינע גוטע רייד!״ האָבן זיך די פּויערים געבוקט און געוואָלט קושן דעם רבס הענט, אָבער ער האָט ניט דערלאָזן. שטילערהייט האָבן זיךביידע גויים אַרויסגערוקט און משהלע דער רב האָט זיך פאַרטראַכט, האָט אַראָפּגענומען די יאַרמלקע און זיך געשמאַק גענומען קראַצן דעם געגאָלטן קאָפּ.

נאָך מעריב האָט מענדל־קוצעלאַפּקע אַרומשפּאַצירט אין שענק און אין קעלער, עפּעס געחשבונט אין קאָפּ, באַטראַכט דעם שאָדן, געבאָמקעט אַ יום־טובדיקן ניגון און אויסגעקלאַפּט די ליידיגע פעסער מיט די פּוכקע פינגערלעך. די פעסער האָבן אָפּגעענטפערט מיט אַ הוילן הילצערנעם ״באָם־באָם״. אָבער אויפן האַרצן איז דעם שענקער געווען גוט; זיין בייטל אין קעשענע איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט זילבער. ״אוי, מי יעשר ומי יעני...״ האָט ער אונטערגעברומט. ״ניט צו פאַרזינדיקן, אויספאַרקויפט דאָס גאַנצע ביסל חמץ, מען קען אָנהייבן אַ נייעם יאָר... אוי־אוי, חיים של שלום, חיים של פרנסה, באָם־באָם־באָם!״

די ערשטע טעג סוכות האָט אין כאַפּון היפּשלעך אויסגעפּעלט משקה, אָבער אין גאַנצן טרוקן איז דער יום־טוב ניט געווען. מען האָט זיך שוין ווי ס׳ע ניט איז אַן עצה געגעבן. ווער ס׳האָט אויסגעקראַצט אַ פלאַש מעד, ווער אַ קווערטל ווישניאַק, אַ ליאַק ראַזשינקעס־ווייַן, אַ צעבערל סיראָוועץ, אַ בוטל סליוויאַנקע. חול־המועד סוכות האָט יעקבס לייטער אַראָפּגעבראַכט פון מאַזיר צו מענדלען אין שענק צוויי פּעסעלעך קאָרן־ספּירט, אַ פּעסל חמצדיקע פּסחאָווקע און אַ פּאַס ווימאָראָזעק. האָט מען שוין געפּראַוועט די לעצטע טעג סוכות מיט אויפגעלייגטע הערצער.

— 4 —

שמחת־תורה האָט זיך אויפן כאַפּונער שליאַך באַוויזן אַ שווערער פּויערשער וואָגן. "צאָבע־צאָבע־צאָבע!" האָט זיך דערהערט איוואַנקאָ־פּאַסיטשעניקס לוסטיק קול און דאָס פּויערל איז אַרייַנגעפּאָרן אויפן מאַרק מיט אַ פור אָנגעלאָדן מיט קאַרטאָפּליעס, געשלעפּט פון אַ פּאָר אָקסן אייַנגעשפּאַנטע אין אַ "יאַרמאָ" (יאָך). פון פאָרנט איז געזעסן דער קליינער איוואַנקאָ מיט די וואָזשקעס אין די הענט און האָט געפּיפּקעט אַ ליולקע. פון הינטן איז געווען אָנגעבונדן צום וואָגן אַ פּעטע בהמהלע, אַן אמתע כשרע פּרה־אדומהלע: אַ רויטע אַזוי ווי אַ פוקסל, נאָר ווייסע זעקעלעך האָט זי געהאַט איבער די קאָפּיטעס און אַ ווייס הויבל אויפן קאָפּ. די אויגן זייַנען געווען גרויסע און מילדע. דער שווערער אייטער האָט זיך טעלעפּעט כמעט ביז דער ערד.

איוואַנקאָ האָט אַ קוק געטאָן אויפן מאַרק און האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן. "הייליקע פּאָטערס, וואָס טוט זיך דאָ?" גאַנץ כאַפּון האָט געקאָכט אַזוי ווי אַ קעסל. ייִנגלעך זייַנען אַרומגעפלויגן אַזוי ווי טייוואָלים. פון אומעטום האָט זיך געהערט געזאַנג און געלעכטער. אויפן סאַמע מיטן מאַרק האָבן ייִדן געטאַנצט אַ קאַראַהאָד, די הענט פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען. "וואָס הוליען דאָס אַזוי די ייִדן? אפשר פּראַווען זיי אַ יום־טוב דערפאַר וואָס כאַפּון דער ניט־גוטער האָט אייַנגענומען אַ מיתה־משונה?" דער פּויער האָט זיך ניט געקענט אָפּחידושן. בעת זייער פּאַסט־טאָג זייַנען די ייִדן געווען אַזוי דער־שלאָגן און איצטער זייַנען זיי אַזוי פרייַלעך! די אָקסן זייַנען געשטאַנען

גלייכגילטיק, האָבן מעלה־גרה געווען און געשמיסן די קאָפּונער פליגן מיט די ווײדלען.

לעבן שענק האָט געטאַנצט אַ באַנדע יידן, ס'רוב בעלי־מלאכות, און געזונגען אין אַ הקפות־ניגון.

„אוי, עוזר דלים הושיעה־נאָ!
דאָרשטיקע יידן זיינען מיר דאָ!
טאָ טראָג־זשע אַרויס שענקער מענדל
וויין אַ פעסל און שנאַפּס אַ קענדל!"

באַלד האָט זיך באַוויזן אויפן גאַניק פון שענק דער לאַנגער בעל־עגלה יעקבס־לייטער, טראָגנדיק אויף די פּלייצעס דעם פעטינקן שענקער אַזוי ווי אַ גוי טראָגט להבדיל אַ חזירל אויפן מאַרק. „כיבוד, כיבוד!" האָט דער עולם געשריען, „שטעל כיבוד, מענדעלע־קוצעלאַפּקע!" דער שענקער האָט זיך געמוזט אויסקויפן און האָט געשטעלט לעקעך און בראָנפן.

העכער פון אַלעמען אַזוי ווי אַן אינדיק צווישן הענער, האָט אַרויסגעטאָרטשעט יעקבס־לייטער. ער איז געווען שוין גוט פאַר־שנאָשקעט. אַ האַלבע באָרד איז ביי אים געווען אויסגעצופּט, דאָס פּנים צעדראַפּעט פון הינדעלעס נעגעלעך; די קאַפּאָטע איז געווען איבערגעדרייט אויף דער לינקער זייט. דער בעל־עגלה האָט קאָמאַנ־דעוועט מער פון אַלעמען, ממש איינגעלייגט וועלטן.

„יידן," האָט ער געגוואַלדעוועט, „מיר זיינען אַלע גאָטס פערד און דער אייבערשטער איז אונדזער אָנטרייבער. אָבער היינט האָט מען פון אונדז אַראָפּגענומען דאָס געשפּאַן. היינט זיינען מיר פרייע פערדלעך, אמת יידן?"

„אמת, אמת!" האָט דער עולם געשריען פריילעך.

„טאָ היידאַ צו מיר אַהיים, איך וויל פּראַווען הקפות מיט מיין אייגענער רייניקייט. חברה, מאַרש!" האָט דער בעל־עגלה באַפוילן.

באַלד האָט זיך די גאַנצע כאַליאַסטרע אַוועקגעלאָזט צו אַ קליין הייזל מיט אַ שטרויענעם דאַך. מיט אַמאָל האָט זיך פון אינעווייניק דערהערט אַזאַ דורכדרינגענדיקער ווייבערשער קוויטש, אַז ער האָט ממש געלעכערט די אויערן. יעקבס־לייטער האָט אַרויסגעטראָגן זיין

יידענע הינדעלע אַ צאַפּלדיקע, אַ בלויע אַזוי ווי אַ מילץ, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן מיט איין לאַנגער האַריקער האַנט און זי אַ זעץ געטאָן אויפן דאַך פון שטיבל.

הינדעלע האָט געגוואַלדעוועט און זיך געוואָרפן אַזוי ווי אין קדחת. דער טשיפּיק האָט זיך איר אַראָפּגערוקט פון געגאָלטן קאָפּ. דער עולם האָט געמאַכט אַ הוראַ, גענומען פּאַטשן מיט די הענט און שרייען: „אַ פּאַרך, אַ פּאַרך! הינדעל האָט אַ פּאַרך!" אַרעלע דער רויטער האָט אַראָפּגעריסן דאָס היטל פון לייבעלע־לבנה, משהלע דעם רבס אייניקל, זיך אַזש פאַרכלינעט פאַר געלעכטער און האָט גע־קוויטשעט: „די לבנה שיינט, די לבנה שיינט!" די איבעריקע קונדסים האָבן זיך גענומען בײ די הענט, טאַנצנדיק און זינגענדיק.

„אַרצע—באַרצע
הינדעלע די שוואַרצע!
איז געפלויגן איבערן דאַך,
מיטן עק געטאָן אַ מאַך,
אויפן שטרוי געטאָן אַ גיי.
איינס און צוויי—געלייגט אַן איי!"

„יידן לאָמיר טאַנצן אַרום מיין רייניקייט!" האָט יעקבס־לייטער געליאַרעמט. „לעבעדיק, פריילעך חברה, מאַכט אַ ראָד, הייבט די פּולקעס, זינגט מיט מיר:

„שישו ושמחו בשמחת תורה.
טאָם־טידי־רידאָם, טאָם־טידי־דאָם!
אַ כפרה די ווייבער, ווער האָט פאַר זיי מורא?
היינט איז דער מאָן דער יאַ־טעבע־דאָם!"

„גוואַלד יידן, ראַטעוועט!" האָט זיך הינדעלע געריסן אויף איר אויבער־קולעכל, „דער מערדער וויל מיך אומברענגען!"

„פּאַוואָליע, פּאַוואָליע, הינדעלע־קוואָקע!" האָט דער בעל־עגלה אויסגערופן. „זיץ סמירנע, מיין טייער תחינהלע, מיין זיס בענטשערל. קענסט אויפמאַכן דיין פאַרסמט פּיסקעלע, קענסט מאָלן מיט דיין שלאַנגישן צונגעלע, קענסט אַרויסשטעקן דיינע טייוולשע נעגעלעך. אָבער וואַרף זיך ניט, פּאַלסטו אַרונטער, ועסטו די טרייפענע ביינ־דעלעך ניט קענען צונויפקלייבן."

איוואַנקאָ איז געשטאַנען ביי זיין פור און האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן פאַר געלעכטער, "אַיי ס'איז גוט, אַיי ס'איז אַן אַנטיק! אָט אַזוי דאַרף מען לערנען בלק מיט אַ באַבע!" דער פויער האָט צוגעפירט די אָקסן צום שענק און האָט אָפּגעבונדן די רויטע קו.

"פּאַנע שינקאַרו, שטעל מאַגאַריטש!" האָט ער אויסגעשריען פריילעך. "די פּאַס פּסחאָווקע האָסטו?" מענדל האָט אים אונטער־געטראָגן אַ גלאָז בראָנפן און דערקלערט אַז ס'איז נאָך יום־טוב און האַנדלען טאָר מען ניט.

"מילא, מען טאָר ניט, טאָר מען ניט. וועל איך איבערנעכטיקן אין כאַפּון. כ'האָב אַ וואָגן קאַרטאָפּליעס צו פאַרקויפן, יעדע בולבע איז גרויס ווי אַ חזיר און האָט אַ טעם אויגן אַזוי ווי אַ טייוול. איך דאַרף איינקויפן אַ פונט צען זאַלץ, אַ פונט דריי טיטון, אַ האַק און זשעגעכץ פאַר מיין מאַזניצע. מענדל, אָט האָב איך דיר געבראַכט אַ מתנה — אַ ראָד סטעלניק פון מיינע אייגענע בינשטאָקן. איין ראָד פאַר דיר און די אַנדערע פאַרן ראַבין אַ מתנה... אוי ברודערקע האָסטו דיר איינגעהאַנדלט אַ בהמהלע, גיב אַקאָרשט אַן עמער, וועל איך דיר באַוויי'זן".

דער לוסטיקער פויער האָט אָנגעמאָלקן אַ פולן עמער מילך פאַר די אויגן פונעם גאַנצן עולם. חיים דער טאָרף־יידס כאַליאַסטרע האָט אויפגעכאַפּט דעם וואַרעמען שומיקן "סיראָדאָי" און אויסגעלעקט ביזן לעצטן טראָפּן.

"די פּסחאָווקע האָסטו געקראָגן?" האָט זיך איוואַנקאָ ווידער אַמאָל נאָכגעפרעגט. "נו, גיס אַריין נאָך אַ גלעזל. אוי מענדל־סערדצע האָסטו אַ האַרילקאָ, דער קיסר אַליין מעג זי טרינקען. קלאָר ווי טוי, זיס ווי האָניק און ברענט ווי דער טייוול. נו, צו געזונט, דאָברע־מזל מענדל!"

יאָשקע־קעמל האָט זיך דורכגעשטופּט דורכן עולם מיט זיינע צוויי הויקערס. ער איז געווען גוט פאַרקנאַקט און פאַר די לעצטע טעג האָט ער זיך געפילט גאָר האָפּערדיק. גאַנץ סוכות איז ער געווען אַן אורח ביי משהלען דעם רב. אָנגעטאָן איז ער איצטער געווען אין אַ לוסטרינעווער קאָפּאָטע, וואָס חיים דער טאָרף־ייד האָט אים גע־שענקט. די לאַנגע פּאָלעס האָבן אים דערגרייכט ביז די פּיאַטעס;

דערפאַר איז דאָס טאַמעטן קאַשקעטל, וואָס יונה האָט אים געגעבן, געזעסן אויפן שפּיץ קאָפּ. די קליינע שיכורע אייגעלעך זיינען אַרומ־געלאָפן שעלמיש, אַזוי ווי אַ פּאָר מייזלעך.

״מענדעלע־קוצעלאַפּקע,״ האָט ער געשמאַקעט מיטן פוסטן מויל, ״לעבסט קיין עין־הרע זאָל דיר ניט שאַטן, אַזוי ווי אין ארץ־ישראל; האָסט אַ הויף וואָס איז טאַקע ׳זבת חלב ודבש׳,—פליסט מיט מילך און מיט האָניק; זיצסט זיך ׳תחת גפנו ותחת תאנתו׳. דאָס הייסט אַ ווײַנשטאָק האָסטו אָן אייגענעם, וואָס־זשע פעלט דיר אויסער, אַ פייגנבוים? טאָ נאַ־דיר אַ פּאָר פייגן און דו וועסט שוין זיין אַן אמתער, אַ ריינער, אַ כשרער ארץ־ישראל־יידו!״

מיט די דאָזיקע ווערטער האָט יאַשקע־קעמל פּאַרקאַטשעט די לאַנגע אַרבל פון דער נייער קאַפּאָטע און אונטערגעטראָגן דעם שענקער צוויי גרויסע פייגן גלייך אונטער דער נאָז און דער גאַנצער עולם האָט גאָר אָנגעקוואָלן. ״מענדעלע!״ האָט דער הויקער ווייטער גע־שריען הייזעריקלעך. ״גיס אַריין אַ כוסעלע יין־קפריסין, ניט קיין ייך־המשומד. מיר האָבן היינט שמחת־תורה אויף דער וועלט, אַ רוח אין דיין טאַטנס־טאַטנס פּעסל אַריין!״

— 5 —

באַלד נאָך די ימים־נוראים שטעלט זיך געוויינלעך איין אין כאַפּון דער אמתער האַרבסט. ער הייבט זיך אָן מיט דעם באַרימטן כאַפּונער ״זיפּ״, וואָס קען אָנהאַלטן אַ פּאָר וואָכן נאָכאַנאַנד. פון אַ גרויען אָנגעפּוילטן הימל זיפּט זיך דאַמאָלס אָן אויפהער אַ פיינער וואַסער־שטויב, אַ דריבנער זלידנער רעגן: ער דרינגט אַריין אין וואו אַ לעכל, אין וואו אַ שפּאַלט אין די דעכער, אין די ווענט, אין די מויערן; ער עסט זיך איין אין די ביינער, אין די קליידער, אין עסנ־וואַרג, אין בעטגעוואַנט. אַלץ ווערט דאַמאָלס אין כאַפּון פאַרחושכט, נאַקעט און פאַראומערט: די הייזלעך, די עטלעכע ביימלעך, דאָס ביסל בידנע כודאָבע. פון כאַפּונער ״זיפּ״ ווערן די געסלעך צעווייקט אַזוי ווי שוואַרצער זויערטייג. אין גיכן ווערן זיי אין גאַנצן פאַר־וואַנדלט אין זומפּיקע קאַנאַלן. פון דער קאַלוזשע ביים ברונעם וואַקסט אויס אַ גאַנצע אָזיערע און די מאָגערע כאַפּונקע פּאַשעט זיך אויס

אַ גאַנץ בעל־הביתיש בייכל. ביסלעכווייז ווערט אָפּגעמעקט דער גרענעץ צווישן זומפּ און פעסטן לאַנד. די כאַפּונער בלאָטעס כאַפּן אַריין דאָס שטעטל אין זייער נעץ אַזוי ווי אַ שפּין כאַפּט אַריין אַ פליג אין איר שפּינגעוועב.

ס׳הייבט זיך אָן די ריכטיקע סליאָטע. כאַפּון ווערט כמעט אינ־גאַנצן אָפּגעשניטן פון דער וועלט. ס׳פּאַנגט זיך אָן די סדרה קאַטערס, זאַדישקעס, רעוומאַטיז און דער עיקר העצקע־קדחת. האַלב כאַפּון ניסט, פּירקעט און הוסט, אָדער טרייסלט זיך פון היץ. חייקל־רופא טיילט כינע פון זיין טאַבעק־טאַוולינקע: יעדער חולה קריגט עטלעכע שמעק־טאַבעק פּאָרציעס פאַרן טאָג. די כאַפּונער תושבים הייבן אָן ווייזן זייערע קונצן ווי אַזוי אַ בלאָטע איבערצושפּאַנען און ניט פאַרדריפּעט צו ווערן. אַלע איינוואוינער פון פאָלעסיע זיינען געניטע „בלאָטע־קריכערס״, אָבער די כאַפּונער זיינען אין דעם דאָזיקן ענין אמתע אַקראָבאַטן. מען דאַרף ממש אויף ביליעטן אָנקוקן די כאַפּונער יידן מיט פאַרקאַטשעטע קאַפּאָטעס און די יידענעס מיט פאַרשטעקטע קליידלעך שפּרינגען בריהדיק אַזוי ווי באַרג־ציגן פון קלאַדקע צו קלאַדקע און פון שטיין צו שטיין, וואָס זיינען אויסגעלייגט כלומרשט פאַר טראָטואַרן אויף די געסלעך.

די טעג זיינען קורצע, גרויע און נעפּלדיקע. די יינגלעך גייען שוין אין חדר מיט לאַמטערנעס. זינט יום־כּיפּור איז גאַווריל אָ געוואָרן שטאַרק מרה־שחורהדיק, האָט כמעט אויפגעהערט צו רעדן מיט מענטשן. די שטיוול ביי אים זיינען חרובע, דער ווינטער־פּעלץ האָט אויך געטויגט אויף כּפּרות; און אויפן האַרצן איז געווען אָנגעזאָליעט, און עס האָט גענאָגט און געגנאַגט, ממש די כּוחות זיינען אים אויס־געגאַנגען נאָך אַ טרונק בראָנפן.

ווי זיין שטייגער איז ווען ער האָט ניט וואָס צו טאָן, דרייט זיך גאַווריל אָ אַרום אויפן מאַרק לעבן שענק. איינמאָל אין אַ דינסטיק אויף דער נאַכט איז אָנגעקומען פון מאָזירער שליאַך יעקבס־לייטערס בויד מיט אָן איין און איינציקן פּאַסאַזשיר. די בויד, די פערד און דער בעל־עגלה זיינען געווען פּיטש־נאַס און פון אַלעמען האָט געזעצט אַ קאַלטע פּאַרע. דער פרעמדער פּאַרשוין איז אַרויסגעקראָכן פון בויד אין אַ נאַסן בורנוסל אַזוי ווי אַ צעווייקטער האָן.

"רב יאַנקל," האָט ער זיך אָנגערופן צום בעל־עגלה פאַרזאָרגט, "כ'האָב היינט יאָרצייט, כ'האָב מורא כ'וועל ניט קריגן קיין מנין. קומט מיט אין שול אַריין און לאָמיר מיטנעמען דעם דאָזיקן יידן אויכעט." האָט ער אַ טייט געטאָן אויף גאַווריאָן.

"אָט דעם דאָזיקן יידן טשעפּעט בעסער ניט," האָט דער בעל־עגלה אַ לאַך געטאָן.

"וואָס הייסט ניט טשעפּען?" האָט זיך דער פרעמדער גע־וואונדערט. "און אַז אַ ייד האַלט ניט פון אַ מצוה האַלט ער דאָך געוויס פון אַ טרונק בראָנפן."

"זאָרגט ניט פעטער," האָט יאַנקל זיין פּאַסאַזשיר באַרואיקט, "גייט געזונטערהייט אין שול אַריין. אין ק"ק כאָפּון קען מען שטענדיק כאַפּן אַ מנין."

דער בעל־עגלה איז שוין געשטאַנען מיט איין פוס אין שענק, ווען דער שבת־גוי האָט אים מיט אַמאָל אָפּגעהאַלטן.

"יאַנקל," האָט ער זיך אָנגערופן כמורנע, "אַז דו וועסט צוריק אָפּפאָרן פון דאַנען, נעם מיך מיט קיין הנילאָפּאָליע."

"שוין אויס פאָרעניש מיט דער בויד," האָט דער בעל־עגלה אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, "פאַר כאַפּונער שליאַכן דאַרף מען איצטער אַ שיף, ניט קיין בויד. כ'וועל שוין וואַרטן אויף אַ שליטוועג... אוי האָב איך געזעגן אַן אַנטיק אין מאָזיר! נישע זייטשיק, דער צוקער־פאַבריקאַנט, האָט צוגעשיקט דעם שווער זיינעם, דעם אישאַנסקער רבין, אַ נייעם שליטן פון קיעוו, אַקאָרשט אָנגעקומען מיט דער שיף. כ'זאָג דיר—ס'איז פלאַי־פלאַים, וואונדער פון דער וועלט." פלוצעם האָט זיך דער לאַנגער יאַנקל אַ כאַפּ געטאָן און אָנגעקוקט דעם פּויער אַ ביסל פאַרדעכטיק.

"וואָס פאַר אַ געשעפטן האָסטו אין הנילאָפּאָליע אין מיטן וואָך?" האָט ער אַ פרעג געטאָן, "ס'איז ניט זונטיק און ס'איז ניט חגא."

גאַווריאָ האָט אַ קוק געטאָן אויפן בעל־עגלה מיט אַ פּאָר פאַר־שמאַכטע אויגן.

"יאַנקל, כ'קען דאָס מער ניט אויסהאַלטן," האָט ער אַ קרעכץ געטאָן. "כ'מוז האָבן אַ ביסל משקה, אַנדערש וועל איך קראַפּירן.

כ'וועל ביינאַכט די טיר אין מענדלס שענק איינברעכן. דאָס חיות גייט מיר אויס!"

דער בעל־עגלה האָט דעם גוי באַטראַכט מיט אַ שטיקל מיט־געפיל, אים אַליין איז געווען באַקאַנט דער טעם פון לעכצן נאָך דעם ביטערן טראָפּן. "וואַרט אויף מיר אַ ווייליטשקע," האָט ער זיך אָנגערופן, "כ'וועל מיך נאָר אַריינכאַפּן אין שענק דאָס האַרץ צו דערוואַרמען. כ'בין דורכגענעצט ביז די ביינער."

אין אַ פּאָר מינוטן אַרום איז יאַנקל אַרויסגעקומען מיט צוויי פלעשער שנאַפּס אונטער די פּאָלעס. "גאַ־דיר בראָנפן," האָט ער אַ זאָג געטאָן, "וועסט מיר דערפאַר אָנהאַקן האָלץ פאַרן ווינטער. אָבער אַלץ זאָל זיין ביי דיר כאַטע־פּאָקרישקע. אויב דו מוזט שוין יע זויפן, טאָ זויף אין דער היים, דיין דוך זאָל מען ניט הערן. דו הערסט וואָס איך רעד צו דיר?"

די הענט האָבן ביי גאַווריל אָן געציטערט טראַגנדיק די טייערע משקה, ער האָט זיך איינגעשפּאַרט אין גיך'עריקן טונקלען אַלקערל פון זיין הייזל און האָט געגומען טרינקען מיט אַ ווילדער זשעדנעקייט אַזוי ווי אַ דאָרשטיקע חיה. אָבער זיין דאָרשט איז ניט געשטילט געוואָרן. אַזוי האָט ער געטרונקען איינער אַליין ביז שפּעט אין דער נאַכט ביי דער רויטלעכער שיין פון דער לאַמפּאַדע לעבן דער נייער איקאָנע. דערנאָך איז ער אַוועקגעפאַלן אַזוי ווי אין אַ היגערפלעט.

"פּאַראַסקאַ..." האָט ער געמורמלט פון צייט צו צייט מיט אַ טעמפּער צונג, "פּאַראַסקאַ, דו שוואַרצע מכשפה..."

אַז גאַווריל האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען דאַנערשטיק אין דער פרי. די ליפּן זיינען ביי אים געווען פאַרשרפּעט, אין מייל איז געווען פּאַסקודנע, דער קאָפּ האָט געהאַלטן אין פּלאַצן. ער איז אַרויס אַזוי ווי אויף אַ פּאָר ליימענע פיס אין פאָרהויז, האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין דער דייזשע וואַסער און געכאַפּט אַן אָנבליק פון זיין פּנים, וואָס האָט זיך דאָרטן אָפּגעשפּיגלט: אַ פּאָר פאַר־גלעזערטע אויגן פאַרלאָפּענע מיט בלוט, ווילד־צעשויבערטע האָר אויפן קאָפּ און אין באָרד.

"טפו!" האָט דער גוי אויסגעשפּיגן מיט פאַרדראָס, "ס'איז מיאוסע מאָרדע! ס'האָט מער גאָר קיין קריסטלעכן אָנבליק ניט... אַט נעמט מען

מיך שוין גאָר אָן פּאָר אַ יידן... אין גאַנצן פאַריידישט געוואָרן אין כאַפּון. ניט אומזיסט רופן מיך די פּויערים ׳זשידאָווסקי נאַימיט׳. ניין, ס׳איז ניט גוט, ס׳איז ניט ריכטיק!...״ האָט ער געמורמלט צו זיך אַליין. ער האָט זיך אָנגעטאָן און זיך אַוועקגעלאָזט מיט אַנט־שלאָסענע טריט צו מיכלען דער שערערקע.

מיכלעס הייזל איז געווען הינטערן מאַרק אויף דער טאַנדעטנער גאַס. מיכלע, אַ יידענע אַ מאָגערע אָבער אַ געוויקסיקע, מיט הויכע באַקנביינער, מיט אַ גאַלמעסער פאַרשטעקט אונטער דער הויב און מיט אַ שער און אַ לעדערנעם פּאַס וואָס האָבן זיך געבאָמבלט פון שירץ, האָט אָנגעקוקט דעם פּויער פאַרגאַפּט מיט צוויי קרומע שפּאַלטעלעך פון אַ פּאָר שמאָלע טאַטערשע אייגעלעך.

״טפו אויף דיין שיכורן קאָפּ!״ האָט זי אויסגעשריגן, ״אַט גיס איך דיך אָפּ מיט דער פּאַמאַיניצע, וועסטו זיך אויסטשוכען. געהערט אַ מעשה? אַ מענטש האָט איין שטיקל צלם־אלקים און וויל עס אַוועק־קוילענען מיט די אייגענע הענט.״

גאַווארילאָ איז אָבער באַשטאַנען אויף זיין פאַרלאַנג. האָט אים מיכלע אַרויסגעפּירט מיט גרויס רוגזה אין דרויסן און אים באַזעצט אויפן גרויסן קלאָץ, וואָס איז געלעגן לעבן הייזל אויפן אָרט פון אַ פּריזבע. זי האָט אָנגעהויבן סקראָבען דעם פּויערס שיינע ברוינע באָרד אומברחמנותדיק. נאָך יעדן שניט וואָס מיכלע האָט געמאַכט אויפן גויס פּנים, האָט זי מיט גרויס האַרץ פאַרשפּיגן אַ שטיקל פּאַפּיראָס־פּאַפּיר און מיט דעם פאַרקלעפּט די קליינע וואונד.

ס׳האָט זיך צונויפגעקליבן אַ רעדל נייגעריקע, ס׳רוב ווייבער. ״קוקט אָן, קוקט אָן! ער זעט אויס אַזוי ווי אַ ניי־געבוירענע עופהלע!... אַזוי ווי אַן אָפּדירעק... אַזוי ווי אַן אָפּגעשווונדענע נבלה...״ האָבן זיך דערהערט קולות. ״הינדעלע מיט די נעגעלעך״ האָט זיך דורכגעשטופּט צום סאַמע אויבן־אָן און האָט אָנגעהויבן זשיפּען מיט די דינע ליפּעלעך. ״חזירשער ביין, הינטישע פעל, טריפהנע פּאַרצע, שוין־זשע ווייסטו ניט וואָס עס שטייט געשריבן אין טייטש־חומש? אַ מענטש טאָר ניט אַנטפּלעקן זיין נאַקעטע ערוה. אַ פּאַהיבעל אויף דיר, עבודה־זרהניק!״

״היי, גאַווארילאָ, וואָס טוסטו? שוטה בן פּיקהאָלץ, ס׳ע גייט דאָך צו ווינטער!״ האָט זיך דערהערט יאַשקע־קעמלס הייזעריק קול. ״וועסט

אָפּפירן די מאָרדע דיינע. וועסט אַרומגיין אַזוי ווי מיט אַ נאַקעטן הינטן.״

אָן דער באָרד האָט גאַוורילאָ אויסגעקוקט מיט אַ יאָר צען ייִנגער. דער גאַנצער ייִדישער אויסזען איז פון אים מיט אַמאָל אָפּגעטאָן געוואָרן. ער האָט זיך טאַקע געפילט מאָדנע נאַקעט מיטן הוילן פּנים און מיט דער אויסגעגאָלטער פּאָטילניצע. ער איז געווען צופרידן און אויך אַ ביסעלע פאַרשעמט. ״יעדער מענטש דאַרף אויסקוקן לויט זיין מין,״ האָט ער געטראַכט, ״אַ פּויער אַזוי ווי אַ פּויער און אַ ייִד אַזוי ווי אַ ייִד, אַזוי האָט גאָט געבאָטן. און איך בין אַרומגעגאַנגען אַזוי ווי אַ קראָ מיט אַ קורצן עק, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ פּאַווע מיט אַ לאַנגן וויידל. דאָס טויג ניט, דאָס איז אַ זינד.״

די טעג פונעם כאַפּונער ״זיפּ״ זיינען געווען נודנע און אומעטיקע. גאַוורילאָ פלעגט זיך אָפט צוהערן צו דעם טרויעריקן געזאַנג פון די קינדערשע קולעכלעך אין וועלוולס חדר. דעם מלמדס ווייס אויסגעטינקעוועט הייזל מיט צוויי פּיטשינקע פענצטערלעך איז געשטאַנען פּונקט אַנטקעגן זיין כאַלופּע. ״זיי זיינען אַזוי ווי פייגעלעך, נעבעך, איינגעשפּאַרט אין אַ שטייגל.״ האָט דער שבת גוי געטראַכט וועגן די חדר־ייִנגלעך מיט רחמנות.

וועלוול־מלמד איז געווען אַ יונגער בעל־הביתל, אַ זיידענער יונגערמאַנטשיק מיט אַ בלאָנדן בערדל און מיט אַ פּאָר גרויסע בלויע אויגן. אין וואוקס איז ער געווען ניט פיל העכער ווי זיינע עלטערע תלמידים. פייגעלע די רביצן, אַ בלוט־יונגע און אַ פריילעכע, מיט אַ פּאַריסענעם נעזל און מיט אַ פּאָר גרינע ״קעצישע״ אויגן, האָט געהאַט אַ קלייענדיק פּנים וואָס האָט נאָך געטראָגן אויף זיך דעם דאָרפישן קאָליר. דער קאָפּ וואָס איז פריער געווען באַקרוינט מיט צוויי פלאַם־פייערדיקע צעפּ, איז איצטער געווען אַ רויטער און אַ געקרייזלטער אַזוי ווי ביי אַ ייִנגל. פייגעלע איז אַצינד אַרומגעגאַנגען האַלב־פאַרשעמט, האַלב־גדלותדיק מיט דעם ערשטן טראָגעדיקן בויך.

די חדר־ייִנגלעך האָבן די רביצן ליב געהאַט ממש דאָס לעבן מיט דער נשמה: ערשטנס איז פייגעלע געווען כמעט אַזוי ווי אַ חברל, האָט אויך האָלט געהאַט אַ לאַך צו טאָן און אַ שטיף צו טאָן. צווייטנס

האָט זי געקענט זינגען אַזוינע שיינע לידלעך. דער עיקר האָט זי אויסגענומען ביי זיי מיט אירע מאָן־קאָרזשעס, וואָס זיינען געווען גרעסער ווי מצות און האָבן געקאָסט אין גאַנצן אַ גראָשן אַ שטיק.

ביי וועלוולען אין חדר האָט אויך געוואוינט בערטשיק־באַהעלפער, אַ יתום און דעם מלמדס אַ שטיקל קרוב. ער איז געווען אַ ייִנגל אַ יאָר פופצן, אַ געזעצטער מיט אַ חן־גריבעלע אויף דער מאָרדעלע און מיט אַ פּאָר ליכטיקע פּאַרטרוימטע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון אַ שוואַרץ־חנעוודיקן פּנים. די אויגן האָבן געהאָט אַ מאָדנע טבע זיך צו בייטן אין די קאָלירן: אָט זיינען זיי גרוי, אָט ווערן זיי בלוי און אָט—גאָר שוואַרץ. ס׳רוב ווען ער האָט דערציילט די תּלמידים אַ שפּאַנענדיקע געשיכטע פלעגן די אויגן ביים באַהעלפער ווערן פינצטער ווי אַן אָפּגרונט פון די ווייט־צעעפנטע שוואַרצאַפּלען.

— 6 —

דאָס איז געווען די צייט ווען בערטשיק־באַהעלפער פלעגט אָנהייבן דערציילן פאַר די חדר־ייִנגלעך זיין גרויסע עפּיק וואָס האָט געהייסן: „צו די טויערן פון דער ערד״. די דאָזיקע לאַנגע מעשה פלעגט געוויינלעך אָנהאַלטן דעם גאַנצן זמן, פון באַלד נאָך סוכות ביז פּסח, אפילו ביז שבועות. מייסטנס פלעגן זיך די ייִנגלעך צונויפקלייבן אַרום דעם באַהעלפער בין מנחה למעריב ווען דער רבי איז געווען אין שול. אָבער ניט נאָר די קינדער, נאָר אויך פייגעלע די רביצן און גאַווריליאָ שבת־גוי פלעגן זיך צוהערן צו בערטשיקס וואונדערלעכן פאַרכישופטן קול מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. ער פלעגט אַלע צוהערער אַוועקטראָגן אַזוי ווי אין אַ צויבער־לאַנד. דאָס איז געווען די מעשה־נפלא וועגן דער בלינדער בת־מלכה גאָלדעלע, דאָס איינציק קינד פון דעם קיסר „יוספל־גאָטספאָרכטיקער״ און דער מלכה „טייבעלע גוטהאַרציקע״, וואָס איז בלינד געוואָרן נאָך אין וויגעלע דורך אַ כישוף־שפּרוך. אין דער דאָזיקער עפּיק האָבן זיך דערציילט די וואונדערלעכע געשעענישן פון שלמהלע־יתום, וואָס האָט זיבן יאָר געוואַנדערט ביז עק וועלט, אַזש צו די קאַמערן פון דער זון כדי אַרויסצוקריגן פון דאָרטן אַ זונשטראַל וואָס איז געווען די איינציקע סגולה אין דער וועלט צו ברענגען ליכט אין גאָלדעלעס אויסגעלאָשענע

אויגן. דערפֿאַר האָט שלמהלע געדאַרפֿט קריגן אַ האַלב קעניגרייך און די בת־מלכה פֿאַר אַ ווייב.

און אָנהייבן האָט זיך אָנגעהויבן די מעשה אין מזל־טוב לאַנד נאָך איידער גאָלדעלע איז געבוירן געוואָרן.

״אַמאָל—אַמאָל איז געווען אַ גרויס קעניגרייך, וואָס האָט געהייסן מזל־טוב לאַנד, אַ געוואַלדאָוונע מלוכה וואָס האָט פֿאַרמאָגט צוויי און פֿופֿציק מדינות. יעדע מדינה האָט געטראָגן אַ נאָמען פֿון אַ סדרה און האָט געהאַט אַ מהלך פֿון זעקס טעג און זעקס נעכט. ״אין ׳בראשית׳ אויף שלש־סעודות, אין ׳נח׳ אויף קידוש״, אָט אַזאַ ווערטל האָבן געהאַט די בעלי־עגלות אין מזל־טוב לאַנד; איז אויס־צופֿאָרן די גאַנצע מלוכה מיט אַ ראָד, פֿון מזרח צו מערב און פֿון צפֿון צו דרום, האָט געדאַרפֿט נעמען צוויי און פֿופֿציק וואָכן, אַ קיילעכדיק יאָר, אַ חוץ די שבתים און ימים־טובים.

״איז אין מיטן מזל־טוב לאַנד געלעגן די מדינה ״בראשית״, און אין מיטן ״בראשית״ איז געווען די הויפּטשטאָט ״בית־שלום״, און אין מיטן ״בית־שלום״—דעם קיסרס ווייסער פּאַלאַץ פֿון מערמל־שטיין; און אין ווייסן פּאַלאַץ האָבן געלעבט ״יוספֿל־גאָטספֿאָרכטיקער״, דער קיסר און ״טייבעלע־גוטהאַרציקע״, די קייסערינע.

״ווער אין דער וועלט האָט ניט געהערט פֿון יוספֿל־קיסר? ווער נאָך איז געווען אַזוי פֿרום און אַזוי לייטזעליק ווי ער? ווער נאָך האָט געלאָזט אַזוי פֿיל ספֿרי־תורהס שרייבן, אַזוי פֿיל בתי־מדרשים בויען, תלמוד־תורהס און ישיבות אויפֿשטעלן? ווער נאָך איז געווען אַזאַ טאַטע פֿאַר זיין פֿאָלק, ווי יוספֿל־קיסר? אַזוי ווי טייערער בוימל האָט זיין נאָמען געשמעקט איבער דער גאַנצער ערד. ״זאָלסט זיין ווי יוספֿל גאָטספֿאָרכטיקער״, פֿלעגן טאַטעס בענטשן זייערע זין.

״און ווער האָט ניט געהערט פֿון טייבעלע־מלכה? וואו נאָך ערגעץ איז געווען אַזאַ אשת־חיל, אַזאַ צנועה און אַזאַ האַרציקע, אַזאַ מאַמע פֿאַר אָרעמע לייט? ווער נאָך האָט אַזוי פֿיל אָרעמע כלות חתונה געמאַכט, אַזוי פֿיל יתומים אין פּאַלאַץ געהאָדעוועט, אַזוי פֿיל ישיבה־בחורים ״טעג״ געגעבן עסן? אין אַלע לענדער האָט מען טייבעלעס נאָמען געריימט. ״זאָלסט זיין אַזוי ווי טייבעלע־גוטהאַרציקע״! פֿלעגן מאַמעס ווינטשעווען זייערע טעכטער.

"און ווער אין דער וועלט האָט ניט געהערט פון דעם וואונדער־לעכן פּאַלאַץ פון מערמלשטיין? וואו נאָך אין דער וועלט איז געווען אַזאַ קעניגלעכער הויף? וואו נאָך האָט אַ גאַנצע וואָך אַזוי געזשומעט מיט אורחים און מיט אַלערליי פּאַרשוינען פון פרעמדע מקומות? מיט ארץ־ישראל־יידן, רבנים, גבאים, נשרפים; מיט קראַנקע און קאַליקעס; מיט שנאָרערס און שלעפּערס, מיט קאָמעדיאַנטשיקעס און קאַטערינטשיקעס און כל־המינים פּאַרשלעפּטע קרענק און אָנ־שיקענישן. קיין הונגעריקער און קיין דאַרשטיקער, קיין קראַנקער און צעבראָכענער האָט קיינמאָל ניט פּאַרלאָזט די טויערן פון בית־שלום אָן אַ הילף און אָן אַ גוט וואָרט. אָפּן איז געווען דעם קיסרס האַנט, אָפּן דער מלכהס האַרץ; אָפּן דער ווייסער פּאַלאַץ און אַלע שפּייכלערס און שאַצקאַמערן פּאַר יעדן וואָס האָט דאָרטן אָנגעקלאַפּט.

"און ווער אין דער וועלט האָט ניט געהערט פון מזל־טוב לאַנד? וואו נאָך אויף דער ערד איז געווען אַזאַ חידושים־לאַנד? וואָס פּאַר אַ יינגל האָט ניט געבענקט אַהינצו? וואָס פּאַר אַ מיידל האָט ניט געזען דאָס לאַנד אין חלום? וואָס פּאַר אַ דערוואַקסענער האָט ניט געגלוסט כאָטש איינמאָל אין לעבן אָנצוקוקן דאָס מזל־טוב לאַנד? און וואָס פּאַר אַ בלינדער וואַנדערער, אַוועקלאָזנדיק זיך אין דער וועלט אַריין, פלעגט ניט זאָגן צו זיין שטעקן: "פיר מיך אַוועק שטעקן, קיין מזל־טוב מדינה!"

"ווילט איר וויסן וואָס פּאַר אַ לאַנד דאָס איז געווען? פּאַרגנבעט זיך אויף טשיקאַוועס פּאַרנאַכט אונטער אַ פענצטערל אין מזל־טוב לאַנד און הערט זיך איין אין אַ וויג־לידל, וואָס אַ מאַמע פּאַרוויגט מיט דעם איר קינד:

"איי־ליו ליו־לו זונעלע,
פון מזל־טוב מדינהלע!
אין מזל־טוב מדינה
רוט די הייליקע שכינה.
וואו אַ שטיבל, וואו אַ הייזל,
"איז אַ שולכל, איז אַ קלייזל.
וואו אַ בעטל, וואו אַ וויגל,
ליגט אַ רבי, אַ גוטער יידל.

וואו אַ קינד אין מזל־טוב
פּסקנט שאלות ווי אַ רב.
וואו אַ שטעטל יידעלעך
זיינען אַלע חסידימלעך;
זינגען אַלע אָן גריזאָטעס,
טאַנצן אין זיידענע קאַפּאָטעס:
ביליק כסף און ביליק זהב
אין געבענטשטען מזל־טוב!״

״אָט אַזאַ מין לאַנד איז געווען די מזל־טוב מדינה. פון וואַנען נעמט זיך דער נאָמען ״מזל־טוב״? דערפאַר וואָס דאָרטן האָט מען געהאַלטן אין איין פּראַווען שמחות. יעדע ווייַלע געבראָכן טעלער אויף תנאים, געשטעלט חופּות אויף הויפן, געגעסן בעבלעך אויף בריתן, געמאַכט סעודות אויף בר־מצוהס, געהוליעט אויף חנוכת־הביתן, געטאַנצט אויף סיום־התורהס. אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר איז אין אַלע צוויי און פופציק מדינות פון יוספלס קעניגרייך שטענדיק געווען ששון־ ושמחה, שטענדיק די הייזער פול מיט שערבלעך פון די צעבראָכענע טעלער, די שול־הויפן פול מיט האָפן, די גאַסן פול מיט כלי־זמרים, די סאַליעס פול מיט פריילעכע קאָמפּאַניעס. שטענדיק איז דאָרטן געווען אַ הוליעניש און אַ זינגעניש, אַ טאַנצעניש און אַ שפּילעניש; שטענדיק האָט מען דאָרטן געהערט נאָר איין ווינטשעניש: ״מזל־טוב, מזל־טוב! מיט מזל זאָלט איר לעבן!״

״אַזאַ פריילעכע מדינה איז דאָס געווען. ברכה איז דאָרטן געלעגן אויף די הויפן, מזל האָט זיך דאָרטן געוואַלגערט אויף די גאַסן; תורה און חכמה איז דאָרטן געוואָקסן אַזוי ווי קראָפּיווע, כאָטש געלערנט האָט מען זיך דאָרטן נאָר האַלבע טעג; אַזוי ווי ביי אונדז אין חול־ המועד. יעדער בכור האָט געהייסן שמחה און יעדע מיזינקע—פריידע. אין יעדן שטעטל איז אַ רבי געזעסן און האָט אַ הויף געפירט. פון אַלע הייזער האָבן זיך שטענדיק געטראָגן פריילעכע ניגונים און טענער פון פידעלעך.

״אין אַלע וועלדער פון מזל־טוב לאַנד זיינען געוואָקסן פייגן, טייטלען מיט באָקסערן; ראָזשינקעס מיט מאַנדלען, אתרוגים מיט פּאָמעראַנצן. אויף די לאָנקעס האָבן זיך געפּאַשעט פראַנק און פריי

טשערעדעס ציגן מיט בהמות: ווען מען דאָס האַרץ גלוסט, דער קען גיין און זיי אויסמעלקן. און ס׳זיינען ניט געווען אין מזל־טוב מדינה קיין קעלט און קיין בלאָטעס, וואָרעם די זון האָט געשיינט אַ גאַנץ יאָר. ניט געוואוסט האָט מען דאָרטן פון ליכט און פון לאָמ־טערנעס. יעדע נאַכט איז געווען ליכטיק ווי בייטאָג: די שטערן זיינען געווען גרויס ווי לבנות און די לבנה גרויס ווי די זון.

״פלעגן זיך די מזל־טובניקעס אויסלעבן זייערע יאָרן און טעג בשלום ושלוה אין נחת און אין כבוד. יעדער איינער—אַ נגיד, אָנגע־שטאָפּט מיט גאָלד. ניטאָ קיין קבצנים, ניטאָ קיין שלעפּערס. טיר און טויער שטייען שטענדיק אָפן, קיינער וועט ניט גנבענען. יעדער איינער האָט געוואוינט אין זיין אייגענער דירה, אונטער זיין אייגענעם וויינ־שטאָק און פייגנבוים; און ניט געוואוסט האָט מען אין מזל־טוב לאַנד פון קיין קרענק און פון קיין דאָקטער און פון קיין דאגת־פרנסה. ״געלט אין די טאַשן, מעד אין די פלאַשן; קינדער אין די וויגעלעך שרייען אַזוי ווי ציגעלעך״...

״יאָ, וועלדער גאַנצע פלעגט מען אויסהאַקן אין מזל־טוב לאַנד וויגעלעך צו מאַכן. אָבער אין דעם קיסרס ווייסן פּאַלאַץ פון מערמל־שטיין זיינען קיין וויגעלעך ניט געשטאַנען. פינף און צוואַנציק יאָר האָבן אָפּגעלעבט יוספל־גאָטספאָרכטיקער און טייבעלע־גוטהאַרציקע אַזוי ווי אַ פּאָר טויבן; אוןביידע זיינען זיי געוואָרן אַלט און גרוי אַזוי ווי טויבן. אָבער ניט באַשערט האָט זיי דער אייבערשטער קיין קדיש, ניט געשענקט זיי קיין יורש פאַר דער קרוין פון די צוויי און פופציק מדינות; און ניט די ברכות פון גוטע־יידן, ניט די תפילות פון למד־וואָווניקעס, ניט די חכמה פון פּראָפעסאָרן, ניט די קונצן פון זנאָכערס, ניט די שפּרוכן פון טאָטערס זיינען געווען בכוח צו עפענען דער מלכהס פאַרשלאָסענע מוטער־טראַכט. טייבעלע איז געבליבן אַן עקרה.

״אַמאָל—אַמאָל איז אין וויטן מזרח, דאָרטן וואו די זון גייט אויף, געווען אַ קעניגרייך. האָט דאָס געהייסן ״מזל־טוב לאַנד״. איז אין מיטן לאַנד געווען די הויפּטשטאָט בית־שלום; און אין מיטן בית־שלום איז געשטאַנען אַ ווייסער פּאַלאַץ פון מערמלשטיין; און אין ווייסן פּאַלאַץ האָט געלעבט אַן אַלט פּאָר־פּאָלק, דער מלך מיט

דער מלכה. פאַרוואָס־זשע זאָלן אַ מלך מיט אַ מלכה זיין טרויעריק? איינמאָל זיינען זיי ביידע געזעסן אין אַ זומערדיקן אויפדערנאַכט ביים אָפענעם פענצטער פון פאַלאַץ. האָט זיך אַריינגעגנבעט אַהינצו אַ לידל וואָס אַ מאַמע האָט געזונגען פאַר איר קינד.

„אין ווייסן פאַלאַץ ליגט אַ קרוין,
אַ גינגאָלדענע קרוין.
יעדע מדינה האָט אין איר אַ שטיין,
אַ דימענטענעם שטיין.
ליגט די קרוין אַליין,
ליגט אַליין, אַליין!
וואַקסן קינדער אין די וויגן...
אויף וועמענס קעפּל וועט זי ליגן,
די קעניגלעכע קרוין,
די גינגאָלדענע קרוין?...“

„האָבן געוויינט ביידע, דער קיסר און די קיסרינע מיט ביטערע טרערן. יאָ, אין גאַנץ מזל־טוב לאַנד איז געווען מזל, אָבער אין ווייסן פאַלאַץ איז קיין מזל ניט געווען!“

— 7 —

איינמאָל אין אַ ליכטיקן פרימאָרגן, אַ פּאָר טעג נאָכדעם ווי דער „זיפּ“ האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָבן זיך די כאַפּונער אויפגעכאַפּט און האָבן דערשפּירט אַ מאָדנע האַרט־קייט אין דער לופט. זיי האָבן דערזען אַז דער טוי ליגט אַזוי ווי זאַלץ אין דרויסן. זיי האָבן אָנגעשאַרפט די אויערן, פאַררייסן די נעזער צום הימל און האָבן דערהערט ווילדע גאָרגלדיקע קולות, אַ פלאַטערניש פון הונדערטער פליגלען. פּונקט ווי אַ גרויסער זילבערנער פאַבער אויסגעשפּרייט אין דער לופטן, האָט זיך געטראָגן אַ סטאַיע ווילדע גענדז, וואָס האָט אויסגעוואַנדערט פון די זומפּן. אַזוי ווי זעלנער זיינען זיי געווען אויסגעשטעלט מיט אַ קאָמאַנדיר אויפן שפּיץ. זייערע געשרייען זיינען געווען אַזוי ווי אַ מאַרש־געזאַנג, זייערע זילבערנע פליגלען און רויטע פיס—אַזוי ווי מונדירן פון אַ געפליגלטן חיל. זיי האָבן אָנגעזאָגט די פריילעכע בשורה, אַז דער כאַפּונער קאַנט וועט אין גיכן ווידער צונויפגעבונדן ווערן מיט דער איבעריקער וועלט.

מיט אַ וואָך שפּעטער, אין אַ טונקלע נאַכט, האָט אַ פאַרכישופטע האַנט מיט אַ זילבערנעם ווינטש־פינגערל אָנגערירט די וויסטע פאַרחושכטע כאַפּונער געגנט און האָט זי מיט אַמאָל פאַרוואַנדלט אין אַ צויבער־לאַנד. קיין כאַפּון זיינען אַראָפּגעקומען דריי ליכטיקע אורחים, די דריי מייסטערס פון דעם ווינטער־צעך. צוערשט האָט זיך באַוויזן דער פראָסטמייסטער, דער גרויסער מאָלער און אַרכיטעקט. ער האָט אַ הויך געטאָן איבער דער ערד מיט זיין מאַגישן וואונדערלעכן אָטעם און האָט אויסגעלייגט דעם גאַנצן ווינטער־פּלאַן. דערנאָך איז געקומען פעטער־אייזיק, דער מויערער, און האָט אַריינגעגאָסן אייזיקן צעמענט אין אַלע בלאָטעס, געלייגט אייזיקע בריקלעך איבער די וואַסערן און פאַרשמידט אַלע היילן און גריבער. אַזוי איז אָוועקגעלייגט געוואָרן אַ פעסטער פונדאַמענט פאַרן ווינטער.

צום סוף איז אַרויס דער זיידע־שנייער, דער בויער, און האָט אַראָפּגעבראַכט מיט זיך זיין שפּאָגל־נייעם בוי־מאַטעריאַל, וואָס איז שוין געלעגן אָנגעגרייט פון ששת־ימי־בראשית אָן, פריש און קלאָר, ליכטיק און יונג, און האָט אָנגעהויבן אויפשטעלן מערמלשטיינערנע פּאַלאַצן, קריסטאָלענע שלעסער און זילבערנע טורעמס. איבער די כאַפּונער זומפּן האָט ער אויסגעשפּרייט אַ זילבערנעם טעפּעך אַזאַ ווייכן, אַזאַ סאַמעטיקען, אַזאַ פּרעכטיקן, וואָס קיין שום הערשער אין דער וועלט האָט קיינמאָל ניט פאַרמאָגט זיין גלייכן. מיט אומגעהייערן פלייס און מיט וואונדערלעכער געניטקייט האָט דער זיידע־שנייער געפורעמט זיין בנין,—הערלעכער און פּלאַסטישער ווי דער פיינסטער קינסטלער אויף דער ערד. און דער פראָסטמייסטער האָט די ווינטערדיקע לאַנדשאַפט פאַרפולקומט מיט זיין מאָלערישן פּענזל. אַלץ וואָס איז געווען גרוי, נאַקעט און מיאוס אין דרויסן האָט ער פאַרפּוצט, באַשמוקט און פאַרצירט מיט שעמערירנדיקע זילבערנע מאָלערייען, מיט פינקלדיקע שפּיצן, מיט דימענטענע טאַפּעטן.

יעדעס שטיבל אין כאַפּון איז מגולגל געוואָרן אין אַ פּאַלאַצל מיט אַ זילבערנעם דאַך, באַהאַנגען מיט קריסטאָלענע שווינדל־גלעזער און מיט פענצטערלעך באַצירט מיט ברילִיאַנטענע בלומען. צום ערשטן מאָל אין יאָר האָט כאַפּון געקאָרגן אַ פעסטן גרונט אונטער די פיס. דאָס שטעטל איז געוואָרן פול מיט אַ שפּאָגל־נייער ליכטקייט, מיט

שפּאָגל־נייע קאָלירן, ריחות און טענער. די לופט איז געוואָרן קלאָר און דורכזיכטיק, קאַלט און דערקוויקנדיק. יעדע לעבעדיקע פּאָרעם פון אַ מענטשן אָדער אַ חיה האָט מען געקענט זען שוין פון דער ווייטן, אַרומגערינגלט מיט אַ זילבערנעם נעפּל. פון יעדער באַוועגונג האָט געסקריפּעט אָדער געקלונגען אַזוי ווי מיט גלאָז, אַזוי ווי מיט זילבערנע גלעקעלעך.

ווער ס׳האָט ניט געזען אַ כאַפּונער איינוואוינער אין זיינע ווינטער־קליידער, דער האָט קיין וואונדערלעכע בריאה ניט געזען. קיין שום חיה אין וואַלד וואָס האָט אַ פוטער איז ניט געווען אַזוי פאַרפּעלצט ווי די כאַפּונער אין זייערע פּילצענע וואַליקעס, מיט וואָלענע זאָקן, גאַטקעס און לייבלעך; אין זייערע וואַטאָווע מייטקעס און הויזן, וואַטאָווע קליידלעך, קאַפּאָטעס און קאַמזוילן; אין זייערע שווערע שאַלן און שאַלכענס, האָריקע בורקעס, פוטערנע מאַנטלען, היטלען און הענטשקעס. און ווער ס׳האָט ניט געזען די כאַפּונער קרעמערקעס זיצן אויף די פייער־טעפּ, דער האָט קיין אויסטערלישע באַשעפעניש ניט געזען; פּונקט ווי משונהדיקע קוואָקעס, וואָס זיצן אויס רויט־גליענדיקע אייער.

פאַר די חדר־יינגלעך איז ווינטער געווען אַ וואונדערלעכער יום־טוב, עפּעס אַ מין פאַרכישופטער ווייסער פרילינג. נאָר קינדער פאַר־מאָגן דעם חוש־הריח צו פילן די פאַרשיידענע סעזאָנען פון יאָר; פּונקט ווי די חיות פון וואַלד און פון פעלד. זיינען דען ניט דיביימער באַדעקט מיט ווייסן צוויט? בליען דען ניט קווייטן אויף די שויבן פון די פענצטער? זעען דען די באַקן ניט אויס אַזוי ווי רויטע עפּל? שמעקט דען ניט די לופט אַזוי ריין און דערקוויקנדיק?

ס׳איז געווען ליכטיק אין די אויגן און ליכטיק אויפן האַרצן האָבן די יינגלעך אויסגעלייגט "מענטשעלעך" אין שניי, אָדער האָבן געמאַכט "מענטשעלעך" פון שניי. האָבן אויסגעשליפן אַ לאַנגן שפּיגלדיקן "ויאמר־דוד־גליטש" אויף דער כאַפּונקע; זיך געשפּילט אין שניי־קוילן; געמאַכט אַן "המוציא" מיט די אייז־ליכטלעך. און ווי נאָר זיי האָבן געהאַט אַ פרייע מינוט פון חדר, האָבן די קינדער זיך געטומלט אין שניי, אין איינעם מיט די מיסט־פייגעלעך, די גרויע וואָראָבטשיקעס, וואָס זיינען אַרומגעשפּרונגען אַזוי ווי מייזלעך

אומעטום וואו ס׳איז געווען אַ קערנדל אָדער אַ פרישער מיסט־קוכן פון אַ פערד אָדער אַ בהמה.

בערטשיק־באַהעלפער האָט די ייִנגלעך דערציילט וואונדערלעכע מעשות וועגן די וואַרשטאַטן פון די דריי מייסטערס פונעם ווינטער־צעך, וואָס געפינען זיך העט־העט ווייט, עק־וועלט אין צפון, דאָרטן וואו עס זיינען די ״פּאָקרישקעס״. פּעטער אייזיק האָט אייז־קעלערן פול מיט אַלערליי סאָרטן אייז: אייז אַזוי ווי שטאָל, אייז אַזוי ווי זילבער, אייז אַזוי ווי צין; אייז ווי גרין גלאָז און אייז ווי קריסטאָל. דער זיידע־שנייער האָט שניי־ציגעלניעס און שניי־שפּייכלערס פול אַזוי ווי בינשטאָקן. יעדעס שנייעלע איז אַזוי ווי אַ פּיטשינקער ציגל. פאַראַן אויך שנייעלעך־פעדערלעך וואָס זיינען אַזוי ווי ווייסע פלאַטער־לעך אָדער ווי זילבערנע פליגעלעך; און עס זיינען אויך פאַראַן ווילדע שנייעלעך אַזוי ווי האָריקע בינען און סיווע היישעריקן, וואָס קומען אַראָפּ אין אומגעהייער־גרויסע מחנות.

אָבער די קאַמערן פון דעם פּראָסטמייסטער זיינען די מערק־ווערדיקסטע. דאָרטן האַלט ער זיין גאַנץ קלאַפּערגעצייג: די פענזלען און די אַלערליי קאָלירן; פּראָסטיקע דימענטן און אייזיקע בריליאַנטן; זילבערנע פליטערלעך און פּאַטשערקעס; פּראָסטיקן זייד, סאַמעט און אַטלעס. דער פּראָסטמייסטער איז אַ לוסטיקער חברה־מאַן, האָט ליב טרייבן קאַטאָוועס. פאַרקוקט זיך אַ ייִנגל, טוט אים דער פּראָסט־מייסטער אַ שנעל אין נאָז אָדער אין אויער אַריין, טוט אים אַ שטאָך אין די שפּיץ פינגער מיט אַ זילבערנער נאָדל; אָדער גיט אים שמעקן האַרבן זילבערנעם שמעק־טאַבעק פון זיין טאַווליקע. ווערט פון דעם דאָס גאַנצע פּנים, די ברעמען און די וויעס און די האָר פאַרזאַלצן מיט אַ זילבערנעם פּרעסטל.

ס׳מאַכט זיך אָבער אַמאָל, ס׳רוב ניטל־צייט, אַז דער פוילער שרעקלעכער ווינקל פון עק־וועלט אין צפון זייט,—טאַקע יענער ווינקל וואָס דער אייבערשטער האָט קיינמאָל ניט פאַרענדיקט בעת ער האָט די וועלט באַשאַפן,—הייבט זיך אָן וואַקלען. עס עפענען זיך אויף אין יענע וויסטע מקומות די ״פּאָקרישקעס״—די קאַמערן פון די שניי־שטורעמס. דאַמאָלס קומט אַרויס פון דאָרטן די סיטרא־אחרא צו פּראַווען איר ווינטערדיקע הוליאַנקע. יעמאָלט ווערט אַ כאַאָס און אַ

ווייסע אָרגיע, ס׳עפּנט זיך אויף אַ ווייסער תהום צווישן הימל און ערד; און דאָרטן אין דיווירבלדיקע שניי־וויכערס טאַנצן און הוליען "יענע לייט".

ווי איז דער באַשעפעניש וואָס געפינט זיך אין דרויסן אָן אַן אָפּדאַך ווען אַ שניי־זאַווערוכע צעבושעוועט זיך. זי פאַלט אַריין אַזוי ווי אין אַ ווייסן גיהנום. זי ווערט דערטרונקען אין די שטורמישע כוואַליעס פונעם שנייאיקן ים; זי ווערט פאַרשמיסן פון שנייאיקע בייטשן; זי ווערט דערשטאָכן פון אייזיקע שפּיזן. זי ווערט פאַרטראָגן ערגעץ אויף כף־הקלע און מען קען אפילו איר געביין ניט געפינען.

אויף די פליגלען פון די בייזע וויכערס, אויף די רוקנס פון די שנייאיקע כוואַליעס טראָגן זיך אַרום אומצאָליקע מחנות ווייסע מחבלים, גרויע שדים, סיווע רוחות; נאַקעטע קליפּות מיט זיל־בערנע צעפּ און זילבערנע ווידלען, מיט קוויטשעדיקע זויגעדיקע מזיקימלעך ביי די ווייסע ברוסטן. זיי קומען אָן מיט אַ מוראדיקן ברילן און היילן, פייפן און גרילצן. די ווענט פון די מענטשלעכע הייזער הייבן זיך אָן טרייסלען, די פענצטער הייבן אָן ציטערן. אָט פאַרגייען זיך די נישט־גוטע אין אַ גרויליק געלעכטער אַזוי ווי טויזנטער משוגעים; אָט הייבן זיי אָן וואָיען אַזוי ווי בלוטדאָרשטיקע בעסטיעס; אָט צעיאָמערן זיי זיך אַזוי ווי קליינע קינדערלעך וואָס מען האַלט אין קוילענען.

אַזאַ וואַקכאַנאַליע פון דער ווייסער חברה קען אָנהאַלטן עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד. דאָס שוידערלעך געווירבל פון שניי איז אַזוי ווי אַ שטראָם ווייסע לאַווע וואָס רייסט זיך אַרויס פון עפּעס אַ פאַר־פרוירענעם ווולקאַן. אַז דער שניי־שטורעם ווערט איינגעשטילט, זעט אויס אין דרויסן אַזוי ווי נאָך אַן ערדציטערניש. ריזיקע שניי־מאַסן ווערן אָנגעטראָגן אַזוי ווי ווייסע בערג; הייזער ווערן באַגראָבן ביזן דאַך;ביימער ווערן אויסגעריסן מיט די וואָרצלען; קוימענס ווערן אָפּגעריסן; דעכער ווערן איינגעבראָכן.

ווינטער־צייט איז גאַוורילאָ געוויינלעך שטאַרק פאַרנומען. ער דאַרף האַקן האָלץ און הייצן אַ גוזמא אויוונס און הרובעס אין די כאַפּונער הייזער און אין באָד. די טעגעלעך זיינען ליכטיקע אָבער קורצינקע, צונויפגעדריקטע צווישן אַ גרויען באַגינען און אַ בלויען

בין־השמשות; די נעכט זיינען לאַנגע און חושכדיקע, גליענדיקע מיט אייזיקע קריסטאַלן פונעם גרויזאַמען פראָסט. דער שבת־גוי האָט אפילו קיין צייט ניט געהאַט זיך צו פאַרטראַכטן, אַז ער דאַרף אַ נייעם פּעלץ און נייע וואַליקעס. אויף דער נאַכט פלעגט ער אַוועקפאַלן אין אַ טיפן שלאָף אין זיין שטאַרק אָנגעהייצטן הייזל ביי דער רויטלעכער שיין פון דער לאַמפּאַדע, אַזוי ווי אַ בער אין זיין הייל. זעלטן־זעלטן פלעגט ער האָבן אַ חלום. „פּאַראַסקאַ"... פלעגט ער דאַמאָלס מורמלען פון שלאָף.

נאָר איינמאָל פאַרן גאַנצן ווינטער האָט זיך גאַווריל אָנגע־שיכורט, און דאָס איז נאָך געווען אַ שטיק צייט פאַר ניטל. ער האָט געהאַט געהאָלפן שטעלן אַ נייעם אויוון ביים כאַפּונער אַקציזניק, און די אַקציזניטשקע האָט אין דער זעלבער צייט געהאַט „מיינינעס". האָט מען אים גוט מכבד געווען. הענעך דער בעדער האָט דעם שבת־גוי געמוזט איינשפּאַרן אויף אַ גאַנצן מעת־לעת אין דער קאַלטער באָד ביז ער האָט זיך אויסגעטשוכעט.

— 8 —

פרייטיק אין דער פרי, באַלד נאָך חנוכה, איז קיין כאַפּון אָנגע־קומען פון מאָזיר דער אישאַנסקער רבי ר' ישראל אין דעם נייעם שליטן וואָס ער האָט געקראָגן אַ מתנה פון זיין מחותן, דעם קיעווער גביר נישע זייטשיק. דעם אישאַנסקערס אַריינפאָר האָט אין שטאָט געמאַכט אַ גרויסן רושם. דער רבי, אַ הויכער, אַ מאַיעסטעטישער, איז געזעסן אויבן־אָן אין אַ טייערן פוקסענעם פוטער מיט אַ ביבערנעם קאָלנער, די פּיס צוגעדעקט מיט אַ בערן־פעל. אויף דער קעלניע האָט געטורעמט בערע, דעם רבינס קוטשער, אַ ייד אַ ריז מיט אַ שוואַרצער באָרד אַזוי ווי אַ בעזעם, וואָס האָט אים דערגרייכט ביזן גאַרטל, אָנגעטאָן אין אַ מעכטיקן האָריקן הינטישן פּעלץ. די צוויי בולאַנע פערד זיינען געווען פריצישע, גלאַנצעדיקע אַזוי ווי אַטלעס, מיט אונטערגעהאַקטע ווידלען און גריוועס. דער רבי האָט געהאַט אַ גאַנצע שטאַל מיט פערד אין אישאַנסק. דאָס געשפּאַן פון די פערד איז געווען אַ מעשן און די גלעקעלעך זילבערנע. איז זיך גאַנץ כאַפּון צונויפגעלאָפן אַזוי ווי אויף חידושים, ניט נאָר דעם רבין מקבל פּנים צו זיין, נאָר אויך אָנצוקוקן

דעם שליטן. דאָס איז טאַקע געווען אַן אַנטיק אין דער וועלט. אין גאַנצן אויסגעשמידט פון שטאָל, אָבער גרינג ווי אַ פעדערל, מיט ספּרוזשינעס, מיט פליגלען פון ביידע זייטן, מיט אַ לעדערנער בויד, וואָס האָט זיך געקענט צונויפלייגן. אַן אויסגעפּאַרבטער אין אַ ליכטיק־רויטן קאָליר, האָט דער שליטן אויסגעזען ווי אַ וואונדערלעכער רויטער פויגל.

פאַרפאַרן איז דער אישאַנסקער גראַדע צו אַ פראָסטן חסיד, צו ״פּסח דעם גרויסן״, צוליב צוויי טעמים: ערשטענס האָט דער קצב געהאַט אַ גרויס שפּאַגל־ניי הויז, מען האָט נאָך דאָרטן אפילו קיין ריכטיקן חנוכת־הבית ניט געפּראַוועט; שנית איז פּסח געווען דעם רבינס שמייסערס אַ מחותן: בערעס עלטסטע טאָכטער קרוינע איז שוין זעקס יאָר געווען אַ כאַפּונער שנור. איר מאַן שימענקע האָט געהאַלטן די יאַטקע אין איינעם מיטן טאַטן. דער רבי איז פאַרבליבן איבער שבת אין כאַפּון און די גאַנצע שטאָט איז געגאַנגען אַזוי ווי אויף רעדלעך. פיר ווייבלעך זיינען דאַמאָלס געווען ״אויף דער צייט״ אין כאַפּון: פייגעלע די מלמדקע, קרוינע דעם קצבס שנור, דבורה ״די זשעליאַזניצע״ און חיהלע ״די קינדלענדיקע״—די גאַלאַנטעריי־קרעמערקע. געווען פריער אין כאַפּון נאָך אַ פינפט ווייבל, רחלע ״די מילכיקע״, דעם גאַרבאַרניקס טאָכטער. האָט זי אָבער אַנומלט געקראָגן אַ שטויס אין בויך, מעלקנדיק אַ בהמה און האָט, לא עליכם, מפּיל געווען.

איז אין כאַפּון געווען אַן אמתער פאַרמעסט, ממש אַ געוועט. ווער וועט זיין די ערשטע צו ברענגען אַ קינד אויף דער וועלט? ווער וועט האָבן אַ בן־זכר? נאָך די צוויי קינדערשע מגפות וואָס האָבן אין כאַפּון געבושעוועט פאַר די לעצטע פאַר יאָר, איז דאָס טאַקע געווען אַ וויכטיקע פּראָבלעם. היינט אַז דער אישאַנסקער רבי איז אָנגעקומען אין שטאָט איז דאָרטן געוואָרן אַן אמתער ״ויתרוצצו־הבנים״, ווי חייקל־רופא האָט זיך געוויצלט. די ״זשעליאַזניצע״ און די ״קינד־לענדיקע״ זיינען געווען געניטע וועטעראַנקעס אין הלכת קינדער האָבן. אָבער פייגעלע די רביצן איז געווען נאָך גאָר אַ יונגע רעקרוטקע, ניט קיין אויסגעפּרואווטע. האָט מען אויף איר אין שטאָט ווייניק געשטעלט. זעט איר, מיט קרוינען איז שוין געווען עפּעס אַנדערש. כאָטש זי איז געווען אַ יונג ווייבל, איז זי אָבער געווען אַ כוואַטסקע. דאָס ערשטע

קינד איז ביי איר, לא עליכם, אומגעקומען פון דער כּאָלערינקע. איר מאַן שימענקע איז געווען אַ גבר. היינט בערע, דעם רבינס קוטשער, שטייט מיט דער בייטש אין האַנט און טרייבט דאָס ניט געבוירענע אייניקל: „אַרויס, יונגאַטש!" און דער אישאַנסקער אַליין, וואָס שטייט איין דאָרטן אין הויז, וועט דאָך געוויס איר אויך ביישטיין. איז דער־פּאָר קרוינע געווען די ערשטע אויפן צעטל צו געווינען דאָס געוועט פון די געווינערינס.

שבת בייטאָג האָט דער אישאַנסקער געפירט טיש ביי פּסחן אין דער גרויסער סאַליע און האָט געזאָגט תורה. דער גוואַלדאָוונער עולם האָט געלעקט די פינגער, הן פון דעם רבינס רייד און הן פון דעם קצבס געפילטע קישקעס און פעטע קוגלען.

ר׳ ישראל דער אישאַנסקער האָט ניט געהאַט דעם גאונישן קאָפּ פון זיין זיידן חיימקען „דעם לויתן" און האָט ניט פאַרמאָגט די וואונדער־לעכע מאַגנעטישע קראַפט פון זיין טאַטן, נחומטשען דעם „נסתר". ער איז געווען אַ מער פּראָזאַישער, מער וועלטלעכער מענטש. איז ניט געווען קיין בעל־חלומות און אַ קנאַפּער בעל־מופת. די אנשי־חן, די רעשטלעך פון דעם נסתרס חסידים פלעגן זיך באַקלאָגן אַז אישאַנסק איז איצטער אָפּגעבליאַקעוועט געוואָרן, אַז די שכינה האָט זיך פון דאָרטן אָפּגעטאָן. אָן דעם נסתר איז פון „אישאַנסק" געוואָרן „קאַבצאַנסק". פונדעסטוועגן האָט דער אישאַנסקער רבי ר׳ ישראל געצויגן צו זיך אַ סך אַ גרעסערן עולם חסידים ווי זיין טאַטע האָט ווען געהאַט.

געווען איז דער רבי אין די הויכע פופציקער, אַ מענטש פון אַ גאָר גרויסן פאַרנעם, אַ שלאַנקער, אַ געוויקסיקער, ממש „משכמו למעלה"; מיט אַ מלכותדיקן שטערן מיט צוויי ווינקלען, מיט אַ שיין־צעקעמטער שוואַרץ־פאַרזילבערטער באָרד מיט צוויי שפּיצן, מיט אַ פּאָר טיפע שוואַרצע קלוגע אויגן. געווען אַ מענטש פון אַ וואונדער־לעכן הדרת־פּנים, אַן אָפענער מוח, אַ גרויסער בר־דעת, אַ גוואַלדיקער בעל־דברן, הן אין יידיש, הן אין דייטש און אין גויאיש; געווען אַ גרויסער למדן, אָבער פון פּילפּול האָט ער ניט געהאַלטן; אַ פרומער, אָבער ניט קיין פאַרפרומטער; זיך שטרענג געהאַלטן ביים אַלטן דרך, ביי די איינגעוואָרצלטע יידישע טראַדיציעס, אָבער פון זאַבאָ־

באָנעם האָט ער זיך אויסגעלאַכט און פון אָבערגלויבישע מנהגים האָט ער אויסגעווייכט. צו דער קבלה, אין וועלכער זיין טאַטע איז געווען אַזאַ מייסטער, האָט זיך דער אישאַנסקער פאַרהאַלטן מיט אַ געוויסער רעזערוואַציע.

געווען איז דער אישאַנסקער אַ לעבנסלוסטיקער מענטש, האָט ליב געהאַט אַ הוליאַנקע, פראַווען אַ סעודהלע; האָט ליב געהאַט אַ גוטן ניגון, אַ פיינעם כלי־זמר, אַ פריילעכן טאַנץ, אַ געשמאַקן ביסן. ער פלעגט אָפט כאַפּן אַ שפּאַציר מיט זיינע חסידים אויסן שטאָט. דער רבי האָט ליב געהאַט די וועלט, דער עיקר אָבער די מענטשן— פריילעכע מענטשן. ער איז זייער געווען צוגעלאָזן צו קינדער, אָבער אין דער אמתן איז ער געווען פאַרקאָכט אין פערדלעך. אין הלכת־סוסים איז דער רבי געווען אַ גרויסער מומחה. אין אישאַנסקער הויף האָט ער געהאָדעוועט זיינע אייגענע פערד.

דאָס איז געווען דער אויסנווייניקסטער רבי. דער אינעווייניקס־טער איז געווען דער מענטש פונעם גרויסן האַרץ. דעם אישאַנסקער רבין האָט די וועלט געקרוינט מיטן טיטול "דגל ישראל". וואָרעם דער ציל פון זיין לעבן איז געווען צו זיין אַ כאָדאַטײ, אַ שתדלן פאַר כל ישראל. וואו נאָר ס'איז געווען אַ צרה ביי יידן, — אַ גזירה, אַ בילבול, אַ מגפה, אַ שרפה, אַ פאַרפלייצונג, — באַלד האָט מען גע־קלאַפּט אין די טויערן פון אישאַנסקער הויף; געקלאַפּט מיט דער פּושקע, געגוואַלדעוועט, געמאָנט הילף. און דער דגל ישראל איז תמיד געווען מוכן־ומזומן: גענומען דעם שטעקן, אָנגעגורט די לענדן און היידאַ, זיך אַוועקגעלאָזט אָדער מיט אייגענע פערד, אָדער מיט אַ בעל־עגלה, מיט פּאָטשט, מיט אַ שיף,—בעטן רחמים, קלאַפּן אין די הויכע פענצטער, וועקן די יידישע גדולים, איינרייסן וועלטן. דער רבי איז געווען אַ גוואַלדיקער עקשן, אומעטום געקענט צושטיין, אַלץ האָט ער געקענט אויספירן.

אַז די שטעטל טשיריבייקע איז אין גאַנצן אַוועק מיט פייער, האָט דער קיעווער צוקער־פאַבריקאַנט נישע זייטשיק פאַרגעשטעלט זיין מחותן פאַרן גענעראַל־גובערנאַטאָר קניאַז טשיריביי, וואָס איז געווען דער לאַנד־באַזיצער פון דעם אָפּגעברענטן שטעטל. ניט נאָר האָט דער אַלטער פירשט צוגעשיקט פון זיין נאָענטן וואַלד געהילץ

דאָס שטעטל טשיריבייקע ווידער אויפּצוביעץ, ער האָט אויך די נשרפים באַפרייט פון ״פּלאַצאָווע״ (גרונטשטייער) אויף פינף יאָר צייט. ״אַ גרויסאַרטיקער מענטש דער אישאַנסקער ראָבין,״ האָט דער אַלטער קאָזאַקן־גענעראַל אַ זאָג געטאָן אין באַוואונדערונג, ״כאָטש מאַך אים פאַר אַ פּרעמיער־מיניסטער, אָדער פאַר אַ געזאַנדטן צום טערקישן סולטאַן.״ ניט קוקנדיק אויף זיין גרויסע רעפּוטאַציע, איז דער רבי געווען אַ באַשיידענער מענטש. אויב די וועלט האָט אים אַ נאָמען געגעבן ״דגל־ישראל״, האָט ער זיך אַליין אָבער גערופן ״רגל־ישראל״.

דעם אישאַנסקערס באַזוך אין כאָפּון איז פונדעסטוועגן אין גאַנצן אָן אַ מופת ניט פאַריבער. באַלד נאָך הבדלה האָט קרוינע אָנגעהויבן גיין צו קינד. אין איין שעה צייט איז זי געלעגן געוואָרן מיט אַ צווילינג, טאַקע מיט צוויי ייִנגלעך. ״ס׳איז געווען גרינג אַזוי ווי אַרויסנעמען אַ פּאָר אויסגעבאַקענע קוילעטשלעך פון אויוון,״ האָט די באָבע צייטל אָנגעקוואָלן. אין שטאָט האָט דאָס אַרויסגערופן אַ פריידיקע סענסאַציע. האָט בערע, פאַרשטייט זיך, שוין געמוזט פאַרבלייבן אין כאָפּון וואָרטן פאַרן ברית. אָבער דער רבי האָט זיך ניט געקענט פאַרזאַמען. האָט ער איבערגעלאָזט זיין קוטשער אין כאָפּון און האָט מיטגענומען גאַוורילאָן דעם שבת־גוי פאַר אַן אָנטרייבער.

זונטיק אין דערפרי, באַלד נאָכן דאַווענען, אין דרויסן איז נאָך געווען בלוי, איז דער אישאַנסקער אַרויסגעפאָרן פון כאָפּון. ס׳איז געווען אַ קלאָרער, שטילער פראָסטיקער טאָג. אונטערן שטאָט איז געווען אַ וואונדערלעכע טראַנספאָרמאַציע. דער שניי האָט אויסגעמעקט די שוואַרצע בלאָטעס און האָט אויסגעפורעמט אַ ווייסע, ציכטיקע, רונדע, בלאַנקע, פלאַסטישע רחבותדיקייט. פון כאָפּון קיין אישאַנסק איז אַן אָפּענער טראַקט, אין גאַנצן קנאַפּע פופציק ווערסטלעך. מיט דעם גוטן שליטוועג און מיט דעם רבינס טייערע פערד האָט מען דעם וועג געקענט אָנלייגן אין איין טאָג. מען האָט זיך אָבער געמוזט פאַרנעמען אַביסל אין אַ זייט, אַ ווערסטלעך פופצן דורכן טשערנאָלוזשער וואַלד, וואָרעם דער רבי האָט זיך געדאַרפט אָפּשטעלן אין שטעטל מלינקי, אויף ייִדיש ״מילינקעס״.

אין די מילינקעס איז געווען דער מעל־צענטער פון דער גאַנצער סביבה, גאַנץ שטאָט האָט פון מעל געצויגן חיונה. איז אָבער דער מלינקער פריץ, וואָס צו אים געהערן אַלע מילן, באַשטימט געוואָרן פאַר אַ „וואָיעוואָ־נאַטשאַלניק״—אַ הויפּטמאַן פון דעם גאַנצן מיליטערישן ראַיאָן. אַזוי ווי אָבער דער גאַרניזאָן פונעם פּריץ איז געלעגן מיט אַ וויאָרסט הונדערט ווייטער, שוין נאָענט צו דעם עסטרייכישן גרענעץ, און אַזוי ווי ער האָט דאָרטן אויך געהאַט אַ מאַיאָנטעק, האָט זיך דער גענעראַל געקליבן זיינע מלינקער מילן צו פאַרמאַכן און דעם גאַנצן מעל־מסחר אַריבערפירן אין די נייע געגנט. האָט מען וועגן דער דאָזיקער גזירה באַלד געלאָזט וויסן אין אישאַנסק: למען־השם, זאָל דער דגל־ישראל אַראָפּקומען און ראַטעווען אַ קהילה יידן! „כ׳וועל מיך געוויס אין די מילינקעס מוזן אויפהאַלטן אַ פּאָר טעג,״ האָט דער רבי געטראַכט אַביסל פאַרזאָרגט. „כ׳וועל אפשר אויך דאַרפן זען דעם פּריץ, אויב ער געפינט זיך איצטער אויף זיין גוט.״

באַלד אָבער האָט זיך דעם אישאַנסקערס פּנים אויסגעלייטערט און די שווערקייט איז אַראָפּגעפאַלן פון זיין געמיט. דער רבי איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון דער נאַטור. די ווינטערדיקע זון איז נאָר־וואָס אויפגעגאַנגען. ניט קיין הייסע און פייערדיקע, אָבער אַ ליכטיקע און שטראַלנדיקע. ווי נאָר מען איז אַריינגעפאָרן אין טשערנאָלוזשער וואַלד, האָט זיך אַנטפּלעקט אַ וואונדערלעך בילד: דער אור־אַלטער סאָסנע־וואַלד אין זיין גאַנצער ווינטערדיקער פּראַכט, באַלויכטן מיט די יונגע שטראַלן פון דער זון. ביים רבין האָבן די אויגן אָנגעהויבן שיינען און ס׳איז אים געוואָרן ליכטיק אויפן האַרצן.

„פּלאי־פּלאים,״ האָט ער געטראַכט. „אַ ווייסער היכל, אַ בלאַנקער טעמפּל! די שטאַמען פון די ביימער זיינען אַזוי ווי זיילן און פון אויבן איז אַ זילבערנער דאַך; און אַרום און אַרום זיינען לויטערע קאַמערן, סוכות און חופּות; ווייסע געצעלטן, אויסגעשטיקטע מיט שפּיצן און מיט זילבערנע פעדעם, באַשמוקטע מיט פּערל, באַשפּרענקלטע מיט פינקלדיקע דימענטן און מיט כל המינים אבנים טובות ומרגליות... ווי גרויס זיינען דיינע ווערק רבונו של עולם, די גאַנצע וועלט איז פול מיט דיין פּראַכט!״ ביים רבין אין קאָפּ זיינען דורכגעפלויגן די האַרבע קשיות וואָס גאָט האָט געשטעלט איובן אין

שטורעם: „פון וועמענס בויך איז אַרויס דער שניי? און דער פראָסט פון הימל, ווער האָט אים געבוירן? אַזוי ווי אַ שטיין ווערן וואַסערן פאַרגליווערט, און דאָס פּנים פון תהום ווערט פאַרשטאַרט...״

דעם רבין איז אַרויפגעקומען אויפן געדאַנק אַן עפּיזאָד פון די קינדער־יאָרן. איינמאָל אין האַרבסט איז ער געפאָרן מיטן טאַטן קיין מאָזיר. האָט מען געדאַרפט אַריבער אַ בריקל, וואָס איז געווען אונטער־געשווענקט פון די רעגנס, געשטאַנען אַזוי ווי אויף הינערשע פיסלעך. די פערד האָבן זיך צעפּוזשעט, און ער אַליין האָט זיך אויך שטאַרק דערשראָקן. האָט דער טאַטע אַ קוק געטאָן אויף אים מיט די גרויסע לייכטנדיקע בלויע אויגן, אַזוינע אויגן האָט איצטער זיין אייניקל מיכעלע־מלאך, און האָט זיך אָנגערופן: „דו ווייסט, ישראליק, פאַרוואָס דו און, להבדיל, די פערדלעך האָבן אַזוי מורא? וואָרעם איר האָט ניט קיין בטחון אין דעם רבונו־של־עולם. אַז משיח וועט קומען, וועלן די צדיקים גיין איבער אַ פּאַפּירענע בריק און זי וועט פעסט־האַלטן; און די רשעים וועלן גיין איבער אַן אייזערנע בריק און זי וועט איינ־פאַלן.״ „אָט זיינען ערשט ניט לאַנג דאָ געלעגן אָפענע זומפן,״ האָט דער רבי אַ טראַכט געטאָן, „וואָס־זשע האָט דער אייבערשטער געטאָן? ער האָט אַראָפּגעשיקט מילי־מיליאָסן פּיטשינקע שנייעלעך אַזוי ווי ווייסע שפּינעלעך און זיי האָבן שטום, טיכטיק און געשווינד אויס־געשפּינט אַ ווייכע איבערדעק איבער דער ערד, דאַכט זיך אַזאַ וואָס האָט גאָר ניט קיין ממשות, פּונקט ווי שפּינגעוועב. פונדעסטוועגן איז דער שניי שטאַרק און מעכטיק ווי אייזן.״

ס׳איז געווען רואיק און זוניק. דער רבי האָט זיך אַזוי ווי אויפגעכאַפּט פון אַ ליכטיקן חלום, האָט אָפּגעשפּיליעט דעם ביבערנעם קאָלנער פון פוטער און האָט אָנגעהויבן רייכערן פון זיין לאַנגן ציבוך. גאַווורילאָ איז געזעסן אויף דער קעלניע אין אַ שמויסענעם פּעלצל און האָט אויך פאַרטראַכטערהייט געפּיפּקעט זיין ליולקע. דער שניי האָט הילכיק געסקריפּעט אונטער דעם אייזערנעם שליטן. די גלעקעלעך האָבן מונטער געקלונגען. די פערד האָבן ריטמיש אויסגעשלאָגן טאַקט מיט די פלינקע קאָפּיטעס. פון זיי האָט זיך געטראָגן אַ געשמאַקער ריח פון שווייס און פון פערדישן מיסט. גאַווורילאָס וואָנצעס, דעם רבינס באָרד און זיין ביבערנער קאָלנער, די פערדס גריוועס האָבן

זיך פֿאַרזילבערט און אַ ווייסע פֿאַרע האָט געזעצט פֿון אַלעמענס נאָזלעכער.

„רבי,‟ האָט זיך גאַוורילאָ אָנגערופֿן אַ פֿאַרקלערטער, „מען דערציילט אַז איר קענט היילן אַלערליי כּאַראָבעס און קענט פֿאַר־טרייבן בייזע גייסטער. אפֿשר וואָלט איר מיך אויסגעהיילט פֿון אַ שלעכטער טבֿע?‟

„וואָס פֿאַר אַ שלעכטע טבֿע, גאַוורילאָ?‟ האָט זיך דער אישאַנ־סקער געוואונדערט.

„כ׳בין אַ פּיאַניצע, אַ וויסטער שיכּורניק,‟ האָט דער פּויער אַ זאָג געטאָן כּמורנע, „דערשמעק איך נאָר דעם ביטערן טראָפּן, הייבט מיך אָן ציען צו משקה אַזוי ווי מיט אַ מאַגנעט און איך קען מיך ניט באַהערשן. עס נאָגט אין מיר אינעווייניק פּונקט ווי אין מיר וואָלט געזעסן אַ בייזער דאָרשטיקער וואָרעם; און וואָס מער איך טרינק אַלץ דאָרשטיקער ווער איך. ניכטערערהייט בין איך אַ שטילער מענטש, טרינק איך מיך אָבער אָן, ווער איך אַ צעווילדעוועטער. כ׳האָב מורא כ׳זאָל ניט ווערן קיין דושעגובֿ; שיכּורערהייט בין איך קאָפּאַבל בלוט צו פֿאַרגיסן. רבי, אפֿשר קענט איר ראַטעווען מיין נשמה?‟

„שיכּורן איז אַ געפֿערליכע זאַך, הן פֿאַרן לייב, הן פֿאַר דער נשמה.‟ האָט דער אישאַנסקער אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ מיט מיטלייד. „אפֿשר חבֿרסטו זיך מיט שלעכטער קאָמפּאַניע, וואָס פֿירט דיך אַראָפּ פֿון גלייכן וועג?‟

„ניין ראַבין,‟ האָט דער שבת־גוי געענטפֿערט, „כ׳האָב ניט קיין גוטע־ברידער אין כאַפּון. כ׳בין איינער אַליין און אַז איך טרינק בין איך פּונקט ווי אַן עלנטער שטיין אין מיטן פֿעלד אין האַרבסט, וואָס ווערט פֿאַרפּלייצט פֿון רעגן.‟

דער רבי איז געזעסן אַ פֿאַרטראַכטער. „עס איז ניט גוט אַז דער מענטש זאָל זיין אַליין,‟ האָט ער אַ זאָג געטאָן, „דאָס האָט שוין דער בורא עולם אויסגעפֿונען ווי נאָר ער האָט דעם מענטשן באַשאַפֿן. ס׳איז ביטער צו זיין אַליין אויף דער וועלט. אַלץ, אפֿילו דאַוונען, דאַרף דער מענטש בציבור. איז דער מענטש אַליין, פֿאַרקריכן זיינע געדאַנקען אויף קרומע וועגן. אָדער ער פֿאַרקוקט זיך אויף זיך אַליין

און ער מיינט אַז ער איז דער מיטלפּונקט פון דער ערד; אָדער ער פּאַרקוקט זיך אין דער וועלט אַריין און ער ווערט אַ פּאַרלאָרענער... טרינקען דאַרף דער מענטש אין מעסיקייט, מיט גוטע פריינט, מיט אייגענע, אין אַ יום־טוב אָדער אויף אַ שמחה. דאַמאָלס דערפרייט דער וויין דעם מענטשנס האַרץ. אָבער אַז מען טרינקט אַליין קען מען אפילו קיין "לחיים" ניט זאָגן און אַז מען כאַפּט נאָך איבער די מאָס קען מען, רחמנא־ליצלן, נאָך אַריינפאַלן אין אַ שווערע מרה־שחורה."

"ציע פּראַוודאַ," האָט דער פּויער צוגעגעבן, "טרינק איך אַביסל, ווער איך אַ צעהוליעטער, טרינק איך אַ סך, ווער איך אַ צעיושעטער אַזוי ווי אַ ווילדע בעסטיע; זויף איך מיך אָן, ווערט מיר אַזוי שווער אויפן האַרצן—ממש אַ מעשה זיך אָנצוטאָן!"

דער רבי האָט ווידער אָנגעקוקט דעם שבת־גוי מיט רחמנות אין די אויגן. "שלמה המלך האָט געזאָגט: 'ביי וועמען איז אוי, ביי וועמען איז וויי? ביי וועמען קריג, ביי וועמען קלאָג? ביי וועמען אומזיסטע וואונדן, ביי וועמען רויטע אויגן? ביי די וואָס שפּעטיקן זיך ביים וויין, ביי די וואָס קומען פאַרזוכן דאָס שאַרפע געטראַנק. זאָלסט ניט קוקן אויפן וויין ווי ער רייטלט זיך, ווי עס שפּיגלט זיך זיין פאַרב אין כוס, ווי ער גליטשט זיך אַראָפּ גלאַטיק. אין זיין סוף וועט ער בייסן ווי אַ שלאַנג, ווי אַ נאָטער וועט ער פאַרגיפטן. דיינע אויגן וועלן זען פרעמדע זאַכן און דיין האַרץ וועט רעדן פאַרקערטקייט. אָבער אַז דו וועסט זיך אויסניכטערן וועסטו דאָס געטראַנק ווידער זוכן'... יאָ גאַווריליאָ, איך ווייס וואָס פאַר אַ געפערלעכער סם שיכרות איז. דערצייל מיר עפּעס פון דיין לעבן, אפשר וועל איך דיר קענען אויסהעלפן מיט עפּעס אַן עצה."

גאַווריליאָ האָט זיך צוגעהערט מיט קאָפּ צום רבינס רייד און איז אַ שטיק צייט געזעסן אַ פינצטערער און אַ שווייגעדיקער.

"ניטאָ אַ סך צו דערציילן," האָט זיך גאַווריליאָ אָנגערופן מאַנאָטאָן. "כ'בין אויסגעוואָקסן אַ יתום אין פּאַנסקאַ־מאָהילאַ. קיין לאַנד האָב איך ניט געקראָגן, נאָך פאַנשטשיזנע בין איך געוואָרן אַ נאַימיט, אַ געדונגענע האַנט. געאַרבעט ביי פרעמדע מיין גאַנץ לעבן. כ'האָב חתונה געהאַט, זיינען מיין ווייב און קינדערלעך געשטאָרבן פון דער כאָלערע. האָב איך אָנגעהויבן טרינקען, בין אַוועק קיין קיעוו

אין די הייליקע ערטער אויף באַנאַמאַליע. ס׳האָט אָבער ניט געהאָלפֿן: כ׳בין פֿאַרבליבן דער אייגענער שיכור. האָב איך אַביסל אַרומגע־בראַדזשעט איבער דער וועלט ביז כ׳האָב אָנגעשפּאַרט קיין כאַפּון.״

פֿאַר אַ ווייל האָט זיך דער פֿויער פֿאַרטראַכט. ״אָט לעב איך צווישן יידן שוין זיבן יאָר און בין צופֿרידן. ס׳איז טאַקע אַן איינזאַם לעבן, אָבער ס׳איז אַ רואיק לעבן. די יידן זיינען גוט צו מיר, כאָטש זיי געטרויען מיר ניט. כ׳בין פֿאַרזאָרגט מיט ברויט. מסתמא איז מיר שוין אַזאַ דאָליע באַשערט,״ האָט ער אַ זאָג געטאָן פֿאַטאַליסטיש, ״טילקאָ דאָס שיכורען, ליכאָ יעהאָ מאַטערי, דאָס ברענגט אַראָפּ אויף מיר אַלערליי צרות! איר האָט דאָך געוויס געהערט, רבי, וואָס ס׳האָט פּאַסירט אין כאַפּון יום־כיפּור צייט. שיר וואָס די גאַנצע שטאָט איז ניט חרוב געוואָרן. און אַלץ דורך מיין טרינקען. געקומען אַ פֿויערשע חתונה קיין כאַפּון, האָט מען געמאַכט אַ הוליאַנקע אין שענק, בעת די יידן האָבן געדאַוונט אין שול. די מחותנים זיינען געווען לייטישע מענטשן. האָב איך אויך אַ הוליע געטאָן מיט איינער אַ סאָלדאַטקע, פּאַראַסקאַ הייסט זי, אַ שיינע פּריילעכע מאָלאָדיצע. האָב איך מיך אָנגעשיכורט און בין אין גאַנצן אַרויס פֿון די כלים. בין געוואָרן אַ צעבושעוועטער, האָב אָנגעמאַכט אַן אמתען פּאָגראָם אין שטאָט. און כ׳בין געוואָרן אַ רויבער אויכעט. כ׳האָב אַרויסגענומען פֿון דער שענקערקעס סקריניע דאָס גאַנצע ביסל צירונג און דאָס אַוועקגעגעבן דער סאָלדאַטקע.

״מילא דאָס וואָס כ׳האָב זיך מיט איר אַ שפּיל געטאָן, איז דאָך ניט קיין גרויסע עבירה. איך בין ניט קיין באַווייבטער און פּאַראַסקאַ איז געוויס אַן אַלמנה. איר מאַן איז געווען אויף דער טערקישער מלחמה און זי האָט שוין אַ פּאָר יאָר פֿון אים ניט געהערט. זי וואוינט טאַקע, פּאַראַסקאַ, ניט ווייט פֿון דאַנען, אין דערפֿל טשערנאַלוזשע. איר טאַטע איוואַנקאָ איז אַ פּאַסיטשניק—האָדעוועט בינען, אַ צור־געלאָזן מענטשל. ער האָט מיך נאָך אויף דער חתונה פֿאַרבעטן כ׳זאָל קומען צו אים צו גאַסט. אפשר וועל איך מיך טאַקע אַריינכאַפּן קיין טשערנאָלוזשע אויפֿן וועג צוריק... זי האָט אויף מיר אַ כישוף אַרויפֿגעטאָן, די שוואַרצע פּאַראַסקאַ. אַ גאַנצע נאַכט פֿלאָנטערט זי זיך מיר אין חלום. אָדער זי, אָדער בראָנפֿן. טפֿו, צו מיינע שונאימס

קעפּ! זיי זיינען ביידע אַזוי ווי זלידנע פליגן, כ׳קען זיך פון זיי ניט אָפּטשעפּען.״

דער אישאַנסקער האָט געשאָקלט דעם קאָפּ מיט אַ שטאַרקן פיר־וואָרף. ״שוין־זשע האָסטו ניט געהערט פון די צען געבאָט?״ האָט ער אַ פרעג געטאָן אין אַן ערנצטן טאָן. ״זאָלסט ניט גלוסטן דיין חברס ווייב, דאָס איז דאָס צענטע געבאָט. דאָס איז ניט קיין קלייניקייט, דאָס איז אַ גרויסע זינד! וואָרנט אונדזער גרעסטער חכם: ״היט זיך פון דער שלעכטער ווייבספּאַרשוין. זאָלסט ניט פאַרבלאָנדזשען אין אירע שטעגן, זאָלסט ניט גלוסטן איר שיינקייט אין דיין האַרצן. וואָרעם איבער אַן אויסגעלאָסענע קומט מען ביז אַ לעבל ברויט, און אַן אשת־איש פאַנגט די טייערסטע זעל. קען אַ מענטש גיין אויף קוילן און זיינע פיס זאָלן ניט אָפּגעברענט ווערן? אַזוי איז דער וואָס קומט צו זיין חברס ווייב. קיינער וואָס רירט זי אָן קומט ניט אָפּ גלאַט. מען קען ניט פאַראַכטן דעם גנב, אַז ער גנבעט אָנצופילן זיין לייב ווען ער איז הונגעריק. אָבער דער וואָס זינדיקט מיט אַן אשת־איש איז אָן שכל. זיך אַליין ברענגט ער אום, דער וואָס טוט דאָס. שלעג און שאַנד וועט ער קריגן, און זיין חרפּה וועט ניט אָפּגעמעקט ווערן. וואָרעם אייפערזוכט איז דער גרימצאָרן פון אַ מאַן, און ער וועט ניט שוינען אין טאָג פון נקמה...״

דער רבי האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און האָט ווייטער גערעדט. ״זאָגט שלמה־המלך: איך האָב געזען צווישן די נאַרן, גע־מערקט צווישן די יונגעלייט אַ יונג אָן שכל ווי ער שפּרייזט אויפן וועג צו איר הויז אין אָוונט פון טאָג, אין טיפער נאַכט פון פינצטער־ניש. ערשט אַ פרוי קומט אים אַנטקעגן, מיט דעם אָנטו פון אַ זונה, און מיט אַ באַהאַלטענעם האַרצן. רוישיק איז זי און אויסגעלאַסן, אירע פיס רוען ניט אין איר היים. אַמאָל אין גאַס, אַמאָל אויף די מערק, און אין אַלע עקן טוט זי לויערן. (״פאַראַסקאַ״, האָט גאַוורילאָ געטראַכט, ״פאַראַסקאַ, ווי זי לייבט און לעבט!״) און זי נעמט אים אָן און זי קושט אים, זי פאַרשייט איר פּנים און זאָגט צו אים: איך בין אַרויס דיר אַנטקעגן צו זוכן דיין פּנים און איך האָב דיך געפונען. מיט דעקן האָב איך איבערגעדעקט מיין בעט, איך האָב באַשפּריצט מיין געלעגער מיט מירע, אַלאָע און צימערינג. קום לאָמיר זיך זעטן

מיט ליבע ביזן פרימאָרגן, לאָמיר זיך קוויקן מיט ליבשאַפט. וואָרעם מיין מאַן איז ניטאָ אין דער היים, ער איז אַוועק אויף אַ ווייטן וועג... זי ציט אים אָן מיט איר פיל איינרעדעניש, מיט אירע גלאַטע ליפּן פאַרפירט זי אים. ער גייט איר באַלד נאָך, ווי אַן אָקס צו דער שחיטה... ניין גאַווארילאָ," האָט דער רבי פאַרענדיקט, "זאָלסט זיך ניט דערוועגן אפילו אַ פוס צו שטעלן אין טשערנאָלוזשע."

"פּאַראַסקאַ," האָט גאַווארילאָ געטראַכט און האָט אָפּגעלעקט די ליפּן, "די שוואַרצע פּאַראַסקאַ, מיט אַלע פּישטשעוועקעס. אָבער פאַר־וואָס האָט דער רבי געמאַכט פון דעם אַזאַ וועזן? פון דעם ווערט דאָך ניט קיין געוואוינהייט."

"מען איז דאָך מער ניט ווי אַ לעבעדיקער מענטש, און קיין מאַנאַך איז מען אויך ניט," האָט זיך דער פויער פאַרענטפערט, "זעט איר, שיכורן, דאָס איז שוין עפּעס גאָר אַנדערש, דאָס קען טאַקע פירן צו אַלדעם בייז. אָט זיץ איך איצטער אויף דער קעלניע, און ווייסט איר וואָס איך טראַכט? כ׳וועל ברענגען דעם רבין אַהיים בשלום, וועט ער מיך געוויס מכבד זיין מיט אַ גוטן טרונק בראָנפן; וועל איך כאַפּן אַ קאַפּ און נאָך אַ קאַפּ—פון גלעזל צום פלעשל—ביז כ׳וועל ווערן קאַפּוט. דאָס איז שוין אַ פאַסקודנע טבע, וואָס פון איר קען מען ניט פטור ווערן."

"גאַווארילאָ," האָט דער רבי אַ זאָג געטאָן, "אָט האָסטו אָפּגעלעבט כמעט אַ העלפט פון דיין לעבן. דו עסט און טרינקסט, אַרבעטסט און רוסט, ווייבסט פון ווייטאָג און לאַכסט פון פרייד. אָבער דו לעבסט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. וואָס איז דער חילוק צווישן אַ מענטשן און אַ בהמה?"

גאַווארילאָ האָט אַ קוק געטאָן אויפן רבין מיט פאַרלאָרענע אויגן. "אַ בהמה איז אַ שטומע באַשעפעניש, זי האָט ניט קיין נשמה."

"דאָס איז ניט אין גאַנצן ריכטיק," האָט זיך דער אישאַנסקער אָנגערופן, "אַ חיה האָט אויך אַ נשמה, אָבער פון אַ נידעריקן גראַד. אָט נעם, למשל, אַ הונט קען ער דיך ליב האָבן און דיר געטריי זיין ביזן טויט. אָבער חיות לעבן נאָר מיט זייערע געפילן און מיט זייערע גלוסטונגען. זיי ווייסן ניט פון קיין העכערע זאַכן, פון קיין גאָט און

פֿון קײַן הימל, פֿון קײַן גוטס און פֿון קײַן שלעכטס. װי אַזױ דער באַשעפֿער האָט זײ באַשאַפֿן, אַזױ לעבן זײ אױס זײערע יאָרן און טעג. אַ לעמעלע עסט גראָז, אַ װאָלף פֿאַרצוקט זײַן רױב. זײ האָבן ניט קײַן אַנדערע ברירה. אָבער אַ מענטש האָט אַן אױסװאַל, אַ מענטש האָט זײַן אײגענע דעה. ער קען װערן אָדער אַ לאַם, אָדער אַ װאָלף. אָט דאָס איז חילוק צװישן מענטש און בהמה... װי אַזױ האָט דער אײבערשטער די װעלט באַשאַפֿן? אַ טאָפּלטע: אַ הימל מיט אַן ערד, אַן אױבן מיט אַן אונטען, ליכטיקײט און פֿינצטערניש. דאָס איז געװען גאָטס פּלאַן; אַזױ האָט ער אױך דעם מענטשן באַשאַפֿן, מיט קאָנטראַסטן, מיט גוטע נײַגונגען און מיט שלעכטע נײַגונגען. דאָס איז דעם מענטשנס ליכטיקײט און פֿינצטערניש: דאָס הײסט יצר־טוב און יצר־הרע. אָבער דער מענטש איז פֿרײַ אױסצוקלײַבן אײנס פֿון די בײדע. גאָרילאַ, קײנער קען דיך ניט אױסהײלן פֿון אַ שלעכטער טבע. אױב דו װילסט פֿון איר פּטור װערן מוסטו צוערשט אָנצינדן אַ לאָמפּ אינעװײניק אין זיך.״

״װאָס פֿאַר אַ לאָמפּ?״ האָט גאָרילאַ אַ פֿרעג געטאָן אַ צעטומעלטער.

״אַז מען װיל זיך אױסהיטן ניט געשטרויכלט צו װערן אין דער פֿינצטערניש, אַז מען האָט מורא טאָמער לױערט דאָרטן עמעצער און װיל מזיק זײַן, צינדט מען אָן אַ לאָמפּ און מען פֿאַרטרײַבט די פֿינצטערניש. פּונקט אַזױ מוז מען האָבן אַ פֿײַער צו פֿאַרטרײַבן די אינעװײניקסטע פֿינצטערניש. אַ חיה, װאָס האָט אַ נידעריקע מדרגה פֿון דער נשמה, װײסט ניט װי אַזױ אַ פֿײַער צו מאַכן און די פֿינצטערניש צו פֿאַרטרײַבן, אָבער אַ מענטש װײס יאָ. דרײַ פֿײַערן קען דער מענטש אין זיך האָבן: ״דאָס פֿײַער פֿון געניסן״, ״דאָס פֿײַער פֿון װיסן״ און ״דאָס פֿײַער פֿון געװיסן״.

״פֿון די דאָזיקע דרײַ פֿײַערן װאָס ברענען אין דעם מענטשנס זעל איז ״דאָס פֿײַער פֿון געניסן״ דאָס אײנציקע פֿײַער אױף װעלכן דער אײבערשטער אַלײן האָט די שליטה. װאָרום דאָס איז דאָס אור־פֿײַער װאָס טליעט אין אַלע לעבעדיקע באַשעפֿענישן. אַז מיר זײַנען דאָ אױף דער װעלט, למשל, און געניסן פֿון דער ליכטיקער זון און פֿון דעם דערקװיקנדיקן פֿראָסטיקן ריח—איך און דו און להבדיל

די פערדלעך—איז דאָס דערפאַר וואָס אין אונדז ברענט דאָס פייער פון געניסן. אָבער די צוויי אַנדערע פייערן, "דאָס פייער פון וויסן" און "דאָס פייער פון געוויסן", מוז דער מענטש אַליין אָנצינדן אין זיך און מוז אַכטונג געבן אַז זיי זאָלן ניט אויסגיין...

"דו האָסט געוויס באַמערקט, גאַוורילאָ, אַז אַלץ וואָס איז גוט האָט ליב ליכטיקייט, און אַלץ וואָס איז שלעכט באַהעפט זיך מיט פינצטערניש. ריינע פויגלען וואוינען אונטערן פרייען הימל אין דער אָפענער לופט. אומריינע בריאות ווידמענען זיך אין פינצטערע לעכער אונטער דער ערד. גילדערנער ווייץ וואַקסט אונטער דער ליכטיקער זון, גיפטיקע שוועמלעך וואַקסן אין פייכטער פינצטערניש. און אַזוי איז אויך מיט דעם מענטשנס געוואוינהייטן און נייגונגען; און אַזוי איז אויך מיט דעם מענטשנס זינדיקייט און מיט זיינע שענדלעכע מעשים, וואָס ווערן אָפּגעטאָן באַהאַלטענערהייט אונטערן מאַנטל פון דער נאַכט. און אַזוי איז אויך מיט דעם מענטשנס פאַרדאַרבענע תאוות, מיט זיינע בייזע גלוסטונגען, מיט זיינע פאַרביסענע געפילן פון קנאה, שנאה און נקמה. זיי ליגן פאַרבאָרגן טיף אין די טונקלע קאַמערן פון האַרצן, אַזוי ווי מייז אין די לעכער. אָבער דער מענטש דאַרף נאָר אָנצינדן אַ לאָמפּ און די אינעווייניקסטע פינצטערניש ווערט פאַרטריבן. זיין אייגענער פרייער ווילן איז די האַנט וואָס צינדט אָן אַזאַ פייער. איז אָדער ער צינדט אָן דעם לאָמפּ פון וויסן—וואָס איז דער מענטשלעכער שכל, זיין קענטעניש און זיין געלערנטקייט; אָדער דער מענטש קען אָנצינדן אין זיך אַ פייער פון נאָך אַ העכערער מדרגה: דאָס איז דער לאָמפּ פון געוויסן—זיין יושר, זיין גערעכטיקייט און גאָטספאָרכטיקייט. די דאָזיקע צוויי לאָמפּן פאַרטרייבן די פינצטערע שאָטנס פון האַרצן און אויף דער נשמה ווערט ליכטיק אין אַלע ווינקעלעך. דער יצר־הרע ווערט פאַרטריבן, און אַלע גוטע אייגנשאַפטן פון דעם מענטשן, אַלע זיינע פיינע מידות, אַלע זיינע מעשים־טובים שטראַלן אַרויס פון אים אין דער ליכטיקער וועלט אַריין מיט פרייד און מיט געלעכטער, מיט גוטסקייט, ליבשאַפט און פריינדלעכקייט; וואָרעם וואָרהאַפטיקייט, גערעכטפאַרטיקייט און פרידלעכקייט קענען לעבן נאָר אין ליכטיקייט. דערום אויב דו ווילסט אויסגעהיילט ווערן פון שלעכטע געוואוינהייטן, גאַווריל‍אָ, דאַרפסטו אָנצינדן אין זיך די

צוויי אינעווייניקסטע לאָמפּן, וועט אַלץ וואָס איז בייז אין דיר פאַר־שווינדן אַזוי ווי אַ שאָטן.״

אַ פּאַרגאַפטער האָט זיך דער פויער איינגעהערט צום רבינס מערקווערדיקע רייד. ״אָבער פּאַנע ראַבין,״ האָט ער זיך אַ קראַץ געטאָן די שמויסענע קוטשמע אין גרויס פאַרלעגנהייט, ״עפּעס אַ מיטל וואָלט איך געוואָלט האָבן, עפּעס אַזאַ מין רפואה, וואָס זאָל מיך אָפּגעוואוינען פון מיין פּאַסקודנער טבע.״

״איך קען דיך ניט אויסהיילן פון שיכרות,״ האָט דער רבי אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכל, ״איך קען דיר נאָר געבן אַזאַ זאַך, וואָס וועט פאַרמיאוסן אין דיר דעם טעם פון בראָנפן. גלוסטן וועט זיך דיר אפשר גלוסטן, אָבער דער מאָגן וועט דאָס ניט קענען פאַרטראָגן. צוליב דעם וועסטו זיך מוזן אויפהאַלטן אַ פּאָר טעג אין אישאַנסק,״ האָט דער רבי פאַרענדיקט.

גאַווריליאָס קוראַציע האָט אָנגעהאַלטן פינף טעג. אויפן אישאַנס־קער הויף איז געווען לעבן פערד־שטאַל אַ הייזל, האָט מען דאָס גוט אָנגעהייצט און דעם שבת־גוי אַהינצו פאַרשפּאַרט. דאָרטן האָט דער רבי דעם פויער איינגעגעבן אַן ״אינפוזיע״, אַזאַ מין ספּירט וואָס איז געווען אָנגעשטעלט אויף אַלערליי קרייטעכצער; וואָרעם אַ סם מוז מען אַרויסטרייבן מיט אַן אַנדערן סם. גאַווריליאָ האָט געטרונקען עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד און ס׳האָט אים געטריבן פון אויבן און פון אונטן; ער האָט געבראָכן די גרינע גאַל, די קישקעס זיינען אים שיר ניט אויסגעריסן געוואָרן. אַז יעקבס־לייטער האָט נאָכן ברית צוריק־געבראַכט בערען קיין אישאַנסק, האָט ער דעם שבת־גוי כמעט ניט דערקענט. דער פויער האָט ממש געפּאַכעט מיט דער נשמה און האָט אויסגעזען אַזוי ווי ער וואָלט נאָר־וואָס אויפגעשטאַנען פון אַ שווערער קר׳ענק,—מיט אַ געלן פּנים, מיט איינגעפאַלענע באַקן און מיט טיף פאַרזונקענע אויגן. אָבער די דאָזיקע וואַסער־בלויע אויגן האָבן ממש געלויכטן פאַר נצחון.

אין גאַנץ כאַפּון האָט מען זיך די קעפּ געבראָכן: וואָס פאַר אַ וואונדערלעכן ״סאַלץ״ האָט דאָס דער רבי דעם גוי איינגעגעבן? וואָס פאַר אַ סודותדיקע קרייטעכצער זיינען געווען אַריינגעטאָן אין דער ״אינפוזיע״? אין איין זאַך זיינען אַלע געווען זיכער, אַז די רפואה

האָט געמוזט האָבן אַ גרויסן כוח; אויך אַז די פּאַרציע וואָס גאַווריל אָ האָט איינגענומען איז געווייס געווען אַ גוואַלדאָוונע; דער רבי ווייסט דאָך, אַז אַ גויאישער מאָגן איז ניט קיין יידישער.

חייקל־רופא האָט די כאַפּונער געפּרואווט געבן צו פאַרשטיין, אַז דעם רבינס "סאַלץ" איז געווען אַזאַ מין "שפּעציעס", אָנגעשטעלט אויף שפּאַנישע פליגעלעך, ווערעם־קרויט, טאַבעק־בלעטער און אויס־געמישט מיט אָקסענער גאַל און מיט מוראַשקעס־ספּירט. אָבער די כאַפּונער האָבן זיך פון חייקלען אויסגעלאַכט.

"ווייס איך וואָס, קובעבע מיט לאַקריץ! ווי לאַנג קרענקען אַלע רופאים, אַלע דאָקטוירים און אַלע אַפּטייקערס, אויב זיי וועלן זיך אפילו אָנשטויסן!"

די כאַפּונער האָבן באַמערקט, אַז זייער שבת־גוי איז געוואָרן אַן איבערגעביטענער און האָט מער קיין טראָפּן משקה אין מויל ניט גענומען. טאָמער איז אים אַמאָל אויסגעקומען אַריינצוגיין צו מענדלען אין שענק, פלעגט אים שוין פון דעם ריח און ספּירט ווערן מאַלאָשנע צום ברעכן. איז דאָס דאָך געווען באַשיימפּערלעך אַ וואונדער. אַזוי האָט דער דגל־ישראל, וואָס האָט גאָר פון מופתים ניט געהאַלטן, ווידער אַמאָל באַוויזן אַ נס אין דער שטאָט כאַפּון.

פינפטער קאַפּיטל

תחית המתים

— 1 —

פורים איז אויסגעפאַלן אָנהייב מאַרט, אָבער דער פרילינג האָט זיך היי יאָר אַ ביסל געפעדערט. דער פראָסט האָט נאָכגעלאָזן און זיינע אייזערנע כוחות האָבן זיך אָנגעהויבן אויסשעפּן. איינמאָל ביי־נאַכט האָט אָנגעפאַנגען בלאָזן אַ ווינט פון דרום זייט. דאָס איז מער ניט געווען דער גרויזאַמער ווינט פון די ווינטערדיקע בייזע גייסטער, וואָס וואַרפט זיך אין אַ ווייסן דעלירים אין אייזיקע קאָנוואולסיעס. דער דרום־ווינט איז געווען אַ לעבעדיקער און ברויזענדער, אָבער זיין אָטעם איז געווען פייכט און וואַרעם, אַזוי ווי דער אָטעם פון עפּעס אַ פריינדלעכער הימלשער באַשעפעניש. דאָס איז געווען "פּסחל", דער ווּעסנע־ווינט, וואָס איז אָקאָרשט אַרויסגעפלויגן פון זיין קעמערל, — אַזוי האָט דערציילט בערטשיק־באַהעלפער. פּסחל טראָגט זיך אויף מעכטיקע בלויע פליגלען און זיין גוואַלדאָווּנע צונג איז אַזוי ווי די צונג פון שור־הבר. ער פרעסט דעם שניי אַזוי ווי אַן אָקס פרעסט גראָז. ווערן די פאַרשנייטע פעלדער צעפרעסן, צעפּאָקט און די גאָקעטע שוואַרצע ערד הייבט זיך שוין אָן אַרויסווייזן. דאָס אייז אָבער קען "פּסחל" ניט אַזוי לייכט איינבייסן, מיט דעם מוז ער זיך שוין אַביסל ראַנגלען. ביז דאָס אייזיק כלי־זין ווערט צעבראָכן און דאָס אייז הייבט אָן שמעלצן:

"און אַז דאָס אייז פאַרלירט זיין "זין" (זאַיען)
הייבט עס אָן וויינען, הייבט עס אָן שרייען:
איי־איי! מען קען מיך שוין זייען!
איי־איי! כ'וועל באַלד ניט סטייען!"

אַ וואָכן צוויי פאַר פּסח האָט זיך די זון פלוצעם באַוויזן אין כאַפּון. ס'איז געווען מיטאָג־צייט. ווּעלווּעלע דער רבי האָט זיך אַרויס־געכאַפּט צו באַשטעלן זיין מצה־פּאָדראַד. מיט אַמאָל האָבן די חדר־יינגלעך אָנגעשאַרפט די אויערן: עפּעס קאַפּעט און קלינגט אין דרויסן

מיט אַ זילבערנעם קלאַנג: קאַפּ־קאַפּ־קאַפּ! דאָס האָבן וואַסער־טראָפּנס געטריפט פון די אָנגעשמאָלצענע אייז־ליכטלעך פון דעכל אין אַ קליינע דייזשקע אַריין.

זיינען אַלע תלמידים אַרויסגעלאָפן אין דרויסן אין איינעם מיט דעם באַהעלפער און מיט דער רביצן, וואָס האָט געהאַלטן דעם שוואַרצן "באָקסערל" ביי דער ברוסט. געהייסן האָט דאָס קינד ברוכל, ניט באָקסערל. אָבער אַזוי ווי ברוכל איז געווען ניט קיין רויטינקער ווי די מאַמע, און ניט קיין בלאָנדינקער ווי דער טאַטע, נאָר אַ שוואַרצינקער און אַ זיסינקער, האָט אים פּייגעלע אַ נאָמען געגעבן באָקסערל. די קינדער האָבן געמאַכט אַ הוראַ, זיך גענומען ביי די הענט און האָבן אָנגעהויבן טאַנצן און זינגען:

"און אַז דאָס א־ייי־ז פאַרלירט זיין "זין" (זאַיצן)
הייבט עס אָן וויינען, הייבט עס אָן שרייען:
איי־איי! מען קען מיך שוין זייען!
איי־איי! כ'וועל באַלד ניט סטייען!"

"קינדער, לאָמיר מאַכן שהחינו!" האָט אַרעלע דער רויטער אויס־געשריען אין זיין הילכיקן קוויטשערל. האָבן די יינגלעך גענומען ברעכן די ליכטלעך, געמאַכט אַ ברכה און געכאַפּט אַן "המוציא".

באַלד נאָך פּורים האָט גאַווריליאָ אָנגעהויבן אַרבעטן אויפן מאַרק ביי די טאַנדעטניקעס, געהאָלפן איבערדעקן די דעכער פון די קרעמ־לעך מיט נייע דראַניצעס. דערפאַר האָט ער געקראָגן טאַקע גאָר אַ שיינע מתנה: אַ שפּאָגל־נייע ווייסע סוויטקע, אַ פּאָר נייע יוכטענע שטיוול און אַ סיווע שמויסן היטל. דער שבת־גוי פלעגט זיך אָפּט ביי דער אַרבעט פאַרקוקן אויפן הימל. דאָס איז שוין מער ניט געווען דער האַרטער מעטאַלענער הימל פון דעם ווייסן פראָסטמייסטער. די גרויע וואָלקנס האָבן מער ניט געהאַט קיין אייזן אין זייערע אָדערן; און אַז דער בלויער הימל פלעגט אַמאָל דורכקוקן דורך די וואָלקענס, האָט ער מער ניט אויסגעזען ווי קאַלט, געשליפן שטאָל. עפּעס איז שוין געווען אַ מאָדנע ווייכקייט און פאַרנעפּלטקייט אין דעם הימל־בלוי.

דעם פויערס פּנים איז געווען פאַרקלערט און אַביסל אָפּגעצערט. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די פערציק טעג פון דעם "וועליקי פּאָסט",

די זעקס וואָכן פון פּאַסטן פאַר פּאַסכע. מען טאָר ניט עסן קיין פליישׁ, קיין פישׁ און קיין מילכיקס. מען טאָר ניט נוצן קיין פעטס אַ חוץ בוימל. מען טאָר ניט פאַרזוכן אפילו קיין לעקעך. האָט גאַוורילאָ געלעבט דער עיקר פון ברויט, פון "פּאָסטנער" קאַשע אָן שמאַלץ און פון אַ רעטעכל מיט אַ ציבעלע. רייכערן און טרינקען שנאַפּס טאָר מען אויך ניט. טרינקען מאַכט אים שוין מער ניט אויס, אָבער נאָך רייכערן חלשט דאָס האַרץ, פלעגט ער אָפּט פאַרטראַכטערהייט האַלטן אין מויל און זויגן די פּוסטע ליולקע.

אַ טאָג צען פאַר פּסח האָט דער פּויער זיצנדיק אויף אַ דאַך פּלוצעם דערהערט ווילדע גאַרגלדיקע קולות און אַ פלאַטערניש פון הונדערטער זילבערנע פליגלען. דער גוט־אויסגעמושטירטער חיל פון די זומפּ־געגנדז האָט זיך אומגעקערט אין כאַפּונער געגנט צו די אַלטע זומער־קוואַרטירן. גאַוורילאָ האָט דערפילט אַ ליכטיקע פרייד אין האַרצן: "פרילינג קומט, די ליבע וועסנע, וואָס ברענגט אַ ניי לעבן".

דעם זעלבן טאָג איז דער בעל־עגלה יעקבֿס־לייטער אָנגעקומען פון מאָזיר און האָט געבראַכט די פריילעכע בשורה, אַז אויפן פּריפּיעט גייט שוין די קריע. הייסט דאָס אַז די כאַפּונער בלאָטעס האַלטן זיך שוין אין עפענען. אויס שליטן, מען דאַרף זיך באַלד ווידער נעמען צו דער בויד.

אין כאַפּון האָט דער שניי אָנגעהויבן פוילן און אויף די געסלעך איז געשטאַנען אַ געדיכטע קאַשע, פאַרצויגן מיט אַ פאַרפרוירענעם הייטל. אין שטעטל האָט זיך אָנגעהויבן די סדרה "מאָזלען". וואו אַ פענצטערל איז דאָס געווען פאַרהאַנגען מיט אַ ליילעך אָדער מיט אַ קאָלדרע, אַזוי אַז קיין ליכטיקער שטראַל זאָל זיך ניט קענען דורכרייסן אינעווייניק. די חדר־ייִנגלעך זיינען אַרומגעגאַנגען מיט בענדלעך רויטע היטשקע, מיט קרענצלעך בורשטין־ביינדלעך, "געשילדערעכצן", אויף די העלדזוער—אַ סגולה אַנטקעגן אַ מגפה.

ס'איז געווען דינסטיק פיר טעג פאַר פּסח, אַ זייגער צוויי ביינאַכט, ווען הענעך דער בעדער האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אין טירל פון עם שבת־גויס כאַלופּע מיט אַ ווילדן אימפּעט: "שטיי אויף גאַוורילאָ, ס'ע ברענט אין שטאָט!" דער פּויער איז אַרויסגעשפּרונגען אין גאַס

אין די הוילע פּליודערן. ס׳איז געווען אַ פּוילע, פּינצטערע, קאַלטע נאַכט, אַן אמתע מחיצה־נאַכט צווישן ווינטער־דערמערונג און פרילינג־באַגינען. איין האַלבער הימל איז געלעגן אַ פאַרחושכטער, דער אַנדערער—אַ רויטער, אַ גליענדיקער. די לופט איז געווען פול מיט שטיקעדיקן רויך און ס׳האָט האַרב געשמעקט מיט סמאַלינעס.

גאַנץ כאַפּון האָט אויסגעזען אַזוי ווי אַ קאָשמאַר. אין דער פאַנטאַסטישער שיין האָבן זיך באַוועגט שאָטנס פון מענטשן אין אַ מאָדנעם כאַאָס, אַזוי ווי אַ מחנה מוראַשקעס אין אַ צעוואָרפענער נעסט. אין געדיכטן רויך האָבן זיך געהערט משונהדיקע גערוישן: מענטשלעך געשריי און געוויין, וואָיען פון הינט, אַ מוראדיק הירזשען פון פערד. לעבן יעדן הייזל איז געווען אָנגעוואָרפן אַ ווייס בערגל מיט בעבעכעס און בעטגעוואַנט, אַרומגערינגלט מיט צעטומלטע ווייבער און קינדער פול מיט פּאַניק. מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ ניט־ערדישער קלאַנג: אַ בלאָזן פון אַ שופר. דאָס איז געווען אַ טרעוואָגע־סיגנאַל, וואָרעם אין כאַפּון אין קיין אַלאַרם־גלאָק ניט געווען.

ס׳האָט געברענט נאָטע דעם בעקערס הויז. נאָטע איז געווען אַ בייגל־מאַכער, האָט געבאַקן גרויסע פּויערשע בייגל און קליינע צוקער־בייגעלעך, אייער־בייגל און געפלאָכטענע זאַלץ־בייגעלעך; ער איז אויך געווען באַרימט מיט זיינע "פּאָרלעך": צוויי בולקעלעך פּאַר אַ גראָשן.

ביי דער שרפה איז געווען אַן אומבאַשרייבלעכע ווילדע סומאַטאָכע. אַלע האָבן זיך געטומלט אַרום פייער אין אַ משונהדיקןווירוואַר, געשריען, געגוואַלדעוועט, געגאָסן עמערלעך און צעבערלעך וואַסער גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. די פלאַמען האָבן זיך געהאַלטן אין איין צעפלאַקערן, פונקען האָבן געשפּריצט, גליענדיקע האָלאָוועשקעס זיינען אַרומגעפלויגן אַזוי ווי ברענענדיקע שטורקאַצן. ביידע שכנהדיקע הייזער פון דער בעקעריי האָבן זיך שוין אָנגעכאַפּט.

יונה קרומע־ביינע, דער קאָמאַנדיר פון דער פייער־קאָמאַנדע, האָט געאַרבעט אויף אַלע כלים. באַלד אָבער האָט ניט געסטייעט קיין וואַסער. "וואַסער, וואַסער!" האָט מען אָנגעהויבן ליאַרעמען פון אַלע זייטן. "מען דאַרף וואַסער, זאָל מען ברענגען וואַסער!" "ניטאָ,

ניטאָ קיין וואַסערל!״ האָט זיך יונה צעזונגען אין אַ הויכן פאַלצעט.
״ניטאָ, ניטאָ קיין וואַסערל!״

ווי נאָר גאָווריִלאָ איז אָנגעקומען האָבן זיך אַלע אָנגעכאַפּט אָן אים אַזוי ווי ער וואָלט געווען דער מלאך־הגואל. צום שבת־גוי פּלעגן זיך מענטשן ס׳רוב פּאַרהאַלטן אַביסל מיט גרינגשאַצונג. אַלע האָבן געפילט אַז דער דאָזיקער פּשוטער גוטמוטיקער פּויער האָט אַ נאָכגעביקע נאַטור. האָט מען זיך געוויינליך מיט אים אַרומגעשאַפּט אָן צערעמאָניעס. אָבער אין קריטישע מאָמענטן פּלעגט מען צום שבת־גוי אינסטינקטיוו אַרויסקוקן נאָך הילף. האָט זיך אין כאַפּון געטראָפן עפּעס אַ צופאַל, — אַ דאַך איז איינגעפאַלן, עמעצער האָט זיך אָפּ־געבריט אין באָד, אַ פערד האָט זיך צעפּוזשעט, אַ משוגענער הונט איז אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן, — האָט מען באַלד גערופן גאָווריִלאָן. און ער פּלעגט געוויינלעך טאָן וואָס מען באַדאַרף, געלאַסן און טיכטיק, אָן טאַראַראַם. קיינער האָט זיך קיינמאָל גאָר ניט פאַרטראַכט, — און ווייניקער פאַר אַלעמען דער פּויער אַליין, — פאַרוואָס מען פאַר־לאָזט זיך אויף אים אין אַן עת־צרה. אפשר דערפאַר וואָס ער איז פיזיש אַזאַ קרעפטיקער מענטש? אָדער מעגלעך אַז דערפאַר וואָס ער האָט טאָקע פאַרמאָגט אַן אינעוויייניקסטע שטאַרקייט? איין זאַך האָט דער שבת־גוי געוואוסט: אין צייט פון אַ סכנה ווערט ביי אים קלאָר אין קאָפּ און ער פילט אין זיך אַ מאָדנע זיכערקייט.

גאָווריִלאָ האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע פון די פייער־לעשערס און באַלד איז געוואָרן אַ שטיקל טאָלק. מען האָט איינגעשפּאַנט יאַנקל דעם בעל־עגלהס פערד, אַריינגעקאַטשעט אין בויד אַ טוץ פעסלעך און דייזשעס פון שענק און פון די כאַפּונער הייזער און אָנגעפילט זיי מיט וואַסער פון ברונעם און פון דער כאַפּונקע. מען האָט צונויפגעטראָגן אַלע עמערס און צעבערס, אַלע ראַשקעס און שעפלעך פון די שטיבער, פון באָד און מען האָט זיך גענומען לעשן סיסטעמאַטיש מיט גרויס ענערגיע. באַלד איז שוין דאָס פייער געווען אונטער קאָנטראָל, אָבער פינף הייזער זיינען אַוועק מיטן רויך.

נאָטע דער בעקער, — אַ ייד אַ צוואָקסענער, וואָס האָט אויס־געזען אַזוי ווי אַן אויסגעקאָלכטער פון איינגעגעסענער מעל, — איז די גאַנצע צייט אַרומגעלאָפן אַ פאַרשמייעטער, אַ הייזעריקער אַזוי ווי

די וואַנט און האָט זיך אַלעמען געפּלאָנטערט הינטער די פּיס.

"ס'איז דיין שולד, גזלן!" איז ער פּלוצעם אָנגעפאַלן אויפן שבת־גוי. "ווען דו וואָלסט ביי מיר געווען אויסגעקערט די סאַזשע, וואָלט צו קיין שרפה ניט געקומען."

גאַווריליאַ, וואָס האָט איצטער טאַקע אויסגעזען אַזוי ווי אַ קוימען־קערער, האָט דעם יידן אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. "קיינער האָט מיר ניט געהייסן, נאַטע," האָט ער אַ זאָג געטאָן.

"געהייסן, געהייסן, גלאָמפּ איינער!" האָט זיך דער בעקער גע־קאָכט. "האָסט מיך באַדאַרפט אַליין דערמאָנען."

"גיטל־פינגערהיטל" די בעקערשע, אַ יידענע אַ פּיטשינקע, אַ ספּריטנע, האָט זיך אַרומגעטראָגן אַזוי ווי אַ צעדולטע הון. "וואו זיינען די קינדער? גוואַלד וואו זיינען די קינדער?" האָט זי געקוואָקעט. "ניט איינס, ניט צוויי, ניט דריי!... טפו, טפו, טפו! וואו איז די ציג, גוואַלד די ציג איז אין שטאַל, זי וועט פאַרברענט ווערן!"

גאַווריליאַ האָט מיט אַ האַק איינגעבראָכן דאָס טירל פון שטאַל און אַרויסגעשלעפּט די ציג ביי די הערנער.

פאַרטאָג, גייענדיק אין שול, האָט זיך משהלע דער רב אָפּגע־שטעלט ביי די גליענדיקע האָלאָוועשקעס. אַ טיפער צער איז געלעגן אויף זיין גרייז־גרויען פּנים. "אוי־אוי, רבונו של עולם, אַ נייע צרה, אַ נייע אָנשיקעניש אויף יידן! אַזוי פיל נשרפים, נעבעך, פינף הויז־געזינדן געבליבן אָן אַ דאַך!" האָט ער געמורמלט מיט אַ טיפן קרעכץ. "אוי טאַטע־זיסער־האַרציקער־געטרייער! פאַרוואָס האָסטו זיך אָנגע־זעצט אויף אונדז גראָד איצטער פאַר פּסח? ווילסט אונדז העלפן בודק־חמץ זיין אין כאַפּון? נישקשה, אויף אויסראַמען חמץ קענען מיר שוין אַליין אונדזער שטעטל באַשטיין!" אַ טרויעריקער שמייכל האָט אַ שפּיל געטאָן אין דעם רבס געדיכטער זילבערנער באָרד.

— 2 —

די גאַנצע וואָך פאַר פּאַסכע, די "סטראַסטנאַיאַ ניעדיעליאַ" (די ליידנס־וואָך), איז געווען אַ ליכטיקע, אָן אַ וואָלקנדל אויפן הימל. גאַווריליאַ האָט אָנגעהויבן צוגרייטן זיין גערטנדל פאַרן פרילינג. יעדן טאָג פלעגט ער אויפשטיין ווען גאָט אַליין שלאָפט נאָך, פונאַנדער־

צוגראָבן דעם שטיקל גרונט הינטער דער כאַלופּע. אַ פּאָר שטונדן פלעגט ער אַזוי אָפּאַרבעטן אַ באָרוועסער אין די פריש־אָנגעוואָרפענע בייטן. די ערד איז געווען שוואַרץ און זאַפטיק, אַ קילע פּאַרע האָט פון איר געזעצט. פון קינדווייז־אָן האָט דער פויער ליב געהאַט דעם ריח פון רויער ערד. "די ערד איז אַ זיסע און שוין אַ לעבעדיקע," האָט ער געטראַכט, "היי־יאָר וועל איך פאַרפלאַנצן ניט נאָר אוגערקעס מיט ציבעלעס און רעטעכלעך, נאָר אויך פּאַסאָליעס און אַביסל קאַרטאָפל. און לעבן פריזבע וועל איך פאַרזייען זון־בלומען, די גילדענע פּאָדסאָל־ניטשניקעס, און רויטע מאָן־בלימעלעך. מיין שכנה פייגעלע די רביצן וועט גאָר אָנקוועלן, — קווייטן זיינען ביי איר דאָס לעבן מיט דער נשמה."

דער פויער האָט זיך דערמאָנט אין דער צייט ווען ער איז אָנגע־קומען קיין כאַפּון; ער האָט געפונען הינטער דער באָד, צווישן זיין הייזל און דעם טייכל כאָפּונקע, אַ וויסט שטיקל ערד פאַרוואָקסן מיט שטעכלקעס און קראָפּעווע. חדר־יינגלעך פלעגן קומען אַהינצו רייסן בערעלעך. האָט ער דעם גרונט אויסגערייניקט, צעאַקערט און באַ־מיסטיקט און געמאַכט אַ גאָרטן. ביים ברעג פון טייכל זיינען געוואָקסן נאָר עלנטע קוצינקע ווערבעס און טרוקענער אָטשערעט. האָט ער פאַרפלאַנצט פונקט ביי דער טיר פון הייזל צוויי פּאַפּל־ביימער. האַלטן זיי די גאַנצע צייט אין איין וואַקסן, אַזוי ווי אויף הייוון. איצטער זעען זיי אויס ווי צוויי נאַקעטע בעזעמער, אָבער אָט באַלד וועלן זיי זיך אָנצינדן אַזוי ווי אַ פּאָר גרינע מעכטיקע ליכט.

פרייטיק איז געווען "וועליקאַיאַ פּיאַטניצאַ", דער לעצטער פרייטיק פון דער "הייליקער וואָך" פאַר פּאַסכע. גאַוורילאָ האָט זיך אויפגעכאַפּט קאַיאָר, האָט עפּעס איבערגעביסן און זיך אַוועקגעלאָזט צו מיכלען דער שערערקע זיך צוגרייטן צום "ליכטיקן" יום טוב. פאַרטיג געוואָרן מיטן גאָלן און שערן, אָפּגעפּטרט די פרייטיקדיקע שטאָטישע אַרבעט, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף דער פריזבע מיט דער אויס־געלאָשענער פּיפּקע אין מויל. רייכערן האָט זיך געגלוסט, אָבער מען קען זיך איינהאַלטן. עס זיינען שוין די לעצטע צוויי טעג פון "פּאָסט". אָט האָט דאָך דער דערלייזער געפּאַסט גאַנצע פערציק טעג איידער זיין שרעקלעכע "פּאַסיאָנס־פּאַסכע" האָט זיך אָנגעהויבן, ווען ער איז

געקרייציקט געוואָרן און באַלד נאָך דעם אויפגעשטאַנען תחית־המתים אין אַזאַ גלאָריע. עט, דאָס „פּאָסטנע״ עסן מאַכט ניט אויס! און בראָנפן ליגט אים ניט אפילו אין דער לינקער פּיאַטע.

דער טאָג איז געווען אַ מילדער און אַ דורכזיכטיקער. אויפן בלייך־בלויען הימל האָבן געשוועבט געקרייזלטע וואָלקנדלעך אַזוי ווי ווייסע שעפעלעך. אין באָד האָט זיך נאָך געהייצט. גאַווריל אַ האָט פּאַרטראַכטערהייט געקוקט אויף וועלוול דעם מלמדס הייזל. דאָס נידעריק פענצטערל איז געווען אָפן און אויפן פענצטער־ברעטל זיינען געשטאַנען צוויי וואַזאָנע־טעפּלעך מיט געראַניום. לעבן־ביי איז גע־זעסן וועלוועלע דער רבי וואָס איז נאָר־וואָס אָנגעקומען פון מרחץ. די פּיאות און דאָס בלאָנד בערדל זיינען נאָך געווען פייכט, דער קאָלנער פון פרישן העמד איז געווען אָפּגעשפּיליעט, דאָס איידל פּנים אַ ביסל פאַררויטלט און די בלויע אויגן האָבן אויסגעזען כמעט שוואַרץ פון די גרויסע שוואַרצאַפּלען. ער האָט בנעימותדיק געזונגען שיר־השירים אין אַ זיסן טענאָר.

פייגעלע האָט זיך צוגעזעצט לעבן אים, אַן אויסגעצוואָגענע, אַן אויסגערונדעטע נאָכן קימפּעט. אָן אַ פאַטשיילע האָט איר געקרייזלטער פייערדיקער קאָפּ אויסגעזען אַזוי ווי ביי אַ יינגל. פון דער אָפענער בלוזקע האָט אַרויסגעבלאַנקט אַ ווייסע ברוסט אַזוי ווי אַ פולע לבנה און אַ שוואַרץ געקרייזלט קעפּל האָט גערוט אויף איר האַרצן. פייגעלע האָט געזויגן איר ערשטלינג, דעם שוואַרצן באָקסערל. גאַווריל אַ האָט די אויגן ניט געקענט אָפּרייסן פון פייגעלעס זאַפטיקן בוזעם, אָבער זיינע געדאַנקען האָבן געוואַנדערט ערגעץ אַנדערש וואו.

„וועלוול,״ האָט זיך די רביצן אָנגערופן, דו האָסט אַזאַ זיס קול, האָסט געדאַרפט זיין אַ חזן, ניט קליין מלמד.״

„פאַראַן גענוג חזנים אין כאַפּון אָן מיר,״ האָט דער מלמד גע־ענטפערט געלאַסן.

„פאַרטייטש מיר דעם שיר־השירים, וועלוועלע!״

„גיי לייען דעם טייטש־חומש, אַזוי ווי אַלע לייטישע ווייבלעך.״

פייגעלע האָט אָנגעבלאָזן די ליפּעלעך, האָט אָבער זיך ניט גע־קענט איינהאַלטן און באַלד אָנגעהויבן לאַכן.

„גיי לייען מיט אָט דער פּיאַווקע. נאַגט אַרויס דעם קליאַק פון

די ביינער... פאַרטייטש מיר דעם שיר־השירים מיטן אמתען טייטש, רבי, ניט ווי דו פאַרטייטשסט דאָס די ייִנגלעך." און פייגעלע האָט אָנגעהויבן נאָכקרימען: "אַן אַנדער געזאַנג האָט געזונגען אַ מלך, און דאָס געזאַנג האָט געזונגען אַ מלך בן מלך, אַ חכם בן חכם, אַ צדיק בן צדיק, אַ בטלן בן בטלן..."

"חוצפּהניצע," האָט זיך דער מלמד צעשמייכלט. "שיר־השירים איז אַ געזאַנג פון ליבשאַפט, פייגעלע; שלמה־המלך האָט זיך פאַר־ליבט אין אַ פּראָסטע דאָרף־מיידל, אַ פּאַסטושקע שולמית. האָט ער זיך אַליין פאַרשטעלט פאַר אַ פּאַסטוך. כ׳וועל דיר פאַרלייענען אין אַ ביסל פאַרדרייטן סדר, וועסטו בעסער פאַרשטיין."

"לייען אַקאָרשט וועלוועלע," האָט זיך פייגעלע פאַראינטערע־סירט. "זינג פאַר מיר פאַר דאָס געזאַנג."

און וועלוול האָט אָנגעהויבן זינגען. "זאָגט שולמית: ניט קוק וואָס איך בין שוואַרצלעך, וואָרעם די זון האָט מיך אָפּגעברענט."

"שוואַרצלעך איז האַרצלעך," שטיפט פייגעלע.

"מאַכט שלמה: קושן זאָלסטו מיך מיט די קושן פון דיין מויל, וואָרעם בעסער פון ווייַן איז דיין ליבשאַפט."

"ווייַן? כ׳האָב שוין אָנגעגרייט ווייַן פאַר קידוש." טרייבט די רעביצן קאַטאָוועס.

"זאָגט שולמית: די זין פון מיין מוטער האָבן געצערנט אויף מיר. זיי האָבן מיך געמאַכט אַ היטערן פון די ווייַנגערטנער, אָבער מיין אייגענעם ווייַנגאָרטן האָב איך ניט איינגעהיט."

פייגעלע איז געוואָרן אַן אויפגעבראַכטע: "זע נאָר, זע, ס׳אַ הולטיי דאָס איז, אַן אומשולדיקע מיידל פאַרפירט! נו, און אַז אַ קיסר, מעג מען שוין? ער איז דאָך געווען אַ באַווייבטער."

"טיפּשל," האָט וועלוול געשמייכלט, "אַמאָליקע יאָרן איז דען געווען אַ נאָווינע אַ ווייב? מען האָט געקענט נעמען אַזוי פיל ווייבער וויפיל מען האָט געקענט אויסהאַלטן. שלמה־המלך האָט געהאַט טויזנט ווייבער... מאַכט ווייטער שולמית: זאָג מיר דו, וועמען מיין נשמה האָט ליב, וואו פיטערסטו, וואו מאַכסטו הויערן אין מיטן טאָג? פאַרוואָס זאָל איך מיך אַרומטרייבן ביי די סטאַדעס פון דיינע חברים?

״ענטפערט שלמה, דער פאַרשטעלטער פּאַסטוכל: אויב דו ווייסט דאָס ניט, דו שענסטע פון די פרויען, גיי דיר אַרויס אין די טריט פון די שאָף און פיטער דיינע ציגעלעך ביי די פּאַסטוכער־געצעלטן. שטעלט שולמית אָן די אויערן: האָרך! אָט איז מיין געליבטער, אָט קומט ער אָן! ער שפּרינגט איבער די בערג, ער היפּט איבער די הייכן. מיין געליבטער איז געגליכנט צו אַ הינד אַ יונגען. אָט שטייט ער הינטער מיין וואַנט, ער קוקט אַריין דורך די פענצטער, ער בלינקט דורך די גראַטעס.

״האָט זיך אָנגערופן מיין געליבטער און געזאָגט צו מיר: שטיי דיר אויף מיין געליבטע, מיין שיינע און קום דיר. וואָרעם זע, דער ווינטער איז פאַריבער, דער רעגן איז פאַרגאַנגען. די בלומען האָבן זיך באַוויזן אין לאַנד. די צייט פון געזאַנג איז געקומען; דאָס קול פון טורטלטויב לאָזט זיך הערן אין לאַנד. דער פייגנבוים צייטיקט זיינע פייגן; די וויינשטאָקן אין זייער בליאונג גיבן אַרויס אַ ריח. שטיי דיר אויף מיין געליבטע, מיין שיינע און קום דיר. מיין טויב, לאָז מיך אָנזען דיין פּנים, לאָז מיך הערן דיין קול. וואָרעם דיין פּנים איז שיין און דיין קול איז זיס.״

וועלוול האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט באַטראַכט פייגעלעס זיס פּנים. די רביצן איז געזעסן אַ פאַרחלומטע. ״פּונקט ווי ביי אונדז אויפן דאָרף אין כודאָבקי וועסנע־צייט. דער בעז איז אין צוויט, די עפּלביימער בליען. די לופט איז זיס און שמעקעדיק. דער סאָלאָ־ווייטשיק זינגט אַזוי מחיהדיק אַז ס׳פאַרכאַפּט דאָס האַרץ. די זשאַבעס פאַרגייען זיך, פאַרטויבט צו ווערן. און אין די ליכטיקע לבנה־נעכט, ווען דער הימל איז אויסגעשטערנט, טראָגן זיך אַרום פון אַלע זייטן פון די אַרומיקע דערפער ווידער־קולות פון געזאַנגען עפּעס מיט אַ מאָדנער זיסער בענקעניש. דאָס רעדן זיך אַזוי צונויף פאַרליבטע שקצים און שיקסעס: איין דאָרף מיט אַן אַנדערן דאָרף, איין כאָר מיט אַן אַנדערן כאָר.״

גאַווריל אַ האָט זיך צוגעהערט צום שיר־השירים מיט גרויס וואונדער. דער ניגון פון געזאַנג איז אים געווען גוט באַקאַנט, אָבער דעם טייטש האָט ער דערהערט צום ערשטן מאָל און די ווערטער

האָבן ממש זיין אָטעם פאַרכאַפּט: ס׳איז גאָרניט קיין יידיש ליד, ס׳איז אַ דאָרפיש ליד.

און דער מלמד האָט ווייטער געזונגען. ״זאָגט שולמית: קום, געליבטער מיינער! לאָמיר אַרויסגיין אין פעלד, לאָמיר נעכטיקן צווישן די ציפּערבלומען; לאָמיר זיך פעדערן צו די וויינגערטנער; לאָמיר זען אויב געבליט האָט דער וויינשטאָק, אויב געעפנט האָבן זיך די קווייטן, אויב געצוויט האָבן די מילגרוימען... דאָרטן וועל איך געבן מיין ליבשאַפט צו דיר.״

ביי פייגעלען האָבן זיך די אייגן צעשפּילט. ״דו ווייסט וועלוול־קרוין, אָט אַזוי שפּילן אַ ליבע די פּאַראָבקעס מיט די יונגע דיווקעס אויפן דאָרף, זיי אַנטלויפן אין וואַלד און דאָרטן טוען זיי זיך האָליובען.״

״פּאַראַסקאַ,״ האָט גאָורילאָ געטראַכט מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרצן, ״פּאַראַסקאַ!״

וועלוול זינגט ווייטער. ״גרין איז אונדזער געלעגער. אונדזערע הויזבאַלקנס זיינען צעדערן, אונדזערע וואַנטברעטער—ציפּרעסן. זיין לינקע האַנט איז אונטער מיין קאָפּ און זיין רעכטע האַנט טוט מיך אַרומנעמען.״

״דו ביסט שיין, געליבטע מיין, ביסט שיין; דיינע אויגן זיינען טויבן.״

״דו ביסט שיין, געליבטער מיין, און ליבלעך, אַ בינטל מירע וואָס רוט צווישן מיינע בריסט איז מיין געליבטער מיר.״

״די לאָקן פון דיין קאָפּ זיינען ווי פּורפּור; דיינע ציין—ווי אַ סטאַדע שעפּעלעך—ווייסע, געטאָקטע. ווי אַ קאַרמין־פּאָדעם זיינען דיינע ליפּעלעך און דיין מויל איז פול מיט חן. דיינע צוויי בריסט זיינען ווי יונג־הירשלעך אַ צווילינג. ביסט שיין, געליבטע מיין, אָן אַ פעלער. האָסט ס׳האַרץ ביי מיר געפאַנגען.״

פייגעלע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם רויטן קאָפּ און באַטראַכט איר אייגענעם בוזעם מיט אַ מאָדנעם שמייכל: ״ס׳אַ פאַרגלייך אַביסל,— ווי יונגע הירשלעך.״

וועלוול האָט זיך פאַרקוקט אויף איר געקרייזלטן יינגלשן קאָפּ. ״ווייסטו, פייגעלע, אַז דו ביסט געווען אַ כלה מיט צוויי לאַנגע צעפּ

אַזוי ווי פורפור, האָבן זיי מיך אויך געפאַנגען אַזוי ווי אין אַ פּעטליע.״

גאַווריליאַ האָט זיך איינגעהערט און געשעפּטשעט צו זיך אַליין:

״פּאַראַסקאַ, מיין שוואַרצע פּאַראַסקאַ!״

זינגט וועלוול ווייטער. ״שיין איז מיין געליבטער, קלאָר און גערייטלט. זיינע לאָקן געקרייזלט, שוואַרץ ווי אַ ראָב. זיינע אויגן ווי טויבן. זיין לייב—אַ שטיק העלפאַנדביין. זיינע שענקלען—מערמל־זיילן. זיין גומען איז זיסקייט און ער איז אין גאַנצן גלוסטיקייט.״

״ווי שיין זיינען דיינע פיס אין סאַנדאַלן, געליבטע מיין. דיינע רונדע דיכן אַזוי ווי אויסגעטאָקט פון די הענט פון אַ קינסטלער. דיין נאָפּל—אַ בעכער אַ רונדער. ווי שיין ביסטו און ווי זיס ביסטו, גע־ליבטע, פול מיט תענוג. דיין וואוקס איז געגליכנט צו אַ טײַלטבוים, און די בריסט דיינע—צו הענגלעך טרויבן; דער ריח פון דיין פּנים איז אַזוי ווי עפּל און דיין גומען איז אַזוי ווי גוטער ווײַן.״

ביי פייגעלען האָט זיך אַ טיפער זיפץ אַרויסגעריסן פון האַרצן; ביי גאַווריליאַן האָט געהאַמערט אין די שלייפן.

״זאָל קומען מיין געליבטער אין זיין גאָרטן,״ האָט וועלוול אַרויסגעזונגען, ״און זאָל ער עסן זיין טייערע פּרוכט. איך בין מיין געליבטנס און צו אים איז מיין גלוסט.״

״ווי שיין איז דיין ליבשאַפט מיין געליבטע, ווי בעסער דיין ליבשאַפט פון ווײַן. באַרוישט בין איך פון דיר. ביסט שיין, מיין געליבטע און ליבלעך. ביסט פאַרכטיק ווי מחנות באַוואָפנטע. קער אַוועק דיינע אויגן פון מיר, וואָרעם זיי האָבן מיך באַצוואונגען.״

״פאַרווייעט ווערט דער טאָג און אַנטרינען ווערן די שאָטנס. דריי זיך אום מיין געליבטער און זיי געגליכנט צו אַ הירש, אָדער צו אַ הינד אַ יונגן אויף די צעשפּאָלטענע בערג.״

צוויי שטורמישע הערצער, — פייגעלעס אינעווייניק און גאַוו־ריליאָס אין דרויסן, — האָבן זיך איינגעהערט אין די וואונדערלעכע ווערטער, אַזוי ווי פאַרכישופטע.

״איך שלאָף, און מיין האַרץ וואַכט,״ זינגט וועלוול אין זיין האַרציקן קול. ״האָרך, מיין געליבטער קלאַפּט: — עפן מיר, מיין געליבטע, מיין טויב מיין אומשולדיקע. וואָרעם מיין קאָפּ איז פול מיט טוי, מיינע לאָקן—מיט טראָפּנס פון נאַכט.״

״איך האָב אויסגעטאָן מיין העמדל, ווי קען איך עס אָנטאָן? כ׳האָב געוואַשן מיינע פיס, ווי קען איך זיי איינריכטן? מיין געליבטער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט דורכן טירלאָך און מיין אינגעווייד האָט געברומט צו אים. איך האָב געעפנט, אָבער מיין געליבטער איז פאַרשוואונדען און מיין נשמה איז אויסגעגאַנגען. האָב איך אים געזוכט און האָב אים ניט געפונען. האָב איך אים גערופן, און ער האָט ניט געענטפערט. האָבן מיך געטראָפן די וועכטער וואָס גייען אַרום אין שטאָט און האָבן מיך געשלאָגן, האָבן מיך פאַרוואונדט און האָבן אַראָפּגענומען דעם מאַנטל פון מיר. קוים בין איך אַוועק פון זיי, האָב איך אים באַלד געפונען, דעם וואָס מיין נשמה האָט ליב. האָב איך אים אָנגענומען און האָב אים ניט אָפּגעלאָזט. ביז כ׳האָב אים געבראַכט אין הויז פון מיין מוטער און אין קאָמער פון מיין געווינערין.״

״טו מיך אַרויף ווי אַ זיגל אויף דיין האַרצן, און ווי אַ זיגל אויף דיין אָרעם, וואָרעם קראַנק בין איך פון ליבשאַפט. שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבשאַפט, האַרט ווי דער קבר איז די אייפערזוכט. אירע פלאַמען זיינען פלאַמען פייער. גרויסע וואַסערן קענען ניט פאַרלעשן די ליבשאַפט און טייכן וועלן זי ניט אַוועקפלייצן.״

ביי פייגעלען זיינען די גרינע אויגן געווען פייכט און לויכטנדיק.

״וועלוועלע, נשמה מיינע, האָסט מיך נאָך ליב אַזוי ווי אַמאָל?״ האָט זי הייס געפליסטערט.

ביים מלמד האָבן זיך די איידלע באַקן צעפלאַמט. ״פייגעלע,״ האָט ער געשטאַמלט, ״פאַרשייטע, ס׳איז דאָך ערב־שבת...״

אויף דער אַנדערער זייט פון טייכל האָט זיך די פרילינג־זון געזעצט אין אַ קרוין פון פלאַמען און דער בלייכער הימל האָט זיך צעגליט. באַלד אָבער האָט אָנגעהויבן טונקלען און דער הימל איז געוואָרן אַן אויסגעלאָשענער. אַ שטילער איז ער געלעגן, אַ קילער און אַ ביסל אַ פאַרנעפּלטער. שימערנדיקע שטערנדלעך האָבן אָנ־געהויבן צאַפּלען אויף אים, אַזוי ווי אַ פאָספאָריצירנדיקע שיין אין אַ טונקל־בלויען סודותדיקן ים. שבתדיקע ליכטלעך האָבן וואָרעם אויפגעלויכטן אין די טונקלע פענצטערלעך. דער שבת־גוי איז גע־זעסן אַ פאַרחושטער מיט דער אויסגעלאָשענער ליולקע אין מויל. זיינע געדאַנקען האָבן אַרומגעוואַנדערט.

— 3 —

גאַווריִלאָ האָט געהאַט אַ פאַרשטערטע נאַכט. אַלע ווײַלע פלעגט אַ הייסע כוואַליע אים אַ זעץ טאָן אין קאָפּ; און עפּעס אַ מאָדנע פאַרשיכורטע אומרואיקייט האָט אָנגעפּילט זײַנע אברים. אויפגעכאַפּט האָט ער זיך אין באַגינען, האָט אויפגעמאַכט די טיר און זשעדנע אַרײַנגעצויגן די פרימאָרגנדיקע וועסנע־לופט: זי איז געווען מאָדנע ווייך און לאַשטשעדיק. דער פויער האָט זיך זאָרגעוודיק אָפּגעוואַשן אין דער דייזשע קאַלט וואַסער און זיך אָנגעהויבן אָנטאָן יום־טובדיק: די נייע סוויטע האָט ער פאַרגאַרטלט מיטן בונטן גאַרטל, די יוכטענע שטיוול האָט ער אויסגעשמירט מיט דזשעגעכץ און אויפן שייך־פאַרקעמטען קאָפּ, וואָס איז געווען באַשמירט מיט קיפּאַריסן אייל, האָט ער אָנגעטאָן דאָס גרויע שמויסענע היטל, אַזוי ווי פאַרפרעסטלט מיט זילבער. מיטגענומען האָט ער אַ לייוונטן זעקעלע מיט אַ האַלבן טוץ פּאַסכע־אייער, וואָס ער האָט אַליין אויסגעפאַרבט: דריי אויף רויט מיט ציבעלע־שאָלעכץ, און דריי אויף געל מיט זאַפראַן.

דער הימל איז געווען אַ צאַרט־בלויער, אַ פאַרקלערטער אַזוי ווי די פאַרחלומטע אויגן פון אַ יונגער מיידל. די זון איז אויפגעגאַנגען שיינענדיק, זאַנפט און ליבלעך, מען האָט איר ממש געקענט אַרײַנקוקן גלייך אין פּנים אַרײַן. גאַווריִלאָ איז אַרויס פון כאַפּון און האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין הנילאָפּאַליע. דאָס האַרץ איז אים געווען פול מיט אַ פריידיקן וואונדער. היינט איז דער הייליקער שבת, ערב דעם "ליכטיקן" פּאַסכע־זונטיק. די ערד איז געלעגן אַ שוואַרצע, אַ צעפּאַקטע. די אָפענע בלאָטעס האָבן זיך שוין אַרויסגעזוען. אָבער די פאַרוואָקסענע אָזיערעס, די פאַרזומפּטע וועלדלעך און קוסטאַרניקעס האָבן נאָך אויסגעזען אַ ביסל ווייס און האַריק. דאָרטן זײַנען נאָך געלעגן רעשט־לעך פון אייז און שניי.

אויפן שליאַך האָבן זיך געשלענגלט ליכטיקע ריטשקעלעך וואַסער. זילבערנע קאַלוזשקעס האָבן זיך געשפּיגלט אויף די פעלדער. מחנות גרויע וואָראָבטשיקעס האָבן לוסטיק געטומלט און אַרומגעהאָפּקעט. סטייעס שוואַרצע ראָבן זײַנען געהאַנגען אויף די נאַקעטע צווייגן פון די טונקלע ווערבעס און האָבן ווילד געקראַקעט אַזוי ווי אבלים

נאָכן װינטער. באַנדעס סאָראָקעס מיט שנײ־װײַסע פּלײצעס און בײכלעך, מיט גלאַנציקע פֿעדערן אַזױ װי פֿון שװאַרצן מעטאַל, מיט װײדלען אַזױ װי פֿון בראָנז, האָבן געשריען װי פֿאַרשיכורטע מיט גאָרגלדיקע קולות.

מיט אַמאָל איז דעם פֿױערס האַרץ פֿאַרכאַפּט געװאָרן פֿאַר גרױס געװוּס פֿון אַ װאָונדערלעכן קול: אַ גרױע פֿעלד־לאַרך, אַזױ װי אַ פֿאַרכישופֿט לעבעדיק פֿײפֿל, האָט זיך אַרומגעטראָגן אין קרײזן אױפֿן קלאָרן הימל, הױך־הױך, לײכט און צירלעך, געמאַכט אײן לופֿט־צירקל נאָכן אַנדערן, פֿאַרגײענדיק זיך אין אַ סטאַקאַטאָ פֿון מונטערע זיל־בערנע טרעלן. „פֿרילינג,‟ האָט דער שבת־גױ געטראַכט, „ליכטיקע װעסנע, אַלץ שטײט אױף תּחית־המתים.‟ אַ גרױסער שטח אָפֿענע ערד, ביזן עק פֿונעם האָריזאָנט, האָט זיך געשפּרײט פֿאַר די אױגן. זי איז געװען אַ שװאַרצע, צעװײקטע און האָט אַזױ װי געאָטעמט.

„די ערד איז כּמעט קײנמאָל ניט נאַקעט,‟ איז בײַ גאַװרילאָן דורכגעפֿלױגן אַ געדאַנק. „זומער איז זי אַ גרינע, װינטער אַ װײַסע, אין האַרבסט—אַ ברױנע און אַ גילדענע. איצטער אָבער איז זי אַ נאַקעטע. זי איז אַזױ װי אַ מעכטיקע שװאַרצע ברוסט פֿול מיט לעבנס־זאַפֿט; און אַלץ װאָס האָט אין זיך אַ װאַרצעלע, — פֿון דעם גרעסטן בױם ביזן מינדסטן גרעזל, — זױגט איצטער זשעדנע די שװאַרצע מילך פֿון דער מאַמע־ערד. באַלד װעלן אַלע ברױנע קניפּלעך, אַלע קלעפּיקע שפּראָץ־אײגלעך אױף די הױלע צװײַגן פּלאַצן װי פּיטשינקע אײעלעך און פֿון זײ װעלן זיך אױספּיקן יונגע בלעטלעך, אַזױ װי פֿײגעלעך אין ערשטן פּוך.‟

פּלוצעם איז גאַװרילאָ פֿאַרגרוזנעט געװאָרן אין בלאָטע ביז די קני. האָט ער אױסגעטאָן די שטיװל, פֿאַרקאַטשעט די הױזן און זײַנע באָרװעסע פֿיס האָבן אָנגערירט די קאַלטע נאַקעטע ערד. ער האָט דער־שפּירט אַ מאָדנע דערקװיקעדיק געפֿיל, אַ פֿיזיש געפֿיל פֿון אַ קינד װאָס נעמט אַרײַן אין די ליפּן דער מוטערס ברוסט. „װי זיס זי איז, די מאַמע־ערד,‟ האָט ער געטראַכט.

גאַװרילאָ איז אָנגעקומען אין די בערעזקעס. דער שװאַרצער זשוק האָט אָנגעהױבן בילן און חײמס קלײנװאַרג איז אַרױסגעלאָפֿן אָפּגעבן דעם פֿױער אַ ברוך־הבא. דער טאָרף־ייִד מיט די עלטערע

יינגלעך האָבן געהאַלטן אין מיטן דאַוונען. חיים איז געשטאַנען מיטן פּנים צום פענצטער, דער קאָפּ איבערגעדעקט מיטן טלית און האָט זיך געשאָקלט פאַרדבקעט. גאַוורילאָ האָט ניט געוואָלט שטערן, אָבער חיימיכע איז באַלד אָנגעקומען מיטן קינד אויף די הענט. די יידענע האָט געוואוסט אַז ביי די גויים איז איצטער „פּאָסט״, האָט זי דעם שבת־גוי אַרויסגעטראָגן אַ שבתדיקע חלה און אַ פּאָר זויערע אוגער־קעס. גאַוורילאָ האָט פאַרביסן מיט אַן אוגערקע און אַ האַלבן קוילעטש, פאַרטרונקען מיט וואַסער פון קרעניצע און דאָס פאַרבליבענע באַ־האַלטן אין זעקעלע מיט די געפאַרבטע אייער.

אָפּגעדאַנקט די טאָרף־יידענע פאַר איר גאַספריינטשאַפט, האָט זיך דער פויער ווידער אַוועקגעלאָזט אין וועג. די זון איז שוין גע־שטאַנען הויך און האָט געשמאַק געוואַרעמט. גאַוורילאָ האָט אויס־געטאָן דאָס שמויסענע היטל און אַראָפּגענומען פון זיך די ווייסע סוויטקע. ער האָט אָפּגעשפּיליעט דאָס יום־טובדיקע אויסגענייטע העמד און געלאָזט די זון וואַרעמען זיין ברוינע פאַרוואָקסענע ברוסט. עפּעס האָט אים דאָרטן אָנגעהויבן באַקן: דאָס איז געווען דאָס מעשען צלמל, וואָס זיין ווייב מאַרוסיאַ האָט אים אַמאָל געשענקט. אָבער גאַוורילאָ האָט איצטער ניט געטראַכט פון מאַרוסיאַן. אויפן זינען איז אים געלעגן אַן אַנדער נאָמען: פאַראַסקאַ.

ס׳האָבן זיך דערהערט כאָרכלדיקע קולות פון פויגלען. צווישן די בערעזקעס און הנילאָפּאָליע ליגט די „צאַפּליאַנקע״, אַ ווילד־פאַר־וואָקסענע אָזיערע. אין מיטן פון דער אָזיערע איז אַ געמפּקע און דאָרטן לעבט אַ מעכטיקע קאָלאָניע פון צאַפּליעס, אַזאַ מין בושל־פויגל. די נעסטן זיינען ס׳רוב אויפגעבויט אויף ביימער פון שטעקלעך און צווייגן. פלוצעם איז גאַוורילאָ געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפּטער: צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט ער דערזען ווי צוויי יונגע צאַפּליעס „שפּילן אַ ליבע״. דער „ער״ איז געשטאַנען פון פאָרנט, די „זי״ אַביסל אָפּגערוקט. דער „ער״—אַ לאַנגער, מיט צוויי דאַרע פיס אַזוי ווי אַ פּאָר שטאָלצעס—האָט איינגעבויגן דעם לאַנגן האַלדז, אַראָפּ־געלאָזט די גרויע פליגלען און געשאָקלט מיטן שוואַרצן קאָפּ און מיטן שפּיציקן שנאָבל, אַזוי ווי מיט אַ שפּיז. דאָס האָט ער זיך געוויטעט צו איר, אָנגעזאָגט אַז ער שדכנט זיך. אָבער „זי״ האָט זיך געמאַכט

ניט וויסנדיק. האָט זיך דער געפליגלטער קאַוואַליער אָפּגעטראָגן אין אַ זייט, אַראָפּגעבראַכט אַ שטעקל, אַוועקגעלייגט די מתנה פּאַר זיין אויסדערוויילטער און זיך ווידער געניוגט און געבוקט. די ״זי״ האָט זיך צוגערוקט אַ ביסעלע נענטער. דער ״ער״ האָט זיך ווידער אַמאָל אָפּגעטראָגן, געבראַכט נאָך אַ שטעקעלע און זיך אויף דאָס ניי געבוקט און געניוגט. די ״זי״ האָט זיך אַלץ נענטער צוגערוקט צום לאַנגן בחור.

ס׳האָט זיך שוין אָנגעקליבן אַ הויפן שטעקלעך. ״דאָס איז דאָך בוי־מאַטעריאַל פאַר אַ נעסט,״ האָט גאַווריאַלאָ געטראַכט אַ פאַר־חידושטער. דאָס ראָמאַנסירן פון פאָרל איז געוואָרן אַביסל וואַרעמער און לעבעדיקער, אָבער אַלץ איז פאָרגעגאַנגען לייטיש און סטאַ־טעטשנע. די ״זי״ האָט זעט אויס דעם שידוך אָנגענומען. זיי זיינען שוין געשטאַנען נאָענט איינער צום אַנדערן און ס׳האָט זיך אָנגע־פאַנגען דער מערקווערדיקער ״חתונה־טאַנץ״. ביידע פויגלען האָבן זיך געבוקט און געניוגט איינער צום אַנדערן, געשאָקלט מיט די קעפּ און זיך אָנגערירט מיט די שנאָבלען. פון צייט צו צייט פלעגט זיך פון זייערע געמבעס אַרויסרייסן אַ מאָדנע קול אַזוי ווי אַ גרונץ.

דער פויגל־טאַנץ איז געוואָרן אַלץ היציקער און גראָטעסקער. דער ״ער״ האָט האַסטיק געטרייסלט מיטן פּוכיקן בערדל, וואָס איז אים געוואָקסן אויפן אונטערשטן טייל פון האַלדז און גדלותדיק צעשפּרייט די לאַנגע פעדערן אויף די אַקסלען, אַזוי ווי אַ פּאָר עפּאָלעטן. אַ שטיק צייט האָט דער צערעמאָניעלער טאַנץ אָנגע־האַלטן אַזוי ווי אַ וואונדערלעכער ריטואַל. ״וועסנע,״ האָט גאַווריאָלאָ געטראַכט, ״אַלץ שטייט אויף תחית־המתים. אַלע באַשעפענישן פּאָרן זיך: וואו ס׳איז פאַראַן אַן ״ער״ איז אויך פאַראַן אַ ״זי״.

אויפן שליאַך האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן פורן געפּאַקט מיט מענטשן, וואָס זיינען געפאָרן קיין הנילאָפּאָליע צו דער ״וועסיענאָש־טשנאַיאַ״—דעם ערב־פּאַסכע גאָטסדינסט, וואָס האַלט אָן אַ גאַנצע נאַכט. ס׳איז פאַרבייגעפאָרן אַן אַלטע קאַרעטע מיטן כאַפּונער גאַ־לאָוואַ, מיט די צוויי אַקציזניקעס און זייערע פאַמיליעס. דערנאָך איז אָנגעקומען אַן עקיפּאַזש מיט דעם פּריסטאַוו און מיט די פּאָר פּאָליציאַנטן מיט זייערע הויזגעזינדן. אַלע וועגן און שטעגן וואָס

פירן קיין הנילאָפּאָליע זיינען געוואָרן פול מיט פויערים־פּוסגייערס, אויסגעפּוצטע אין יום־טובדיקע קליידער. אַלע זיינען געגאַנגען מיט ליכטיקע אויסגעצוואָגענע פּנימער, טראָגנדיק איינגעוויקלט אין ווייסע סערוועטקעס און אין אויסגענייטע האַנטעכער די אויסגעפּאַרבטע אייער און דאָס פּאַסכע־געבעקס מיט די „קוליטשן", באַצירטע מיט פּאַרצוקערטע קווייטן.

ס'איז שוין צוגעפאַלן בין־השמשות. גאָוורילאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים שטעג וואָס פירט אין טשערנאָלוזשער וואַלד און האָט פאַרביסן מיט דער איבערגעבליבענער חלה און מיט אַ זויערער אוגערקע. ס'איז אָנגעקומען אַ רויטע פריצישע ברימשקע מיט דעם פעטן יאַסנאָפּאָלער עקאָנאָם בידערמאַן. אַזוי ווי ער איז געווען אַ לוטעראַנער און אין גאַנצן כאַפּונער קאַנט איז ניט געווען קיין דייטשע קירך, פלעגט ער דערפאַר פראַווען צוויי פּאַסכעס: די ערשטע אין יאַסנאָפּאָלער קאָסציאָל, די אַנדערע אין הינלאָפּאָליער צערקווע. מיט אַמאָל האָט זיך דעם עקאָנאָמס שוואַרצער זשערעבעץ הילכיק צעהירזשעט און פון הנילאָפּאָליע האָט אָפּגעענטפערט אַן אַנדער פערדיש קול—אַ הירזשען פון אַ „זי": דאָס קול פון דעם גלחס שקאַפּע. איןביידע חיהשע קולות האָט זיך געהערט אַ ליידנשאַפט־לעכער רוף, אַ ווילדע גלוסטונג.

— 4 —

ס'איז שוין געווען טונקל ווען גאָוורילאָ איז אָנגעקומען קיין הנילאָפּאָליע, אָבער דער ווייסער קלויסטער מיט דעם גרינעם ציבעלע־פאָרמיקן דאַך האָט געשיינט ליכטיק, אילומינירט מיט אַ גוזמא לעמפּעלעך. אינעווייניק איז געווען געפּאַקט מיט אַ גרויסן המון און ס'האָט געזשומעט פון מענטשלעכע קולות. די ווענט פון דער צערקווע זיינען געווען באַקראַנצט מיט גירליאַנדעס סכך. לעבן די גרויסע הייליקע בילדער און אַרום דער איקאָנע פון מאַריאַ „דער באָגאָראָדיצאַ" האָבן פייערלעך געברענט קאָלירטע ליכט, אַרומגעוויקלטע מיט באַגילטע פאַרצירונגען, פאַרפּוצטע מיט בונטע פּאַפּירענע קווייטן, מיט געבלומטע שטיקער זייד און מיט אויסגענייטע האַנטעכער.

מען איז געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ, יעדער מיט אַ וועקסענער

ליכט אין דער האַנט, אָבער מען איז געווען אויסגעשטעלט אין אַ באַ־שטימטער אָרדענונג. רעכטס זיינען געווען די מענער. די פּאַראָבקעס און יונגע פּויערים אָנגעטאָן אין ווייסע סוויטקעס און פיינע זשופּאַנעס, פאַרגאַרטלט מיט בונטע גאַרטלען, אין אויסגעפּוצטע שטיוול מיט הויכע כאָליעוועס. די אַלטע—אין שמויסענע קאָזשוכן, אין זויבערע קאַפּטנס פון היימישן צייג, אין נייע לאַפּטשעס מיט ווייסע אָניטשעס. פון דער לינקער זייט זיינען געשטאַנען די פרויען. די מיידן און די מאַלאָדיצעס מיט סטענגעס אָדער מיט געבלומטע זיידענע פאַטשיילעס אויף די קעפּ, מיט קרעלן אויף די העלדזער, אין אויסגענייטע העמדער מיט ברייטע אַרבל; אין וואָלענע, קאָלירטע, געקעסטלטע "פּלאַכטעס", אין שטיוועלעך מיט זילבערנע פּאָדקאָוועס. די אַלטיטשקע ווייבער מיט ווייסע טיכלעך אָדער שאַלכענס אויף די קעפּ, אויך אין שאָף־פעלצלעך אָדער אין גרויע טשומאַרקעס, מיט שפּאָגל־נייע סקריפּע־דיקע פּאַסטעלעס אויף די פיס.

אין מיטן קלויסטער זיינען געווען פאַרזאַמלט די סאַמע פּני: עטלעכע קליינע פּריצימלעך, אַ פּאָר סוחרימלעך, טשינאָווניקעס און פּאָליציי־באַאַמטע פון דער כאַפּונער סביבה, — אַלע יום־טובדיק געקליידט אין פיינע געוואַנטענע קליידער, אין פּאַראַדנע מונדירן; די שטיוול גלאַנצנדיק פון שו־וואַקס און די קעפּ—פון בוימל. צווישן זיי איז אויך געשטאַנען דער גרויסער בעל־גוף פּראַנץ בידערמאַן אין אַ שוואַרצן סורדוט מיט זיידענע קלאַפּעס, אין אַ ווייסן אָנגע־קראַכמאַלעטן העמד מיט אַ זיידענעם שניפּס.

גאַווורילאָ האָט זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל וואו ס'איז געווען דער ליכט־קאַסטן. לעבן־ביי אויף אַ טישל אונטער דער איקאָנע פון "אַלע הייליקע" זיינען געשטאַנען טעלערלעך מיט "קוטיאַ", אויס־געקאָכט פון גרויפּן און האָניק. ס'איז געווען הייס און שטיקעדיק, דער עולם איז געשטאַנען מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. גאַווורילאָ האָט דערזען אַ סך באַקאַנטע פנימער, ער האָט זיך אָבער ניט געוואָלט שטופּן אויבן־אָן. לאַנג אָבער איז דער שבת־גוי ניט פאַרבליבן אומבאַמערקט: זיין ריזיקער וואוקס מיט די צוויי מעכטיקע אַקסלען, זיין שיין פּנים, אָפּגעברענט און פאַרדייטלט פון ווינט, זיינע ליכטיקע בלויע אויגן אונטער די טונקעלע כמורנע ברעמען, די לאַנגע ברוינע וואָנצעס,

די שפּאָגל־נייע ווייסע סוויטקע מיט דעם פיינעם גאַרטל האָבן באַלד גענומען ציען אויף זיך די בליקן פון די יונגע מיידן.

פלוצעם האָט זיך ווי אַ רויטער נעפּל פאַרצויגן פאַר גאַווריִלאָס אויגן, זיין האַרץ האָט אָנגעהויבן האַמערן ווילד. ער האָט דערזען די שוואַרצע פּאַראַסקאַ אין אַ רויטן קלייד, מיט אַ רויטן טיכל אויפן קאָפּ. זי האָט באַגעגנט זיין בליק און איז פאַר אַ ווײַלע געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטע. מיט אַמאָל האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן ביי דער הויכער ברוסט מיטביידע הענט. די טונקלע אויגן האָבן זיך ליכטיק צעשפּילט. אין אַ פּאָר מינוטן אַרום האָט זי זיך שטילערהייט צוגעשאַרט צו אים.

"סאָקאָל מיינער ליכטיקער," האָט זי הייס אַ פליסטער געטאָן, "כ'האָב דיך גאַרניט דערקענט אָן דער באָרד. דו שיינסט דאָך ווי די זון. גאָט אַליין האָט דיך אַראָפּגעבראַכט אַהערצו, כ'האָב נאָך דיר אַזוי שטאַרק געבענקט, סערדענקאָ! קוק זיך נאָר אַרום, אַלע דיינע פריינד זיינען דאָ אין קלויסטער."

גאַווריִלאָ האָט דערזען פּאָטאַפּן דעם שמיד מיט זיין גאַנצער פאַמיליע און איוואַנקאָ־פּאַסיטשניק מיט זיין קליינעם שייגעצל הריצקאָ; אויך דאָס יונגע פּאָר־פּאָלק נאַטאַלקאַ און פּעטראָ, וואָס האָבן גע־פראַוועט אין כאַפּונער שענק יום־כיפּור צייט זייער חתונה. דער שמיד האָט אָנגעהויבן ווינקען צום שבת־גוי ער זאָל צוקומען און דער פויער האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין ווינקל. פּאָטאַפּ האָט גאַווריִלאָן באַטראַכט מיט אַ צופרידענער מינע: "איצטער, טשעלאָוויטשע, האָסטו טאַקע אַ קריסטלעך פּנים. זעסט אויס ווי אַ העלד, אַן אמתער קאָזאַקן־אַטאַמאַן."

דער קליינער איוואַנקאָ האָט זיך מיט גאַווריִלאָן גאָר אַרומגע־כאַפּט: "אוי טייבעלע מיינס, אַ געזונט אין דיין קאָפּ, אַ חיות צו קוקן אויף דיין צורה! נו, און פּסחאָווקע האָסטו געבראַכט לכבוד אונדזער ליכטיקן יום־טוב? ביי מענדלען איז געווים פאַראַן פּסחאָווקע. ס'איז דאָך אַקאָרשט נאָך פּסח ביי יידן." דערהערט אַז קיין פּסחאָווקע איז ניטאָ, איז ער געוואָרן שטאַרק אַנטוישט. "ביסט אַ שלים־מזלניק," האָט ער אויסגערופן, "געהערט אַ לעמעשקע? קומט פון כאַפּון און קיין פּסחאָווקע ברענגט ער ניט."

"דו בלײַב דאָ," האָט פּאָטאַפּ באַפֿוילן, "מיר דאַרפֿן דיך דאָ האָבן צו זינגען אין כאָר. דו האָסט אַ שטאַרקע געמבע."

ס'האָט זיך אָנגעהויבן די "וואָסקרעסעניע", דאָס ערב יום־טובדיק גאָטדינסט. אויפֿן אַלטאַר איז געשטאַנען דער הויכער גלח איוואַן אין אַ זילבערנער ריזע, באַשפּרענקלט מיט אַ סך גילדענע צלמלעך און מיט אַ גרויסן גילדענעם צלם אויפֿן האַרצן. די ברייטע רויטע באָרד און דער לאַנגער רויטער צאָפּ זײַנען געווען שיין צעקעמט, גלאַנצנדיק פֿון אייל. לעבן אים איז געשטאַנען דער שמש, דער דיקער יאַדעשלעווער דיאַק אַלעקסיי, מיקיטקאָס טאַטע, אויך אָנגעטאָן אין פֿעסטלעכע אייבער־בגדים.

די שטימונג איז געווען אַ פֿײַערלעכע. מען האָט אָנגעהויבן זינגען די פֿרײדיקע פּאַסכע־הימנעס. דער קלויסטער איז געוואָרן פֿול מיט אַ ריח פֿון ווייַרעך און מיט מעכטיקע ריטמישע כוואַליעס פֿון וואונדערלעכע אַקאָרדן, וואָס די טיפֿע באַסן און די הימל־הויכע אַלטן און סאָפּראַנאָ־שטימען פֿון כאָר האָבן אַרויסגעבראַכט. די פּויערים האָבן זיך געהאַלטן אין איין בוקן, אין איין צלמען זיך; די פּויערטעס האָבן געקוקט אויף די באַלויכטענע הייליקע בילדער מיט פֿרײדיקע טרערן אין די אויגן און האָבן שטיל געזונגען זייערע געבעטן, געבוקט זיך און געקניט.

דער גלח האָט אָנגעהויבן לייענען פֿייערלעך: "...און אַז שבת האָט זיך געענדיקט, האָבן מרים פֿון מגדל און די אַנדערע מרים געבראַכט זיסע געווירצן, כדי דעם דערלייזער צו באַזאַלבן. און גאַנץ פֿרי, אין מאָרגן פֿון ערשטן טאָג פֿון וואָך, זײַנען זיי געקומען צום קבר, ווען די זון איז אויפֿגעגאַנגען; און זע!—ס'איז געווען אַ גרויסע ערד־ציטערניש, וואָרעם אַ מלאך פֿון גאָט האָט אַראָפּגעגאַנגען פֿון הימל און האָט אַראָפּגעקאַטשעט דעם שטיין פֿון קברס טיר און זיך געזעצט אויף אים. זײַן פּנים איז געווען אַזוי ווי 'אַ בליץ, און זײַנע קליידער ווייס ווי שניי. און פֿון שרעק האָבן זיך די שומרים פֿון קבר געטרייסלט און זײַנען געווען ווי מתים. און דער מלאך האָט געזאָגט צו די ווייבספּאַרשוינען: שרעקט זיך ניט, וואָרעם איך ווייס אַז איר זוכט יעזוסן וואָס איז געקרייציקט געוואָרן. ער איז ניטאָ דאָ, וואָרעם ער איז אויפֿגעשטאַנען. קומט אַרײַן און זעט דאָס אָרט, וואו דער

האָר איז געלעגן און גייט געשווינד און זאָגט אָן זיינע נאָכפאָלגער, אַז ער איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים.״

״כריסטאָס וואָסקרעס!״ האָט דער גלח אויסגעלאָזן מיט אַ מעכטיקער שטים. ״כריסטאָס וואָסקרעס!״ האָט זיך די פריידיקע בשורה צעטראָגן צווישן די הונדערטער באַגייסטערטע מענטשן. די פויערים האָבן געקוקט אַזוי ווי פאַרכישופטע אויף די הערלעכע הייליקע בילדער, אויף די אומצאָליקע ברענעדיקע ליכט, אויף די זילבערנע קליידער פונעם גלח און האָבן זיך צוגעהערט צו די עקסטאַטישע טענער פון די הימנעס.

ביי די יונגען זיינען די אברים געווען אָנגעפילט מיט אַ זיסער מאַטקייט. די בלוטן האָבן געשפילט אין זיי שווער און מוטנע אַזוי ווי אַ יונג ערשט געברויט ביר. די מיידן האָבן געפילט אַ וואונדערלעכע שווערקייט אין האַרצן; אין די ברוסטן איז געווען אַ זיסע פאַר־שמאַכטקייט. אַלץ שטייט איצטער אויף תחית־המתים. די פיך און רינדער אין די שטאַלן זיינען אויך מאָדנע אומרואיק. אויף די טונקלע נאַקעטע צווייגן פון די ביימער שניידן זיך אויס ברוינע פעכיקע קניפּלעך. און טיף אין דער שוואַרצער ערד שטייען אויף פון זייער שלאָף די קערנדלעך פון דער ווינטער־זריעה, גרייט אַרויסצורייסן זיך צו דער ליכט.

מיט אַמאָל האָבן זיך ביי די פויערים אָנגעהויבן אויפוועקן מאָדנע פאַרנעפּלטע זכרונות, אַזוי ווי לאַנג פאַרגעסענע חלומות פון די קינדער־יאָרן; צערונענע דערמאָנונגען אָן פאַרעמס פון עלטער־עלטער זיידעס, פון גרויע פאַרצייטיקע דורות, זיינען אַרויפגעשוואומען פון זייער גרויען אונטער־באַוואוסטזיין. ס׳איז פאַרשוואונדן געוואָרן דער אילומינירטער ווייסער קלויסטער, ס׳איז נעלם געוואָרן הנילאָפּאָליע...

אָט ציט זיך פאַר די אויגן אַן אומגעהייער־גרויסער ווייסער שטח, פאַרשמידט אין שניי און אין אייז, אַזוי ווי אין אייזערנע קייטן, פון דעם שוואַרצן ים ביז דעם ווייסן ים, פון דעם קאַספּישן ים ביז דעם באַלטישן ים; פון די אוראַלער בערג ביז די קאַרפּאַטער בערג: דאָס איז דאָס ווייסע וויגעלע פון אָנצאָליקע ווילדע בלאָנדזשענדיקע סלאַווישע שבטים, מיט לאַנגע ליכטיקע האָר און מיט פלאַקסענע בערד. די פּאָליאַנעס ביי די זומפּן פון פּריפּיעט, די אור־עלטערן פון

דעם פּאָלעסטשוק; די אַנטן ביי דעם דניעפּער; די ניורן פון דעם דניעסטער; די וועגדן פון דער ווייקסל; די סאַבאָצן פון די קאַרפּאַטן־בערג; די סאַרמוטן ביי דעם טייך דאָן. און אויך אַנדערע ניט סלאַווישע שטאַמען: די ווענלן ביים באַלטישן ים, די פּאַלאַבן פון דער עלבע; די פינען, לעטען און נאָך ווייטער צום מערב די גאָטן, הונען און טונקלע קעלטן. צום מזרח — די געלע מאָנגאָלן פון די אוראַלער בערג, מיט קרומע אויגן און הויכע באַקן־ביינער; די סקיפן פון די סטעפּעס, וואָס טרינקען שקאַפּע־מילך און גייען אָנגעטאָן אין שפּיציקע היטלען מיט גילדענע שפּאַנגעס אויף די קליידער און רייטן אויף פערד באַשמוקטע מיט זילבערנע נאָז־בענדער.

אַלע די דאָזיקע פעלקער וואַנדערן אַרום אין דעם זעלביקן אייזיקן ווייסן מדבר; אַלע פאַרפעלצטע אין פעלן פון חיות, הונגעריקע און דערפראָרענע, זוכנדיק אָן אָפּדאַך אין היילן און לעכער פון שניי, פונקט ווי די חיות פון פעלד. אין דרויסן הערשט מיט אַן אייזערנער האַנט סטריבאָג דער שרעקלעכער גאָט פון שטורעמס און זאַווערוכעס; און מאַראַנאַ, די געטין פון ווינטער, פליט אַרום איבער דער ערד אויף ווייסע פליגלען און דעקט אַלץ צו מיט אַ ווייסן מאַנטל פון טויט; און די ווייסע בעסן־מזיקים פליען אַרום אויף בעזעמער, בושעווען און ברילן מיט שרעקלעכע קולות.

פּלוצעם האָט ערגעץ פון דרום אָנגעהויבן בלאָזן אַ וואַרעם ווינטל. סוואַראָג, דער גאָט פון הימל, האָט מיט אַמאָל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פּאַנצער פון בלייענע וואָלקנס. די פאַרחושטע פויערים אין הנילאָפּאַליער קלויסטער קוקן זיך אַרום אין גרויס וואונדער: ס׳איז גאָרניט די נאַכט ערב דעם ליכטיקן פּאַסכע־זונטיק; ניטאָ דאָ גאָר קיין ווייסע צערקווע וואָס איז באַלויכטן מיט גילדענע ליכט; ניטאָ גאָר קיין שעמערירנדיקע איקאָנעס; ניטאָ קיין גלח אין זילבערנע קליידער.

אָט שפּרייט זיך אַ טונקל־בלויער אויסגעשטערנטער הימל. ווילדע פאַרפעלצטע מענטשן קריכן אַרויס פון זייערע היילן און צעלייגן פלאַקערדיקע פייערן. ס׳הויבט אָן טאָגן; פון מזרח קומט אַרויס די זון אין איר גאַנצער פּראַכט, אין שטראַלנדיקע קליידער פון גאָלד און פון פלאַמען. דאַזשבאָג, דער גאָט פון זון, האָט זיך באַוויזן. ער איז

אַקאָרשט אויפגעשטאַנען תחית־המתים: — דאַזשבאָג איז לעבעדיק געוואָרן! ער האָט פאַרטיליקט די ווייסע בעסן, ער וועט פאַרטרייבן סטריבאָגן מיט זיינע שטורעמס און מאָראַנאַן מיט אירע שנייען, העט־העט ווייט צום עק וועלט, דאָרטן וואו עס שטייען די פּאָקרישקעס פון ווינטער. באַלד וועט צעריסן ווערן דער טויטער שנייאיקער מאַנטל פון פנים פון דער מאַמע־ערד. דאַזשבאָג וועט דער ערדס מוטער־טראַכט עפענען און וועט זי באַפרוכפּערן.

און די ווילדע פעלקער וואָס וואוינען אין דעם אומענדלעכן שטח פון די ווייטע האָריזאָנטן: אין די טונדרעס ביי דער שימערדיקער נאָרד־ליכט פון ווייסן ים, אין די געדיכטע וועלדער פון דער נאָרד־לעכער דווינאַ; אויף די פלאַכע גראָזיקע סטעפּעס, וואו אויף דעם אָרט פוןביימער שטייען רונדע קורגאַנעס, — בערגלעך־קברים פון אור־אַלטע גרויסע גיבורים, — פונקט ווי פּיראַמידן אין מדבר; אויף די בלאָטיקע לימאַנעס פון שוואַרצן ים; אויף די ווילדע פלויצן פון דער טייך וואָלגאַ; אויף די זאַלץ־וויסטענישן ביי די ברעגן פון דעם קאַספּישן ים, וואו אייליקע קוואַלן שלאָגן אַרויס פון דער ערד מיט פייער; ביי די זומפּיקע אָזיערעס לעבן באַלטישן ים; אויף דער פעטער שוואַרצער ערד אַרום דעם דניעפּער; און אין די וויסטע בלאָטעס ביי די וואָרצלען פון פּריפּיעט, — אַלע מענטשן וואָס באַוואוינען די דאָזיקע ערטער זיינען ווידער געקומען צום לעבן. דאַזשבאָג האָט זיי אויפגעוועקט פון ווינטער־שלאָף. פאַרוואָר! דאַזשבאָג, דער גאָט פון זון, איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים!

"כריסטאָס וואָסקרעס, וואָיסטינו!" קריסטוס איז לעבעדיק גע־וואָרן, פאַרוואָר!"

די פּויערים האָבן זיך אויפגעכאַפּט אַזוי ווי פון אַ פאַרכישופטן חלום. ס'איז געווען צוועלף אַזייגער ביינאַכט. די גלעקער האָבן אָנ־געהויבן קלינגען פייערלעך. באַלד דאַרף זיך אָנפאַנגען דאָס פרימאָרגן־געבעט פון דער "זאַ־אוטרעניאַ". הינטער די פאַרמאַכטע "צאַרסקע" טויערן האָט זיך דערהערט די הימנע: "די מלאכים פון הימל זינגען פון דיין תחית־המתים, קריסטוס אונדזער דערלייזער!" און דער עולם ענטפערט אָפּ: "און אויך מיר דאָ אויף דער ערד טוען דיך לויבן מיט אַ ריינעם האַרצן!"

ס׳האָבן זיך אויפֿגעמאַכט די צאַרסקע טויערן און האָבן אַנט־פּלעקט דעם אַלטאַר, אַ מנורה מיט זיבן ברענענדיקע װעקסענע ליכט און דעם גאַנצן פּרעכטיקן איקאָנאָסטאַס, װאָס איז געװען אײַנגע־טונקען אין בלומען און אויך באַלויכטן מיט ליכט. דאָס האָלץ פֿון די הייליקע בילדער איז געװען באַפּוצט מיט גאָלד, באַצירט מיט קונציקע שניצערײַען אין דער פֿורעם פֿון בלומען־בלעטער און שטענג־לעך פֿון װײַנטרויבן. זײ זײַנען געװען אויסגעמאָלט אין װאונדער־לעכע קאָלירן און באַדעקט מיט גלאַנציקע לאַקירונגען. פֿון די איקאָנעס האָבן אַרויסגעקוקט די טונקלע שטרענגע פּנימער פֿון די הייליקע און מאַרטירערס.

בײַם אַלטאַר זײַנען געשטאַנען דער רויטער פּאָפּ איװאַן מיט דעם דיקן דיאַק אַלעקסײ, און אויפֿן קלירָאָס — דער גרויסער כאָר מיט פּאָטאָפּן, מיטן קלײנעם פּאַסיטשניק איװאַנקאָ און מיטן שבת־גוי גאַװרילאָ. דער רויך פֿון די ליכט און פֿון װײַרעך האָט זיך געהויבן ביז דער סטעליע. די װוּנט פֿונעם װײַסן אילומינירטן קלויסטער האָבן אָנגעהויבן ציטערן פֿון די מעכטיקע טענער פֿון די פּאַסכע־כאָראַלן. דער כאָר אויפֿן קלירָאָס זינגט: „הײַנט איז פּאַסכע, גאָטס פּאַסכע, דער טאָג פֿון תּחית־המתים.״ און דער עולם ענטפֿערט: „פֿון טויט צום לעבן...״

אָפּגעזאָגט די תּפֿילה פֿון דעם הייליקן יאָהאַן פֿון דמשק, האָט זיך באַלד נאָכדעם דערהערט דעם גלחס טיפֿער באַס, זינגענדיק דעם פּריידיקן קאַנאָן פֿון יאָהאַן „זלאַטאָ־אוסט״, — יאָהאַן מיט „די גילדענע־ליפּצן״: „קומט אַלע אַרײַן צו פּראַװען גאָטס שמחה. די סעודה איז שוין צוגעגרייט, האָט אַלע הנאה. דאָס קאַלב איז פֿעט, קײנער דאַרף ניט אַרויס אַ פֿאַרשמאַכטער. דערקװיקט זיך אַלע מיטן מאָלצײַט פֿון גלויבן, זאָלן אַלע מקבל זײַן די רײַכקײט פֿון גאָטס גנאָד. קײנער זאָל זיך ניט באַקלאָגן אויף אָרעמקייט, װאָרעם גאָטס קעניגרײַך געהערט צו אַלעמען. קײנער זאָל ניט מורא האָבן פֿאַרן טויט, װאָרעם דעם דערלייזערס טויט האָט אונז אַלעמען באַפֿרײַט.״

„קריסטוס איז אויפֿגעשטאַנען תּחית־המתים!״ זינגט דער כאָר. „פֿאַרװאָר!״ הילכט איבערן גאַנצן קלויסטער. „לאָמיר אײנער דעם אַנדערן אַרומנעמען, ברידער!״ זינגט דער כאָר. און דער עולם הייבט

זיך אָן כריסטאָסעווען, הייבט זיך אָן אַרומנעמען און קושן זיך, — אַלט מיט יונג, פּריץ מיט פּויער, מאַנספּאַרשוין מיט ווייבספּאַרשוין. פּאַראַסקאַ איז צוגעגאַנגען צו גאַווריילאָן אַ פאַרפלאַמטע, האָט אים אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן דריי מאָל אויפן מויל מיט אירע פולע הייסע ליפּן.

"כריסטאָס וואָסקרעס, גאַווריילאָ!" "וואָיסטינו!" האָט ער גע־ענטפערט און איר געגעבן צוויי אייער, — איין אַ געלס און דאָס אַנדערע אַ רויטס. פּאַראַסקאַ האָט דעם פּויער געגעבן צוויי רויטע אייער און אַ שטיק פּאַסכע־געבעקס. "עס, מיין ליבינקער" האָט זי אַ זאָג געטאָן, "גייסט מן הסתם אויס פאַר הונגער." מיט אַמאָל האָט זי זיך צעלאַכט אין אַ ברוסטיקער שטים: "דיינע וואָנצעס קיצלען מיך, קאַצאַפּ מיינער."

דאָס פרימאָרגן־געבעט האַלט זיך אין פאַרענדיקן. די זון־שטראַלן קוקן אַריין משופּעדיק דורך די קלויסטער־פענצטער. אינעווייניק איז אָנגערייכערט פון די ליכט און פון ווייערעך. די לופט איז שטיקעדיק און אָנגעפּילט מיט מענטשלעכע אויסאָטעמונגען. ס'פאַנגט זיך אָן די פּראָצעסיע פון קושן דעם צלם. דער עולם הייבט זיך אָן פונאַנדער־גיין, טראָגנדיק די פּאַסכאַ־געבעקסן, באַשפּרענקלטע מיט הייליקן וואַסער. די פּויערים גייען אַרויס פון קלויסטער מיט אַ פריידיקן טשאַד אין קאָפּ. דער פרימאָרגן איז געווען אַ קלאָרער; די זון איז אויסגעשטאַנען אַ מילדע, אַ לויטערע. פון די קלויסטער־גלעקער האָבן זיך געטראָגן לוסטיקע לעבעדיקע טענער, געפלאַטערט אַזוי ווי זילבערנע פויגלען. עפּעס איז אין דער לופט געווען אַ ליכטיקע דער־וואַרטונג, אַ מאָדנער זיסער צוזאָג. ביי גאַווריילאָן האָט אַ פרייד געצאַפּלט אין האַרצן. "וועסנע", האָט ער געשמייכלט צו זיך אַליין, "וועסנע, אַלץ שטייט אויף תחית־המתים!"

— 5 —

פּאָטאַפּ דער שמיד האָט געמאַכט אַ גרויסאַרטיקע פּאַסכע־סעודה פאַר "ראַזגאָווענִיע", אָפּצופּאַסטן נאָכן לאַנגן "פּאָסט". ער האָט פאַר־בעטן צו זיך אַ גרויסן עולם: קרובים, מחותנים און פריינד, אפילו די משפּחה פון פּאַראַסקאַס מאַן, די טשערנאָלוזשער "קישקעס", אַ

פאַרכמורעט אָפּגעלאָזן געזינדל, וואָס פון זיי האָט זיך תמיד געהערט אַ האַרבער ריח פון חזיר־שטאַל, — וואָרעם האָדעווען חזירים איז געווען זייער פאַך,—זיינען אויך געווען צווישן די געסט. אויך דעם דיאַקס זינדל מיקיטקאָ מיט דער באַנדורע, אויסגעפּוצט יום־טובדיק, האָט ניט פאַרפעלט צו קומען.

דער שמיד האָט געהאַט אַ שפּאָגל־נייע כאַטע, אַ פריש־אויס־געקאַלכטע מיט בלויע אויסגעמאָלטע לאָדן. קאַטערינאַ האָט די פּאָדלאָגע אויסגעריבן מיט רויטן זאַמד, באַהאַנגען די ווענט מיט סכך און די איקאָנעס מיט אויסגענייטע האַנטעכער. צוגעגרייט האָט זי גאָר אַ פיינעם מאַלצייט: אַ פעטן באָרשט מיט סמעטענע, וואַרע־ניקעס מיט קעז, וואָס זיינען אַרומגעשוואומען אין פּוטער; אויפן אָרט פון אַ געשטאָפּטן פאַסכע־לאַם האָט זי אָפּגעבראָטן אַ פּאָר יונגע חזירימלעך און אָנגעפּילט מיט עפּל. משקה איז געווען כּיד־המלך: אַ גאַנצער עמער בראָנפן, כאַפּונער "געשמדטער" וויין און אויך היימיש־געמאַכטע געווירצטע וואַרענוכע און ווישניאַק. דער עולם האָט זיך שטאַרק משמח געווען, אָבער גאַווריליאַ האָט צו אַלעמענס וואונדער קיין משקה ניט אָנגערירט.

פּאָטאַפּ האָט זיך געפילט שטאַרק באַליידיקט, אַזוי ווי מען וואָלט זיין האָנער אָנגערירט. "גאַווריליאַ, דו ביסט אָדער אַ צע־דרייטער, אָדער עפּעס אַ כיטראַק!" האָט ער געדונערט. "קלייבסט זיך אפשר פאַרלאָזן אַ צאַפּ און ווערן אַ מאָנאַך? טפו צו דיין נאַרישן קאָפּ! העט אַ ביסל,—אָט איז ער אַ נאַמיט ביי יידן, אָט טראָגט ער אַ באָרד אַזוי ווי אַ קאַצאַפּ און אָט הערט ער גאָר אויף טרינקען בראָנפן!"

"איך האָב ניט קיין צוטרוי צו אַ מענטשן וואָס טרינקט ניט," האָט דער קליינער איוואַנקאָ אַ שאָקל געטאָן דעם פליכעוואַטן קאָפּ מיט פאַרדראָס, "אַזאַ מענטש טראָגט אין זיך עפּעס באַהאַלטענע שלעכטע מחשבות. אָן שנאַפּס ווערט דעם מענטשנס נשמה אויס־געדאַרט אַזוי ווי די ערד אָן וואַסער."

בייטאָג איז דער עולם שוין געווען גוט פאַרקנאַקט. מען האָט געהוליעט, געטאַנצט און געשפּילט אויף אַ פּאָר אינסטרומענטן. מיט אַמאָל איז די באַנדורע פאַרשטומט געוואָרן און מיקיטקאָ מיט נאַ־

טאַלקאַן, דעם פּאַסיטשניקס שנור, זיינען נעלם געוואָרן. נאָטאַלקאָס מאַן פּעטראָ איז געזעסן מיט אַ קאָפּ אַנגעלענט אָן טיש און האָט געשמאַק געכראָפּעט. ווי איר שטייגער איז אויף אַ שמחה, האָט די לעבעדיקע פּאַראַסקאָ געקערט וועלטן, האָט אָבער די גאַנצע צייט די שוואַרצע צעפּלאַקערטע אויגן פון גאַוורילאַן ניט אַראָפּגענומען. פּלוצעם האָט זי זיך צוגערוקט צום שבת־גוי און האָסטיק אַ שעפּטשע געטאָן: "כ׳גיי אַהיים קיין טשערנאָלוזשע, כ׳וועל אויף דיר וואַרטן אין וואַלד לעבן דאַנילאָס שטיבל." באַלד איז פּאַראַסקאָ אַוועק, אָבער איר פייערדיקער אָטעם, דורכגעמישט מיט אַ ריח פון געווירצטן וויין, האָט גאַוורילאַן אַ זעץ געטאָן אין פּנים און דער רויטער טשאַד האָט זיך ווידער אַמאָל אויפגעהויבן אין זיין קאָפּ.

די זון איז שוין געשטאַנען נידעריק, בעת גאַוורילאָ האָט דער־גרייכט דעם טשערנאָלוזשער וואַלד. די פייערלעכע פּאַסכע־שטימונג האָט זיך צוריקגעקערט צו אים. פון קינדווייז־אָן האָט דער פּויער געהאַט אַן אינסטינקטיוו געפיל פון גרויסער יראת־הכבוד צו אַ וואַלד. ער פלעגט אויף אים מאַכן כמעט אַ סטיכישן איינדרוק, פּונקט ווי אַ מעכטיקער ים. אָבער אַ וואַלד איז אַ לעבעדיק פּולסירנדיק וועזן; אַ וואונדערלעכער קאָלעקטיוו, וואָס אָטעמט און וואַקסט, בליט און וועדט פּאַרוועלקט, פּרוכפּערט זיך און מערט זיך, ווערט אַלט און שטאַרבט.

דער וואַלד איז שוין געשטאַנען ביים אָנהייב פון דער עוואָלוציע פון לעבן: דער ערשטער לעבעדיקער פּונק אויף דער ערד איז געווען דער גרינער פּונק. באַלד נאָכדעם ווי עס זיינען אויסגעפורעמט געוואָרן די ימען און קאָנטינענטן האָט גאָט געזאָגט: "זאָל די ערד אויסגראָזן גראָז, קרייטעכץ אוןביימער וואָס זייער זאָמען איז אין זיי." און פון אַלע מינים געוויקסן איז די סאָסנע געווען איינע פון די ערשטע אויף אונדזער פּלאַנעט. מיט אומצאָליקע טויזנטער יאָרן איידער די דעמבעס און בערעזקעס זיינען געבוירן געוואָרן, האָט שוין געלעבט כמעט אויף דער גאַנצער פלאַך פון דער ערד די מעכטיקע סאָסנאָווע משפחה.

וואַלד פּאַרמאָגט די דינאַמישע טרייב־קראַפט פון לעבן אין דער ריינסטער פורעם, — די צוויי מאַגנעטישע פּאָלן פון וואַקסן: אַרונטער

צו דער ערד און אַרויף צו דער זון. די דאָזיקע גרונד־פּרינציפּן פון לעבן זיינען ביים וואַלד אויסגעפורעמט אַ סך פולקומער ווי ביי באַשעפענישן וואָס קענען זיך באַוועגן אויף דער ערד, אָדער קענען אַרומפליען אין דער לופטן: ביי די דאָזיקע איז שוין אַ ביסל לויז געוואָרן דער ערדישער מאַגנעטישער כוח און אויך דער אייבערשטער פּאָל פון וואַקסן איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אָבער אַ וואַלד איז ניט קיין וואַגאַבונד. ער שטייט פאַרוואָרצלט מיט אַ גוואַלדיקער קראַפט אין דער טיפעניש פון דער ערד; און אויך זיין שוואונג אין דער הויך איז אַ גיגאַנטישער.

ניטאָ קיין אַנדערער לעבעדיקער אָרגאַניזם אויף דער ערד וואָס זאָל זיין אַזוי מאַיעסטעטיש אין געשטאַלט און אַזוי ריזיק אין וואוקס ווי אַ בוים אין אַ קדמון־וואַלד. און ניטאָ קיין הדרת־פּנימדיקער וואַלד אין גאַנץ פּאָלעסיע ווי דער גרויסער טשערנאָלוזשער סאָסנע־וואַלד: עטלעכע קוואַדראַטנע מייל פאַרוואָקסענע מיט קופּער־רויטע גיגאַנטן מיט אייביק־גרינע קעפּ; איבער פופציק אַרשינען די הייך, צוויי אַר־שינען די גרעב, — קיין מענטשלעכע האַנט קען אַזאַ בוים ניט אַרומ־נעמען. ניטאָ קיין אַנדערע בריאה אין גאַנצן לאַנד פון אַ טיפערן עלטער ווי אַ טשערנאָלוזשער סאָסנע. גאַווריִלאָ האָט ניט איין מאָל געזען אויסגעהאַקטע פּאַטריאַרכן, וואָס זייערע שטאַמען האָבן געהאַט פינף הונדערט יאָר־רינגען, — זיי האָבן, הייסט דאָס, אַ האַלבן יאָר־טויזנט אָפּגעלעבט אויף דער ערד און זיינען נאָך געווען פול מיט יוגנטלעכן לעבנס־זאַפט.

דעם שבת־גויס געמיט איז געוואָרן פול מיט רעווערענץ און מיט ליכטיקער פרייד. "דאָ איז אויך תחית־המתים," האָט ער געמורמלט צו זיך אַליין, "אַלץ קומט ווידער צום לעבן." די וואַלד־סטעטשקע איז געווען באַדעקט מיט אַ דיקן ווייכן טעפּעך פון אָנגעפילטע ברוין־גאָלדענע נאָדלען און שישקעס. אין פאַרוואָקסענע ערטער זיינען נאָך געלעגן שטיקער שניי, אָבער די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט אַ דערקוויקנדיקן ריח פון פּעך, וואָס די יונגע זון האָט אַרויסגעצויגן פון די אַלטע סאָסנעס. דער גאַנצער וואַלד האָט געאָטעמט מיט עפּעס אַ וואונדערלעכן סודותדיקן לעבן, מיט אַ פאַרבאָרגענעם לעבן פון אומצאָליקע באַשעפענישן; ער איז געווען פול מיט משונהדיקע גערוישן

און קלאַנגען: מיט אַ געפּליסטער און אַ געמורמל, מיט אַ וואָרטשעניש, און בורטשעניש; מיט אַ זשומען, צישן און גרילצן; מיט אַ קלינגען, פּייפן און מיט אַ הערלעכן פויגל־געזאַנג.

אומעטום האָבן געלויערט פּיטשינקע בריאהלעך: אין די לעכער פון דער ערד, אין די שפּאַלטן פון די שטאַמען און וואָרצלען, אין די קנייטשן פון דער קאָרע, אין די גרינע נאָדלען פון די צווייגן. אומעטום איז געווען אַ בעל־חיימל, וואָס איז ערשט געבוירן געוואָרן, אָדער וואָס איז ערשט אויפגעשטאַנען תחית־המתים: זעענדיקע באַשעפענישן און בלינדע, הערנדיקע און טויבע, מיט שטימען און שטומע; פליענדיקע, האָפּנדיקע און קריכנדיקע; אַזעלכע וואָס פילן זייער וועג מיטן חוש־הריח, אַזעלכע וואָס טאַפּן זייער וועג מיט אַזאַ מין האָריקן טאַפּערל. אָט די דאָזיקע פרילינג־בריאהלעך ציען זיך צו דער זון, צו ליכט, צו וואַרעמקייט. ״אַלע זיינען זיי אין פּאָרלעך,״ האָט גאָורילאָ געטראַכט, ״אַן ׳ער׳ מיט אַ ׳זי׳, און אַלע האָבן זיי קליינע צאַפּלדיקע הערצלעך וואָס לעכצן איינס צום אַנדערן; און אַלעמענס בלוט איז פול מיט אַ גלוסטעניש...״

נאָר די סאָסנעס, שלאַנקע און מאַיעסטעטישע, זיינען געשטאַנען רואיק, דערהויבן און מיושבדיק, אַזוי ווי זיי וואָלטן קיינמאָל גאָר פון קיין ליידנשאַפט ניט געוואוסט. אָבער דאָס האָט נאָר אַזוי אויסגעזען פון אויסן. אינעווייניק זיינען די ביימער אויך געווען פול מיט אַ מאָדנער פרילינג־אומרואיקייט. גאָורילאָ שאַרפט אָן די אויערן. עס דוכט זיך אים, אַז ער הערט ווי אונטער דער דיקער קאָרע יוירן שוועך־בלוטיק די אויפגעלעבטע אַלטע זאַפטן; און טיף פון אונטן זייגן נייע וואָרצלען זשעדנע די שוואַרצע ברוסט פון דער ערד; און פון אויבן רייסן זיך גיריק די גרינע נאָדל־קעפּ אַלץ העכער און העכער, נענטער צו ליכט און צו וואַרעמקייט.

מיט אַמאָל האָט זיך אין מיטן וואַלד באַוויזן אַ הייזל פון ביט־געהובלטע קלעצער, מיט אַן איין־און־איינציקן פּיטשינקן פענצטערל און מיט אַ דאַך פון טונקלען געהילץ, וואָס האָט נאָך געהאַט אויף זיך די קאָרע. דאָס איז געווען דאָס וואַלד־שטיבל פון דעם פאַרשטאָרבענעם ליעסניטשי דאַנילאָ. עפּעס האָט עס אויסגעזען ניט ווי אַ בנין, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן פון מענטשלעכע הענט, נאָר ווי אַ געוויקס

וואָס איז אויסגעוואָקסן אין וואַלד פון זיך אַליין מיט אייגענע וואָרצ־לען. לעבן הייזל האָט זיך געשלענגלט און מונטער געזשורטשעט די ביסטרע טשערנאַלוזשקע. אַרום און אַרום זיינען געשטאַנען די אור־אַלטע גרינע ריזן—די מעכטיקע סאָסנעס.

פלוצעם האָבן זיך צוויי שטאַרקע הייסע אָרעמס, אַזוי ווי אַ וואַרעמע פעטליע, פאַרפלאָכטן אַרום דעם פויערס האַלדז. צוויי שוואַרצע פייערדיקע אויגן האָבן אים דורכגעברענט. צוויי הייסע רויטע ליפּן האָבן זיך זשעדנע איינגעגראָבן אין זיין מויל; און אַ פּאַר־שמאַכטער ליידנשאַפטלעכער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון אַ שטורמישער ווייבערשער ברוסט: ״גאַווריליאָ, מיין לעבן, כ׳בין אויס־געגאַנגען נאָך דיר!״

ווידער האָט זיך דער רויטער נעפּל אויפגעהויבן אין דעם פויערס קאָפּ. דער ריח פון ווייבערשן לייב האָט אים פאַרשיכורט מיט אַ זיסער באַרוישונג. אַ ווייל איז ער געשטאַנען מבולבל: וואָס רוישט דאָס אַזוי ווילד? איז דאָס זיין בלוט, אָדער דאָס טייכל? וואָס קלאַפּט דאָס אַזוי ריטמיש? איז דאָס זיין האַרץ, אָדער אַ פּיקהאָלץ אויף אַ סאָסנע?... וואָס פאַר אַ קול הערט זיך פון די קוסטעס הינטערן הייזל, וואו דער שניי ליגט נאָך?... ״היט דיך פון אַ ווייבספאַרשוין. זאָלסט ניט פאַרבלאָנדזשען אין אירע שטעגן. זאָלסט ניט גלוסטן איר שיינקייט. איר האַרץ איז אַ פאַסטקע, אירע הענט זיינען בינד־שטריק. זי ציט אָן מיט פיל איינרעדעניש און אירע גלאַטע ליפּן פאַרפירן.... מען גייט איר באַלד נאָך ווי אַן אָקס גייט צו דער שחיטה.״

אָבער ערגעץ פון דער הויך פון די סאָסנעס הערט זיך אַן אַנדער קול,—אַ זילבערן פויגל־צוויטשערן,—אַ יובל־געזאַנג, וואָס צעגייט זיך אין בלוט מיט אַ וואונדערלעכער זיסקייט:... ״זע, דער ווינטער איז אַריבער, דער שניי איז אַוועק. די צייט פון געזאַנג איז געקומען, דאָס קול פון דער לאַרך לאָזט זיך הערן אין וואַלד. קום געליבטער מיין, לאָמיר אַרויסגיין אין פעלד, לאָמיר נעכטיקן צווישן די סאָסנעס. דאָרטן וועל איך געבן מיין ליבשאַפט צו דיר...״

זעקסטער קאַפּיטל

עשוס ריח אין כאַפּון

— 1 —

"דער ריח פון עשו איז אַזוי ווי דער ריח פון פעלד." באַלד נאָך שבועות פאַלט געוויינלעך אויס "טראַיצע", די גרינע חגא פון דריי־אייניקייט. דאַמאָלט שטעלט זיך איין אין כאַפּון דער גרעסטער מאַרק־טאָג פון יאָר, דער "גרינער" טראַיצקער יאַריד. דאַמאָלט באַווייזט זיך עשו אין די געצעלטן פון יעקב מיט אַלע זיינע פּרוכטן און ריחות פון פעלד.

די נאַכט ערב דעם טראַיצקער יאַריד איז געווען אַ ליבלעכע און אַ שטילע, אַ וואַרעמע און זאַנפטע. דער טונקלער סאַמעט פון הימל, באַשפּרענקלט מיט קלאָרע צאַפּלדיקע שטערן, האָט געשימערט אין וואונדערלעכע קאָלירן. דער זילבערנער שליאַך פון מילכוועג האָט דורכגעשניטן דעם גאַנצן פירמאַמענט. אַלץ איז געווען אַזוי נאָענט, ממש מיט דער האַנט אָנצורירן.

די נאַכט איז געלעגן אַ האַלב־וואַכנדיקע, אַזוי ווי מיט אָנגע־שאַרפטע אויערן. נאָר די פייגל זיינען פאַרשטומט געוואָרן, אָבער די גרילן אין די קוסטעס האָבן ניט אויפגעהערט צו פייפן זייער ריטמישן ניגון; און פון די אַרומיקע זומפּן האָבן זיך געטראָגן אָן אַן אויפהער די מעכטיקע כאָרן פון די זשאַבעס. אויפן מאַרק איז געווען אַ גערודער. קרעמער האָבן זיך נאָך געפּאָרעט אין די קלייטלעך, צוגרייטנדיק זייערע סחורות. אין די טונקלע הייזלעך האָבן זיך די קינדער געוואָרפן אין אַן אומרואיקן שלאָף, חלומענדיק פון דעם גרויסן טאָג.

דער פרימאָרגן איז געקומען מיט אַמאָל, ניט קיין פאַרשלאָפענער, ניט קיין פאַרנעפּלטער. פונקט ווי די וועלט וואָלט זיך פּלוצעם אויפ־געכאַפּט אָן אַ גענעץ. אַ לייכטער טוי האָט אַ זעץ געטאָן אויף דער ערד, ממש אויף די שפּיץ נעגל און האָט באַלד ניט געסטייעט. די גרויע אויגן־דעקלעך פון מזרח האָבן זיך אַן עפן געטאָן און באַלד

האָט די פּולע זון אַרויסגעקוקט, אַן אויסגעצוואָגענע און אַ לויטערע. אַ ליכטיקער טאָג איז געבוירן געוואָרן.

אויף ביידע שליאַכן וואָס פירן קיין כאַפּון צו ביידע עקן פון שטאָט, האָבן זיך אויפגעהויבן צווייי דיקע וואָלקנס שטויב און איינגעהילט דאָס גאַנצע שטעטל, פּונקט ווי צוויי גוואַלדיקע סטאַדעס פיך וואָלטן זיך געהאַלטן אין דערנענטערן. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווילדער געפילדער, אַ מישמאַש פון משונהדיקע קולות און גערוישן: סקריפּען פון רעדער, קנאַקן פון בייטשן, קלינגען פון גלעקלעך, הירזשען פון פערד, רעווען פון אָקסן, מעקען פון בהמות, קוואָקען פון עופות; אַ לאַכן און זינגען, אַ שרייען און פייפן פון אַ גוזמא מענטשלעכע קולות. יונגע חזירימלעך האָבן געלעכערט די לופט מיט זייערע קוויטשערייען.

אין כאַפּון איז געוואָרן אַ טאַראַראַם. די גאַנצע שטאָט, קינד און קייט, איז זיך צונויפגעלאָפן אויפן מאַרק. אפילו משהלע דער רב האָט נייגעריק אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן אָפענעם פענצטער. טיטשקעס הינט זיינען זיך פאַרגאַנגען אין אַן עקסטאַטיש בילן. ״מען פאָרט, מען פאָרט! מען קומט שוין אויפן יאַריד!״ האָבן די יינגלעך אויסגעשריען אין גרויס באַגייסטערונג. ״וויוואַט, זיי קומען כחול־הים!״ און די קינדער האָבן פאַר די געסט געמאַכט אַ ברייטע וואַרע.

באַלד זיינען דער מאַרק און די אַרומיקע געסלעך פאַרפלייצט געוואָרן אַזוי ווי פון אַ מחנה היישעריקן. ס׳איז געוואָרן שוואַרץ פון די הונדערטער פויערשע וועגענער, פורלעך, בידקעס און דראַבינעס, געשפּאַנט מיט פערד און מיט אָקסן און אָנגעלאָדן מיט כל־המינים דאָרפישע פראָדוקטן. ס׳איז אָנגעקומען פון מאָזיר אַ פרעמדע בויד; דער כאַפּונער בעל־עגלה, ״יעקבס־לייטער״ האָט זיינע אייגענע פּאַסאַזשירן אַראָפּגעבראַכט אין שטעטל נאָך מיט אַ טאָג פאַרן יאַריד. די אָנגעקומענע האָבן אָנגעהויבן אַרויסקריכן פון די וועגענער און אויסטרייסלען דעם שטויב פון די קליידער. די עלטערע פויערים האָבן נאָך אויסגעזען אַביסל ווינטערדיק אין די האָריקע קאָזשוכן מיט די שמויסענע היטלען, אָבער די יונגען האָבן געבלאַנקט גאָר זומערלעך אין די ליכטיקע סוויטקעס מיט די נייע לייוונטענע העמדער איבער

די פּליודערן; און די מיידן האָבן שעמערירט אין די ווייסע ברייט־אָרבלדיקע העמדלעך, אויסגענייטע מיט רויטע און בלויע בלימעלעך; מיט קרענצלעך קווייטן און סטענגעס אויף די קעפּ, מיט קאָלירטע קרעלן אויף די העלדזער, אין בונטע געקעסטלטע קליידלעך.

ס׳האָט זיך אָנגעפּאַנגען דער פרייִלעכער טומל, דער לעבעדיקער הו־האַ, דער מאָדנער אויפגערעגטער כאַאָטישער עקסטאַז, וואָס פאַר־כאַפּט אַ גרויסן המון מיט אַן אינסטינקטיווער יום־טובדיקער שטימונג. אַזאַ אָנשטעקנדיקע מאַסן־שטימונג איז ס׳רוב אויף חתונות, אויף קאַרנעוואַלן און אויף יאַרידן.

אַ טייל פון די אָנגעקומענע האָט זיך באַלד אַ לאָז געטאָן איבער די קרעמלעך, איבער די שטעלעכלעך, ווייסע ביידלעך און באַלאַגאַנעס, וואָס האָבן געהאַט אויסגעשטעלט די וואונדערלעכסטע סחורות. עס האָט אָנגעהויבן שוויבלען און גריבלען מיט מענטשן. ס׳האָט זיך דער־הערט געלעכטער און געזאַנג, פייפן און שפּילן אויף האַרמאָניקעס. באַנדעס שיקסעס זיינען אַרומגעגאַנגען כאַפּטעסווייז און שקצים מיט שיקסעס האָבן אַרומשפּאַצירט געאָרעמט, שופּלענדיק פּולע זשמעניעס סעמעטשקעס פון די פּאַזוכעס און שיילנדיק פלינק אַזוי ווי וועווערקעס.

אַן אַנדער טייל פון עולם האָט אָנגעהויבן אויספּאַקן און אויס־לייגן זייערע היימישע פּראָדוקטן. ווער ס׳האָט געבראַכט אַ ביסל כודאָבע; אַ קעלבל, אַ טעליצע; אַן עקסל, אַ בהמהלע; אַ לאָשעק, אַ שקאַפּע. ווער ס׳האָט געבראַכט עטלעכע עופות, אַ פּאָר געגנדז אָדער קאַטשקעס. פּויערים האָבן געבראַכט אַ ביסל תבואה נאָך פון פאַיִגעם אַלטן שניט, — גערשטן, קאָרן, פּראָסע; אַ ביסל חזיר־האָר, האָניק און סטעלניק; קיסליצעס, קרענצלעך געטריקנטע שוועמלעך. פּויערטעס האָבן געבראַכט קאָשיקעס אייער, זעקלעך קעז; פּוטער איינגעוויקלט אין גרינע בלעטער; אַ ביסל פלאַקס און היימיש געוועבט געוואַנט; ווילדע קווייטן און פעלד־בלומען. איין פּויער האָט געבראַכט אַ וואָגן בעזעמער, אַן אַנדערער — אַ וואָגן קליינע באַרעלעך, וואָס אין כאַפּון רופט מען זיי ״קברות־באַרעלעך״, — ברוינע אַזוי ווי לעדער און פאַרוואָקסענע מיט באָראָדעווקעס. זיי זיינען נאָך פאַראַיאָריקע, איצטער אָבער, אַז זיי האָבן איבערגעווינטערט, זיינען זיי געוועזן פול

מיט זאַפט און זיס ווי צוקער. די קברות־באַרעלעך זיינען אויך גוט צו שטעלן קוואַס.

דער סעזאָן איז נאָך געווען צו פרי פאַר אויבס, אָבער אַ ביסל יונג גרינצייג האָט זיך שוין באַוויזן אויפן מאַרק: נייע רעטעכלעך, אוגערקעלעך, און גרינע ציבלקעס. פון דער טשערנאָלוזשער געגנט האָט מען אַראָפּגעבראַכט רויע פעלכלעך, הילצערן געפעס און הילצערנע קינדערשע צאַצקעס, געמאַכט פון די דאָרפישע "קוסטאַרניקעס".

גאַנץ כאַפּון האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט יאַריד, מיט אַ מאָדנעם פאַרשיכורטען ריח, וואָס איז אַ געמיש פון מענטשלעכן און חיהשן שווייס, פון פערדישן און בהמהשן מיסט, פון דזשעגעכץ און מאַכאָרקע, פון גרינוואַרג און פרישע בלומען, פון קעראָסין און הערינג. אַ גע־דיכטער שטויב איז געשטאַנען איבערן גאַנצן מאַרק. מחנות פליגן האָבן געזשומעט און זיך אַלעמען איינגעגעסן אין די ביינער. קינדער האָבן זיך אַלעמען געפּלאָנטערט הינטער די פיס; יינגלעך האָבן זיך אַרומגעטראָגן אַזוי ווי וויכערס אין שוואַרצע קאַשקעטלעך, מיט די ציצית און ווידלען ווייענדיק פון די שפּאַלטן פון די הייזלעך. באָר־וועסע שקצימלעך מיט פלאַקסענע קעפלעך האָבן זיי נאָכגעיאָגט, געהוקעט און געפייפט און נאָכגעקרימט מיט אַ געלעכטער אַלע זייערע האַווייעס.

באַלד זיינען אָבער אַלע געלאָפן צוריק אויפן מאַרק: מען קען דאָך דאָרטן חלילה עפּעס פאַרפעלן. אָט פאַרקויפט מען אין די באַלאַגאַנעס פאַר אַ גראָשן אַזאַ מין האָניק־לעקעך אין דער געשטאַלט פון אַ מענטשעלע, — אָן "ער" און אַ "זי". עפּעס אַ מאָדנע באַשעפעניש, אַ שטומע־ליאַליע, אַ יונג מיט שטיוול אין אַ בלויער פאָדיאָווקע, פאַרקויפט פאַר צוויי גראָשן גומענע טייוואָלים. מען קען זיי אָנבלאָזן אַזוי ווי אַ פענכער און דער גומענער קאָפּ ווערט גרויס ווי אַ הייפטל קרויט, מיט צוויי הערנער, מיט אַ מוראדיקער צורה און מיט אַ לאַנגער רויטער צונג. לאָזט מען אַרויס די לופט, הייבט דער טייוול אָן זשיפּען און ווערט באַלד אין גאַנצן איינגעשרומפּן. ביי מלכהלען "דער זיסער" זיינען פאַראַן כל־המינים צוקערקעס: זיסע, ווייניקע און מיאַטנע; אויך באָקסערן, פייגן און אַלערליי סאָרטן ניסלעך און פיסטאַשקעס. ביי חיהלען דער גאַלאַנטעריי־קרעמערקע געפינען זיך די וואונדער־

לעכסטע זאַכן: מעסערלעך, טייסטערלעך, דריידלעך, גרייגערס, קאַלעקאַטקעס און פייפלעך, — ממש די אויגן קריכן אַרויס פון קאָפּ אָנקוקנדיק די אַלע אַנטיקן.

ניט ווייט פון ברונעם אויפן מיטן מאַרק שטייט שמוליע דער סמאָליאַרניק און פאַרקויפט סמאָלע מיט דזשעגעכץ. דאָס פּנים איז ביי אים פאַרשוואַרצט, די באָרד און פּיאות זיינען פאַרקלעפּט און די קאַפּאָטע מיטן קאַשקעטל גלאַנצן אַזוי ווי אַ שפּיגל. געוויינלעך זיצט ער אַליין אויף אַ פּוס־בענקעלע און זיין גאַנצע סחורה באַשטייט פון צוויי קליינע פעסעלעך. איצטער אָבער איז שמוליע שטאַרק פאַר־האַוועט און פאַרעט זיך לעבן צוויי גרויסע פעסער סמאָלע און דזשעגעכץ. יאָשקע־קעמל, מיט אַ זאַק פאַר אַ שירץ און פאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק, העלפט אַרויס דעם סמאָליאַרניק. קונים זיינען דאָ אַ גוזמא רבה. פויערים שמירן די שטיוול מיט דזשעגעכץ, פּילן אָן די קווערטלעך און מאַזניצעס, וואָס הענגען הינטער יעדער פויערשער פור און באַשמירן אויך די רעדער און די אַקסן מיט סמאָלע.

לעבן באַלאַגאַן אויף אַ לאַנגען קלאָץ, האָט איצטער מיכלע די שערערקע איר "פאַריקמאַכערסקע". אַ טוץ פויערים זיינען אויס־געזעצט אויפן קלאָץ מיט אָנגעזייפטע פּנימער און ביי יעדן שטעקט אַן אוגערקע אין מויל, כדי די באַקן זאָלן ווערן אָנגעבלאָזן. די הויכע מיכלע מיט צוויי גאָלמעסערס פאַרשטעקט הינטער דער הויב, מיט אַ לעדערנעם פּאַס און אַ שער הענגענדיק פון שירץ, לויפט אַרום אַ פאַרשמייעטע פון איין פויער צום אַנדערן, גאָלט אָפּ ביי דער גאַנצער חברה איין זייט פון די פּנימער, קלייבט צונויף די פּאָר גראָשנס און דאַמאָלט ערשט נעמט זי זיך צו דער אַנדערער זייט. די גויים זיצן מיט פאַרשטאָפּטע מיילער אַזוי ווי ליימענע גולמער, קענען קיין וואָרט ניט אויסריידן, און די ייִנגלעך קאַטשען זיך פאַר געלעכטער קוקנדיק אויף די אוגערקעס.

אין אַ בודקע פון זעגל־לייוונט, אויף אַ טערקישער שאַל, וואָס איז אויסגעשפּרייט אויף דער ערד זיצט אַן אַלטע ציגיינערקע, אַ ברוינע און אַ צערונצלטע אַזוי ווי אַ געבאַקענע קאַרטאָפל. פון האַלדז אויפן אָפענעם האַרצן הענגען ביי איר זילבערנע מטבעות און די דאַרע ברוסטן זעען אויס אַזוי ווי די אייטער ביי אַן אַלטער קו. שיקסעס

און יונגע מאָלאָדיצעס האַלטן אין איין קומען און די טרעפּערקע זאָגט זיי פּאָרויס דעם גורל, לייענט זייערע הענט, וואַרפט אויס קאָרטן.

גאַנץ כאַפּון גייט כאַדראַם. אויף דער טאַנדעטנער גאַס זיצן די טאַנדעט־שניידער אויף די טישן אַזוי ווי די טערקן און לייגן אַרויף נייע לאַטעס אויף אַלטע פּויערשע קאָזשוכן און סוויטקעס. שוסטערס פּאַרריכטן אַלטע שטיוול און וואַליקעס; טענדלערס פּאַרקויפן אַלט־וואַרג, געניצטע געשפּאַנען, רימענס, קאַשקעטן און שמויסענע היט־לען. ביי רייזעלען דער שניט־קרעמערקע, וואָס האָט איצטער צוויי משרתים, שטייען די קונים קאָפּ אויף קאָפּ. פּויערטעס—יונגע און אַלטע—רייסן פון די הענט. מען קויפט געבלומטן ציץ און אַלערליי רעשטלעך, אפילו סאַמעט, זייד און פּליוש.

— 2 —

דאָס לעבעדיקסטע און טשיקאַווסטע אָרט פון גאַנצן יאַריד איז אויף די באַלאַגאַנעס. דאָרטן אויף טישלעך און אויף סטאָיקעס, אויף סטענדערס און אויף קאָזלעס, אָדער פּשוט אויפגעהאַנגען אויף די ווענט, געפינען זיך די אויסטערלישסטע סחורות אין דער וועלט: מען קען דאָרט ממש קריגן פון פויגל־מילך. דאָרטן איז אַ הו־האַ, אַ שטופּעניש, אַ רייסעניש; געשרייען, גוואַלדן און געלעכטער. מען שיילט סעמעטשקעס, מען בלאָזט אויף גומענע מענטשעלעך; מען פּייפט אויף פּייפלעך, מען שפּילט אויף קליינע האַרמאָניקעס, מען קלאַפּט אין קאַלעקאָטקעס.

חיהלע די גאַלאַנטעריי־קרעמערקע, זיסל דעם „בוכהאַלטערס" ווייבל, האַלט אין די באַלאַגאַנעס אַ גרויסע סטאָיקע מיט קורצוואַרע און צעלניק: סטענגעס, קרעלן, זילבערנע אוירינגלעך און פינגערלעך; קעמעלעך, קנעפּלעך און פאָדעם. די פּויערטעס זיינען חיהלעס סטאָיקע באַפאַלן אַזוי ווי פליגן באַפאַלן האָניק. זיסל „בוכהאַלטער", אַ ייד אַ באַלייבטער מיט אַ לאַנגער זיידענער שוואַרצער באָרד און זשופּיצע, וואָס צו מסחר טויג ער ווייניק, העלפט איצטער זיין ווייב אַרויס. מיט „בוך־האַלטעריי" האָט זיסל קיינמאָל גאָרניט געהאַט וואָס צו טאָן; אָבער אין „בויך־האַלטעריי" איז ער געווען אַ גרויסער מומחה.

דערפֿאַר טאַקע איז ער אַזאַ אויסגעפּאַשעטער און זיין ווייבל האַלט אין איין קינדלען.

היינט איז זיסל אַ שומר אין קרעמל, האַלט אַ שאַרף אויג ס׳רוב אויף די שיקסעס מען זאָל ניט לקחנען. ״היי מאַלאַדיצאַ, שטשאַ טאַ או טעבע ספּאַדניצאַ אַזוי ברייט געוואָרן?״ דאָס מיינט: ״היי ווייבעלע, וואָס זיינען ביי די די קליידלעך אַזוי ברייט געוואָרן?״ אָדער: ״היי דיוווטשינאַ, שטשאַ טאַ או טעבע פּון פּאָרנט אַזוי אויפגעבלאָזן, פּונקט ווי ביי אַ מעלקעדיקער קו?״ וואָס דאָס דאַרף זיין דער טייטש: ״היי, מיידעלע, וואָס האָט זיך דאָס ביי דיר פון פּאָרנט אַזוי אויפ־געבלאָזן?״ און זיסל ״בוכהאַלטער״ פּוילט זיך טאַקע ניט און שטעקט אַריין אַ האַנט דער פּויערטע הינטערן סטאַן, אָדער דער שיקסע אין פּאַזוכע אַריין און שלעפּט אַרויס אַ שנירל קרעלן, אַ פּאָר סטענגעס, אַ קנויל פּאָדעם. די גויהס שמייכלען תמעוואַטע: ״ציע טוואָיע? טאַק נאַ, בערע! ס׳איז דיינס? טאַ נעם דאָס!״

די באַקאַליישטשיצע ״מלכהלע די זיסע״ און איר ברודער ״ברוך דער געזאַלצענער״ האָבן זייער שפּייזקראָם אויפן מאַרק. איצטער אָבער האָבן זיי אויך אַ שטעל אין די באַלאַגאַנעס. די גרויסע קלייט האָבן ביידע געירשנט מיט אַ יאָר פֿופֿצן צוריק, זיי האָבן זיך אָבער מיט דער ירושה ניט געקענט איינטיילן און זיך יאָרן־לאַנג אַרומגעריסן. ביז מענטשן האָבן זיך אַריינגעלייגט און געמאַכט אַ שטיקל פּשרה. מלכהלע, אַ יידענע אַ פּאַנפּעוואַטע, האָט אַריינגענומען די זיסע זאַכן: צוקער, ראָזשינקעס, פלוימען; ניס, מעל און הייוון; און ברוך, אַ ייד אַ שוואַרצער אַ פּאַרוואַקסענער, מיט אַ קול אַזוי ווי פון אַ הוילער פאַס, האָט איבערגענומען די געזאַלצענע זאַכן: הערינג, קעראָסין, זויערע אוגערקעס; בוימל, ליכט און מאַכאָרקע. ס׳איז געוואָרן אַ שטיקל שלום. פונדעסטוועגן, אַז ברוך ווערט אין כעס וואַרפט ער אַריין דער שוועסטער אַ הערינג אין זעקל צוקער; און אַז מלכהלע ווערט ברוגז, טוט זי אָפּ דעם ברודער אַ שפּיצל: גיסט אים אַריין אַ קווערטל קעראָסין אין פעסל אוגערקעס.

איצטער שטייט ברוך אין קראָם אויפן מאַרק און מלכהלע שטייט אין באַלאַגאַן, אָבער איינער האַלט אויף דער אַנדערער אַ שאַרף אויג. ״ברוך,״ פּאַנפּעט מלכהלע הויך אויפן קול, ״גיב אַכטונג אויפן ערל

אין דער ווייסער סוויטקע, ער האָט לאַנגע ידים!״ ״מלכה!״ לאָזט זיך הערן ברוכס באַס, ״פּאַס אויף אויף דער נקבהס אַרבל, זי האָט לאַנגע אַרבל, די נקבה.״

דער גרעסטער אַנטיק אויפן יאַריד איז וועלוול דער מלמד, וואָס פאַרקויפט קאַרזשעס און ציבעלע־פּלעצלעך. מען האָט דאָס ממש געדאַרפט אָנקוקן אויף ביליעטן. געוויינלעך פלעגט די דאַזיקע וואַרע פאַרקויפן פייגעלע, די רביצן, וואָס האָט אין גאַנץ כאַפּון געשמט מיט אירע קאַרזשעס. איז אָבער איר קליין ״באָקסערל״ געוועזן ניט מיט אַלעמען און דער רבי האָט זיך אונטערגענומען צו ווערן אַ סוחר אויף איין טאָג. וועלוול האָט פאַרשטעקט די פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע אין גאַרטל, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קליין בענקעלע מיטן קאָשיק סחורה לעבן די באַלאַגאַנעס און האָט אָנגעהויבן אויסזינגען הויך אין זיין שיינער טענאָר־שטים מיט אַ גמרא־ניגון: ״מאַלאָדיצי, טשעלאָוויצי! כאַפּויטע, לאַפּויטע! קאַרזשי מאַקאָווי, פּלעצלעך פּאָסמאַקאָווי, טעם גן־עדן!״ וואָס האָט געדאַרפט באַטייטן: ״ווייבע־לעך, מענעלעך, כאַפּט, לאַפּט! מאָן־קאַרזשעס, ציבעלע־פּלעצלעך! טעם גן־עדן!״

די ייִנגלעך זיינען גאָר נתפעל געוואָרן פונעם רבינס זינגען. האָבן זיי באַלד אונטערגעכאַפּט דעם ניגון, גענומען אַרומלויפן איבערן מאַרק, כאַפּן אַלעמען ביי די פּאָלעס און זינגען: ״מאַלאָדיצי, טשעלאָ־וויצי! כאַפּויטע, לאַפּויטע! קאַרזשי מאַקאָווי, פּלעצלעך פּאָסמאַקאָווי, טעם גן־עדן!״

ביי טאָג האָט זיך די מאַיאָווע זון צעשפּילט גאָר זומערלעך און ס׳איז געוואָרן אַן אמתע היץ. אויפן מאַרק איז געוואָרן אַביסל שטילער. די פויערים האָבן אַרויסגענומען זייער עסנוואַרג און גענומען איבער־בייסן: שוואַרץ ברויט מיט חזיר־שמאַלץ, וואָס מען האָט געשניטן מיט קליינע מעסערלעך אין דינע פּענעצלעך; האַרטע אייער, וואָס מען האָט באַשאָטן מיט זאַלץ פון שמאַטקעלעך; גרינע ציבלקעס און אוגערקעס. פאַרטרונקען האָט מען מיט קאַלטן קוואַס אָדער מיט זויער־מילך.

די ווייבער האָבן זיך אויסגעזעצט אין רעדלעך, געפּלוידערט וועגן היימישע זאַכן און וועגן די מציאות וואָס מען האָט איינגעהאַנדלט.

די יונגע שקצים און שיקסעס זיינען זיך צעגאַנגען פּאָרלעכווייז, ווער אין שענק, ווער אין די באַלאַגאַנעס, ווער אין די זייטן־געסלעך. די עלטערע פּויערים האָבן אַביסל געשמועסט וועגן פעלד־אַרבעט, וועגן דער סכנה פון אַ טרוקעניש, וואָרעם רעגן איז געפאַלן זייער ווייניק; דער עיקר אָבער האָט מען גערעדט וועגן די פּרייזן אויפן יאַריד. אַ סך גויים האָבן פאַררויכערט זייערע ליולקעס און געכאַפּט אַ דרימל, — ווער אויפן וואָגן און ווער אונטערן וואָגן.

נאָך די בהמות און עופות זיינען געווען אומרואיק און די פליגן האָבן ניט אויפגעהערט צו זשומען. אַ פּאָר סוחרימלעך, כאַפּונער איידימלעך אויף קעסט, האָבן זיך אַרומגעדרייט מיט די שטעקעלעך אין די הענט, דערלאַנגט דאָ אַ טאַפּ אין אַ וואָגן, דאָ אַ טאַפּ אין אַ דראַבינע, — אפשר קען מען עפּעס איינהאַנדלען. זיסל־בוכהאַלטער האָט איבערגעלאָזט זיין ווייבס סטאָיקע און זיך צוגעשאָרט צום פּויער מיטן וואָגן בעזעמער. "אפשר איז אַ פּלאַן צו קויפן די בעזעמער? אַ בעזעם איז דאָך אַ ניצלעכע זאַך, וואָס יעדעס הויז דאַרף דאָס האָבן."

יונה קרומע־ביינע, וואָס זומער האַנדלט ער אונטער מיט אויבס, האָט זיך געדונגען מיטן גוי, וואָס האָט געבראַכט די קברות־באַרעלעך. "פסח דער גרויסער", דער קצב, איז געשטאַנען לעבן אַ וואָגן מיט אַן אָנגעבונדענער פעטער קו און אַן אויסגעפּאַשעטער טעליצע. ער האָט געמאַכט מיט די הענט, געטענהט און זיך געהיצט. אָבער דער בעל־הבית פון וואָגן, אַ גוי פון כודאָבקי, — אַ דאַרף וואָס שמט אין גאַנצן קאַנט מיט פיינע בהמות — איז געלעגן אונטערן וואָגן, געפּיפּקעט אַ ליולקע, און געענטפערט איין וואָרט אין צען, ממש אַ רענדל אַ וואָרט. פּיפּקעט זיך און זאָגט: "טאָ יע, טאָ ניע!" פסח ווערט צעפּלאַצט, אָבער דער פּויער, אַ קאַלטער לונג און לעבער, פּיפּקעט זיך פלעגמאַטיש און גענעצט.

דאָס טומלדיקסטע אָרט אויפן מאַרק, אַ חוץ דעם שענק, איז די זשעליאַזנע קלייט. דאָרטן איז אַ געפּילדער, פּאַרטויבט צו ווערן; מען אַרבעט אויף אַלע כלים. דבורה די זשעליאַזניצע, אַ יידענע שטאָל און אייזן, וואָס האַלט נאָך אין זויגן אַ קינד, האָט אַליין געקענט אַ נעם טאָן אַ האַמער און אָפּהאַקן אַ שטיק אייזן. פּיניע דער בעל־הבית,

אַ ייד אַ חלוש, אַ געבריכטער, קען קיין שווערע אַרבעט ניט טאָן. וועגט ער אָפּ קלענערע זאַכן און נעמט איין די לייזונג. די הויפּט־אַרבעטער אין קראָם זיינען דער משרת פּייסע, אַ שטיקל קאַליקע וואָס הינקט אונטער אויף איין פוס, אָבער איז געזונט ווי אַן אָקס, און גאַווריל אַ שבת־גוי, וואָס העלפט אויס דבורהן אין די מאַרק־טעג.

פּויערים קויפן אייזן אויפן אַרשין. קויפן טשוועקעס, האַמערס און זעגן; דער עיקר אָבער גרייט מען זיך אָן מיט מכשירים פאַרן שניט; מיט סערפּעס און קאָסעס. אָבער קויפן אַ קאָסע איז ניט קויפן אַ פּאָר אַרשין ציץ: דאָס איז אַן איידלע זאַך, אין דעם דאַרף מען זיין געניט. זעצט זיך אויס די גאַנצע פאַמיליע לעבן טיר פון קראָם אויף דער ערד און מען הייבט אָן אויספּרואוון איין קאָסע נאָך דער אַנדערער: צי געפינט זיך ניט אין איר ערגעץ אַ פּגימהלע. מען זיצט און מען קלאַפּט די קאָסע אין אַ שטיין און מען הערט זיך איין אין קלאַנג, צי איז ערגעץ נישטאָ קיין שפּעלטעלע אין שטאָל, צי דער טאָן איז אַ קלאָרער. מען דאַרף צו דעם האָבן אַ שאַרפן אויער. דער־ווייל ווערט טרוקן אין האַלדז, שיקט מען אַוועק צו מענדלען אין שענק און מען ברענגט אַראָפּ אַ פּאָר שטאָפּן בראָנפן. טרינקט מען גלייך פון פלאַש און די פּויערטעס קווענקלען זיך אַ ביסל. "אַליעזש פּיי, קומאַ!" "טרינק מחותנתטע". "אַליעזש ניע, קום", "ניין מחותן", "אַליעזש פּיי!" און די פּויערטעס לאָזן זיך איבעררייידן.

— 3 —

יעדן טאָג זינט פּסח פלעגט גאַווריל אויפשטיין ווען אין דרויסן איז נאָך געווען גרוי און אָפּאַרבעטן אַ פּאָר שטונדן אין גאָרטן. מען האָט געדאַרפט אויספּאַלען די ווילדע קרייטעכצער, אַרומגראָבן און באַוואַסערן די בייטן. די פרילינג־טעג זיינען געווען קלאָרע און וואַרעמע, גערעגנט האָט ווייניק. אָבער היינט, אין דעם טאָג פון "גרינעם יאַריד", האָט דער שבת־גוי ניט געהאַט קיין צייט פאַרן גאָרטן. פון פרימאָרגן אָן איז ער געשטאַנען ביי דבורהן דער זשעליאַז־ניצע און האָט געאַרבעט אָן אַן אויפהער; ער האָט אָבער די גאַנצע צייט געהאַלטן אַן אָפּן אויג אויפן מאַרק, וואו די פּויערשע פורלעך האָבן געהאַלטן אין אָנקומען.

פּלוצעם האָט זיך באַוויזן אַ גרויסע דראַבינע געשפּאַנט מיט צוויי אָקסן, אָנגעלאָדן מיט כל־המינים דאָרפישע פּראָדוקטן און מיט אַ גאַנצן הויז־געזינד. ס'האָט זיך דערהערט איוואַנקאַ־פּאַסיטשניקס פריילעך קולעכל. הויך אויף אַ הויפן היי איז געזעסן די גוט־באַקאַנטע ווייבערשע פיגור און אירע בונטע קליידלעך האָבן געפלאַטערט אַזוי ווי אַ רויטע פאָן.

ווי געוויינלעך האָט די דאָזיקע געשטאַלט אַרויפגעבראַכט אַ הייסן רויטן נעפּל אין גאַווריליאָס קאָפּ. "פּאַראַסקאַ!" ער האָט זי ניט געזען זינט פּאַסכע. מיט אַלע כוחות האָט ער זיך אָנגעשטרענגט ניט צו קוקן אויף איר און געקלאַפּט מיט אימפּעט איבערן אייזן. ס'האָט אָבער ניט געהאָלפן: די רויטע קליידלעך האָבן געצויגן צו זיך אַזוי ווי אַ מאַגנעט. אַ בלינדער צאָרן האָט זיך אָנגעצונדען אין אים, אַזוי ווי אין אַן אָקס וואָס דערזעט אַ רויטע שמאַטע פאַר די אויגן. דער שבת־גוי האָט מיט אַמאָל דערשפּירט אַ חיהשע גלוסטונג צו לויפן צו די רויטע קליידלעך און עפּעס רייסן, בושעווען און אָנטאָן מעשים. אָבער אין דער אייגענער צייט האָט ער געפילט, אַז די פיס זיינען ביי אים אַזוי ווי צוגעשמידט צו דער ערד. אָווטאָמאַטיש האָט ער געקלאַפּט דאָס אייזן מיטן גרויסן האַמער איבער דער קאָוואַדלע, וואָס פּייסע דער משרת האָט געהאַלטן.

צוערשט האָט זיך באַוויזן אין קראָם דער שמיד פּאַטאַפּ, מיט אַ פאַרשוואָלענעם פּנים, מיט קאַטערינאַן און מיט דער קליינער כיווריאַ. איינגעקויפט אייזן, האָט זיך די פאַמיליע אָוועקגעזעצט מיט אַ שטאָף בראָנפן לעבן טיר פון קלייט אויסצופּרואוון אַ פּאָר קאָסעס, דערביי האָט מען געמאַכט אַ כוסה. באַלד איז אָנגעקומען איוואַנקאַ מיט זיין שייגעצל הריצקאָ און מיט פּאַראַסקאַן. איוואַנקאָ האָט זיך מיטן שבת־גוי אַרומגעכאַפּט גאָר האַרצלעך: "היי, גאַווריליאָ, טייבעלע מיינס, אַ גוטן טאָג דיר! ס'אַ יאַריד דאָס איז אַ טייערער—אַן אַנטיק! כאָטש יעדע וואָך אַזאַ יאַריד וואָלט ניט נמאס געוואָרן. זעסט אויס אַזוי ווי אַ העלד, גאַווריליאָ־סערדצע. קום אַקאָרשט אַרויס אין דרויסן צו די מחותנים דאָס האַרץ צו דערקוויקן."

גאַווריליאָ איז געשטאַנען אַן אויסגעצויגענער אין זיין גאַנצן ריזיקן וואוקס, אַ באָרוועסער, דאָס העמד צעכראַסטעט, דאָס אָפּן

האַרץ געדיכט פאַרוואַקסן מיט ברוינע האָר; צוויי מעכטיקע אָרעמס האָבן אַרויסגעקוקט פון אונטער די פאַרקאַטשעטע אַרבל מיט דיקע אָדערן און גוואַלדיקע קנוילן פון מוסקלען, אַזוי ווי צוויי שטאַמען פוןביימער. דאָס פּנים איז געווען אָפּגעברענט און פריש אויסגעגאָלט, די ברוינע וואָנצעס זיינען אַרונטערגעהאַנגען קריגעריש אַזוי ווי ביי אַ קאָזאַק. אָבער די בלויע אויגן האָבן ווי געוויינלעך אַרויסגעקוקט נאַאיוו און קינדיש.

פּאַראַסקאַ האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר ברענענדיקע צאַרנדיקע אויגן. "כ'האָב זיך דיר שוין צוגעגעסן, גאַוורילאָ?" האָט זי אַ זשיפּע געטאָן און דאָס פּנים ביי איר האָט זיך צעפלאַמט. "ווייכסט פון מיר פונקט ווי איך וואָלט געהאַט די כאָלעריע. זינט פאַסכע האָב איך דיך דאָך ניט אָנגעקוקט."

גאַוורילאָ איז געשטאַנען אַ צעטומלטער. "זדאַראָוואָ פּאַראַסיו," האָט ער אַ זאָג געטאָן דורך די פאַרקלעמטע ציין און דאָס האַרץ האָט ביי אים געקלאַפּט אַזוי ווי אַ האַמער, "כ'האָב ניט געקענט קומען צו דיר, כ'בין אַ פאַרנומענער מענטש, כ'האָב אַ שטעלע אין שטאָט."

פּאַראַסקאַ האָט באַטראַכט דעם פייערס פאַרשולדיקט פּנים און די ליכטיקע אומשולדיקע אויגן און מיט אַמאָל האָבן זיך צוויי חן־גריבעלעך צעשפּילט אויף אירע טונקלע באַקן. "זדאַראָוואָ גאַוו־רילאָ!" האָט זי זיך הילכיק צעלאַכט. "קוקט אָן אַ נאַרישן אָקס, דאַרשטיק איז ער, און צום וואַסער מוז מען אים גאָר שלעפּן! קום מיט מיר אין די באַלאַגאַנעס, סאָקאָל מיינער, איך בענק נאָך דיר אַזוי שטאַרק; און קויף מיר אַ פּאָר זילבערנע אוירינגלעך."

"כ'האָב איצטער קיין צייט ניט," האָט דער שבת־גוי געענטפערט און דער אָטעם האָט זיך ביי אים פאַרכאַפּט, "כ'וועל דיך זען פאַר־נאַכט אויפן מאַרק."

ס'האָט זיך דערהערט אַ קלינגען פון גלעקעלעך. אַ רויטע פּריצישע ברישקע איז אָנגעקומען און האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן שענק. פון ברישקע איז אַרויסגעקראָכן מיט גרויס מאַטערניש אַ פּריץ—אַ גוואַלדיקער בעל־גוף—מיט אַ משונהדיקן גרינעם קאַפּעליושל פאַר־פּוצט מיט אַ פעדער און מיט אַ לייוונטענער נאַקידקע אויף די

פלייצעס. דאָס פערד, אַ הויכער שוואַרצער זשערעבעץ, האָט שווער געסאָפּעט און געגלאַנצט פון שוויס אַזוי ווי אַ שפּיגל.

די פויערים האָבן זיך מיט אָפּשיי גענומען צו די היטלען. דאָס איז געווען דער יאַסנאָפּאָלער עקאָנאָם פראַנץ בידערמאַן, וואָס איז אָנגעקומען אויפן יאַריד וועגן מסחר. מיכאַילאָ דער ציגיינער, וואָס האָט געבראַכט אויפן מאַרק אַ שקאַפּע צו פאַרקויפן, האָט געבורטשעט אונטער דער נאָז: "זע נאָר ווי ער האָט אויסגעמוטשעט דאָס בידנע פערדל, ס'איז אין גאַנצן אין מילינקעס. אַזאַ פּעטער טייוול, שווער ווי אַ סקאָטינע! ס'וואָלט געדאַרפט זיין פּונקט פאַרקערט,—דער פּריץ וואָלט געדאַרפט זיין אין שפּאַן און דאָס פערדל אין בריטשקע."

מענדל און מענדליכע זיינען אַרויסגעלאָפן מקבל פנים זיין דעם פּריץ. דער שענקער האָט אַרונטערגעכאַפּט דאָס היטל, זיך גענומען בוקן אונטערטעניק און האָט אָנגעהויבן רעדן דייטש: "פּאַניע בידער־מאַן, זיי זיינען אַן אָנגעלייגטער גאַסט. טוען זיי אונז די פאַרערונג און קומען זיי אַריין אין הויז. וואָס וועט דער האַר פאַרלאַנגען?"

"מענדל," האָט דער דייטש אַ זאָג געטאָן, "איך ווערדע היר נור צוויי שטונדן פערוויילן, איך מוס באַלד צוריק נאָך יאַסנאָפּאָל פאַרן. בערייטע מיר מיטטאָג און לאָס די באַוערן קאָממען." מענדל האָט ניט געהייעט, באַלד אַראָפּגעבראַכט אַ ווייכן פאָטעל פון סאַליע און גענומען צוגרייטן וואַרמעס פאַרן פּריץ: אַ פּאָלומעסעק גע־פילטע פיש, צוויי געפּלאַכטענע קוילעטשן, אַ גרויסע שיסל מיט זויערע אוגערקעס און אַ פּעסעלע באָק־ביר מיט אַ הויכן פאָרצע־לייענעם קריגל.

דער דייטש, אַ גאַנצער באַרג פלייש, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן בענקל און די דעמבענע פיסלעך האָבן אַזש אָנגעהויבן קרעכצן. סאָפּענדיק ווי אַ גאַנדז, האָט דער עקאָנאָם אויפגעהויבן זיין אומ־געהייער־דיקן בויך און אים אַוועקגעלייגט אויפן טישל. באַלד האָט ער זיך גענומען צו דער אכילה מיט גרויס פלייס, האָט געצאַפּט איין קווערטל ביר נאָכן אַנדערן, אַראָפּבלאָזנדיק דעם שוים מיט אַ מעכטיקן בלאָז. אַלע ווייַלע פלעגט ער דערלאַנגען אַ גוואַלדיקן גרעבץ. דער דייטש האָט פאַררויכערט אַ לאַנגע אויסלענדישע ליולקע.

דאָס פנים איז ביי אים געווען רויט ווי אַ בורעק, די בולבעוואַטע

נאָז דורכגעוועבט מיט בלויע אָדערלעך, די שמאָלציקע אויגעלעך טיף איינגעגראָבן אין צוויי בערגלעך פעט. אויף יעדער באַק איז געווען איין ברוינע באָרד און אין מיטן איז די מאָרדע געווען אויסגעגאָלט; פון הינטן האָבן זיך געוועלבט צוויי קאַרקן און פון פאָרנט דריי גוידערס. אויפן בויך האָבן זיך געבאָמבלט אַ שווערע גאָלדענע קייט און אַ גאָלדענער מעדאַליאָן מיט אַ בילד פון אַ דיקער בלאָנדער פרוי. אויפן קליינעם רעכטן פינגער, פעט ווי אַ וואורשטל, איז געזעסן אַ טשיקאַווע גאָלדן פינגערל: אויפן אָרט פון אַ דימענט האָט עס געהאַט אַ גלעזערן פענצטערל, פון וואַנען ס׳האָט אַרויסגעקוקט אַ לאָק ווייבערשע אָדער קינדערשע גילדענע האָר.

„מענדל,״ האָט דער עקאָנאָם אַ זאָג געטאָן און האָט אויפגע־מאַכט אַ לעדערנע רייזע־טאַש, וואָס איז אים געהאַנגען איבערן אַקסל, „מיר האָבן געעפנט אַ נייע גערעלניע און אַ ניי ברויז אין יאַסנאָפּאָל. מיר וועלן ברויען באָק־ביר און מאַלץ־ביר און אויך פילזנער. כ׳וועל דיר אַריינשיקן דריי פעסלעך ביר און אויך קאָרן־ספּירט אַ פאַס. ס׳פעלט אונדז אָבער אויס גערשטן, דער עיקר האָפּן. רוף אַריין די כלאָפּעס.״

די פּויערים זיינען אַריינגעקומען מיט די היטלען אין די הענט. די מלינקער האָבן געהאַט גערשטן נאָך פון פאַראַיאָריקן שניט; די הנילאָפּאָליער און פאַנסקאַ־מאָהילער האָבן היי־יאָר טאַקע פאַרזייעט אַ היפּשן שטח מיט גערשטן; איוואַנקאַ־פּאַסיטשניק פון טשערנאָלוזשע און אַ פּאָר פּויערים פון כודאָבקי האָבן געהאַט האָפּן־גערטנדלעך; זאָל נאָר אויספאַלן אַביסל רעגן, וועט אַלץ זיין כשורה.

דער עקאָנאָם האָט גענומען מאַכן קאָנטראַקטן מיט די פּויערים. די סחורה וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט אויפן יאַריד קויפט ער אָפּ פאַר באַר־געלט. די איבעריקע וואָרע דאַרף צוגעשטעלט ווערן באַלד נאָכן שניט גלייך קיין יאַסנאָפּאָל, פאַר דעם גיט ער אַן אַדערויף. דער דייטש האָט אויפגעמאַכט אַ גראָב בוך און אָנגעהויבן פאַרשרייבן די נעמען פון די פּויערים מיט אַלע קאָנדיציעס: אַזוי פיל און אַזוי פיל מעסטלעך גערשטן, אַזוי פיל און אַזוי פיל זעקלעך האָפּן. דערנאָך האָט ער געהייסן יעדן איינציקן זיך אונטערחתמנען, — אַלץ דאַרף זיין ביים דייטש געזעצלעך און אין אָרדענונג.

מענדל האָט צוגעטראָגן צום טישל דאָס טינטערל מיט דער געגנדזענער פעדער, האָט אין טינטערל אריינגעשפּיגן און דאָס שרייב־געצייג געגעבן די פויערים: "אַנו, טשעלאָוויטשע, לייג נאָר אַוועק דעם טאטן," האָט ער אויף יעדן געקוקט לצנותדיק מיט די פּיטשינקע אייגעלעך, "אַנו מאַך אַ מענטשעלע!"

יעדער פויער האָט סקריפּענדיק מיט דער פען, שפּריצנדיק מיט טינט און שוויצנדיק אַזוי ווי אַ ביבער פאַר גרויס אָנשטרענגונג גע־מאַכט אַ גרויסן צלם. דער דייטש האָט נייגעריק אַריינגעקוקט אין בוך און זיינע גראָבע באַקן און די דריי גוידערס, אפילו דער גוואַל־דיקער בויך האָבן זיך געטרייסלט פון אַ דערשטיקטן געלעכטער.

"פיינע פיגורן האָבן זיי געמאַכט, מענדל, אַקראַבאַטן וואָס שטייען אויף איין פוס."

דער עולם איז זיך ביסלעכווייז צעגאַנגען. דער עקאָנאָם האָט אָנגעטאָן די נאַקידקע און די לעדערנע טאַש אויפן אַקסל, האָט אויס־געטרונקען מיט איין אָטעם דאָס לעצטע קריגל ביר און אַרויסגעקוקט דורכן אָפענעם פענצטער. אויפן מאַרק לעבן ברונעם איז געשטאַנען אַ כאָפּטע מענטשן, אַ שייגעץ האָט געשפּילט אויף אַ האַרמאָניע און פּאַראַסקאַ האָט געטאַנצט. די רויטע קליידלעך האָבן זיך ביי איר אויפגעבלאָזן, די שוואַרצע צעפּ וואָס זי האָט אַרונטערגעלאָזט פון קאָפּ, זיינען אַרומגעפלויגן אַזוי ווי צוויי שלאַנגען. אַלץ איז אין איר געווען אין באַוועגונג: די פיס, די ברייטע היפטן, דער הויכער בוזעם.

"מענדל," האָט דער דייטש אַ פרעג געטאָן, "ווער איז די שוואַרץ־חנעוודיקע שיקסע?" "דאָס איז פּאַראַסקאַ פון טשערנאָלוזשע, איוואַנקאָ־פּאָסיטשניקס אַ טאָכטער, דעם פויערס וואָס האָט פאַרקויפט אַ ביסל האָפּן." "האָט אַ מאַן?" "דער מאַן אירער דינט פאַר אַ סאָלדאַט, געוויס שוין דערהרגעט געוואָרן אויף דער טערקישער מלחמה." "אַזוי? אר־הום..." האָט דער דייטש אַ ברום געטאָן, אַרויסגענומען אַ שוואַרץ ביכעלע און עפּעס אַהינצו אַריינגעשריבן.

"מענדל, זאָג דעם טשערנאָלוזשער ער זאָל באַלד אַראָפּברענגען זיין האָפּן קיין יאַסנאָפּאָל. זאָל די טאָכטער זיינע אויך קומען מיט אים, גיב אים עפּעס אַ תירוץ." דער עקאָנאָם האָט זיך פריינדלעך

אָפּגעזעגנט מיט די קוצעלאָפּקעס און איז מיט גרויס מי אַריינגעקראָכן אין בריטשקע. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אַ לעצטן זיי־געזונט, אַ שמיץ געטאָן דעם שוואַרצן זשערעבעץ און איז באַלד פאַרשוואונדן געוואָרן אין אַ וואָלקן פון שטויב מיט אַ קלינגעניש פון גלעקלעך אויפן שליאַך וואָס פירט קיין מאָזיר.

— 4 —

אויפן פערד־מאַרק, לעבן דער באָד, האָט זיך צונויפגעקליבן אַ טשיקאַווער עולם. דאָרטן זיינען געווען אויסגעשטעלט אַ האַלב טוץ קאָלטענעוואַטע פערדלעך, וואָס טויגן זיך אויס ס'רוב פאַר משא אָדער פאַר פעלד־אַרבעט. אָבער אַלעמענס אויגן האָט געצויגן אויף זיך מיכאַילאָ דעם ציגיינערס בולאַנע קאָבילע. צווישן די פּויערשע פאַרוואָקסענע קאַרליקלעך, האָט זי אויסגעזען אַזוי ווי אַ פּריצטע צווישן אַ פּראָסטן המון. די בולאַנקע איז געווען אַ הויכע, אַ סטאַ־טעטשנע, מיט אַ גלאַנציקער פעל אַזוי ווי פון ברוינעם זייד, דורכ־געוועבט מיט אַ זילבערנעם פּעדעמל, אַזוי ווי מיט אַ פּרעסטל. נאָר די גריווע און דער וויידל זיינען געווען שוואַרץ ווי פּעך.

אָבער די גרויסע ברוינע סאַמעטענע אויגן האָבן אַ ביסל גע־וואַסערט; די אונטערשטע ליפּ איז אַ ביסל אַרונטערגעהאַנגען; דער חנעווודיקער האַלדז איז געווען אַ קאַפּעלע אונטערגעבויגן; די שטאָלצע אַקסלען אַ ביסל איינגעהויקערט; אַלע פיר קני האָבן געהאַט רעוו־מאַטישע קניפּן. אויפן גאַנצן לייב, אויפן פיינעם קאָפּ, אויפן געטאָקטן האַלדז, אויפן בויך און אויף די פיס איז געווען אויסגעשפּרייט אַ נעץ פון שלענגלדיקע אָדערלעך. זי איז שוין געווען אין די יאָרן, די פיינע קאָבילע.

יעקבס־לייטער, ביי וועמען דאָס רעכטע פערדל, וואָס איז "אויף דער לייטש", — ניט די לינקע הויכע קאַשטאַנקע מיט די איינ־געפאַלענע באָקעס, — איז ניט לאַנג אַוועקגעפאַלן פון אַ ספּאַזמע, האָט שוין אַ שטיק צייט אַרומגעגנישטערט אויפן מאַרק. שוין פון ערשטן אָנבליק אָן איז דער בעל־עגלה פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם ציגיינערס בולאַנקע. יאַנקל האָט זיך אָבער געמאַכט כלא־ידע. סוף־כל־סוף האָט ער ניט אויסגעהאַלטן און איז געבליבן שטיין לעבן דער שקאַפּע אַזוי ווי אַ צוגעשמידטער. די אויגן האָבן זיך ביי אים אַזש צעשפּילט.

„היי מיכאַילאָ, פון וואַנען האָסטו אַראָפּגעבראַכט אָט דעם לאַנגן פלאָקן?" האָט ער אַ פרעג געטאָן כלומרשט גלייכגילטיק. „וויפיל פאַרלאַנגסטו פאַר אָט די דאַזיקע אַלטע שקאַפּע?"

דער ציגיינער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט ביטול. „ניט פאַר דיין קעשענע, יאַנקל, די דאַזיקע פריצטע. אַ פּופּציקער איז זי אַ מציאה ביי אַ גנב."

יעקבֿס־לייטער האָט אַ לאַנגן פייף געטאָן. „אַ פּופּציקער, פינף גילדענע רענדלעך? פאַר אַזאַ מאַיאָנטעק קען איך קויפן אַ פּאָר סוסים פון שלמה המלכס רייט־וואָגן."

„דאַרפסט לאַנג ניט זוכן, זי איז טאַקע אַ יחסנטע, די דאָזיקע קאָבילע: שטאַמט פון יאַסנאָפּאָלער הויף. זי איז געבוירן געוואָרן אין דעם גראַפס אייגענע שטאַלן."

„הערסטו, מיכאַילאָ?" האָט יאַנקל אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, „כ'וועל דיר געבן אַ פינפערל, פינף זילבערנע קאַרבאָוואַנצעס."

מיכאַילאָ האָט אויסגעשפּיגן מיט פאַראַכטונג. „קויף דיר אַ ציג, טשעלאָוויטשע, און שפּאַן איין אין דיין בויד."

דער בעל־עגלה האָט זיך געמאַכט תמעוואַטע: „וואָס ווערסטו דערלייגן צום עסק, דער באָבעס ירושה? די שקאַפּע איז דאָך סיי ווי סיי אַ געגנבֿטע."

ביי מיכאַילאָן האָט זיך אָנגעצונדן די ווילדע רציחה און ער האָט זיך אָנגעהויבן שילטן מיט טויטע קללות. „אַ באָליאַטשקע זאָל זיך דיר זעצן אויפן הינטן און אַ טשיריק אויפן צונג; אויסגעדאַרט און אויסגעקוואַרט זאָלסטו ווערן, איינגעשרומפּן זאָלסטו ווערן ווי מיין מינדסט פינגערל; אַ זלידנע פליג זאָל דיין פערד צופּוזשען און פאַר־שלעפּן דיין בויד אין די וויסטע בלאָטעס; אַ סראַטשקע זאָלסטו קריגן, — דו און דיין ווייב און דיינע קינדער און דיין שווער און שוויגער! דו לאַנגער טייוול, האָסט אַ קאָפּ ווי אַ ליימענער טאָפּ. הער אַ מעשה, מיין קאָבילע איז גאָר אַ געגנבֿטע!"

„טפּוררו!" וואָס האָסטו זיך צעטראָגן, דו שוואַרצער בלעם!" האָט יעקבֿס־לייטער אויסגעשריגן. „וואָס האָסטו זיך אָפּגעריסן פון די לייצעס אַזוי ווי אַ נישט־גוטער! מילא, מיין באָבעס עסק, יע

געגנבעט, ניט געגנבעט! נו, האַדיע שוין מיכאַילאַ, לאָמיר בעסער רעדן מסחר.״

אַ רעדל מענטשן האָט זיך צונויפגעקליבן און מען האָט זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער. דער קליינער איוואַנקאַ־פּאַסיטשניק האָט זיך אַזש פאַרכלינעט און האָט מיטביידע הענט אָנגעהאַלטן די פּליודערן; טרערן זיינען אים געלאָפן פון די אויגן. ״אוי טאַטעלעך, איך האָב שוין באַלד אָנגעמאַכט פולע הויזן! כי־כי־כי, אוי ס׳אַ פּאַטיעכע! אַ סראַטשקע אויף זיין גאַנצער משפּחה! ס׳אַ מויל ביי דיר, מיכאַילאַ, דו הינטישער זון! דו לייגסט אַוועק אַ פּיזמון, גלאַטער און לעבעדיקער ווי דער דיאַק פון הנילאָפּאָליער קלויסטער. אוי ביסטו אַ מזיק, אַ רוח אין דיין טאַטנס טאַטן אַריין!״

ס׳האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ דינגעניש אויף אַ גאַנצע שעה, אַ קלאַפּעניש אין די הענט, אַ זידלעניש און אַ שווערן זיך. ערשט אַז דער מקח האָט שוין געהאַלטן ביי אַ צענערל, האָבן זיך אָנגעהויבן די ״ריכטיקע סמאַטרינעס״, דאָס אָנקוקן פון דער ״יאַלדאָווקע״. דער בעל־עגלה האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום דעם שקאַפּע און האָט מיט אַ שאַרפן קריטישן אויג געזוכט חסרונות. ער האָט אויפגעמאַכט די פערדישע מאָרדע און אָנגעהויבן באַטראַכטן די ציין.

״ע־ה־ה־ע־ע!״ האָט ער אויסגערופן, ״זי האָט שוין שטאַרק אָפּגעניצטע ציין! אַלטע אָפּגעריבענע ציין האָט די שקאַפּע, ברודער מיכאַילאַ!״

״וואָס קוקסטו איר אין די ציין אַריין, דו יאָלד איינער,״ האָט דער ציגיינער אויסגעשריען, ״בעסער טאַפּ איר דעם בויך. זע, די אייטער זיינען נאָך פול מיט מילך. זי האָט ערשט ניט לאַנג צוויי לאָשעקלעך אָנטוויינט.״

יאַנקל האָט זיך צעלאַכט מיט חוזק. ״מאַל דיר, שוואַרצער גנב, די שקאַפּע האָט שוין לאַנג אור־אור־אייניקלעך. זאָג אַקאָרשט, פּעטערל, וואָס הענגט דאָס די אונטערשטע ליפּ ביי איר אַרונטער און וואָס סלינעט זי פון מויל? ס׳געפעלט מיר ניט איר אונטערשטע ליפּ.״

״דאָס קומט איר פון קושן זיך מיט אירע ליבהאָבערס, די יונגע זשערעבצעס.״ האָט דער ציגיינער געלאָסן אַ זאָג געטאָן.

דער בעל־עגלה האָט אויפגעהויבן און אויפמערקזאַם באַטר:כט

יעדע קאָפּיטע באַזונדער. „מיכאַילאָ, גיב איר די בייטש, כ׳וויל זען ווי זי לויפט.“ דער עולם האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט און דער ציגיינער האָט דער שקאַפּע געגעבן אַ שמיצל: „וו־יאָ־אָ, קאָכאַנקע!“

אָנהאַלטנדיק די קאָבילע ביי אַ לאַנגן שטריק, האָט מיכאַילאָ זי אָנגעהויבן אַרומטרייבן אין אַ ראָד, אַלץ גיכער און גיכער. אַ געדיכטער שטויב האָט זיך אויפגעהויבן. די פערדישע קאָפּיטעס האָבן אָנגעפאַנגען אויסשלאָגן אַלץ אַ שנעלערן גאַלאָפּ. אַז די קאָבילע האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט זי שווער געסאָפּעט און אירע ברוינע זייטן האָבן געגלאַנצט פון שווייס. יעקבס־לייטער האָט זי באַטראַכט מיט פאַרדאַכט.

„זי האָט אַ קורצן אָטעם,“ האָט ער געפסקנט, „און כ׳וואָלט געשוואָרן, אַז זי הינקט אונטער אויפן לינקן הינטערשטן פוס.“

„וואָס פאַר אַ הינקען,“ איז דער ציגיינער געוואָרן אין כעס.

„דאָס טאַנצט זי, אַזאַ טבע האָט זי: דערהערט זי קלעזמער, אָדער דערזעט זי אַ גרויסן עולם, הייבט זי אָן טאַנצן. זי האָט אַמאָל אין קאַוואַלעריע געדינט, מיין קאָכאַנקע.“

פּאָטאָפּ, דער הנילאָפּאָלער שמיד מיט אַ פאַרבונדענעם פּנים, וואָרעם אַ צאָן איז ביי אים געווען אָנגעריסן, האָט זיך נענטער צו־גערוקט און אויפגעהויבן ביים פערד די לינקע קאָפּיטע מיט אַ געניטער האַנט: „זי הינקט ניט, יאַנקל,“ האָט ער אַ זאָג געטאָן, „זאָרג ניט, ס׳איז ביי איר אָנגעריבן אַ פוס פון אַ שלעכטער פּאָדקאָווע, מען דאַרף זי איבערקאָוען. היי מיכאַילאָ, וואָס פאַר אַ צרהדיקער קאָנאָוואַל ביסטו, טראַסציאַ טוואָיע מאַטערי? לאָזט אַ פערד אַרומלויפן מיט אַ שלעכטער פּאָדקאָווע, פאַרטאַטש איינער! זאָג נאַר, וואו האָסטו דערטאַפּט אַזאַ שיינע נקבה?“

„זי הייסט קאָכאַנקע,“ האָט דער ציגיינער שטאָלץ דערקלערט. „כ׳האָב זי דערטאַפּט אין דערפל כאַלאָפּסקאַ־וויגאַדאַ, לעבן דעם גראַפס מאַיאָנטעק. קענסט דאָך כאַלאָפּסקאַ־וויגאַדאַ? דאָרטן וואו עס וואוינען די „פּענסיאָנערן“, די אויסגעדינטע מענטשן פון יאַסנאָפּאָלער הויף. כ׳האָב זי געקראָגן פון אַן אַלטן פּענסיאָנער, וואָס איז אַמאָל ביים גראַף געווען אַן אונטערשמייסער. זי איז אַ פאַרביטענע מיין

קאָכאָנקע, אַזוי האָט דער אונטערשמייסער דערציילט. ווען זי איז נאָך געווען אַ זויגעדיקע, האָט מען זי אַרויסגעגנבעט פון גראַפס שטאַל און מען האָט אונטערגעוואָרפן אויף איר אָרט אַ לאָשעקל, וואָס איז דאַמאָלט געפּגרט אין דאָרף. דער אַלטער פּענסיאָנער האָט געפּראַוועט אַ חתונה, אַן אייניקל אויסגעגעבן. האָב איך געשפּילט אויף דער וועסיליע און געקראָגן דאָס פערד פאַר אַ פּרעזענט.״

דער בעל־עגלה האָט אָנגעהויבן געגוי באַטראַכטן דעם פערדס אויגן. ״עפּעס די אויגן זיינען ביי איר ניט מיט אַלעמען,״ איז יאַנקל געוואָרן אַ פאַרזאָרגטער, ״זיי טרערן, זיי האַלטן אין איין נעצן.״

״דאָס וויינט זי אויף איר פינצטערע דאָליע, וואָס זי דאַרף אַריינפאַלן אין אַזעלכע שלימזלדיקע הענט.״ האָט זיך דער ציגיינער געוויצלט.

יעקבס־לייטער האָט זיך אָנגעהויבן קראַצן די פּאָטילניצע. ״אפשר איז ביי איר די ראיה ניט אַקוראַט, דו שוואַרצער גנבֿ? איז זי ניט אַקאָרשט אַ בלינדע אויף איין אויג?״ ער האָט אַריינגעקוקט דער שקאַפּע טיף אין די גרויסע ברוינע אויגן, האָט אָנגעהויבן טייטן אויף איר מיט אַ פינגער, אַלץ נעענטער און נעענטער. אָבער די בולאַנקע האָט געקוקט געלאַסן, נאָר זעלטן־זעלטן פלעגט זי אַ פינטל טאָן מיט אַן אויג.

דער בעל־עגלה איז געוואָרן אַלץ מער פאַרדאגהט. אַרעלע דער רויטער, דעם פישערס יינגל, וואָס האָט זיך אין טומל אונטערגעגנבעט און געפּרוווט אַרויסרייסן אַ האָר פון פערדס וויידל, האָט געקראָגן מיט דעם דאַזיקן וויידל אַ גוטן שמיץ איבערן פנים. איז ער געוואָרן ברוגז און האָט אַרויסגעשטעקט דער שקאַפּע אַ לאַנגע צונג גלייך אין מאָרדע אַריין. ״זי איז אַ בלינדע, זי איז אַ בלינדע!״ האָט ער אויסגעשריען מיט נקמה, ״זי איז אַ סליעפּאַטשקע!״

״שאַט רבותי,״ האָט זיך יאָשקע־קעמל דורכגעשטופּט דורכן עולם, אַ פאַרשטונקענער פון דזשעגעכץ, מיטן שוואַרצן פאַרסמאָלעטן זאַק אַרום די לענדן, ״ווילט איר אויספּרוּוון איר ראיה? גיט איר עפּעס צו אכלענען. היגער הלומען פון פראָסע און פערד טראַכטן פון האָבער.״

״גיב איר אַ ביסל זאַלץ צו לעקן,״ האָט אַ פויער געגעבן אַן עצה.

"ניין יאַנקל," האָט זיך אָנגערופֿן איוואַנקאָ פּאַסיטשניק, "האָניק לעקן האָבן זיי בעסער ליב."

"ציע פּראַוודאַ!" האָט דער שמיד צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, "פערד האָבן האָלט אַ זיסע זאַך. וואָס ס'זאָל ניט זיין: האָניק, אַן עפּל, אַ צוקערקע."

"גיט מיר אַ גראָשן רב יאַנקל," איז אַרעלע אַרויסגעשפּרונגען, "כ'וועל אייך קויפן אַ צוקערקע ביי מלכהלע דער זיסער." באַלד איז דער יינגל אַוועקגעלאָפן און האָט אויסגעקליבן אַ צוקערקע, אַ לאַנגע אַזוי ווי אַ ליכט, מיט רויטע און ווייסע פּאַסן. האָט ער קודם־כל אָפּ־געביסן ביידע שפּיצן און זיך געאיילט צוריק אָנצוקוקן אויף טשיקאַ־ווען ווי אַזוי אַ פערד עסט צוקערקעס. אָבער ער האָט זיך אַ ביסל פאַרשפּעטיקט: יאַשקע־קעמל האָט שוין געקאָרמעוועט דאָס פערד מיט ווייסער חלה און די שקאַפּע האָט געביסן גאַנצע שטיקער און געשמאַק געקייעט אויף אַלע ציינער.

"זי זעט ווי ס'דאַרף צו זיין!" האָט דער עולם געפּסקנט. "זי זעט אַקוראַט אויף ביידע אויגן."

ס'האָט זיך אָנגעהויבן די לעצטע דינגעניש: אַ קלאַפּעניש אין די הענט, אַ שעלטעניש און אַ זידלעניש. אַז מען האָט געהאַלטן ביי זעכצן רובל, זיינען שוין ביידע סוחרים געווען הייזעריק אַזוי ווי די וואַנט און דורכגעווייקט פון שווייס. "זעכצן קאַרבאַוואַנצעס און אַ האַלב, זאָל מיך די ערד איינשלינגען אויב איך וועל נעמען אַ גראָשן ווייניקער!" האָט זיך דער ציגיינער געריסן. "זעכצן רובל!" האָט דער בעל־עגלה געגוואַלדעוועט, "מעגסט זיך אפילו שטעלן מיט איין פוס אויפן הימל און מיטן אַנדערן אויף דער ערד, וועסטו נישט קריגן קיין גראָשן מער." "נאָך אַ האַלבן קערבל, דו לאַנגער דראַנג!" "זעכצן קערבלעך, דו קרומער טייוול!" — דער סוף איז געווען אַז מען האָט דעם מסחר פאַרענדיקט פאַר זעכצן רובל מיט אַ פּערטעלע.

— 5 —

דער עולם האָט זיך אָפּגעטראָגן צו מענדלען אין שענק. מען האָט געשטעלט מאַגאַריטש. "דאָברע־מזל, יאַנקל!" האָט דער ציגיינער צוגעווינטשעוועט. "זי זאָל זיך ביי דיר האַלטן און האַלטן; זי זאָל ביי דיר גיין און ניט איבערגיין." "גם אתם!" האָט דער בעל־עגלה

באַדאַנקט. „זאָלסט גיין און גיין און ברעכן רוק און לענד.‟

ער האָט אַרויסגענומען דעם לעדערנעם טייסטער און אָנגעהויבן אויסציילן דאָס געלט. „אָט האָסטו דיר: אַ גאָלדענער צענערל, — צען מכות של מצרים; פינף קערבלעך—לייגן זאָל מען דיר שערבלעך; איין רובל—זאָל דיר ווערן פינסטער און איבל; אַ זילבערנע פּערטעלע, צרות דיר אין אַ קווערטעלע... הער זיך איין, שוואַרצער גנב, טאָמער חלילה־וחס איז די שקאַפּע אַביסל געכאַפּט אויף דער ראיה, וועל איך דיר אויסדרייען דעם אַנדערן פוס דיינעם.‟

איוואַנקאָ פּאַסיטשניק האָט אָפּגעגעבן דעם שענקער אַ ברייטן ברוך־הבא, זיך צוגעשאַרט צום קעלער, אַן עפן געטאָן די טיר און אַריינגעקוקט אַהינצו נייגעריק, „זדראַוואָ מענדל, פּסהאָווקע האָסטו?‟

„זע נאָר ווי דער ערל איז דאָס בקי אין כל חדרי השענק,‟ האָט יאָשקע־קעמל אַ זאָג געטאָן און שטיפעריש אַ שטורכע געטאָן דעם שענקער אין בויך אַריין. „פּאַשעסט זיך נאָך אַלץ דעם פּעמפּיק, מענדל סערדצע? גיב אַקאָרשט אַ קאַפּ בראָנפן, ס׳איז טרוקן אין האַלדז, און אַן אוגערקע צו פאַרבייסן. דער דייטש פון יאַסנאָפּאָל וועט דיר דאָך באַלד צושיקן פרישן ספּירט פון דער נייער גוראַלניע.‟

מענדל איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער, פונדעסטוועגן האָט ער דעם הויקער צוגעוואָרפן אַ גלעזל שנאַפּס און עפּעס צו פאַרבייסן. „הער נאָר יאָשקע‟, האָט זיך דער שענקער אָנגערופן אַ ביסל פאַרביסן, „דו קענסט זיך דאָך אַ ביסל אויס אין די שוואַרצע פינטעלעך. ס׳איז פאַראַן אַ פּסוק „הוקר רגלך‟, מאַכט רש״י: הויקער! רגלך— דיין פוס זאָל דיר אָפּגענומען ווערן.‟

פּאָטאַפּ, וואָס האָט שוין געהאַט איינגעקויפט אַלע נויטיקע זאַכן: אייזן, זאַלץ, מאַכאָרקע און אויך אַ ביסל שניט סחורה, איז געזעסן און האָט געטרונקען אין איינעם מיט מיכאַילאָן, מיט זיין קאַטערינאַן און מיטן קליינעם איוואַנקאָן. שוין פון דער פרי אָן האָט דער שמיד אָנגעהויבן שיכורן, כדי צו קריגן אַ ביסל קוראַזש אַרויסצורייסן דעם אָנגעווייטאָגטן צאָן.

„פונדעסטוועגן ביסטו אַ לעקיש, מיכאַילאָ!‟ האָט פּאָטאַפּ באַמערקט, „האָסט אַוועקגעגעבן די קאָבילע דעם יידן בזיל־הזול. אַ פינף און צוואַנציקער איז זי אַ מציאה ביי אַ גנב.‟

"ציע פּראַוודאַ," האָט דער ציגיינער צוגעגעבן קאַלטבלוטיק, "אָבער ליכאַ יעהאַ מאַטערי, זי האָט די פּאַנסקע כאַראַבע."

"וואָס פאַר אַ כאַראַבע?" האָט זיך איוואַנקאַ געחידושט.

"זי איז אַן איידל־געפּיעשטשעטע, מען דאַרף זי אָפּהיטן מיטן עסן. טאָמער עפּעס וואָס, — אַ קאַלטער טרונק, אַ ביסל גרינער האָבער, אָדער ווערט זי אַ ביסל פאַרשוויצט, כאַפּט זי באַלד די סראַטשקע. היי וויל זי אפילו ניט אָנקוקן. זי וועט אים פאַרפּאַסקודען די שטאַל, דעם בעל־עגלה. זי וועט אים פאַרדריפּען די בויד און אים האַלטן אין איין שטינקען גלייך אין פּנים אַריין."

דער עולם האָט געלאַכט: אַ שפּיצל פון אַ ציגיינער, ווי ער האָט דאָס דעם יידן אָפּגענאַרט! קאַטערינאַ האָט זיך אַ נעם געטאָן צו איר מאַן: "ווי לאַנג נאָך וועסטו וואַרטן, פּאַטאַפּ? קום צום ליעקאַר, וועט ער דיר דעם צאָן אַרויסרייסן. ס׳ע שטינקט דיר דאָך פון מויל, אַזוי ווי פון אַן אָפּטרעט." דער שמיד, אַ רויטער, אַ פאַרכוסהטער, מיט אַזאַ שטאַרק פאַרשוואָלענעם פּנים, אַז מען האָט די אויגן מער ניט אַרויסגעזען, האָט אַראָפּגעריסן פון זיך די רויטע ווייבערשע פאַר־טשיילע. "נו, ליכאַ יעהאַ מאַטערי, קומט לאָמיר גיין צום ליעקאַר, זאָל ער רייסן!" האָט ער אויסגעשריגן און אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פויסט אין טיש אַריין.

דער עולם האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו חייקל־רופאס הויז, וואָס איז געשטאַנען אויף דער גרויסער גאַס ניט ווייט פון מאַרק. אין אַזאַ גרויסן מאַרק־טאָג איז חייקל געוויינלעך שטאַרק פאַרנומען: מען דאַרף רייסן ציין, האַקן מכות, שטעלן באַנקעס און פּיאַווקעס, לאָזן אַן אָדער. דער רופא איז אַרויסגעלאָפן אויפן גאַניקל אַ פאַרשמייעטער, אָן אַ קאַפּאָטע, אין אַ לאַנגן טלית־קטן, מיט דער סאַמעטנער יאַרמלקע אויפן שפּיץ קאָפּ; דאָס נאַקעט צעקנייטשט ווייבערש פּנים איז געווען דורכגעווייקט פון שוויים.

"אין שטוב איז צו הייס," האָט חייקל אַ זאָג געטאָן, "כ׳וועל דעם צאָן אַרויסרייסן טאַקע דאָ אויפן גאַניק. איך דאַרף האָבן צוויי געזונטע פאַרשוינען, וואָס זאָלן מיר העלפן. היי פּעטער, קום אַרויף צו מיר!" האָט ער אַ טייט געטאָן מיטן פינגער צום כודאָבקער פויער, וואָס האָט געהאַט אַ בהמה צו פאַרקויפן. "דו וועסט זיך אויסטויגן,

איך דאַרף אָבער אַן אַנדערן, וואו איז ערגעץ דער שבת־גוי?״ האָט דער רופא אויסגעשריען אין זיין הילכיקן פּאַלצעט. ״זאָל עמעצער אויפזוכן גאַווריליאַן, זאָל ער אַראָפּקומען אַהער אויף אַ וויליטשקע.״ אַרעלע דער רויטער, וואָס וואו מען זייעט אים ניט דאָרט וואַקסט ער, האָט אַ שפּרונג געטאָן אויף איין פוס צו דבורהלען אין קראָם און דעם שבת־גוי אַראָפּגעבראַכט.

חייקל האָט געהאַט דריי אָבצווענגעס פאַר ציין רייסן: אַ קליינע —אַ ״זי״, פאַר קינדער און ווייבער; אַ גרויסע—אַן ״ער״, פאַר דער־וואַקסענע און גאָר אַ גרויסע—אַן ״עוג־מלך־הבשן״, פאַר פּויערים. דער רופא האָט באַטראַכט דעם חולה, וואָס האָט קוים געפּלאָנטערט מיט די פיס, אָנגעגאָסן אַ קווערטל ״כאַפּונאָווקע״, אַריינגעטראָפּט אַהינצו עפּעס פון אַ גרינער פלעשעלע און דערלאַנגט דאָס פּאַטאַפּן צו טרינקען. דער שמיד איז אַוועקגעפאַלן אַזוי ווי אַ פּריטשמעליעטער.

״דו כודאָבקער,״ האָט דער רופא קאָמאַנדעוועט, ״זעץ זיך אויף די פיס; און דו גאַווריליאָ, האַלט צו דעם קאָפּ, קרעפּקע האַלט!״ אַליין האָט זיך חייקל אַוועקגעזעצט רייטנדיק אויפן פויערס האַרצן, האָט אַרויפגעלייגט די אָבצווענגע און גענומען שלעפּן דעם צאָן מיט אַלע כוחות. ״פּאַוואָליענקע!״ האָט ער געשריגן שווער סאָפּענדיק, ״האַלט אים איין, האַלט אים! ער רירט זיך!״

מיט אַמאָל האָט דער קאָוואַל אַ רעווע געטאָן אַזוי ווי אַן אָקס, זיך אַ הויב געטאָן און אַראָפּגעשליידערט פון זיך גאַווריליאַן און דעם כודאָבקער פּויער. אַ שטראָם בלוט האָט אַרויסגעזעצט פון זיין מויל. דער רופא איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון גאַניק גלייך אין גאַס אַריין, אָבער אין האַנט האָט ער געהאַלטן איינגעקלעמט מיט גרויס טריאומף די אָבצווענגע מיט אַ גרויסן פּירוואָרצליקן בלוטיקן באַקצאָן.

איוואַנקאָ פּאַסיטשניק איז גאָר נתפעל געוואָרן: ״דיוויס, דיוויס, ליודי דאָבריע! קוק נאָר אָן אַ צאָן מיט פיר לאַפּעס, אַזוי ווי אַ פיר־פיסיקער חזיר.״

די זון האָט זיך שוין געהאַלטן אין זעצן. דער עולם האָט זיך ביסלעכווייז אָפּגעטראָגן אין שענק אַריין. מיט אַמאָל איז פּאַראַסקאַ אויסגעוואָקסן אַזוי ווי פון אונטער דער ערד און האָט דעם שבת־גוי אָנגערירט; דער פויער איז געוואָרן אַ פּאַרציטערטער.

„גאָווריליאָ, האַרץ מיין,“ האָט זי געבעטן, „קום מיט מיר אין שענק אַריין, איך וויל מיט דיר טרינקען.“

„ניין, פּאַראַסיו, איך טרינק ניט, כ'האָב מיר אַזאַ נדר געגעבן.“ פּאָר אַ ווילע האָבן ביידע אַרומשפּאַצירט איבערן מאַרק. „טאָ קום מיט מיר צום יידישן פּלעטער,“ האָט פּאַראַסקאַ פאַרלאַנגט. „קויף מיר אַ פּלעט, אפשר וועל איך עפּעס געווינען.“

מלך דער פּלעטער, אַ ייד אַ יאַדעשליוער, אַ שווייגער, תמיד אפילו אין זומער־צייט דעם האַלדז פאַרבונדן מיט אַ שאַלכען, פּלעגט אַרויפקומען קיין כאַפּון מיט דער מאַזירער בויד אַ טאָג צוויי פאַרן יאַריד און פּלעגט געוויינלעך פאַרפאַרן צו מענדל שענקער אין איינפאַר־הויז. מלך איז געווען אַ היימישער מענטש אין שטעטל, האָט ניט פאַרפעלט קיין איינציקן פון די פיר כאַפּונער יאַר־יאַרידן. וואו אַ כלה־מויד, וואו אַ בר־מצוה־בחורל, האָבן זיי געהאַט מלכס „ניי־זילבער“: מעסערס, גאָפּלען, לעפלען, זייגערלעך.

מאָלט־אייך, מלכס ניי־זילבער איז אפילו לעבן זילבער ניט געלעגן. ווי נאָר דאָס זילבערן הייטל האָט זיך אַ ש״יל געטאָן, בפרט נאָך אין כאַפּונער ליימיקן וואַסער, פלעגן די לעפלען ווערן געל און גרין און די זייגערלעך שוואַרצלעך. אַ חוץ דעם האָבן די זייגערלעך פון פּונקטלעכקייט ניט געהאַלטן: אָדער זיי זיינען אונטערגעלאָפן אַ שעה צוויי אין אַ מעת־לעת, אָדער זיי האָבן זיך איינגעהאַלטן אַ פּאָר שטונדן. דערפאַר האָבן זיי געהאַט אַ גרויסע מעלה: קיינמאָל ניט געדאַרפט אָנקומען צו אַ זייגערמאַכער. האָט זיך ביי אַ יינגל מלכס ציבעלע־זייגער אָפּגעשטעלט, פּלעגט ער אָנבינדן אַ שטריקל צום אויערל, אַרומפאָרן מיט אים אַ פּאָר מאָל איבערן דיל, — און דער זייגער גייט אַ גאַנג!

מלך־פּלעטער איז געווען אַ גרויסער מאַגנעט אין כאַפּון. ערשטנס האָט ער פאַרקויפט אויף באָרג, — פון יאַריד צו יאַריד; צווייטנס האָט יעדער קונד פאַר פּופציק קאָפּיקעס סחורה, אָדער פאַר צען קאָפּיקעס מזומן, געקענט קריגן אַ פּלעט. ביי מלכן איז געווען אַ פּשוטער חשבון: ח״י פּלעטן ציען איין געווינס. ער האָט געהאַט אַזאַ הילצערן קעסטעלע מיט אַכצן קוויטלעך. אויף זיבעצן קוויטלעך איז

געשטאַנען לאַ: אויפן אַכצנטן קוויטל—דעם גערווינער—איז געווען געשריבן: „זייגער אחד—כסף חדש", אָדער: „חצי־טוץ לעפּלען—כסף חדש", אָדער: „חצי־טוץ גאָפּלען—כסף חדש", אָדער „חצי־טוץ מעסערס—כסף חדש".

גאַוורילאָ האָט פּאַראַסקאַן געקויפט צוויי פּלעטן פּאַר צוויי זילבערנע גריוונים און איין בילעט האָט געוואונען אַ האַלב טוץ זילבערנע מעסערס. פּאַראַסקאַ איז געוואָרן פול מיט פריידיקער אויפרעגונג. „איצטער גאַוורילאָ," האָט זי אַ זאָג געטאָן, „אויב דו וועסט מיך אַוועקוואַרפן, וועל איך דיר אַריינשטעקן אַ זילבערן מעסער אין האַרצן." גאַוורילאָ האָט זי אָנגעקוקט מיט די נאַאיווע אויגן: מיינט זי דאָס אין ערנצט, צו טרייבט זי קאַטאָוועס? פּאַראַסקאַ האָט זיך הילכיק צעלאַכט.

„דער עקאָנאָם פון יאַסנאָפּאָל איז דאָ געווען," האָט זי אַ קוק געטאָן אויפן שבת־גוי מיט אַ פּאָר שעלמישע אויגן. „ער האָט געקויפט האָפּן ביים טאַטן און אָנגעזאָגט דעם שענקער איך זאָל קומען אויפן הויף. ער איז אַ רייכער, דער גראָבער דייטש, און קיין ווייב האָט ער ניט." גאַוורילאָ איז געוואָרן מאָדנע אויפגערעגט. „גיי ניט אַהינצו פּאַראַסקאַ, ס'איז נישט גוט." עפּעס האָט אים פּאַרקלעמט ביים האַרצן.

לעבן ברונעם האָט זיך צונויפגעקליבן אַ רעדל מענטשן. ס'האָט שוין אָנגעהויבן טונקלען. אויף דער ערד איז געזעסן אַ בלינדער בעטלער אין אַ פּאַרלאַטעטער סוויטקע, אין לייוונטענע הויזן, מיט צוויי טאָרבעס איבער די פּלייצעס. די באָרוועסע פיס זיינען געווען פּאַרלייגט, דער אַלטער איינגעשרומפּענער קאָפּ פּאַרוואָקסן מיט לאַנגע ווייסע האָר, די סיווע וואָנצעס זיינען אַרונטערגעהאַנגען ביז די אַקסלען. די בלינדע אויגן זיינען געווען ווייס ווי מילך.

אין די הענט האָט דער בעטלער געהאַלטן אַן אַלטע באַנדורע. אָט האָבן די ציטערדיקע פינגער גענומען אַרומפּאָרן איבער די סטרונעס און אַ געבראָכענער טענאָר האָט אָנגעהויבן זינגען. צוערשט האָט דער בלינדער געשפּילט קליינע עלעגישע לידלעך, וואָס הייסן „דומקעס". באַלד אָבער האָט ער אָנגעפאַנגען שפּילן און זינגען אין אַ סקאַרבאָוון ניגון אַן אַלטע קאָזאַקן־באַלאַדע וועגן דעם הייליקן „איוואַן בעזפּאַלי" (איוואַן אָן פינגער).

אין די העלדישע צייטן פון דעם גרויסן אַטאַמאַן
באַטקאָ כמעלניצקי,
אין דער הייליקער שטאָט קיעוו—אונדזער מאַמע
אויפֿן דניעפּער,
האָט געלעבט דער יונגער קאָזאַק איוואַן אַזוי ווי
אַ סאָקאָל אַ בראַווער
מיט זיין מאָלאָדיצע מאַריאַ אַזוי ווי אַ טויב
מיט שוואַרצע פליגלען.
רופט זיך אָן דער אַלטער טאַטע: "היי, מיין זון,
מיין בן יחיד!
האָדיע שוין אין ווייכע פערינעס ליגן, מיט אַ ווייב
זיך האָליובען!
אַמער זאָטל אָן דיין פערד, גורט אָן דיין שווערד
אויף די לענדן,
גיי אַרויס אין פעלד מיטן טערק און מיטן ליאַך
זיך צו שלאָגן."

גייט אַוועק אַ וואָך נאָך אַ וואָך, ס'גייט שוין אויף
אַ נייע לבנה.
צו דער יונגער מאַריאַ צעברענט זיך ביים אַלטן
אַ תאוה אין האַרצן.
"טאָכטער מיינע, אַ שטאַפעט האָט אָקאָרשט געבראַכט
אַ וויסטע בשורה:
אויפֿן שלאַכט-פעלד ליגט אונדזער איוואַן, ראָבן
פּיקן זיינע אויגן.
נון, ליובע, ליג מיט מיר, כדי איוואַנס נאָמען
זאָל קריגן אַ זאָמען."
ברעכט די קאָזאַטשקע די הענט, אויף אַ באַנומענעם קול
טוט זי וויינען און קלאָגן.
"אַלטער, אַלטער, ביסט ניט קיין קריסטלעכער פאָטער,—
ביסט אַ טייוול, אַ טאַטער!
איידער אַ שלאַנג אויף דער ברוסט איז שוין בעסער
אין האַרצן אַ מעסער."

גרימט ביים אַלטן דער צאָרן, פול ווערט זיין האַרץ
מיט נקמה.
צום דניעפּער גייט ער אַרונטער, וואו עס שטייט
אַן אַלטע כאַלופּע.

דאָרטן וואוינט שוין הונדערט יאָר די פּאָדאָלער
עלטסטע וויעדמע.
פירט די מכשפה דעם אַלטן בייבאַכט צום טאָטערשן
בית־עולם;
כאַפּן ביידע אַ מאָנסבילשע זשאַבע אונטער
אַן אַלטער מצבה;
און זיי טויפן דעם פראָש מיט אַ צויבער־וואַסער,
אַ שפּרוך טוען זיי זאָגן:
״זשאַבע, זשאַבע, ביסט מער ניט קיין פראָש, איוואַן
ביסטו איצטער!״
און זיי שטעכן איר צונג מיט אַ שפּיזל ביז בלוט
הייבט אָן רינען,
און זיי לאָזן די צונג אַ פאַרכישופט איי פון אַ קראָ
בלוטיק באַלעקן.

אין ליכטיקן זונטיק, ווען פון טויט שטייט אויף
אונדזער דערלייזער,
אין סאָבאָר פון דער הייליקער סאָפיאַ מיט די ניינצן
גילדענע דעכער,
גיט די וויעדמע דער יונגער מאַריאַ אַ פּאַסכע־געשאַנק—
אַן איי אַ געפאַרבטס.
פילט די קאַזאַטשקע: עפּעס ווי אַ שלאַנג אין איר בויך
הייבט זיך אָן וואַרפן.
גייט אַוועק אַ וואָך נאָך אַ וואָך, ס׳קומט שוין אַרויס
די זעקסטע לבנה.
דער בויך וואַקסט ביי דער מאָלאָדיצע, ווערט געשוואָלן
און געדראָלן.
ניט קיין ביימער פּאַכען מיט די בלעטער, ניט קיין ראָבן
קראַקען אויף די דעכער,—
מענער שאָקלען מיט די קעפּ, ווייבער פּלאַפּלען
מיט די צינגער:
״אַן אשת־אישניצע די מאָלאָדיצע, אַן אַ מאַן גאָר
טראָגעדיק געוואָרן.״

אַ חודש גייט נאָך אַ חודש, אָט באַווייזט זיך שוין
די ניינטע לבנה.
פּלוצעם קומט קיין קיעוו אַ מעכטיקע מחנה
אָדלערס צו פליען:—

דער העלדישער איוואַן מיט זיינע חברים
די בראַווע קאָזאַקן.
ס'איז אַ שמחה אין שטאָט, אַ פּאַראַד, עס קלינגען
די גלעקער;
אָבער פון איוואַנס היים קומט קיינער ניט אַנטקעגן
דעם ליבן גאַסט צו באַגריסן.
וואָרעם דער אַלטער טאַטע ליגט גאָר ווי אַ ראַץ
אין קעלער באַהאַלטן,
און מאַריאַ ליגט אין בעט מיט אַ בויך
גרויס ווי אַ דייזשע.
"מאַן מיין ליבער, בייזע מענטשן האָבן מיר
אָפּגעטאָן אַ כישוף!
זינט אונדזער חופּה־נאַכט בין איך דיר תמיד
געווען אַ געטרייע."
"ווייב, מיין ווייב, דו פאַלשע צויג, מיט וויפיל הינט
ביסטו געלעגן?
כ'וועל דיין טרייפן ווייסן לייב מיט שוואַרצן
פעך באַגיסן.
כ'וועל צום ווידל פון מיין פערד די לאַנגע
צעפּ פאַרבינדן.
און שלעפּן דיך איבער אַלע מערק, די נאַקעטע
שאַנד אַנטפּלעקן."

כאַפּט די קאָזאַטשקע דעם מאַנס שווערד
פון דער שייד,
איר געשוואָלענעם בויך טוט זי שטעכן
און שניידן.
טוט דאָס בלוט אַ זעץ,—אַ זשאַבע שפּרינגט אַרויס,
גלאָצט מיט בלוטיקע אויגן.
ציט דער קאָזאַק אַרויס פון ווייבס טויטן לייב
די בלוטיקע שווערד,
שלעפּט פון קעלער דעם טאַטן אַרויס ביי דער
לאַנגער טשופּרינע,
און מיט אַ מעכטיקן שוואונג דעם קאָפּ האַקט ער אָפּ
ביז די אַקסלען.
מיט דער לינקער האַנט גרייפט ער די שווערד,—
די טאָפּל־בלוטיקע שווערד,—

און האָקט זיך אָפּ די רעכטע האַנט, די האַנט וואָס האָט
דעם טאַטנס בלוט פאַרגאָסן.

אַז איוואַן האָט נאָך זיין ווייב אָפּגעפּראַוועט
אַ פּאַניעכידאַ
און האָט דעם זינדיקן טאַטן באַהאַלטן אויפן
טאַטערשן בית־עולם,
איז ער אַוועק וואַנדערן אין דער וועלט,—גאָטס קנעכט,
דער קאַליקע־איוואַן,—
באָרוועס, מיט אַ בעטל־זאַק, מיט שווערע קייטן
אויפן לייב.
ביז ער האָט דערגרייכט די זומפּן פון כאַפּון,
וואו עס הויערן די פּרעש.
דאָרטן האָט איוואַן צוואַנציק יאָר אַזוי ווי
אַ פּרוש געלעבט,
אין אַ הייל אין דער ערד, קיין מענטשלעך קול
ניט געהערט,
געפּאַסט און געפּייניקט זיין לייב, צו גאָט
תפילה געטאָן.

איינמאָל הערט איוואַן—פון טיפן זומפּ קלינגט
אַ קלויסטער גלאָק.
גייט דער קאָזאַק נאָך דעם קלאַנג, ווערט פאַרזונקען
ביז דער ברוסט,
קוים צייט געהאַט איבערן האַרצן זיך
אַ צלם טאָן.
קוקט איוואַן אַרויף,—די באָגאָראָדיצאַ ווינקט
פון דער הויך:
„קום אַרויף איוואַן, מיר וואַרטן ביידע אויף דיר,
דיין מאַריאַ און איך.
וואָס נידעריקער אויף דער ערד, אַלץ העכער
וועט שטייגן דיין זעל;
וואָס טיפער אין זומפּ—אַלץ נענטער ביסטו
צום הימלשן קעניגרייך!“
יעדעס יאָר אין הייליקן שבת, ערב־פּאַסכע,
פּונקט האַלבע נאַכט,
צינדט זיך אָן מיט אַמאָל אַזוי ווי אַ מעכטיקע
וועקסענע ליכט,

אין מיטן די זומפּן אַ מענטשלעכע האַנט,
אָן פינגער אַ האַנט:
די האַנט פון הייליקן קאָזאַק, דעם פרומען פּרוש
איוואַן בעזפּאַלי.

אַ מורמל איז דורכגעגאַנגען דורכן עולם אַז דער בלינדער האָט פאַרענדיקט די באַלאַדע און קופּערנע מטבעות האָבן זיך גענומען שיטן אין דעם בעטלערס פּושקע. גאַוורילאָ האָט דערפילט אַ שוידער דורכגיין דורכן לייב. כדי די שטימונג זאָל ניט פאַרבלייבן אַ געדריקטע, האָט דער בלינדער אָנגעפאַנגען זינגען פאַר אַלעמענס פאַטיעכע אַ לוסטיקע בייקע, וועגן "דעם טייוול סאַטאַנאַ, דער מכשפה סערעדאַ און דעם פּאָפּ יערעמאַ".

"צעשלאָגן האָט זיך די וויעדמע סערעדאַ
מיט דעם אַלטן טייוול סאַטאַנאַ.
האָט זי ביי אים אויסגעריסן דעם ווײדל,
צעריסן האָט ער איר דערפאַר דאָס קליידל.
גייט אַוועק די וויעדמע סערעדאַ
צו דעם רויטן פּאָפּ יערעמאַ:
"פאַרקויף מיר, פּאָפּ, דיין גלחשע קאַפּאָטע
פאַר אַ פוילישע זילבערנע זלאָטע."
גייט אַוועק דער טייוול סאַטאַנאַ
צו דעם רויטן פּאָפּ יערעמאַ:
"פאַרקויף מיר, פּאָפּ, דיין גלחשן צאָפּ
פאַר אַ גרויסן גילדענעם טאָפּ."
טראָגט דער טייוול אַ צאָפּ פאַר אַ ווײדל;
טראָגט די וויעדמע אַ קאַפּאָטע פאַר אַ קליידל.
גייט אַרום דער פּאָפּ מיט אַ פּליך אויפן קאָפּ;
גייט נאַקעט אין דער בלאָטע אָן אַ גלחשע קאַפּאָטע.
זאָרגן האָט דער פּאָפּ שוין אַ פולן קאָפּ:
"וואו באַהאַלט מען אַ גילדענעם טאָפּ?
אָן אַ קעשענע, אוי ס'אַ גריזאָטע,
וואו קען מען האַלטן אַ זילבערנע זלאָטע?"

פּאַראַסקאַס לייב האָט זיך געטרייסלט פאַר געלעכטער. "קום מיט מיר אין שענק אַריין," האָט זי זיך גענומען טוליען צו גאַוורילאַן, "טו מיר צוליב."

דער פּויער האָט זיך אָנגעהויבן אָפּרוקן פון איר. „ניין פּאַראַסיו, כ'מוז גיין צוריק אין קראָם, מען דאַרף באַלד צומאַכן."

„וועל איך קומען צו דיר ביינאַכט." האָט פּאַראַסקאָ אים איינגערוימט אין אויער. „דער באַטקאָ קען שוין איצטער ניט שטיין אויף די פיס, ער וועט ניט קענען טרייבן דעם וואָגן אַהיים. כ'וועל שוין זען מיר זאָלן דאָ איבערנעכטיקן. מיט די דאָזיקע ווערטער איז זי נעלם געוואָרן ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער.

— 6 —

אויף דער נאַכט האָט דער פוסטער מאַרק אויסגעזען אַזוי ווי אַ מיניאַטור ים־באַסיין נאָך אַן אָפּפלייץ, פול מיט אָפּפאַל און מיט פערדישן מיסט. ניט מער ווי אַ האַלב טוץ פורלעך זיינען פאַרבליבן; די קראָמען זיינען ס'רוב געווען פאַרשלאָסן, נאָר אין די באַלאַגאַנעס האָט זיך נאָך אַ ביסל געטומלט ביי דער שיין פון לאַמטערנעס; און אין שענק האָט נאָך געזשומעט אַזוי ווי אין אַ בינשטאָק.

גאַוורילאָ איז געזעסן אויף דער פריזבע פון הייזל צווישן די צוויי פּאַפּל־ביימער אַ פאַרקלערטער; עפּעס האָט ער געפילט אַ מאָדנע צערודערטקייט. ער האָט אָנגעצונדן די ליולקע און זיך גענומען צוהערן צום מעכטיקן כאָר פון די זשאַבעס, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער אַנדערער זייט כאַפּונקע. דערהויפּט האָט זיך געלאָזט הערן די גוואַלדאָוונע געמבע פונעם גרויסן חזיר־פּראָש, דעם העלדן־באַס פון די זומפּן.

„דאָס רופט דער 'ער' די 'זי'," האָט גאַוורילאָ געטראַכט, „ס'איז איצטער די צייט פון פּאָרן זיך."

אין גראָז און אין די קוסטעס זיינען זיך די גרילן פאַרגאַנגען אין אַ הילכיק ריטמיש גרילצן. אינעווייניק אין זיך האָט דער פּויער אויך געפילט משונהדיקע גערוישן: אין די אויערן האָט געזשומעט, די אָדערן האָבן פּולסירט, דאָס האַרץ האָט געהאַמערט. אַ שטיק צייט איז ער געזעסן מיט צוגעמאַכטע אויגן ביז עמעצער האָט אים אָנגערירט ביים אַקסל: דער טאָרף־ייִד איז געשטאַנען לעבן אים.

„גוט־אָוונט, גאַוורילאָ, וואָס ביסטו אַזוי פאַרחושט? טשוכע זיך אויס, כ'דאַרף מיט דיר רעדן וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין."

דער שבת־גוי האָט חיימען כמעט ניט דערקענט. דער ייד איז געווען נאָך מער אויסגעצערט ווי געוויינלעך, דאָס פּנים נאָך געלער, די אויגן האָבן געקוקט מיט אַ פיבערדיקן גלאַנץ.

"זדאָראָוואָ, חיים, כ'האָב אייך גאָר ניט געזען אויפן יאַריד."

"גאַווריל‏אָ, כ'האָב בכיון אָפּגעוואַרט צו ריידן מיט דיר אויף דער נאַכט, כדי קיינער זאָל אונדז ניט שטערן. אָבער קודם־כל נעם אַרויס דיין צלם און שווער מיר, אַז דו וועסט קיינעם ניט דערציילן וואָס איך וויל דיר אָנפאַרטרויען. קיינער ווייס ניט פון דעם, אפילו מיין אייגענע ווייב ניט."

ער האָט געקוקט אויפן פויער מיט אַ פּאָר דורכדרינגענדיקע אויגן. גאַווריל‏אָ האָט אים באַטראַכט פאַרחידושט.

"וואָס איז מיט אייך חיים, פילט איר זיך ניט מיט אַלעמען? אפשר וואָלט איר געדאַרפט זען דעם רופא?"

"ס'איז גאָר ניט מיט מיין געזונט, גאַווריל‏אָ. אָבער איך בעט דיך, אויב דו האָסט נאָר גאָט אין האַרצן, שווער זיך אַז דו וועסט מיין סוד ניט אויסזאָגן!"

"נו איך שווער זיך, חיים," האָט דער פויער זיך אַ ביסל גע־קווענקלט, "יעי באָהו, כ'וועל האַלטן מיין מויל!"

"הער זיך איין מיט קאָפּ, איך דאַרף האָבן דיין הילף, כ'קען דאָס אַליין מער ניט אויסהאַלטן." די אויגן האָבן זיך ביי חיימען צעפלאַקערט, ער האָט זיך איינגעבויגן צום פויערס אויער און גענומען שעפּטשען מיט אַ הייסן אָטעם: "גאַווריל‏אָ, כ'האָב געפונען דעם אוצר!"

דער גוי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר אויסגעגלאָצטע אויגן. "חיים, זיינט איר פון זינען אַראָפּ? וואָס האָט זיך אייך דאָס גע־חלומט?"

"ס'איז ניט קיין חלום, ס'איז וואָר, ס'איז אמת ווי גאָלד!" האָט דער טאָרף־ייד גענומען ריידן האַסטיק, אין גרויסער אויפרעגונג. "כ'האָב אַ קעלבל אַ פאַרשייט, אַלע ווײַלע לויפט עס אַוועק אין די בלאָטעס. אַנומלט, ס'איז געווען אַקוראַט ראש־חודש פאַרנאַכט, איך גיב אַ קוק—דאָס קעלבל איז ווידער פאַרפאַלן געוואָרן. האָב איך מורא טאָמער איז עס פאַרגרוזנעט געוואָרן אין די זומפּן, גיי איך אַרויס

מיטן הונט אויסצופאָרשן. זשוק האָט טאַקע באַלד דאָס קעלבל דער־טאָפּט אין אַ טיפן יאַר לעבן אַן אַלטן שטומפּ פון אַן אָנגעפוילטן בוים.

„הייבט דער הונט אָן דאָס קעלבל שלעפּן ביים אויער, אָבער דאָס איז נאָר אויף קאַטאָוועס, אַ שפּיל אַזאַ בייביידן. מיט אַמאָל אָבער לאָזט זשוק דאָס קעלבל אָפּ און פאַנגט אָן ראָיען מיט די לאַפּעס. כ׳זע דער הונט האָט שוין אויסגעגראָבן אַ גאַנצע גרוב און פלוצעם האַלט ער אַ ביין אין מויל. טראַכט איך—אַזאַ כלב, וואו ער באַהאַלט דאָס ביינער! באַלד אָבער האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ גרויל: זשוק האָט אַרויסגעשאַרט אַ מענטשלעכן שאַרבן; אינעווייניק אין גרוב איז געלעגן אַ גאַנצער סקעלעט.

„כ׳בין געוואָרן אַ פאַרציטערטער, האָב פאַרשאָטן דעם קבר, אַרויפגעלייגט פון אויבן אַ שטיין. קיינעם האָב איך פון דעם ניט דערציילט. אויף דער נאַכט האָב איך מיך ניט געקענט איינהאַלטן און געכאַפּט אַ קוק אויפן קבר. כ׳זע, אַ בלוילעך פייערל שימערט דאָרטן, אַ קברות־ליכטל. האָב איך שוין די גאַנצע נאַכט מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט.

„אויף מאָרגן אויף דער נאַכט—פּונקט דאָס זעלביקע: אַ בלוילעך פלעמל צאַפּלט אויפן קבר. האָב איך מיך דערמאָנט אין אַ קינדערשע זאַבאַבאָנע: אַז מען דערזעט אויפן פריפּעטשיק אָדער אויף אַ פעלד אַ פלעמל, דאַרף מען אַרויפוואַרפן אויף אים אַ פאַנטאָפל, וועט זיך באַווייזן אַן אוצר. האָב איך אויסגעטאָן אַ שוך און אַ שליידער געטאָן אויפן קבר. אין דער פרי האָב איך דעם קבר שטילערהייט אויפגעמאַכט, האָב דורכגעזיפּט יעדעס הייפעלע ערד און איצטער זע נאָר וואָס כ׳האָב דאָרטן געפונען: צוויי דוקאַטן, צוויי גילדענע רענדלעך! זיי זיינען געווען שוואַרצע, פאַרשימלטע, האָב איך זיי אויסגעשייערט מיט אַ צעריבענעם ציגל. קוק־אָן, דאָס זיינען אַלט־פראַנקישע מטבעות, מסתמא פוילישע. כ׳קען ניט לייענען די אויפשריפטן, זיי זיינען אָפּגעריבענע און די אותיות זיינען, זעט אויס, לאַטייניש.״

גאַווורילאָ האָט נייגעריק באַטראַכט די פּאָר אויסטערלישע גלאַנציקע מינצן און האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס פאַר גרויס וואונדער.

"פון וואַנען קומען גילדענע דוקאַטן אין אַן אַלטן קבר אויף אַן אָפּענעם טאָרפניק? און ווי אַזוי איז דאָס ביי אייך, חיים, פון צוויי מטבעות געוואָרן אַ גאַנצער אוצר? אפשר זיינען זיי גאָר ניט קיין גאָלדענע רענדלעך, נאָר פשוטע פּאַרצייטיקע קופּערנע גראָשנס?"

"גאָלדענע, גאָלדענע!" האָט דער טאָרף־ייד אויסגעשריען אומ־געדולדיק. "ס'איז גאָר קיין ספק ניט! די גאַנצע וועלט ווייסט אַז ביי אונדז אין די בערעזקעס איז באַגראָבן אַן אוצר. מיין זיידע דוד האָט אים שוין אַרומגעזוכט אַזוי ווי מיט ליכט. די קאָזאַקן וואָס האָבן זיך אין די נאַפּאָלעאָנער צייטן געשלאָגן מיטן פראַנצויז און מיט די פּאָליאַקן האָבן דאָרט גאָלד באַהאַלטן. אָבער דאָס איז אַ געגזלטער אוצר, — די היידאַמאַקעס האָבן דאַמאָלט אַלע אַרומיקע מאַיאָנטקעס אויסגערויבט, — דאָס איז "פּז" וואָס אויף דעם ליגט אַ קללה.

"אָבער דער נסתר האָט פאַר דעם טאַטן אַנטפּלעקט, אַז ביי אונדז אויפן טאָרפניק וואַקסט אויך אַן אמתער אוצר פון רויען גאָלד, טאַקע ניט ווייט פון דעם אָרט וואו דאָס אַנגעראַבעוועטע גאָלד איז באַהאַלטן. איצטער, גאַוורילאָ, אַז כ'האָב געפונען אין אַ וויסטן זומפּ צוויי גילדענע דוקאַטן, מוזן דאָרט זיין אַ סך מער, פאַרשטייסט צי ניין? וואו ס'איז רויך דאָרטן איז אויך פאַראַן פייער. אפשר האָב איך מיך טאַקע אָנגעשלאָגן אויפן געגזלטן אוצר, אָבער דאָס וועט מיך פירן צום אמתן גאָלדענעם אָדער. כ'מוז דאָס אויסגעפינען, דאָס גאַנצע לעבן האָב איך אויף דעם אויסגעקוקט."

חיים האָט גערעדט אַזוי ווי פון היץ. "קוק אָן מיינע הענט, גאַוורילאָ, פול מיט מאָזאָליעס און בלאָטערן. שוין באַלד צוויי וואָכן ווי איך גראָב, טאָג און נאַכט, אַקער ממש די ערד מיט דער נאָז, און אַלץ איינער אַליין. כ'האָב מורא צו רעדן וועגן דעם אפילו פאַר מיין אייגענער פאַמיליע; כ'פאַל פון די פיס, איך פאַכע מיט דער נשמה, די כוחות גייען מיר אויס. כ'מוז עפּעס אויסאַרבעטן אַ פּלאַן, כ'מוז עמעצן האָבן וואָס זאָל מיר אַרויסהעלפן...

"האָב איך מיך מיישב געווען: כ'וועל רעדן מיט דיר, כ'וועל פאַר דיר אָנפאַרטרויען מיין סוד, גאַוורילאָ. דו ביסט אַן ערלעכער מענטש, אַ שטילער און אַ גוטער אַרבעטער. קום צו מיר אויף די

בערעזקעס, קיינער וועט ניט וויסן וואָס מיר טוען דאָרטן; מען וועט מיינען אַז כ'האָב דיך געדונגען גראָבן טאָרף. דו נעמסט דאָך סיי־ווי־סיי יעדן זומער אַן אורלויב פון כאַפּון. גאַוורילאָ, ווי גאָט איז דיר ליב, העלף מיר אַרויס! וועסט קריגן אַ טייל פונעם אוצר, און אויב דו ווילסט שכירות—וועל איך דיר צאָלן."

דער שבת־גוי איז געזעסן אַ צעטומלטער. "דאָס איז אַ מאָדנער עסק, חיים, מען דאַרף דאָס גוט באַטראַכטן," האָט ער זיך אַ קראַץ געטאָן די פּאָטילניצע, "גיט מיר צייט ביז זונטיק. אויב כ'וועל אָפּ־מאַכן ביי זיך אייך אַרויסצוהעלפן, וועל איך קומען אויף די בערעזקעס; און האָט גאָר קיין זאָרג ניט, אייער סוד וועל איך ניט אויסזאָגן."

אין שולעכל לעבן פערד־מאַרק, וואָס האָט געהייסן דאָס "יאַריד־קלייזל", האָט מען געדאַוונט מעריב. ס'האָט זיך דערטראָגן דעם בעל־תפילהס קול, אויסלאָזנדיק קדיש. "אמן!" האָט דער טאָרף־ייד אַ זאָג געטאָן פרום.

"ס'איז שוין שפּעט, חיים, און איר דאַרפט נאָך פאָרן אַהיים," האָט דער שבת־גוי באַמערקט, "גייט בעסער דאַוונען."

"דו ביסט אַן ערלעכער מענטש גאַוורילאָ," האָט דער פאַר־זאָרגטער ייד אַ שמייכל געטאָן, "כ'בין שוין אַן אָפּגעדאַוונטער, אָבער ענטפערן אמן איז תמיד אַ גרויסע מצוה. דערציילט אונדז דער מדרש, אַז בעת הקדוש ברוך הוא דאַוונט מיט די צדיקים אין גן־עדן, צעטראָגן זיך די הימלשע קולות איבער אַלע וועלטן, דרינגען אפילו אַריין אין שאול תחתיה. מאַכט זיך אַמאָל אַז אַ זינדיקער, וואָס ווערט דאָרט געפּייניקט אין העלישן פייער, ענטפערט אָפּ "אמן", דער־הערנדיק דעם הימלשן קדיש. הייסט באַלד דער אייבערשטער אויפ־מאַכן די טויערן פון גיהנום און די זינדיקע נשמה אַריינצולאָזן אין גן־עדן אַריין; נאָר צוליב איין קליין הייליק וואָרט,—צוליב אַן אמן...

"איצטער אַ גוטע נאַכט גאַוורילאָ. הלוואי זאָל אונדז דער אייבערשטער העלפן, אַז מיר זאָלן מצליח זיין אין אונדזער אייגענער אונטערנעמונג, אמן!"

אַ שטיק צייט איז גאַוורילאָ געזעסן אויף דער פריזבע מיט דער אויסגעלאָשענער ליולקע, אַ פאַרטיפטער אין די געדאַנקען. אַ פּאָר וואַרעמע ווייבערשע הענט האָבן אים פלוצעם אַרומגענומען ביים

האַלדז. גאַווורילאָ האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרצן. ווילד און האַסטיק, אַזוי ווי אַ הונגעריקע חיה וואָס גרייפט אָן איר רויב, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן פּאַראַסקאַן, זי אַוועקגעטראָגן צו זיך אין כאַלופּע און זי אַ שליידער געטאָן אויפן געלעגער.

אַזוי ווי אַ שלאַנג האָט זיך פּאַראַסקאַ אַרומגעוויקלט אַרום זיין לייב, איר רויט מויל האָט געביסן זיינע ליפּן און אָנגעפילט זיין בלוט מיט אַ זיסן אַנטציקנדיקן גיפט. גאַווורילאָס האַרץ איז געוואָרן פול מיט אַ ווילדן עקסטאַז, זיין בלוט האָט געברויזט און אַלע זיינע פולסן האָבן געהאַמערט.

שפּעטער איז ער אַרויס אין דרויסן און האָט זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז פון גאָרטן. דער שטורעם אין אים האָט זיך איינגעשטילט. ער איז געלעגן מיטן פּנים צום הימל אַ פאַרקלערטער, מיט אַ מאָדנעם זיסן אומעט אין האַרצן. אויף דער ברוסט, וואו פּאַראַסקאַס שוואַרצער קאָפּ האָט אָט־ערשט געררוט, איז געווען מחיהדיק אויסגעוואַרעמט אַזוי ווי פון דער זון. אַ גריל האָט אים אַריינגעפּייפט גלייך אין אויער אַריין. די שטערן האָבן אַרונטערגעקוקט אויף אים מיט אַ פריינדלעכן שימער. דער מעכטיקער חזיר־פּראָש פון יענער זייט כאַפּונקע איז פּלוצעם פאַרשטומט געוואָרן. דער שבת־גוי האָט צוגעמאַכט די אויגן און אַלץ איז מיט אַמאָל צערונען געוואָרן.

גאַווורילאָ האָט זיך אויפגעכאַפּט ווען די הענער האָבן אָנגעהויבן קרייען. דאָס גראָז איז געווען פייכט פון טוי. אין מזרח האָט דער הימל נאָר וואָס אָנגעפאַנגען גרויען. דער פויער איז אַריין אין כאַלופּע. פּאַראַסקאַ איז געלעגן אַ צעוואָרפענע אויף זיין געלעגער און האָט געשמאַק געכראָפּעט. די לאַמפּאַדע פון דער איקאָנע האָט געוואָרפן אַ רויטלעכע שיין אויף איר שוואַרץ־חנעוודיקן פּנים. דער הויכער בוזעם איז געווען אָפן און האָט זיך געהויבן ריטמיש אין שלאָף. פון צווישן די וואונדערלעכע געוועלבן פון די ברוסטן האָט אַרויסגעשיינט אַ מעשן צלמל. "זי איז אַזוי ווי אַן איקאָנע און אַ רוסאַלקע," האָט ער אַ טראַכט געטאָן און זיך איינגעבויגן צו איר. פון פּאַראַסקאַס לייב האָט געשלאָגן אַ היץ אַזוי ווי פון אַן אויוון. זי האָט פּלוצעם אויפגעמאַכט די טונקלע אויגן און זשעדנע איינגעגראָבן די שאַרפע ציין אין זיין מויל.

״גאַווארילאָ, מיין האַרץ, כ׳וועל דיך מער קיינמאָל ניט אָפּלאָזן!״

ס׳איז נאָך געווען טונקל אין דרויסן ווען פּאַראַסקאַ, אַ באָרוועסע, מיט צעלאָזענע האָר, האָט זיך אַרויסגעשליכן פון כאַלופּע; גאַווארילאָ איז איר אַביסל נאָכגעגאַנגען. ״דער באַטקאָ פּאָפּט נאָך געוויס,״ האָט זי געלאַכט, ״פון מענדלס פּסחאָווקע וועט ער זיך אַזוי גיך ניט אויסטשוכען... קום זונטיק אין וואַלד, אין דאַנילאָס שטיבל, כ׳וועל אויף דיר וואַרטן.״

זי איז אַוועק, האָט זיך אָבער אין אַ מינוט אַרום אומגעקערט און אויף גיך אַ פליסטער געטאָן: ״צום עקאָנאָם וועל איך ניט גיין,— כ׳האָב דיך ליב, מיין האַרץ!״

זיבעטער קאַפּיטל

שוואַרצע ערד און לויזער זאַמד

— 1 —

קומט פרילינג ווערט ביים שבת־גוי דאָס שווערע פויערשע בלוט מאָדנע אומרואיק: די ערד הויבט אָן ציען אַזוי ווי אַ מאַגנעט. נעמט ער געוויינלעך באַלד נאָכן טראָיצקער יאַריד, ווען אין שטאָט איז פאַר אים סיי־ווי־סיי ווייניק וואָס צו טאָן, אַן אורלויב פון כאַפּונער קהל און גייט אַוועק אַרבעטן אויפן פעלד ביז נאָכן שניט. הײַ־יאָר אָבער האָט ער געהאַט גאָר אַן אַנדערן פּלאַן: ער וועט גיין צו חיימען אויף די בערעזקעס גראָבן טאָרף און העלפן אים זוכן דעם אוצר. אָבער יעדן שבת און זונטיק וועט ער פאַרברענגען מיט פאַראַסקאַן אין טשערנאָלוזשער וואַלד, אין פּוסטן הייזל פון פאַרשטאָרבענעם ליעסניטשי דאַנילאָ.

שבת נאָכן גרינעם יאַריד איז גאַווריל‏אָ אויפגעשטאַנען אַ ביסל שפּעט, האָט עפּעס איבערגעכאַפּט אין מויל און אויסגעלאָשן די לאַמפּאַדע לעבן דער נייער איקאָנע. די אַלטע איקאָנע מיט אַ פּאָר ריינע לייוונטענע העמדער האָט ער אַרײַנגעלייגט אין אַ טאָרבע, די טאָרבע איבערגעוואָרפן איבערן אַקסל און האָט די כאַלופּע פאַרשלאָסן. דעם נייעם פעלץ און די נייע שטיוול האָט ער שוין פריער איבערגעלאָזט ביי הענעכן דעם בעדער. דער בעדערקע האָט ער אָנגעזאָגט אַז זי זאָל אַכטונג געבן אויפן גאָרטן, כדי ער זאָל ניט פאַרדאַרט ווערן.

ס'איז געווען אַ ליכטיקער מאַיאָווער טאָג. דאָס שטעטל איז געלעגן שבתדיק, שלום־ושלווהדיק. מען האָט דאָרטן נאָר וואָס אָפּגעגעסן וואַרעמעס און גאַנץ כאַפּון האָט געכאַפּט אַ דרימל. גאַווריל‏אָ האָט געשפּאַנט אויפן אָפענעם טראַקט און אַ דיקער שטויב־וואָלקן האָט נאָכגעפאָלגט זיינע באָרוועסע טריט. פּלוצעם האָט ער דערהערט הינטער זיך הילכיקע קולות און אַ פריילעכע קאָמפּאַניע האָט אים אָנגעיאָגט. יונה קרומע־ביינע אין אַ שבתדיקער קאַפּאָטע האָט געפירט ביי דער האַנט זיין יינגל אַרעלע דעם רויטן; בערטשיק דער באַ־

העלפֿער האָט געטראָגן אויפֿן אַקסל ניאָמען, דעם פֿישערס מיזיניקל. ניאָמע, אַ פֿינפֿיאָריק ייִנגעלע וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן גיין אין חדר, האָט קוים געקענט פּלאָנטען מיט די שוואַכע אויסגעקרימטע פֿיסלעך. דערפֿאַר אָבער האָט ער געהאַט אַ פֿלאָם־פֿײַערדיקן קאָפּ, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ צאַרטן דאַרן העלדזל, אַזוי ווי אַ וואונדערלעכער רויטער קירבעס אויף אַ דינעם שטענגל. דאָס פּנים ביים ייִנגל איז געווען ווייס ווי מילך, באַשאָטן מיט גרויסע ברוינע קלײַען. פֿון פּנימל האָבן אַרויסגעקוקט צוויי גרינע שטיפֿעריש אויגן פֿול מיט וואונדער. יונהס חברה האָט דאָס געכאַפּט אַ שבתדיקן שפּאַציר־גאַנג.

אָנגעקומען אין די בערעזקעס, איז חיים דעם טאָרף־ייִדס כאַל־יאַסטרע מיט דעם שוואַרצן הונט זשוק בראש, אַרויסגעלאָפֿן באַ־געגענען די געסט. חיים און זיין ווייבל האָבן זיך נאָר וואָס געהאַט צוגעשפּאַרט, וואָרעם די קליינע שיינדעלע האָט זיך די גאַנצע נאַכט געריסן אויפֿן בייכל און קיינער האָט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. האָבן די געסט געכאַפּט אַ טרונק פֿון דער קרעניצע און זיך אַוועק־געלאָזט אין בערעזע־וועלדל.

די ביימער האָבן ליכטיק געשימערט מיט די ווייס־באַשפּרענקלטע שטאַמען און מיט דעם צאַרטן גרינעם פּוך אויף די צווייגן. ס׳האָט געשמעקט דומפּיק מיט פֿאַראַיאָריקע פֿאַרפֿוילטע בלעטער, מיט מאָך און מיט שוועמלעך. אין מיטן וועלדל איז געשטאַנען אַן אַלטע חורבה, אַ רעשטל פֿון אַן אַמאָליקער פּריצישער באָד. אויפֿן הויכן שוואַרצן קוימען איז געלעגן אַ ראָד און אויף איר איז געווען אויפֿגעבויט אַן אַלטע בושל־נעסט פֿון צווייגן און פֿון שטעקעלעך. נאָר די באַציאַניכע איז געווען אין דער היים, אָבער ניט ווייט, אויף אַ פֿאַרזומפּטן געמויזעכץ, האָט מען געקענט זען דעם באַציאַן אַליין: אַ הויכן בכבודיקן פֿויגל מיט שוואַרצע גלאַנצעדיקע פֿליגלען, מיט אַ קלאָר־ווייסן בויך און מיט אַ ווייסן פּוכיקן בערדל אויפֿן האַלדז. ער האָט אויסגעזען ווי אַ יוסטער בעל־הבית אין אַ שוואַרצער אַטלעסענער קאַפּאָטע מיט אַ ווייסן קאַמזויל. סטאַטעטשנע האָט ער געשפּרייזט מיט די דינע פֿיס אַזוי ווי אויף אַ פּאָר שטאָלצעס, האָט אַלע ווײַלע אַ טוק געטאָן דעם לאַנגן שנאָבל אין בלאָטע אַריין און בריהדיק אַרויסגעפֿישט אַ פֿראָש.

„די נעסט דאָ איז אוודאי הונדערט יאָר אַלט,‟ האָט חיימס ייִנגל

קאָפּל דערקלערט. „מיין עלטער־זיידע דוד האָט זי שוין געפונען, אַזוי האָט מיר דער טאַטע דערציילט. די באַציאַניכע בריט איצטער אויס אירע אייער שוין צום אַנדערן מאָל. די ערשטע אייער האָט זי פאַר־לאָרן, אָדער אַ רויב־פויגל האָט זיי אַוועקגעגנבעט. דער באַציאַן אַליין פאַרזאָרגט זיין הויזגעזינד מיט שפּייז."

ניאָמקאַ האָט פאַררוקט דעם שווערן רויטן קאָפּ צו דער נעסט, דערנאָך האָט ער גענומען באַטראַכטן מיט גרויס וואונדער די לאַנגע רויטע פיס און דעם רויטן שנאָבל פון דעם מעכטיקן פויגל, וואָס האָט מאַיעסטעטיש אַרומגעשפּאַנט איבער דער בלאָטע.

„קוק־אָן, ער איז אַ רויטער!" האָט זיך דער יינגל געחידושט, „פאַרוואָס איז ער אַ רויטער, באַהעלפער?"

„די באַציאַנעס שטאַמען פון לאַנד מצרים," האָט בערטשיק דער־קלערט, „דאָרטן האָבן זיי אַמאָל געלעבט ביים גרויסן טייך, דאָס איז דער „יאור". אין דער צייט פון יציאת־מצרים, בעת גאָט האָט אַראָפּ־געבראַכט די ערשטע מכה „דם", איז דער גאַנצער טייך פאַרקערט געוואָרן אין בלוט. האָבן די באַציאַנעס אַרומגעבראָדזשעט אין בלוט, האָבן איינגעטונקען אין דעם זייערע שנאָבלען זוכנדיק עסן; אָבער אַלע פיש זיינען אויסגעפּגרט. אָט אַזוי זיינען ביי די פויגלען די פיס אין די שנאָבלען געוואָרן רויט ביז אויף היינטיקן טאָג. אַז ס'איז געקומען די צווייטע מכה „צפרדע", האָבן פרעש באַדעקט דאָס גאַנצע לאַנד מצרים. אַזוי ווי די באַציאַנעס זיינען געווען הונגעריק, האָבן זיי גענומען פרעסן די פרעש. אָט אַזוי שפּייזן זיי זיך מיט זשאַבעס עד היום הזה. אָבער נאָך דער צווייטער מכה האָבן די באַציאַנעס אָנגעהויבן אויסוואַנדערן פון מצרים און איצטער לעבן זיי צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט."

יונה און גאַוורילאָ האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו דער טשיקאַווער געשיכטע.

„פון וואָס פאַר אַ מדרש האָסטו דאָס אַרויסגענומען אַזאַ שיין מעשהלע, בערטשיק?" האָט דער פישער אַ פרעג געטאָן מיט אַ שמייכל.

„בערטשיק ווייסט אַ סך שיינע מעשות," האָט זיך דער קליינער ניאָמע באַרימט. די שענסטע מעשות אין דער וועלט. אַנו באַהעלפער,

דערציילן אַקאָרשט ווי אַזוי שלמהלע איז אַריינגעקומען אין די הריי־חושך. כ׳בעט דיך, דערצייל!״

דאָס ייִנגעלע האָט זיך ניט געקענט זאַט אָנהערן מיט דעם באַהעלפערס פאַנטאַסטישע געשיכטעס. אָבער די גרויסע חדר־עפּיק „צו די טויערן פון דער ערד״ האָט בערטשיק געהאַט פאַרענדיקט נאָך פאַר שבועות און ער האָט ניט געהאַט קיין חשק איצט דאָס איבערצוחזרן.

„נו אדרבה, דערצייל אויף טשיקאַוועס,״ האָט יונה אַ זאָג געטאָן, „כ׳וואָלט אויך געוועט אַ בעלן דאָס הערן.״

„דערצייל באַהעלפער, דערצייל!״ האָבן די קינדער אָנגעהויבן בעטן. „די מיידלעך גייען דאָך ניט אין חדר, זיי האָבן דאָך דיינע מעשׂות קיינמאָל ניט געהערט.״

בערטשיקס פאַרכישופט קול האָט אָנגעהויבן דערציילן איינעם פון די לעצטע עפּיזאָדן פון שלמהלע־יתומס וואונדערלעכע נסיעות ביז עק־וועלט צו די קאַמערן פון דער זון, אַראָפּצוברענגען פון דאָרטן אַ זונשטראַל און אויך אברהם־אבינוס צויבער־שטיין, וואָס גאָט האָט אַרויפגעהאַנגען אויף דער זון נאָך אברהמס טויט. דער דאָזיקער שטיין, וואָס האָט געקענט היילן אַלע קראַנקהייטן, האָט געדאַרפט זעענדיק מאַכן די בלינדע גאָלדעלע, די בת־מלכה פון „מזל־טוב־לאַנד״.

דער עפּיזאָד איז פאָרגעקומען אויפן זיבעטן יאָר פון שלמהלעס וואַנדערונגען. שלמהלע־יתום האָט געשטאַמט פון שבט בנימין און האָט געלעבט אין די בערג פון אפרים. ער איז געווען אַ ייִנגל—אַ פאַרשוין, אַ גוואַלדיקער גיבור, אַ גרויסער חכם און האָט פאַרשטאַנען די לשונות פון חיות און עופות, אפילו פון ביימער. אין זיין לאַנגער וואָגלעניש האָט זיך שלמהלע אָנגעזען די גרעסטע חידושים אין דער וועלט און דורכגעלעבט די מערקווערדיקסטע אַוואַנטורעס. ער האָט דורכגעוואַנדערט די וואונדערלעכסטע לענדער, וואו עס וואוינען די משונהדיקסטע פעלקער פון כל־המינים הויט־קאָלירן. ער האָט געזען מענטשן הויכע אַזוי ווי בערג און מענטשן פּיטשינקע אַזוי ווי מוראַשקעס; מענטשן וואָס רעדן שטום־לשון מיט די הענט; מענטשן וואָס גייען מיטן קאָפּ אַראָפּ; מענטשן וואָס וואוינען אין

שווימענדיקע שטעט: מענטשן וואָס פליען אַרום אין וועגעלעך געשפּאַנט מיט אָדלערס. ער האָט באַזוכט דאָס טשיקאַווע "משקה־לאַנד" פון די קליינע יידעלעך, וואָס זייערע טייכן זיינען פול מיט וויין און זייערע ברונימער—מיט שנאַפּס. זייער הויפּט־שטאָט רופט מען "לחיים" און זייער קיסר הייסט "פינטעלע־הוליאַקע".

שלמהלע האָט דורכגעוואַנדערט דעם גרויסן מדבר, וואו עס געפינען זיך די בערג וואָס שפּייען מיט פלאַמען און וואו עס וואוינען די פּיפּערנאָטערס, וועלכע שפּייזן זיך פון דעם דאָזיקן פייער. ער איז דורכגעגאַנגען דעם געדיכטן "אדם־הראשון־וואַלד" וואו עס וואוינען די אויסטערלישסטע באַשעפענישן. דאָרטן אין וואַלד, וואָס איז אַ סך גרעסער פון דעם טשערנאָלוזשער וואַלד, איז ער געווען אַ גאַסט ביי די רויטע מאַלפּעס; זיי רעדן מיט מענטשלעכע שטימען און האַלטן יעדן ראש־חודש אַ גרויסן וואַלד־יאַריד. ער איז אַריבערגעפאָרן דעם ים־אוקינוס און האָט באַזוכט די ליכטיקע אינדזלען, וואָס זייער גרונט איז פון דימענטן און פערל. דאָרטן לעבן די גילדענע פאַוועס און אויך מענטשן וואָס רעדן אַ פויגל־שפּראַך און גייען אָנגעטאָן אין פעדערן; זיי בויען זייערע הייזלעך אויףביימער פּונקט ווי די נעסטן פון פויגלען. ער האָט שבת געהאַלטן ביי די "ים־בעל־הביתלעך" וואָס לעבן אין וואַסער, זיינען באַדעקט מיט לושפּייקעס און האָבן פליספעדערן. זיי האַלטן אָבער שטרענג אָפּ די דינים פון תורת משה, זייערע ים־ווייבלעך טראָגן שייטלען און בענטשן ליכט פרייטיק־צו־נאַכט.

שלמהלע האָט שוין געהאָט אַריבערגעשוואומען דעם קאָכעדיקן טייך סמבטיון און האָט דערגרייכט ביז די הרי־חושך, וואָס ליגן ביים סאַמע עק־וועלט. אַריבער זיי געפינען זיך שוין די קאָמערן פון דער זון. שלמהלע האָט געהאָט מיט זיך אַ צויבער־קעסטעלע, וואו ער האָט געהאַלטן אַ וואונדערלעכע שפּין. די דאָזיקע שפּין פלעגט אויסשפּינען בריקלעך איבער די טייכן און זומפּן און פלעגט אויספלעכטן שטריק צו קלעטערן איבער בערג און פעלדזן. אויך האָט ער אין קעסטעלע געהאָט אַ גלי־ווערעמל, וואָס האָט געקענט באַלייכטן דעם וועג אין דער געדיכטסטער פינצטערניש, בעסער פון אַ לאַמטערנע. אין צויבער־קעסטעלע איז אויך געווען אַזאַ שוואָם, וואָס פלעגט זיך ביינאַכט

אַנזויגן מיטן טוי פון הימל אפילו אין דעם טרוקנסטן מדבר; אויף אַזאַ אופן איז דער ייִנגל תמיד געווען פאַרזאָרגט מיט וואַסער.

ביים גרענעץ פון די הרי־חושך זיינען געשטאַנען צוויי בערג, וואָס האָבן אויסגעזען אַזוי ווי אַ פּאָר הירשן. אויף מזרח־זייט איז געווען דער „צבי־הזהב", דער גאָלדענער הירש און אויף מערב־זייט — דער „צבי־הכסף", דער זילבערנער הירש. יעדער באַרג האָט געהאַט צוועלף שפּיצן, אַזוי ווי צוועלף הערנער־שופרות. יעדער שופר פלעגט בלאָזן און אָנזאָגן אַן אַנדערע שעה פון טאָג: דער גאָלדענער הירש פלעגט בלאָזן בייטאָג און דער זילבערנער הירש — ביינאַכט. צווישןביידע בערג איז געלעגן דער פּאַלאַץ פונעם מלך פון די הרי־חושך. אָבער אַהינצו אין לאַנד פלעגט מען קיין פרעמדע ניט אַריינלאָזן, אפילו ניט קיין ווייסע יידן — נאָר די רויטע יידעלעך.

דער פּאַלאַץ ווערט באַוואַכט טאָג און נאַכט פון דריי וואונדערלעכע שומרים. דער ערשטער שומר איז געווען אַ שוואַרצער פּיקהאָלץ, וואָס איז געזעסן אויף אַ שוואַרצן דעמב. דער פויגל איז געווען דריי איילן די לענג און האָט געהאַט דריי שנאָבלען: איינעם אַ ביינערנעם, דעם צווייטן אַן אייזערנעם און דעם דריטן אַ קופּערנעם.

רופט זיך אָן דער שוואַרצער פּיקהאָלץ מיט אַ מענטשלעכן קול: „ייִנגעלע, אויב דו ווילסט אַריינגיין אין די הרי־חושך, דאַרפסטו טרעפן דריי רעטענישן."

פרעגט דער ביינערנער שנאָבל:

„וואָס פאַר אַן אויג ווערט אויף וואַסער געוויזן?
וואָס פאַר אַן אויג ווערט געשטאָכן מיט שפּיזן?
„אויב דו טרעפסט ניט, וועל איך דיר אויספּיקן די אויגן!"

פרעגט דער אייזערנער שנאָבל:

„וואָס פאַר אַן אויער האָט אַ ליידיקן קאָפּ?
וואָס פאַר אַן אויער האָט אַ דינינקן צאָפּ?
„אויב דו טרעפסט ניט, וועל איך דיר אויספּיקן די לעבער!"

פרעגט דער קופּערנער שנאָבל:

„וואָס פאַר אַ צונג רוט ניט די נעכט?
וואָס פאַר אַ צונג איז אייביק גערעכט?
„אויב דו טרעפסט ניט, וועל איך דיר אויספּיקן דאָס האַרץ!"

אָבער שלמהלע האָט כּהרף־עין אַלע רעטענישן געטראָפֿן. ״אַ פּעט־אייגל ווייזט זיך אויף וואַסער און אַ שטריקערײ־אייגל ווערט געשטאָכן מיט שפּיזלען; אַן אויערל פֿון אַ כּלי האָט אַ ליידיקן קאָפּ און אַן אויערל פֿון אַ נאָדל האָט אַ לאַנגן צאָפּ; אַ צונג פֿון אַ גלאָק רוט ניט די נעכט און אַ צינגל פֿון אַ וואָג איז אייביק גערעכט.״ האָט דער שוואַרצער פּיקהאָלץ שלמהלען דורכגעלאָזן.

דער יינגל האָט דערגרייכט אַ הויכן טורעם, וואָס צו אים איז געווען צוגעשמידט אויף אַ מעכטיקער אייזערנער קייט דער אַנדערער שומר פֿון די הרי־חושך, די שווידערלעכע צויג מיטן נאָמען ״די כּלבטע בת־שבֿע״. זי איז געווען זיבן קלאַפֿטער די לענג, שוואַרץ ווי קויל און האָט געהאַט זיבן קעפּ מיט פּערצן פֿייערדיקע אויגן און זיבן מיילער, וואָס פֿון יעדן איז אַרויסגעהאַנגען אַ צונג, אַזוי ווי אַ רויטע שלאַנג און האָט אַרויסגעזעצט שוים, אַזוי ווי פֿון אַ קאָכעדיקן קעסל; פֿון די נאָזלעכער האָט געזעצט אַ רויך, אַזוי ווי פֿון אַ קוימען.

״ווייסער יינגל,״ האָט די כּלבטע געבילט אין אַ מוראדיקן קול, ״אויב דו טרעפֿסט מיין רעטעניש, וועל איך דיך אַריינלאָזן. אויב אָבער ניט, וועלן דיך מיינע זיבן מיילער צעררייסן אויף שטיקער. וואָס איז דאָס?

״אַז דו האָסט דאָס, קענסטו דאָס ניט כאַפּן,
און אַז דו כאַפּסט דאָס, קענסטו דאָס ניט האָבן!״

פֿאַר אַ ווײַלע איז שלמהלע געשטאַנען אַ צעטומלטער. מיט אַמאָל האָט זיך די שוואַרצע בת־שבֿע אָנגעהויבן קראַצן מיט אַ הינטער־שטער לאַפּע.

״פֿליי!״ האָט דער יינגל אויסגעשריגן לעבעדיק. ״אַז מען האָט פֿליי, איז שווער זיי צו כאַפּן, און אַז מען כאַפּט זיי האָט מען זיי ניט!״

האָט די שוואַרצע צויג געמאַכט אַ וועג פֿאַר שלמהלען.

איצטער איז שלמהלע שוין געשטאַנען פֿאַר די טויערן פֿון פּאַלאַץ, וואָס איז געווען באַוואַכט פֿון דעם מוראדיקן ריז ״אייגל״. ער איז געווען צען קלאַפֿטער די הייך און האָט געהאַט איין גרויס גליענדיק אויג פֿון פֿאָרנט, וואָס האָט געהייסן די ״זון״ און אַ קלענער געל אויג

אויפן נאַקן, וואָס האָט זיך גערופן די "לבנה". בייטאָג, אַז די "זון" איז אָפּן ביי "אייגלען", איז די "לבנה" צוגעמאַכט און ביינאַכט איז פונקט פאַרקערט. אויף אַזאַ אופן האָט "אייגל" שטענדיק געזען וואָס עס טוט זיך אַרום אים, אפילו בעת ער האָט געכאַפּט אַ דרימל.

אַז מען האָט אייגלען אָנגעזאָגט וועגן דעם יידישן יינגל וואָס וויל אַריינגיין אין פּאַלאַץ צום מלך פון די הרי־חושך, האָט דער ריז געענטפערט אַזוי צו זאָגן: "אויב דעם ווייסן יינגל וועט זיך איינגעבן פאַרבייצוגיין מיין פנים און איך וועל ניט קענען כאַפּן קיין אָנבליק פון אים; און אויב זיין געשטאַלט וועט ניט וואַרפן קיין שאָטן, ניט אין די שטראַלן פון מיין "זון" און ניט אין דער שיין פון מיין "לבנה", — וועל איך אים אַריינלאָזן אין הויפּט־שטאָט. אַנדערש אָבער וועט ער פאַרברענט ווערן פון מיין "זון", אָדער וועט צעשמאָלצן ווערן פון מיין "לבנה".

אייגל דער ריז האָט געהאַט אַ טבע יעדן פרימאָרגן, ווען די זון גייט אויף, צו זיצן ביי די טויערן פון שטאָט און עסן זיין אָנבייסן, — פינף הונדערט פונט האָניק פון אַ גוואַלדאָוונעם ליימענעם טאָפּ. איז שלמהלע אַוועק ערגעץ אויף אַ באַשטאַן, האָט אויפגעזוכט אַ פאַר־דאַרט קירבעסל, האָט עס אויסגעהוילט פון אינעווייניק און געמאַכט דאָרטן אַ קליין טירל. דערנאָך האָט ער געכאַפּט אַ ראַי ווילדע בינען, האָט זיי אַריינגעלאָזט אין פוסטן קירבעס און האָט דאָס טירל פאַר־שטאָפּט. אַזוי האָט ער די בינען געהאַלטן אין קירבעס אַ גאַנצע וואָך, ביז דער ראַי האָט זיך שטאַרק אויסגעהונגערט.

זונטיק אין דער פרי, ווי נאָר די זון איז אויפגעגאַנגען, איז דער יינגל אַוועק צו די טויערן פון פּאַלאַץ, וואו אייגל איז געזעסן שטאַרק פאַרטאָן אין דער אכילה. האָט שלמהלע אויפגעמאַכט דאָס טירל פון קירבעסל. ווי נאָר די הונגעריקע בינען האָבן דערשמעקט דעם ריח פון האָניק, זיינען זיי אַרויסגעפלויגן מיט אַ ווילדן אימפּעט און האָבן אָנגעהויבן שווירבלען און גריבלען אַרום דעם ריז מיט אַ מוראדיקער זשוזשעניש. האָט זיך אייגל ניט ווילנדיק פאַרזשמורעט און פאַר־שטעלט דאָס פנים מיטביידע הענט. כהרף־עין האָט זיך שלמהלע אַריינגעכאַפּט אינעווייניק דורך די טויערן פון שטאָט. ס'איז געווען אַקוראַט זעקס אַזייגער אין דער פרי. די באַרג־הערנער פון דעם גאָל־

דענעם הירש אויפן מזרח האָבן אָנגעהויבן בלאָזן שופר זעקס מאָל. דער גרויסער זילבערנער גלאָק פון פּאַלאַץ האָט גענומען קלינגען, אָנזאָגנדיק אַז אַ גאַסט איז געקומען אין שטעטל.

די קינדער האָבן זיך צוגעהערט צו בערטשיקס פאַנטאַסטישער געשיכטע מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. יונה קרומע־ביינע איז גאָר אַריינ־געפאַלן אין קעלבערנע התפעלות.

״איי־איי!״ האָט ער אויסגעשריגן און געסמאַטשקעט מיט די ליפּן, ״ס׳איז דאָך חידושים ונפלאות, ניסים מיט טשיפּיקעס! הערסטו בערטשיק, ביסטו אַ טאַקער—אַ מדינה אויסצופאַרן. אַז איך בין געגאַנגען אין חדר און אַ יינגל פלעגט דערציילן עפּעס אַן אויסטער־לישע זאַך, נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, פלעגן מיר זינגען אַ לידל:

״אַ רומל, אַ טומל, אַ יאַריד אויפן הימל!
געפלויגן די באָבע צייטל מיטן גרויסן שייטל;
אלף־בית־גימל,—האָט געבראַכט פון דעם רומל
אַ טעלערל פון הימל באַשאָטן מיט קימל.״

״כ׳האָב זיך שוין אָנגעהערט אין לעבן אַלערליי אגדתות, מעשה־לעך פון מדרש, שיינע משלים פון מגידים און גלאַט אַזוי היסטאָריעס און בייקעס, אָבער אַזאַ מין אַקציע ווי דו האָסט דאָ צונויפגעפלאָכטן, בערטשיקל, האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געהערט. מען דאַרף דאָס ממש באַשרייבן אין אַ ביכל... נו קינדער, געבוג שוין באַלאַקעט. לאָמיר גיין צוריק אין הויז אַריין.״

— 2 —

דער טאַרף־ייד איז געזעסן אויפן גאַניקל אין דער שבתדיקער קאַפּאָטע, מיט דער סאַמעטענער יאַרמלקע, אָבער אין די וואָכעדיקע שטיוול. ער האָט אויסגעקוקט שטאַרק פאַרעלטערט: די שוואַרצע האָר שוין היפּשלעך פאַרגרויט, די פּלייצעס אַ ביסל איינגעהויקערט. דער־זעענדיק דעם שבת־גוי מיט דער טאָרבע אויפן אַקסל, האָבן ביי חיימען די אויגן אויפגעלויכטן.

״ביסטו טאַקע געקומען, גאַוורילאָ,״ האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט

אַ גליקלעכן שמייכל אויפן געלן פּנים. "ווּעסטו הייסט דאָס פּאַר־בלייבן?" דער פּויער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ. "אַ דאַנק דעם אייבערשטן, האָסט ביי מיר אַראָפּגענומען אַ שטיין פון האַרצן... זעצט זיך צו אַלע אויף דער פּריזבע און אויפן גאַניק, מען וועט באַלד דערלאַנגען פּאַרבייסעכץ," האָט ער אַ מאַך געטאָן צו יונהס קאָמפּאַניע.

חיימיכע איז אָנגעקומען מיט דער קליינער שיינדעלען אויף די הענט. איר פֿאַרחושכט פּנים האָט אויסגעזען מאָדנע וואָכעדיק אונטער דער שבתדיקער זיידענער פּאַטשיילע. זי האָט געשטעלט פֿאַר די געסט אַ ליאַק עפּל־קוואַס, אַ שיסל קאַלטע בעבלעך און אַ פּאָר אויס־געדאָרטע שבועותדיקע קיכלעך. דער הימל איז געווען אַ לויטערער, די זון האָט געבאַקן גאָר זומערלעך. הינטערן הייזל האָבן שעמערירט בעז־ביימלעך, באַדעקט מיט ליכטיקן לילאָוון צוויט. די לופט איז געווען דורכגעדרונגען מיט זייער דערקוויקנדיקן האָניק־ריח. בינען זיינען אַרומגעפלויגן און האָבן געזשומעט פֿאַרהאַוועט. פון הויף האָט זיך געטראָגן דער זומפּיקער גערוך פון פֿריש־געשניטענעם טאָרף. אין שטאַל האָט זיך אַ בהמהלע צעמעקעט. די קליינע שיינדעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט און זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ געוויין. "שאַ־שאַ!" האָט זי די מאַמע איינגענומען.

ס'האָט זיך דערהערט אַ גערויש פון וועלדל. צווישן די בערעזע־ביימער האָט זיך באַוויזן אַ מאָדנע באַשעפעניש, וואָס האָט אַליין אויסגעזען ווי אַ פֿאַרקאָרטשעט באַוועגלעךביימל. דאָס איז געווען די אַלטע זנאַכערקע מאַרפאַ פון טשערנאַלוזשע. אירע טונקלע באָר־וועסע פיס און די ברוינע אויסגעדאַרטע הענט האָבן אויסגעקוקט ווי פֿאַרקרומטע וואָרצלען; די קורצע גרויע צעשויבערטע האָר—ווי דינע טרוקענע צווייגן. דאָס אור־אַלט פּנים איז געווען צערונצלט מיט אומצאָליקע קנייטשן. די איינגעבויגענע נאָז איז געהאַנגען איבער אַ פּוסטן איינגעפאַלענעם מויל, אַזוי ווי אַ שנאָבל פון אַ רויב־פויגל. אויפן סאַמע שפּיץ פון דער מאָרדע האָט געשפּראָצט אַ באָראָדעווקע, פֿאַרוואָקסן מיט גרויע האָר פּונקט ווי אַ בערדל. אָבער די אויגן אין די טיפע אויגן־לעכער אָן ברעמען זיינען געווען שאַרפע און קלאָרע.

אַנגעטאָן איז די אַלטע געווען אין אַ גרויער לייוונטענער בונדע, האָט געטראָגן אַ זאַק אויף די פּלייצעס און אַ דיקן סוקעוואַטן שטעקן אין די הענט. אין געמבע האָט ביי איר געשטעקט אַ קורצע ציגיינערשע פּיפּקע. ווי אַלט מאַרפאַ איז געווען, האָט קיינער ניט געוואוסט, אָבער זי האָט שוין געדאַרפט זיין אין די ניינציקער. אין די מיידלשע יאָרן האָט זי געדינט אין יאַסנאָפּאָלער הויף נאָך איידער די ״טשאַרטאָ־רייסקאַ״ האָט חתונה געהאַט מיט דעם איצטיקן גראַפס טאַטן. די אַלטע זנאַכערקע האָט אַליין דערציילט, אַז בעת דער פראַנצויז האָט באַפאַלן דעם כאַפּונער קאַנט, איז זי שוין געווען אַ מאַמע פון צוויי קינדער. ביי איר אין הייזל האָט זיך אפילו אויפגעהאַלטן אַ באַנדע קאַזאַקן, וועלכע האָבן שפּעטער דעם יאַסנאָפּאָלער מאַיאָנטעק פאַר־ברענט.

געלעבט האָט די אַלטע מאַרפאַ, אַן אלמנה פון אַ וואַלד־שומר, אין אַ הייזל לעבן בית־עולם אין טשערנאָלוזשע אין איינעם מיט איר אייניקל דעם ליעסניטשי דאַנילאָ. אָבער מיט קנאַפּע דריי יאָר צוריק איז דאַנילאָ געפונען געוואָרן אין וואַלד אַ דערהרגעטער פון אַ גע־פאַלענעם בוים. אייגן לאַנד האָבן די ליעסניטשיס פאַרמאָגט ווייניק, געלעבט האָט מען פון די שכירות וואָס דער גראַף האָט געצאָלט. איז די יונגע דאַניליכאַ מיט דריי פיצלעך קינדער אַוועק דינען צום הנילאָפּאָליער פּאַפּ איוואַן. די אַלטע מאַרפאַ איז פאַרבליבן אַליין, האָט זיך מפרנס געווען פון אַ שטיקל פעלד פאַרזייט מיט קאַרטאָפל, דער עיקר אָבער—פון עסנוואַרג וואָס די פויערן פלעגן ברענגען פאַר אַן עצה אָדער פאַר אַ רפואה: די אַלטע איז געווען אַ געניטע זנאַ־כערקע און פלעגט אויסקאָכן אירע אייגענע רפואות פון קרייטעכצער און וואָרצלען. אַמאָל פלעגט מען זי רופן אָפּצושפּרעכן אַ גוט־אויג, אָדער צו אַ בהמה וואָס האָט זיך אויפגעהערט מעלקן; אַמאָל צו אַ געווינערין, וואָס איז געגאַנגען שווער צו קינד, אָדער להבדיל צו אַ שקאַפּע. אַמאָל פלעגט זיך אַריינכאַפּן צו איר אַ שיקסע פאַר אַ ליבעס־געטראַנק.

אַזוי האָט די אַלטע געלעבט פון פרעמדן כאַרטש און פון די צוגעוואָרפענע פאַר גראָשנס. אין זומער איז נאָך געווען צו דער־ליידן, דער וואַלד איז געווען פול מיט יאַגדעס און שוועמלעך. אָבער

ווינטער־צײַט האָט מאַרפֿאַ געמוזט נעמען די טאָרבע און אַרומגײן בעטלען איבער די הײַזער.

״סקאָצל קומט!״ האָט דער טאָרף־ייִד אַ ברום געטאָן אַ פֿאַר־כמורעטער, דערזעענדיק די זנאַכערקע. בײַם איבעריקן עולם, דער עיקר בײַ די קינדער, איז זי דווקא געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט: די אַלטע מאַרפֿאַ האָט געוואוסט פֿון אַלע שווערע הערצער, געוואוסט אַלע נײַעס און פּליאָטקעס פֿון דער גאַנצער סביבה, איז געווען פֿול מיט מעשׂות און בײַקעס אַזוי ווי אַ לעכערדיקער זאַק.

״גאָט־העלף, באָבע־מאַרפֿאַ!״ האָט גאַווורילאָ אַ זאָג געטאָן פֿרײַנדלעך. ״זעץ זיך צו און רו זיך אָפּ אַ ביסל.״

״זדראַוואָ פּאַנאָוועט!״ האָט זיך די אַלטע אָנגערופֿן אין אַ סקריפּעדיקן קול, זיך צוגעזעצט אויף אַ שטיין און האָט אַלעמען באַ־טראַכט מיט אַ שאַרפֿן בליק. ״היי בעל־הבית, שבתדיקע חלה האָסטו? זײַ מכבד מיט אַ קעלישעקל האָרילקאַ!״

חײמס ווײַב האָט איר צוגעטראָגן אַ גלעזל בראָנפֿן און אַ שטיק חלה.

״זדראַוואָ־בולי!״ האָט מאַרפֿאַ ווידער אַ סקריפּע געטאָן, איבער־געקערט דאָס גלעזל און זיך פֿאַרהוסט. ״היי, זונעלע, ברענג אַ קענדל וואַסער״, האָט די אַלטע אַ מאַך געטאָן צו גאַווורילאָן. זי האָט גענומען טונקען די חלה אין וואַסער און זיך פּאַסמאַקעוועט. ״טײַערע חלה, חײם, אַ גוטע בעל־הביתטע דײַן חײמיכע, אַן אשת־חיל!״

מאַרפֿאַ האָט געפּיפּקעט די קורצע ליולקע און האָט אויסגעזען שטאַרק אויפֿגעלייגט.

״פֿון וואַנען קומסטו, באָבע? האָט יונה אַ פֿרעג געטאָן, ״געקליבן קרײַטעכצער אין וואַלד?״

״געקליבן,״ האָט די אַלטע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט אַ טאָפּ געטאָן דעם זאַק. ״נאָך אַ ביסל צו פֿרי פֿאַר קרײַטעכצער, זײ זײַנען נאָך ניט צײַטיק... איך קום איצטער פֿון הנילאָפּאָליע. דעם הנילאָפּאָליער דיאַק אַלעקסײ קענסטו? אַ פֿולער איז ער אַזוי ווי אַ זאַק מעל. איז ער אַנומלטן אַרונטערגעפֿאַלן פֿון גלאָקן־טורעם און האָט זיך רוק און לענד צעשלאָגן. שטייט ער—קען ער ניט זיצן; לייגט ער זיך אַוועק—קען ער ניט אויפֿשטיין. נעמט דער פּאָפּ איוואַן,

וואָס מיין דאַנילִיכאַ דינט ביי אים, און שיקט אים אַריין אייל פון קלויסטער. "שמיר זיך מיט הייליקן לאַמפּאַדן־אייל, וועסטו געזונט ווערן." אַ נעבעכטיקער טאָג, שמיר היינט, שמיר מאָרגן—דער דיאַק קרעכצט: "אָך־אָך־אָך! עס שיסט מיר אין די קריזשעס אַזוי ווי מיט אַ פּיסטויל." זאָגט מיין דאַנילִיכאַ שטילערהייט צו מיקיטקאַן,—קענסט מיקיטקאַן? דער וואָס שפּילט אויף דער באַנדורע און שלעפּט זיך אַרום מיט נאַטאַלקאַן דעם פּאַסיטשניקס שנור, — זאָגט דאַנילִיכאַ: "דו רוף די באָבע מאַרפאַ, דער דיאַק האָט געקראָגן אַ העקסן־שוס; זי איז געניט אין אַזעלכענע זאַכן, די באָבע מאַרפאַ."

"וואָס־זשע האָסטו געטאָן מיטן דיאַק?" איז יונה געוואָרן טשי־קאַווע, "האָסטו אים עפּעס געהאָלפן?"

"געהאָלפן," האָט די אַלטע פאַרזשמורעט די אויגן און האָט ווייטער געפּיפקעט. "ער גייט שוין אַרום דער גראָבער דיאַק אויףביידע פיס אַזוי ווי אַ טאַטעלע. נעם, זאָג איך דער דיאַטשיכע, ציגל אַ האַלב טוץ, ברען זיי אויס אין אויוון, וויקל זיי איין אין אַ ראָגאָזשע, זאָג איך, און באַק אויס דעם דיאַק די קריזשעס; באַק אויס די פּלייצעס און באַק אים צווישן די לאָפּעטקעס... אוודאי געזונט געוואָרן דער דיאַק, געגעבן מיר צען גראָשן און אַ פלאַש וויין. געוויס פון קלויסטער אָוועקגעלקחנט דעם ווייַן, אַלעקסיי, דער דיאַק."

פּלוצעם האָט זיך איר שאַרפער בליק אָפּגעשטעלט אויף ניאַמקען מיט די אויסגעקרימטע פיסלעך. דער רויטער יינגל האָט געקוקט אויף דער זנאַכערקע מיט אַ פּאָר אויסגעגלאָצטע אויגן פול גרויס וואונדער.

"דיין בנאָקל, פישער?" האָט די אַלטע געסקריפּעט און איר קול איז געווען פול מיט חוזק. "קוק נאָר אָן, אַזוי ווי דער הונט, אַזוי איז דער צוציק! דער טאַטע גייט מיט אַ ראָד און דאָס זונדל מיט אַ בייגל. פאַרוואָס טוסטו עפּעס ניט פאַר אָט דעם ווערעמל? עס וועט דאָך נעבעך פאַרבלייבן אַ קאַליקע."

"וואָס קען איך דען טאָן," האָט יונה אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס. "דער רופא זאָגט: ס'איז די ענגלישע קרענק און מען זאָל אים געבן פיש־אייל צו טרינקען. די באָבע צייטל ווידער זאָגט, אַז דאָס קומט פון דעם, וואָס מען האָט ניאָמען שלעכט געוויקלט. מען

דאַרף, זאָגט זי, יעדע נאַכט בײ אים איבערבינדן די פיסלעך מיט אַ רצועה פון תּפילין.״

״פיש־אײלי!״ האָט זיך די אַלטע אַ קרום געטאָן. ״טפו! וואָס פאַר אַ בײנער האָבן דען פיש? פונקט ווי ריטלעך. פאַראַן אויף דער וועלט אַלערלײ באַשעפענישן: אײניקע האָבן האַרטע בײנער, אַנדערע האָבן װײכע. אָט זײנען בעבלעך קריכנדיקע געוויקסן, דאַרף מען זײ אונטערשפּאַרן מיט שטעקנס. אָבער אַ סאָסנע וואַקסט גלײך אַזוי ווי אַ ליכט. קאַטשקעס האָבן קרומע פיס, קענען זײ קוים גײן, אָבער הינער האָבן גלײכע פיס, לויפן זײ בריהדיק. קום צו מיר יונה זונטיק, וועל איך דיר געבן אַ רפואה פאַר דײן כלאַפּטשיק.״

״קענסט אים אויסהײלן, באָבע מאַרפאַ?״ האָט יונה אַ פרעג געטאָן אַ ביסל צווײפלדיק.

״אוודאי קען איך!״ האָט די אַלטע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. זי האָט געוואָרפן אַ שאַרף אויג אויפן ײנגלס פײערדיק קעפּל און האָט דאָס אַ קראַץ געטאָן מיט אַ קרומען נאָגל. ״לײז האָט ער דער ײנגל, טפו! אַ שליומפּערקע דײן פישערקע, יונה. זאָג איר זי זאָל אויסצוואָגן זײן קעפּל מיט דזשעגעכץ.״

״אָבער וואָס זאָל איך טאָן פאַר זײנע פיסלעך, באָבע מאַרפאַ? זאָג וואָס פאַר אַ מיטל האָסטו. כ׳וועל דיר, אם ירצה השם, באַצאָלן נאָך שבת.״

״זאָג דײן װײבל זי זאָל דעם ײנגל באָדן אין שישקעס און סכך־נאָדלען; און זאָל זי נעמען דעמבאָווע קאָרע און שאָלעכץ פון אײער, צעשטויסן זײ אין אַ שטײסל, פאַרמישן מיט מעל און פאַרקנעטן פלעצלעך פאַרן ײנגל; און אַז דער פאַסטוך וועט קומען קײן כאָפּון פאַרנעמען די טשערעדע, טרײב אַרויס דעם ײנגל אין אײנעם מיט די בהמות. זאָל ער אַרומלויפן אויפן פעלד אַ נאַקעטער און זאָל ער טרינקען פרישע מילעך—סיראָדאָי.״

אויף חײמס פּנים האָט זיך צעשפּילט אַ סאַרקאַסטישער שמײכל.

״וואָס שטשירעסטו די צײן, חײם?״ האָט די זנאַכערקע אויס־געשפּיגן. ״אָט טריקנסטו נאָסן טאָרף אויף דער זון און די זון מאַכט אים האַרט. דו לאַך ניט, געלער נפש, דאַרפסט אַלײן אָנקומען צו

דער באָבע מאַרפאָ פאַר אַ רפואה. קוקט נאָר אָן אַ בריאה, אפילו די ווייסלעך זיינען ביי אים פאַרגעלט. טפו, אַזאַ פאַרזעעניש! אָט דער זיידע דיינער דוד איז געווען אַ גיבור, אַ העלדישער יונג.״

״ברעשעש (דו לייגסט) מאַרפאָ, דו געדענקסט ניט דעם זיידן!״

״אוודאי געדענק איך! שוואַרצע געקרייזלטע האָר האָט ער געהאַט, אַזוי ווי אַ באַראַנטשיק, דאַווידקאָ פון די יאַטקעס, און אַ פּאָר געזונטע פּלייצעס; אויגן שוואַרצע ממזרשע און אויך אַ שיין קול צו זינגען. די יונגע גראַפיניע, די טשאַרטאָרייסקאָ, האָט זיך אין אים ״פאַרליאַפּעט״.

״וואָס פּלוידערסטו, באַלטוכע!״ האָט זיך חיים געבייזערט.

״פאַרליאַפּעט, אוודאי פאַרליאַפּעט!״ האָט די אַלטע געשאָקלט מיטן קאָפּ. ״אַז די דוקסיכע האָט חתונה געהאַט מיט דעם פאַרשטאָרבענעם גראַף, דעם ווילדן סטאַסיעק, איז ער שוין געווען אין די יאָרן, אָבער זי איז געווען קוים אַכצן יאָר אַלט. אַ קראַסאַוויצע געווען די טשאַרטאָרייסקאָ, די גרעסטע יפהפיה אין גאַנץ קרויך־פוילן. די גאָלדענע מאַריאָ האָט מען זי גערופן. גאָלדענע צעפּ געהאַט ביז די קני, פלעגט זיי פאַרפלעכטן אויפן קאָפּ אַזוי ווי אַ גאָלדענע קרוין. אַן אמתע קייסעריניע—אַ צעלאָזענע, אַ צעבאַלעוועטע. האָט איר מאַן, דער ווילדער סטאַסיעק, מורד געווען אין אונדזער צאַר און די טשאַרטאָרייסקאָ איז אַוועק וואוינען קיין פּאַריז. אָבער מיט אַ יאָר פינף שפּעטער, אַז מען האָט דעם פראַנצויז שוין פאַרטריבן פון אונדזער לאַנד, איז זי צוריקגעקומען אויף אירע מאַיאָנטקעס, די גאָלדענע מאַריאָ. דער צאַר האָט איר זיי צוריקגעגעבן, מוחל געווען די יאַסנאָפּאַלסקיס, וואָס האָבן ווידערגעשפּעניקט אין אים.

״דאַמאָלט איז זי נאָר וואָס אַן אלמנה פאַרבליבן, די יונגע טשאַרטאָרייסקאָ. מאַכט זיך איינמאָל אַז זי פאָרט אַרויס אין די בערעזקעס מיט אַ פאַעטאָן, מיט צוויי פייערדיקע פערד, מיט צוויי לאַקייען און מיט דעם עקאָנאָם אירן, אַ דייטש. פאָרט זי אָנקוקן אירע גיטער. זאָגט דער דייטש: ״מען קען דאָ גראָבן טאָרף אין די כאַפּונער בלאָטעס.״ דערווייל פאַרקריכט דער עקיפּאַזש אין אַלדע שוואַרץ יאָר, די פערד ווערן פאַרגרוזנעט ביז די בייכער; דער קוטשער הרגעט זיי מיט דער בייטש, מיטן שטעקן,—אַ נעכטיקער טאָג. איז די

טשאַרטאַרייסקאַ—הייס בלוט האָט זי געהאַט—אַרויס פון די כלים, האָט באַפּוילן אַלעמען זיך איינצושפּאַנען מיט די פערד און מיטשלעפּן. שמייסט די טשאַרטאַרייסקאַ אַלעמען מיט דער בייטש, די פערד, די לאַקייען, דעם קוטשער, דעם דייטש—דער עקיפּאַזש רירט זיך ניט.

״מיט אַמאָל קומט אָן דודל פון די יאַטקעס, טרייבט קיין כאַפּון אַ יונג עקסל, וואָס ער האָט אַקאָרשט איינגעהאַנדלט אין כודאָבקי. דערזעט ער וואָס עס טוט זיך דאָ, פאַרנייגט ער זיך פאַר דער פּריצטע און קושט איר די האַנט. ״יאַסנאַ־וועלמאַזשנאַ פּאַני, דערלויבט מיר אייך אַרויסצוהעלפן.״ און ער שפּאַנט אויס די פערד, שפּאַנט איין זיין עקסל, הייסט די גאַנצע קאָמאַנדע צושטופּן פון הינטן: צאָבע־צאָבע־צאָב! איינס־צוויי־דריי און דער עקיפּאַזש איז שוין אויף דער טריקעניש.

״זשידעק,״ פרעגט די טשאַרטאַרייסקאַ, ״ווי הייסטו?״ ״דוד,״ זאָגט ער. ״מיט וואָס קען איך דיך באַלוינען?״ ״דער יאַסנאַ־וועלמאַזשנער פּאַניס לייטזעליקע רייד זיינען פאַר מיר די בעסטע באַלוינונג.״ אַ כיטרער יונג געווען, דוד. זאָגט די גאָלדענע מאַריאַ: ״דוד, דו ביסט קלוג און דו ביסט שיין אַזוי ווי דוד המלך. אַ שאָד, כ׳לעבן, וואָס דו ביסט ניט קיין פּאָליאַק, אַלע פּרויען וואָלטן אויסגעגאַנגען נאָך דיינע טריט. ווילסטו נעמען די בערעזקעס אויף אַרענדע?״ ״אַ דאַנק דער פּריצטע פאַר איר גנאָד, אָבער כ׳בין אַן אָרמער יונג, אַ קצב. וואו וועל איך נעמען געלט פאַר דער אַרענדע?״ לאַכט די גראַפיניע. ״פלעגט איר יידן אַמאָל צאָלן אַ טאַקסע אין אייער אייגענעם לאַנד?״ ״יאָ,״ זאָגט דוד, ״מיר פלעגן צאָלן צינס אַזאַ, אַ צענט־חלק פון אונדזער איינקונפט.״ ״דוד,״ זאָגט די טשאַרטאַרייסקאַ, ״כ׳וועל דיר פאַרפּאַכטן די בערעזקעס אויף קינדס־קינדער. אָט זאָגט מיר מיין פאַרוואַלטער, אַז דאָ איז פאַראַן אַזוי פיל טאָרף, אַז ס׳וועט קלעקן אויף הונדערטער יאָרן. טאָרף זאָגט ער קען ברענען בעסער ווי האָלץ. איך וועל דיר אויפבויען אַ הויף בחנם. באַזעץ זיך דאָ מיט דיין הויזגעזינד. אַקער, זיי און פלאַנץ; דער עיקר אָבער גראָב טאָרף, צאָל מיר די אַרענדע מיט טאָרף.״

״אָט אַזוי האָט דאַווידקאָ פון די יאַטקעס, דער זיידע דיינער, געקראָגן די חזקה אויף די בערעזקעס ביז אויף היינטיקן טאָג.״

— 3 —

אַלע האָבן זיך צוגעהערט צו דער אַלטערס געשיכטע מיט גרויס שפּאַנונג. חיים איז געזעסן אַ פאַרקלערטער.

״איך געדענק ניט דעם זיידן, ער איז נאָך אין די מיטעלע יאָרן געשטאָרבן.״

״אין די מיטעלע יאָרן,״ האָט די אַלטע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ״די טשאַרטאָרייסקאַ האָט אים אַ שפּיצל אָפּגעטאָן, דעם זיידן דיינעם. ניט דערציילט אים, אַז אויף די בערעזוקעס ליגט אַ קללה. ווייסטו פאַרוואָס דו ביסט אַזאַ געלער, חיים? דערפאַר וואָס ביי דיר איז גאָלד אין די אָדערן, דו האָסט די גאָלדענע־קדחת. דאָ אין די בלאָטעס איז באַהאַלטן אַ פאַרשאָלטענער אוצר.״

גאַווריִלאָ האָט געקוקט אויף דער אַלטער מיט אַ פּאָר ערנצטע בלויע אויגן.

״באָבע־מאַרפאַ, זיי אַזוי גוט און דערצייל וואָס דו ווייסט פון דעם אוצר.״

די אַלטע האָט ווידער פאַרצויגן די ליולקע. ״נאָך איידער דער פראַנצויז האָט אָנגעהויבן מלחמה האַלטן מיט אונדזער קיסר, האָט זיך שוין אונדזער פּריץ, דער ווילדער סטאַסיעק, צעבונטעוועט. ער האָט צונויפגעקליבן אַ פּוילישן פולק און איז אַוועק דינען צו די פראַנצויזן. ערגעץ אין דער שטאָט פּאַריז, זאָגט מען, האָט דער פראַנצויזישער קיסר דערזען די טשאַרטאָרייסקאַ און איז פאַרכישופט געוואָרן פון איר שיינקייט. ״גילדענע מאַריאַ,״ זאָגט דער קיסר, ״לאָמיר מאַכן אַ בילד פון דיר און זאָל דאָס פאַרבלייבן אַן אָנדענקונג אויף אייביק.״ געווען איז דאָס באַלד נאָך איר חתונה. האָט דער גרעסטער גאָלדשמיד פון פּאַריז אויסגעגאָסן פון דער יונגער טשאַרטאָרייסקאַ אַ גאָלדענע פיגור מיט אַ שיינדל אַרום קאָפּ: אַ געשטאַלט פון דער הייליקער מאַמע־מאַריאַ, די ״באָגאָראָדיצאַ״. טפו, אַזאַ גאָטס־לעס־טערונג! נאָכדעם אַז דער פראַנצויז האָט פאַרכאַפּט דעם כאַפּונער קאָנט, איז דער ווילדער סטאַסיעק מיט דער טשאַרטאָרייסקאַ און מיט זיינע זעלנער צוריק געקומען קיין יאַסנאָפּאָל. דאָס בילד פון דער גאָלדענער מאַריאַ האָט מען אַריינגעשטעלט אין קליינעם קאָסציאָל אין יאַסנאָפּאָל.

„שפּעט אין האַרבסט, דער ערשטער שניי האָט נאָר וואָס אַ שפּיל געטאָן, האָבן זיך די קאָזאַקן באַוויזן אין די כאָפּונער זומפּן און אין די כאָפּונער וועלדער. אַזוי ווי וועלף זיינען זיי אָנגעקומען, געכאָפּט פּאַרנצוויזלעך איינציקווייז און זיי אויסגעקוילעט. דערנאָך האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן איבער די מאַיאָנטקעס, האָבן גערויבט און געהרגעט, פאַרברענט די גיטער און זיינען צוריק געלאָפן אין די וועלדער. גיי כאַפּ אַ טיטשקע סיווע וועלף! איינמאָל האָט זיך די סאָטניע קאָזאַקן, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן אין טשערנאָלוזשע, אַריינגעכאַפּט קיין יאַסנאָפּאָל, בעת די פּריצים זיינען ניט געווען אין דער היים. די פּוילישע זעלנער האָבן זיך דאַמאָלט געהאַט געשלאָגן מיט אונדזער צאַרס סאָלדאַטן ביים פּריפּיעט. האָבן די קאָזאַקן צע־ראַבירט דעם מאַיאָנטעק, אַרויסגעשלעפּט פון קאַסציאָל אַן אייזערנע סקריניע פול מיט צירונג און אויך דאָס הייליקע בילד פון דער גאָלדענער מאַריאַ האָבן זיי מיטגענומען. נאָכדעם האָבן זיי יאַסנאָפּאָל אונטער־געצונדן און זיינען אַוועק אין די בערעזקעס. דאַמאָלט איז דאָ גע־שטאַנען אַ פּאַלאַצל פאַר „פּאַלאָוואַניע", וואָרעם אין יענע צייטן האָבן זיך דאָ געווידמענט אַלערליי ווילדע באַשעפענישן וואָס די פּריצים פלעגן שיסן: פוקסן, בערן, ווילדע חזירים. דער ווילדער סטאַסיעק, איידער ער האָט חתונה געהאַט, פלעגט דאָ פּראַווען הול־יאַנקעס. אַז די יונגע טשאַרטאַרייסקאַ איז אָנגעקומען, האָט מען דאָ אין די בערעזקעס אָנגעהויבן מאַכן פּריילעכע בעלער, באַנקעטן און מאַסקעראַדן.

„אָנגעקומען אין די בערעזקעס, האָבן די קאָזאַקן געשיכורט אַ גאַנצע נאַכט און אויסגעליידיקט דעם גרויסן קעלער מיט די טייערע ווײַנען. דערווייל איז אָנגעלאָפן אַ שטאַפעט: די פּוילישע זעלנער יאָגן נאָך! די צייט איז געווען קורץ, האָבן די קאָזאַקן אויסגעהאַקט אַ פּאָלאָנקע אין די צוגעפרוירענע בלאָטעס, אַראָפּגעלאָזט אַהינצו די אייזערנע סקריניע מיט צירונג און די גרוב פאַרשאָטן. „די גאָלדענע מאַריאַ" האָבן זיי איבערגעלאָזט אין פּאַלאַצל און אַלץ אונטער־געצונדן. אָפּגעברענט דאָס הויז, האָבן די קאָזאַקן גענומען שאַרן אין אַש און אין די האָלאָוועשקעס, געפונען האָט מען אָבער אַ נעכטיקן טאָג: אַ קופּקעלע צעשמאָלצן גאָלד, אפשר אַ לעפל די גרויס, דאָס

איבעריקע בליי. טפו, אָפּגענאַרט האָט דער גאָלדשמיד דעם פּראָנ־צוויזישן קיסר. אָט דאָס אַלץ איז פאַרבליבן פון דער גאָלדענער באָגאָראָדיצאַ.

״דערווייל איז געוואָרן אַ גרויסע סומאַטאָכע. בעת דער שרפה האָבן זיך די פערד צעפּוזשעט און זיינען זיך צעלאָפן איבער די פּוסטע פעלדער. געבליבן אָן פערד, זיינען די שיכּורע קאָזאַקן געלאָפן זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער. אָבער די פּוילישע זעלנער מיטן ווילדן גראַף סטאַסיעק בראש, זיינען זיי נאָכגעלאָפן און האָבן כּמעט אַלע קאָזאַקן אומגעבראַכט. אַ טייל פון זיי זיינען אויפגעפרעסן גע־וואָרן פון וועלף, אַ טייל איז אומגעקומען פון הונגער אין קעלט.״

חיים האָט זיך איינגעגעסן אין דער אַלטערס פּנים מיט די פּיבער־דיקע אויגן. ״געדענקסטו טאַקע אַלץ וואָס דו דערציילסט, אָדער זיינען דאָס אַלטע באָבסקע קאָזאַלעס?״

״כ׳געדענק טאַקע, חיים!״ האָט די זנאַכערקע אַ שאָקל געטאָן מיטן גרויען בערדל. ״פּונקט ווי ס׳וואָלט ערשט נעכטן פּאַסירט. איך בין געווען אַ שטוב־מיידל אין יאַסנאָפּאָלער הויף. די אַלטע גראַפיניע, די יאַסנאָ־וועלמאָזשנאַ פּאַני יאַדוויגאַ, האָט דאַמאָלט געוועלטיקט, דעם איצטיקן גראַפס באָבע. אַ שטרענגע פּריצטע געווען, אָבער אַ גרויסאַרטיקע. תּמיד אָנגעטאָן אין זייד און אין סאַמעט; קליידלעך געטראָגן אַזוי ווי אַ דייזשע מיט שטאָלענע רייפן אינעווייניק. פּערל אויפן האַלדז, אַזוי ווי בייטשן די לענג. אויפן קאָפּ—אַ פּאַרוק ווייס ווי שניי און הויך ווי אַ גלאָקן־טורעם. געטראָגן אַ שטעקן מיט אַ גאָלדענער גאָלקע. בין איך טאַקע געווען ברוין און בלוי פון דעם דאָזיקן שטעקן.

״שמייסן פלעגט די פּריצטע די פאַרשולדיקטע כלאָפּעס מיט אירע אייגענע הענט, האָט אָבער דערביי געטראָגן זיידענע הענטשקעס און די שטאַל, וואו מען פלעגט די פּויערים שמייסן, האָט מען אַפּריער געמוזט אויסשפּריצן מיט אַ שמעקעדיקן וואַסער. ניט וועגן די פערד—זיי האָבן אַ גוטן ריח—נאָר צוליב די כלאָפּעס: ׳זיי שטינקען,׳ אַזוי פלעגט די אַלטע גראַפיניע זאָגן. זי האָט מיך האַלט געהאַט, די פּריצטע. ״אַז כ׳וועל חתונה מאַכן מיין סטאַסיעקן, וועל איך דיך מאַכן פאַר אַ פּאָקאָיאָווע ביי מיין שנור,״ אַזוי האָט זי מיר צוגעזאָגט. אָבער אַז די גאָלדענע מאַריאַ איז געוואָרן פאַרקנסט, האָט זי פאַר־

דרייט מיט דער נאָז: זי וויל אַ פּאָקאַיאָווע אַ פּראַנצויזקע, ניט קיין כלאָפּקע.

״דערווייל איז אין דער גרויסער שטאַל געוואָרן אַ פייער. איינער אַ שטאַל־יונג אין מיינע יאָרן, לאַזאַרקאָ האָט ער געהייסן, האָט אַלע פערד אַרויסגעראַטעוועט; טייערע פערד געווען, אויסלענדישע. זאָגט די אַלטע יאַדוויגאַ: ״מאַרפּאַ, כ׳וועל דעם יונג באַלוינען. האָב מיט אים חתונה, וועל איך אים מאַכן פאַר אַ ליעסניטשע אין טשערנאָלוזשער וואַלד. כ׳וועל פאַר אייך אויפבויען אַ הויז אין טשערנאָלוזשע און אַ וואַלד־שטיבל אויכעט. וועט איר ווערן די בעלי־בתים פון וואַלד אויף דור־דורות.״

״האָב איך חתונה געהאַט מיט לאַזאַרקאָן עטליכע יאָר איידער די טשאַרטאָרייסקאַ האָט חתונה געהאַט מיטן גראַף. זיינען מיר געוואָרן די ליעסניטשיס אין טשערנאָלוזשער וואַלד. אָבער קען מען ווערן אַ בעל־הבית איבערן ווינט, איבער די וואָלקנס? אייפּערזיכטיק איז געוואָרן אויף אונדז דער וואַלד, געוואָרפן אויף אונדז אַ בייז־אויג. ״איך בין מיין אייגענער האַר, זאָגט דער טשערנאָלוזשער וואַלד, איך בין אַליין דער הערשער.״ און ער האָט אָנגעהויבן צונעמען ביי מיר מיינע מאַנזבילן, איינער איז אַוועקגעפאַלן נאָכן אַנדערן.

״איינמאָל קומט מיין לאַזאַר און ברענגט פון וואַלד פרישע ליסיטשקעס־שוועמלעך: ״קאָך מיר אָפּ, מאַרפּאַ, די געלע פוקסלעך מיט פּוטער און מיט סמעטענע.״ גיב איך אים אַ פולע שיסל און איך אַליין עס אויך אַ ביסל. מיט אַמאָל מיין לאַזאַר כאַפּט זיך ביים בויך: ״אוי־אוי, מאַרפושקאַ, כ׳האָב אַ גרימעניש, עס שניידט אַזוי ווי מיט מעסערס!״ און ער ברעכט די גרינע גאַל. איך זע, ער עקט מיטן לעבן. אין דער פרי—מיין לאַזאַרקאָ איז שוין אַ פּאַרבייאיקער. מיר האָט דער סם גאָר ניט געשאַט. ווערט מיין עלטסטער זון מאַטוויי דער ליעסניטשי. אַזוי איז ער געווען אַ לייטישער מענטש, האָט אָבער ליב געהאַט אַ טרונק בראַנפן. איינמאָל האָבן מיר געהאַט אין הויז קרעסטינעס. גייט מיין מאַטוויי אַוועק אין וואַלד אַ ביסל אַ פּאַר־קנאַקטער. געווען איז דאָס אָנהייב ווּעסנע, נאָך פּאַר פּאַסכע, דער שניי איז נאָך געלעגן. אויף מאָרגן איך זע—מען שלעפּט מאַטווייען אַ צעריסענעם, אַ צעביסענעם; בלוט יושעט פון אים אַזוי ווי פון אַ

געקוילעטן חזיר. ווער האָט אים צעריסן? פרעגט אים בחרם, מיין מאַטווייען: אפשר הינט, זאָגט ער, אפשר וועלף און אפשר גאָר וואָלקאָלאַקעס. האָט ער זיך אָפּגעמוטשעט אין הויז צוויי וואָכן,— אַ פּוס האָט אים אָנגעהויבן פוילן,—און איז אָוועקגעשטאָרבן.

"אַ טאָכטער האָב איך געהאַט אַ מיזינקע, מאַרינקאַ האָט זי געהייסן, האָט זי דער וואָלד געמאַכט פאַר אַ קאַליקע. געהאַט האָבן מיר אַמאָל אַזאַ מנהג וועסנע־צייט: פּראַוועז "תחית־המתים" פון איינער אַ "קאָסטרובענקאַ". ווער איז קאָסטרובענקאַ? לאָמיך אַזוי וויסן פון אַ בייזע וועטשערע. אפשר איז דאָס געווען אַ הייליקע, אָדער אפשר גאָר אַ שדיכע אַזאַ. היינט דערלאָזט מען ניט די פּויערים דאָס מער צו פּראַוועז, די גלחים זאָגן—ס'איז געצנדינערײ. גייט הייסט דאָס מיין מאַרינקאַ, אַ מויד נאָר וואָס זעכצן יאָר אַלט געוואָרן, מיט די אַנדערע פּאַראָבקעס און יונגע דיווקעס פאַסכע־צייט אין טשערנאָ־לוזשער וואָלד אַריין. מען מאַכט אַ ראָד און מיין מאַרינקאַ לייגט זיך אַוועק אויפן גראָז און מאַכט זיך פאַר אַ געפּגרטע. די יונגען און מיידן טאַנצן אַרום איר אַ קאַראַהאָד, באַזינגען און באַוויינען זי, פּונקט ווי זי וואָלט טאַקע געווען אַ געשטאָרבענע.

"געשטאָרבן איז אונדזער קאָסטרובענקאַ,
געשטאָרבן אונדזער ליכטיקע פּאַניענקאַ!"

"מיט אַמאָל כאַפּט זיך מיין מאַרינקאַ אויף, ווערט אַ לעבעדיקע און דער כאָר טאַנצט אַרום איר און זינגט פריילעך:

"אויפגעלעבט איז אונדזער קאָסטרובענקאַ,
אויפגעלעבט אונדזער ליכטיקע פּאַניענקאַ!"

"פּלוצעם טוט זיך מאַרינקאַ אַ גליטש אויף אַ נאַסער שישקע, קלאַפּט אָן דעם קאָפּ אין אַ סאָסנע און בלייבט ליגן אַ פּריטשמעליעטע. דריי טעג ליגט זי אָפּ אַזוי ווי אין אַ הינערפלעט; און אַז זי קומט צו זיך הייבט זי אָן עפּעס בעבען, הייבט אָן שטאַמלען. מיין מאַרינקאַ איז שוין פאַרבליבן אַ פרידורקעוואַטע. לאַנגע יאָרן האָט זי אויך ניט געהאַט, געשטאָרבן אין ערשטן קימפּעט.

"דערווייל איז מיין אייניקל דאַנילאַ געוואָרן דער ליעסניטשי, מיר האָבן דאָך אַ חזקה. אַ יונג איז ער געווען אַ שטאַרקער, אַ האָריקער,

אַזוי ווי אַ בער. האָט ער זיך אַביסל איבערגענומען מיט זיין כוח, האָט אָנגעהויבן אויפרייסן ביים וואַלד די אויגן. מיט צוויי מיט אַ האַלבן יאָר צוריק, ס׳איז געווען באַלד נאָך ניטל, כאַפּט דאַנילאָ אַ פויערל, טאַקע אַן אונדזעריקן, שטעלן פּאַסטקעס אין טשערנאָלוזשער וואַלד. בעט זיך דער פויער: ״לאָז מיך אָפּ דאַנילאָ, מען וועט מיך שטראַפירן, אָדער גאָר אַריינזעצן אין געפענקעניש.״ זאָגט מיין דאַנילאָ: ״ניין ברודערקע, ביסט אַריינגעפאַלן אין דיין אייגענע פּאַסטקע. כ׳וועל דיך צושטעלן גלייך קיין יאַסנאָפּאָל.״ הייבט זיך אָן דער פויער שילטן: ״צו אַלדע שוואַרץ־יאָר, דער ליעשי זאָל דיך כאַפּן!״ לאַכט מיין דאַנילאָ: ״ווער האָט מורא פאַרן ליעשי, איך בין דאָ דער בעל־הבית!״

״דערהערט דער ליעשי אַזעלכענע רייד, הייבט זיין צאָרן אָן גרימען: ״אַזוי גאָר, ברודער דאַנילאָ, דו ביסט דער בעל־הבית פון וואַלד?״ און ער גייט אַוועק, דער גרינער טייוול, צום קסאַנדזיק, וואָס ליגט לעבן הנילאָפּאָליע און קאַטשעט זיך אַרונטער עטלעכע מאָל פון בערגל, פונקט ווי אַ יונג לאָשעקל וואָס קאַטשעט זיך אויף דער ערד, נעמט זיך אָן פול מיט שניי, דער ליעשי, און זעצט זיך אַוועק אויפן שפּיץ פון אַן אַלטן דעמב ניט ווייט פון וואַלד־שטיבל. אויף מאָרגן גייט מיין דאַנילאָ דורכן וואַלד אויסצופאָרשן וואָס עס טוט זיך דאָרטן. גיט ער אַ קוק און חידושט זיך: ״זע־נאָר ווי דער אַלטער בוים האָט דאָס אָנגעטאָן אויף זיך אַזאַ גוואַלדאָוונע שניי־היטל.״ מיט אַמאָל: טרר־ראַך! — דער מעכטיקער דעמב פּלאַצט אין סאַמע מיטן און קוועטשט צו מיין דאַנילאָן צו דער ערד ביים סאַמע פּופּיק. זיצט דער ליעשי אויף אים פון אויבן אַזוי ווי אַ ווייסער בער און מאַכט חוזק פון מיין דאַנילאָן, רייצט זיך מיט אים, הירזשעט און לאַכט. ״אַנו, ווייז אַ קונץ דאַנילאָ, רייס זיך אַרויס פון דאַנען! ווייז דיין גבורה, קום אַרויס און ראַנגל זיך מיט מיר!״

״צוויי טעג האָט זיך דאַנילאָ געריסן אונטער דעם געפאַלענעם בוים און האָט געגוואַלדעוועט; אָבער קיינער האָט אים ניט געהערט, וואָרעם ס׳איז געווען אַ זאַווערוכע. צוויי טעג איז מיין דאַנילאָס הונט געשטאַנען לעבן אים, האָט געוואָיעט און ניט אָפּגעטראָטן פון זיין בעל־הבית. אויפן דריטן טאָג האָט זיך דער שטורעם איינגעשטילט.

דער הונט איז געקומען אַליין קיין טשערנאָלוזשע, האָט געבילט און געהיילט, האָט אַלעמען געשלעפּט ביי די פּאָלעס אין וואַלד אַריין. זיינען מיר אַוועק אין וואַלד און האָבן דאַנילאָן געפונען אונטערן בוים אַ באַשאָטענעם מיט אַ באַרג שניי, אַ צעקוועטשטן אַזוי ווי אַ קאַרטאָפל, אַ פאַרגליווערטן פון פראָסט אַזוי ווי אַ שטיק האָלץ. אָבער ער האָט נאָך אַלץ געדעכעט, אַזאַ גיבור איז דאָס געווען. 'דער ליעשי האָט מיך פאָטשאָפּעט!' האָט ער אַ כאָרכל געטאָן און איז אויסגעגאַנגען.״

אַ ווײַלע איז די אַלטע געזעסן שווייגעדיק און האָט געפּיפּקעט די שוואַרצע ליולקע.

״אָט אַזוי האָט דער וואַלד אַלע מיינע מאַנזבילן אומגעבראַכט. וואָרעם דער מענטש וואָס וויל ווערן אַ בעל־הבית איבערן וואַלד רופט אַרויס דעם ליעשיס קנאה. פונקט אַזוי, חיים, וועסטו דאָ אין די בערעזקעס אויכעט אומקומען. וואָרעם דו ווילסט ווערן דער בעל־הבית איבער די זומפּן און איבער דעם גאָלד וואָס איז דאָ באַהאַלטן. דאָס וועט כאָפּון, דער ניט־גוטער, ניט דערלאָזן: ער אַליין האָט דאָ דעם רשות איבער די בלאָטעס.״

״אל תפתח פה לשטן!״ איז חיים געוואָרן אַן אָנגעצונדענער, ״בייס זיך אָפּ אַ האַלבע צונג, דו אַלטער פלוידער־זאַק!״

״זידל זיך ניט חיים,״ האָט די אַלטע אַ זאָג געטאָן געלאַסן און האָט געשמאַקעט מיט די דאַרע ליפּן, ״מאַרפאַ פלוידערט ניט. אָט איז דיין זיידע געשטאָרבן אַ סך יינגער פון דיר און ער איז געווען אַ העלדישער מענטש. באַלד נאָך דער חתונה איז ער געוואָרן אַ פּעטער, דאַווידקאָ, געקראָגן אַ גראָבן בויך און אַ רויטע צורה. האָט ליב געהאַט פּרעסן, אַ קצבשע קישקע געהאַט; אויך אַ שנעפּסל מאַכן האָט ער האָלט געהאַט. יעדע וואָך פלעגט דער כאָפּונער שעכטער קומען אין די בערעזקעס: כיק־כיק־כיק! געקוילעט אַ קעלבל. איינמאָל אַ וואָך פלעגט דער זיידע דיינער זיך אַראָפּכאַפּן אין כאָפּונער באָד, דער בעדער זאָל אים לאָזן אַן אָדער. איז ער טאַקע געשטאָרבן פון אַ פּאָפּלעקסיע, דער שלאַק האָט אים געטראָפן, דעם זיידן דיינעם. אָבער אַלע יאָרן האָט ער געהאַלטן אין איין נישטערן, דעם אוצר דעם באַהאַלטענעם האָט ער געזוכט.

"באַגעגן איך איינמאָל די טשאַרטאָרייסקאָ און זאָג צו איר: "אַ שפּיצל האָט איר אָפּגעטאָן דעם יידן דאַווידקאָ, יאַסנאָ־וועלמאָזשנאָ פּאַני, געגעבן אים אַ נחלה, וואו כאַפּון דער ניט־גוטער געוועלטיקט." לאַכט די פּריצטע. "אין די בערעזקעס, זאָג איך, איז די צירונג אייערע באַגראָבן, דער ייד וועט דאָס געפינען און וועט אייך באַרויבן." לאַכט זי, די גראַפיניע: "פּויערשע זאַבאָבאָנעס, מיין צירונג האָבן די מאָס־קאַליעס פאַרשלעפּט; און טאָמער געפינט טאָקע דער קלוגער זשידעק אַן אוצר, געהערט דאָס דאָך סיי־ווי־סיי צו מיר."

"דער טאַטע דיינער אַבראַמקאָ, זעסטו, איז טאָקע געווען אַ ווישקרעבאָק, אַן אויסגעווייקטער, אַ ווינטל האָט אים געקענט אָוועק־טראָגן. אָבער ער גראַדע האָט זיך אויסגעלעבט די יאָרן, וואָרעם דער הייליקער ראַבין האָט אים גענומען אונטער זיינע פליגל און האָט אים באַשיצט פון כאַפּונען. אַבראַמקאָ האָט קיין גאָלד דאָ ניט געזוכט און האָט פונעם אוצר אויסגעווייכט."

דער גאַנצער עולם האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערן.

"האָסטו טאָקע געזען דעם ראַבין מיט דיינע אייגענע אויגן, באָבע־מאַרפאָ?" האָט יונה אַ פרעג געטאָן מיט גרויס אינטערעס.

"געזען!" האָט די אַלטע אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, "אַ סך מאָל געזען. ער פלעגט ס׳רוב קומען אין די בערעזקעס נאָכן שניט, שוין אָסיען־צייט. אַ פּנים האָט ער געהאַט אַ ליכטיקס אַזוי ווי אַ מלאך. פלעגט אַרומוואַנדערן די גאַנצע צייט איינער אַליין איבער די פעלדער און איבער די וועלדער. איינמאָל באַגעגן איך אים און בוק זיך צו אים און זאָג: "דאָברי דיען, פּאַנאָטשקו!" וויטעט ער זיך צו מיר אָן ווער־טער, שמייכלט מיט די בלויע אויגן. איינמאָל גיי איך דורכן טשער־נאָלוזשער וואַלד און הער עמעצער זינגט אַזוי זיס, אַזוי וואונדערלעך, ס׳פאַרכאַפּט ממש ביים האַרצן. גיב איך אַ קוק דורך די ביימער: דער ראַבין מיט דער גאָלדענער באָרד מאָליעט זיך. אַן אַנדערש מאָל האָב איך אים געזען זיצן ביים ברעג פון טייכל טשערנאָלוזשקאָ: אַ גאַנצע סטייע פייגעלעך האָבן געפּיקט ברעקלעך גלייך פון ראַבינס הענט מיט אַ זילבערנעם צוויטשערן. איז דאָס טאָקע געווען אַ וואונדערלעכע זאַך, וואָס נאָר אַ הייליקער קען באַווייזן: ווילדע פייגעלעך זיינען שרעקעדיקע באַשעפענישן, זיי קומען ניט נאָענט צו מענטשן."

די אַלטע זנאַכערקע איז געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטע מיט דער אויסגעלאָשענער ליולקע אין פוסטן מויל. מיט אַמאָל האָט זי פאַר־זשמורעט אַן אייגל און מיטן אַנדערן אָנגעקוקט דעם טאָרף־יידן שאַרף און קריטיש.

״ביסט אַ בינטל ביינער חיים און אַ פנים האָסטו—אַ שענערן לייגט מען אין קבר אַריין. ווייסטו פאַרוואָס דו ביסט אַזאַ פאַר־געלטער? דערפאַר וואָס דו האָסט די כאַפונער ״זשעלטוכע״ אין בלוט, די ״גאָלדענע קדחת״, דערפאַר וואָס דו ביסט זשעדנע נאָך גאָלד און זוכסט אַלע יאָרן דעם פאַרשאָלטענעם אוצר אין די בלאָטעס. אָבער ס׳קען געמאָלט זיין אַז מען וועט דיך פריער אַליין באַגראָבן, איידער דו וועסט דעם אוצר אויסגראָבן.״

חיימס בלייך פנים איז געוואָרן רויט ווי צונדער פאַר צאָרן.

״אַוועק פון דאַנען, בלעם!״ האָט ער אויסגעשריגן אין אַ דונער־דיקן קול. ״טראָג זיך אָפּ צו אַלדע שוואַרץ־יאָר, דו אַלטע מכשפה!״

״שאַ־שאַ, חיים, בייזער זיך ניט!״ האָט אים די אַלטע געגומען איינשטילן. ״די גאַל קען דיר נאָך פּלאַצן... העלף מיר אָנטאָן דעם זאַק, זונעלע!״ האָט זיך מאַרפּאַ אַ ווענד געטאָן צום שבת־גוי. ״נו אַ דאַנק דיר פאַר דיין חלה, חיימיכאַ, ביסט אַ גוטע בעל־הביתטע... כי־כי־כי!״ האָט זיך די אַלטע פּלוצעם פונאַנדערגעלאַכט אין איר סקריפּענדיקן געלעכטערל, ״די גאַנצע וועלט זוכט גאָלד אין די בלאָ־טעס און קיינער ווייס ניט דאָס אָרט, אַ חוץ די אַלטע מאַרפּאַ... זידל זיך ניט חיים,״ האָט זי אַ זאָג געטאָן גוטמוטיק, ״אויב דו וועסט מיך גוט באַפרידיקן, וועל איך דיר אַנטפּלעקן דאָס אָרט וואו דער אוצר איז באַהאַלטן; כ׳וועל פאַר דיר דאָס אָרט אויך אָפּשפּרעכן, כדי כאַפּון דער ניט־גוטער זאָל אויף דעם מער קיין שליטה ניט האָבן. דו באַלוין מיך נאָר ווי עס דאַרף צו זיין, איך זאָל האָבן מיט וואָס צו באַצאָלן דעם פּאָפּ פאַר אַ פּאַניעכידאַ נאָך מיין טויט, וועל איך דיר שוין אויסהעלפן.

״נו, האָט מיר און זייט מיר, ליודי דאָבריע!״ האָט די אַלטע זיך אָנגעהויבן געזעגענען. ״דו גאַוורילאָ כאַפּ זיך אַראָפּ אַמאָל אין אַ זונטיק צו מיר אין טשערנאָלוזשע,״ האָט זי אַ מאַך געטאָן מיטן שטעקן צום שבת־גוי, ״ס׳איז ניט גוט אַז אַ קריסט זאָל דינען אַ גאַנץ

לעבן ביי יידן, ס׳איז אַ זינד. כ׳וועל זאָגן מיין דאַניליכאָן זי זאָל אַראָפּקומען, וועסטו זי אָנקוקן. זי איז אַ שיינע מאָלאָדיצע, אַ געזונטע. דער הנילאָפּאָליער פּאָפּ, דער רויטער איוואַן, שדכנט זיך צו איר אויכעט. אָן אַלמן איז ער דער פּאָפּ, אָבער זי איז ניט פּאַר גלחים. זי איז אַ פּראָסטע פּויערטע מיט דריי ווערעמלעך. דו קום אַריבער, אויב זי געפעלט דיר—האָב מיט איר חתונה, וועסטו ווערן דער ליעסניטשי. דו ביסט אַ שטילער מענטש, אפשר וועט דיך דער וואַלד ניט טשעפּען... נו, גאָט העלף אייך אַלעמען, די זון גייט שוין אונטער, מען דאַרף גיין אַהיים.״

ווי נאָר די אַלטע האָט זיך אַביסל אָפּגעטראָגן, האָבן זיך די קינדער גענומען ביי די הענט און איר אָנגעהויבן נאָכזינגען:

״אָט גייט די אַלטע מאַרפע,
נעגעלעך האָט זי שאַרפע,
אַ פּיסעלע פון אייזן,
אומעטום צו שפּרייזן;
כאַפּט קינדער אין איר זעקעלע,
פליט אַוועק אויף איר שטעקעלע.״

— 4 —

אויף דער נאַכט זיינען חיים און גאַווריליאָ געזעסן אויפן גאַניקל פון הייזל. אין דרויסן איז געווען איינע פון יענע ווייסע פּאַרכישופטע מאַיאָווע נעכט, וואָס שטעלן זיך געוויינלעך איין אין דער כאַפּונער געגנט באַלד נאָך שבועות. פון אַ בלוי־זיידענעם, שעמערירנדיקן הימל האָט אַרויסגעשטראַלט אַ מעכטיקע קוועקזילבערנע לבנה. אַלץ איז געווען איינגעטונקען אין איר בלענדיקער מאַגישער שיין: די זומפּ־פלוינען, וואָס האָבן זיך געשפּרייט ביזן עק פונעם האָריזאָנט, דאָס ליכטיק בערעזע־וועלדל, דאָס ווייס־אויסגעטינקעוועט הייזל און די פּנימער פון די צוויי מענטשן.

״ס׳איז ליכטיק ווי בייטאָג,״ האָט זיך דער פּויער פאַרזשמורעט, קוקנדיק אויף דער לבנה.

דער טאָרף־ייד האָט געבלעטערט אין אַ סידורל, וואָס ער האָט נאָר וואָס אויפגעהויבן פון דער פּריזבע.

"מען קען לייענען אפילו רש"י־כתב," האָט חיים צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך אויך פאַרקוקט אויפן הימל. "דו ווייסט, גאַוורילאָ, דער קאָליר פון פּסח איז "תכלת"—בלוי, אַזוי זאָגט דער זוהר, דערפאַר ווערט דער הימל אָנהייב וועסנע אַ בלויער. אָבער דער קאָליר פון שבועות איז "פּורפור", דאָס איז רויט געמישט מיט בלוי. דאָס איז אַ קעניגלעכע פאַרב, — דאָס איז דער קאָליר פונעם פייער מיט וועלכן דער אייבערשטער האָט אַראָפּגעגעבן־דערט אויפן באַרג סיני אין שבועות, אין זמן מתן תורתנו. פּורפור איז דער קאָליר פון דער יונגער פרילינג־זון, ווען זי גייט אויף און פאַרגייט; פּורפור איז אויך ס'רוב דער קאָליר פון צוויט און פון וועסנע־בלומען."

חיים האָט אויסגעזען מאָדנע סודותדיק אין דער פאַנטאַסטישער ווייסער באַלייכטונג. "אָט דאָרטן איז דער קבר, וואו כ'האָב די רענדלעך געפונען." האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צום בלאַנקן בערעזע־וועלדל. "מאָרגן וועל איך דיר באַווייזן דאָס אָרט."

דער שבת־גוי האָט זיך איבערגעצלמט.

"די טויטע וועלן אונדז ניט שטערן," האָט דער טאָרף־ייד אַ זאָג געטאָן, "מיר דאַרפן זיך אויסהיטן פון די לעבעדיקע, פון פרעמדע אויגן, דערהויפּט פון לויזע צינגער. אויב די אַלטע מכשפה וועט דאָ אָנהייבן אַרומנישטערן, וועלן מיר האָבן אַ שוואַרצן סוף און אונדזערע גאַנצע אַרבעט וועט זיין אַ שפּיל פאַר "יענע־לייט"."

חיים איז, זעט אויס, נאָך אַלץ געווען שטאַרק צערודערט פון דער זנאַכערקעס אַלאַרמירנדיקע רייד. אַ שטיק צייט איז ער געזעסן אַ פאַרקלערטער. "אַ לויזע צונג איז געפערלעכער פון אַ לויזן פייער." האָט ער ווייטער גערעדט, "זי קען אָנצינדן הימל און ערד. די ערשטע לויזע צונג אויף דער וועלט האָט געהאַט די שלאַנג, די אַנדערע— אונדזער מוטער חוה; און דאָס האָט אַראָפּגעבראַכט די גרעסטע קללה אויפן מענטשן.

"דער נסתר האָט דערציילט, אַז אין גן־עדן האָט יעדע לעבעדיקע באַשעפעניש געהאַט אַ צונג מיט אַ מענטשלעכן לשון. די חיות האָבן אָבער אויך געהאַט ווידלען, כאָטש אַ סך פון זיי זיינען געווען שטאַרקער, שענער און ליסטיקער פונעם מענטשן. פאַרוואָס־זשע האָט דער בורא העולם זיי אַזוי באַשאַפן? כדי זיי זאָלן זיך ניט איבער־

נעמען און ניט קענען זאָגן: "מיר זיינען פּולקומער פונעם מענטשן." "ווי אַזוי קענט איר זיין פּולקום," וועט דער אייבערשטער זאָגן, "אַז איך האָב אייך באַשאַפן מיט אַ לויזן הינטערשטן אבר,—מיט אַן עק, —פּונקט ווי אַ פּרוי וואָס לאָזט איבער אַ לויזן פּאָדעם אויפן עק פון אַ זאָק וואָס זי האַלט אין שטריקן."

"שפּעטער אַז אדם און חוה האָבן געגעסן פונעם עץ־הדעת, האָט גאָט ברוך הוא איינגעזען אַז "המות והחיים ביד הלשון". דער מענטש אין זיין קענטעניש האָט פון זיין צונג געמאַכט אַ טאָפּלטן אינסטרו־מענט, אַזוי ווי אַ צוויי־זייטיקע שווערד. איין זייט פון דער צונג איז אַ וואונדערלעכע כלי צו זינגען און צו לויבן דעם אייבערשטן; די אַנדערע זייט איז פּונקט ווי די צונג פון אַ שלאַנג, וואָס קען אַרויסברענגען נאָר סם און פאַלשקייט, לשון־הרע און בילבולים.

"האָט הקדוש ברוך הוא ראשית אָפּגענומען ביי די חיות דאָס לשון, דערפאַר וואָס די שלאַנג האָט דעם מענטשן פאַרפירט. אָבער מאַכן פונעם מענטשן אַ שטומע בריאה האָט דער אייבערשטער ניט געוואָלט, וואָרעם ער אַליין האָט דאָך די דאָזיקע געטלעכע אייגנשאַפט אַריינגעבלאָזן אין אדמס נאָזלעכער. האָט גאָט דערפאַר אין זיין גרימצאָרן פאַרטראַכט דעם מענטשן אָנצוהענגען אַ חיהשן עק. האָבן זיך די מלאכים גענומען בעטן: "האַר פון אַלע וועלטן, אויב דער מענטש וועט קריגן אַן עק וועט ער זיין געגליכנט ניט נאָר צו אַ חיה, נאָר אויך צו אַ דינער פונעם שטן. דאַמאָלט וועט ער שוין קיין מאָל מער ניט תשובה טאָן און וועט שוין קיין מאָל קיין תיקון ניט האָבן."

"האָט כביכול זיך צוגעהערט צום געבעט פון די מלאכים און זיין צאָרן האָט זיך איינגעשטילט. פונדעסטוועגן, אַז אַ מענטש פאַר־זינדיקט זיך מיט דער שמוציקער זינד פון פראַוווען כישוף, דאַמאָלט הייבט ביי אים אָן וואַקסן אַן עק; וואָרעם אַ ווידל איז ניט נאָר אַ צייכן פון אַ נידעריקער חיהשער מדרגה, נאָר אויך פון טומאהדיקייט, פון באַהעפטונג מיט דער סיטרא אחרא. "יענע לייט" האָבן טאַקע מענטשלעכע פּאַרעמס, אָבער אויך ווידלען אַזוי ווי בעסטיעס."

"ביי אונדז גלויבן די פּויערים אַז וועדמעס האָבן ווידלען." האָט גאַוורילאָ אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט.

״אוודאי!״ האָט חיים צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ״האָסטו באַמערקט אַז ביי דער אַלטער זנאַכערקע שפּראָצט אַ בערדל אויף דער מאָרדע? פונקט אַזוי שפּראָצט ביי איר אויך אַ קליין ווײַדעלע, וואָרעם מאַרפּאַ איז אַן אמתע מכשפה. דער זוהר זאָגט, אַז כישוף־מאַכערינס זיינען ס'רוב אַלטע ווייבער. זיי האָבן געירשנט די צויבער־קראַפט פון אונדזער מוטער חוה; און חוה האָט דאָס געקראָגן פונעם נחש־הקדמוני, וואָס האָט זיין סם אַריינגעגאָסן אין איר מוטער־טראַכט. שפּעטער, אַז חוה האָט שוין פאַרזוכט פונעם עץ־הדעת, האָט זי זיך אויך אויס־געלערנט אַלערליי שוואַרצע קונצן און כישוף־שפּרוכן; אויך ווי אַזוי צו מאַכן פון די בלעטער פון בוים כל־המינים צויבער־מיקסטורן, עלעקסירן און סאַלבן.״

דער טאָרף־ייד האָט געקוקט אויף דער לבנה אַ פאַרטראַכטער. ״כ'האָב מיט אַ פּאָר טעג צוריק מחדש געווען די לבנה און פאַרגעסן דאָ מיין סידור. זי איז אַקאָרשט באַנייט געוואָרן, די לבנה, און אָט איז זי שוין אַ פולע... די זון, דאַרפסטו וויסן, האָט אַ טרוקן ברענענדיק פייער; זי האָט דעם רשות איבער אַלץ וואָס וואַקסט פון אויבן, אויף דער פלאַך פון דער ערד. אָבער די לבנה האָט אַ קיל פייכט פייער און זי גיט אַכטונג אויף אַלץ וואָס וואַקסט אין דער טיפעניש פון דער ערד,—אויף די וואָרצלען פון די געוויקסן; די לבנה ברענגט אויך אַראָפּ טוי אויף דער ערד.״

״טאַקע ריכטיק!״ האָט גאַווריליאָ אַ טראַכט געטאָן און זיך דערמאָנט אין אַ רעטעניש וועגן טוי, זון און לבנה, וואָס ער האָט געהערט אין די קינדער־יאָרן:

״שפּרייזט אַ מויד אַ ליכטיקע מיט אַ פולן עמערל
פון אַ בלויען ברונעמל איבער גרינע גראָזן.
קומט אַרויס אַ יונג־אַ כוואַט פון אַ רויטן קעמערל,
טרינקט אויס יעדעס טראָפּנדל, טוט גאָר ניט איבערלאָזן.״

״די לבנה באַנייט זיך יעדן חודש,״ האָט חיים דערקלערט, ״זי און די שטערן געוועלטיקן איבער אַלץ וואָס ליגט אין בוזעם פון דער ערד, אויך איבער אַלע אוצרות פון גאָלד, זילבער און טייערע שטיינער. פון דער לבנהס שיין וואַקסן די אוצרות פונקט ווי די וואָרצלען פון די פלאַנצן.״

חיים האָט ווידער אַ בלעטער געטאָן אין סידורל. „אַז מיר זיינען מחדש די לבנה זאָגן מיר: סימן טוב ומזל טוב יהא לנו ולכל ישראל, אמן! אין אַ גוטע שעה, אין אַ מזלדיקע שעה וועל איך דעם אוצר געפינען, כ׳וועל ניט דאַרפן אָנקומען צו זנאַכערקעס און מכשפות.״

„וואָס וועט אָבער זיין, חיים, אַז איר וועט זיך אָנשטויסן אויפן אָנגעראָבעוועטן גאָלד, ניט אויפן ריינעם אוצר?״ האָט גאַווריל̈אַ אַ פרעג געטאָן. „די אַלטע מאַרפאַ האָט דאָך געזאָגט אַז כאַפּון דער נישט־גוטער האָט איבער דעם די שליטה.״

מיט שרעק האָט דער שבת־גוי אַ קוק געטאָן אויף חיימען. דער ייד איז געזעסן מיט צוגעמאַכטע אויגן און אין שיין פון דער לבנה האָט זיין אויסגעצערט פּנים אויסגעזען אַזוי ווי אַ טויטער שאַרבן באַצויגן מיט אַ געל־פּאַרזילבערטן פּאַרמעט. טיפע שאָטנס זיינען געלעגן אַרום די פאַרזונקענע אויגן און אויף דער לינקער שלייף האָט זיך געשלענגלט און געצאַפּלט אַן אָדערל.

„פּז!״ האָט זיך חיים אָנגערופן מיט אַ פאַרשטיקטן קול. „דער נסתר האָט געוואָרנט אַז אויסגראָבן אַזאַ גאָלד איז סכנת נפשות, מען קען פון דעם געניזוקט ווערן. „פּז״ איז געלייטערט גאָלד, אָבער בלוטיק גאָלד. „פּ״ איז אַ צונויפגעקנוילטע שלאַנג, „ז״ איז כלי־זיין, —פּונקט ווי אַ שווערד מיט אַ הענטל.״ אַ שוידער איז דורכגעגאַנגען דורך חיימס לייב. „רחמנא יצילנו, רחמנא יצילנו!... כ׳וועל אַזאַ גאָלד ניט אָנרירן, כ׳וועל דאָס איבערלאָזן אין די זומפּן.״

„אָבער וואָס גייט אייך אַזוי אין לעבן דער אוצר, חיים?״ האָט זיך דער פּויער געחידושט. „דוכט זיך איר לעבט דאָ גאַנץ באַלעבאַטיש, האָט אַ היפּשע נחלה. צוליב וואָס עפּעס זוכט איר גאָלד?״

„איך זוך מיין גאָלדענעם שליסל!״ האָט דער טאָרף־ייד אַ זאָג געטאָן סודותדיק.

גאַווריל̈אַ האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר בלויע תמעוואַטע אויגן: „וואָס פאַר אַ שליסל?״

„צו אַלע זאַכן וואָס ד׳ער מענטש פאַרמאָגט אויף דער וועלט,״ האָט חיים דערקלערט, „צו אַלץ וואָס ער האָט אויפגעטאָן און דער־וואָרבן פאַר זיך ביים לעבן,—צו אַלע זיינע גוטע און שלעכטע

מעשים, צו זיינע שאַך־קאַמערן וואָס זיינען פול מיט מצוות און צו זיינע שאַך־קאַמערן וואָס זיינען פול מיט גאָלד,—צו אַלץ דעם זיינען פאַראַן נאָכשליסלען, וואָס געפינען זיך אָבער ניט אין דעם מענטשנס הענט. איז דער מענטש גוט און פרום,—האָט זיין "מלאך דער גוטער" דעם גאָלדענעם שליסל; איז אָבער דער מענטש זינדיק און פאַרדאָרבן האָט דער שטן צו אים אַ שוואַרצן נאָכשליסל.

"גייט אַריין אַ גאָטספאָרכטיקער מענטש אין זיין קעמערל לערנען תורה, ווערט ער באַלד באַשטראַלט מיט דער ליכטיקייט פונעם מלאך זיין באַשיצער. גייט אַ רשע אַריין אין זיין קאַמער, שפּרייט איבער אים דער שטן אויס זיינע טונקלע פליגלען. און אַז אַ מענטש שטאַרבט, איז פונקט ווי ער וואָלט זיך אַרויסגעקליבן פון אַ דירה: מען טראָגט אים נאָך זיין באַלעבאַטישקייט אויף יענער וועלט. אויב איינער איז פון אָנהייב געווען גוט און האָט זיך שפּעטער פאַרזינדיקט, נעמט דער שטן אַוועק פון זיין מלאך דעם גאָלדענעם שליסל. טוט אָבער דער מענטש תשובה, מוז דער שטן דעם גאָלדענעם שליסל צוריקגעבן.

"דער נסתר האָט אַמאָל דעם טאַטן אָנפאַרטרויט, אַז דער בערעזקאָווער אוצר האָט געדאַרפט געהערן צו מיין זיידן,—אַזוי איז דאָס געווען אָנגעצייכנט מן השמים. אָבער דער זיידע דוד, זאָל ער האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן, האָט זיך מיט עפּעס שווער פאַרזינדיקט, איז דער גאָלדענער שליסל אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער סיטרא־אחרא. פאַרן טויט האָט דער זיידע תשובה געטאָן, ס'איז אָבער שוין געווען צו שפּעט. דערפאַר דאַרף דער היגער אוצר אַריינפאַלן אין די הענט פון איינעם וואָס וועט אָפּשטאַמען פונעם זיידען, אַזוי האָט דער נסתר דערקלערט. איז דאָך אַצינד ממש אַן אצבע־אלקים, אַז איך בין דער דאָזיקער וואָס דאַרף אַרויסרייסן דעם גאָלדענעם שליסל פון דעם שטן."

דער שבת־גוי האָט זיך איינגעהערט צו די מערקווערדיקע רייד מיט אַן אָפענעם מויל. "טשודנע מענטשן זיינען זיי,—חיים און דער אישאַנסקער ראַבין,—עפּעס ריידן זיי מאָדנע פאַרשטעלט, מיט גאָלע רעטענישן." האָט ער געטראַכט אַ צעטומלטער.

„נו און אַז איר וועט געפינען דאָס גאָלד, חיים, וואָס וועט איר טאָן מיט דעם?" האָט ער אַ פרעג געטאָן. „וועט איר זיך קויפן אַ גרויסן מאַיאָנטעק און ווערן אַ פּריץ?"

דער טאָרף־ייד האָט געשמייכלט אַ פאַרחלומטער. „כ'וועל ניט פאַרבלייבן דאָ אין די כאַפּונער זומפּן, אַז כ'וועל געפינען דעם גאָלדענעם שליסל. כ'וועל פאַרנעמען מיין הויזגעזינד און אַוועק פון די היגע שוואַרצע נידערונגען אין די באַשיינטע הייכן פון הייליקן לאַנד. אונדזער ארץ־ישראל, גאַווריל, איז אַ הויכלאַנד, אַ לאַנד פון געבערג... פאַראַן דאָרטן אַ מעכטיקער באַרג, העכער פונעם באַרג ציון אין ירושלים, — אַ ווערסט די הייך איז דער באַרג, — און ער זעט אויס אַזוי ווי אַ פעלדזיקער טורעם. אויף דעם דאָזיקן באַרג שטייט די הייליקע שטאָט צפת, די העכסטע שטאָט אין גאַנצן לאַנד ישראל. אַ שטאָט פון פעלדזן, אַזוי ווי אַן אָדלער־נעסט, אַ פעסטונג פון תורה און פון חכמה־נסתרה. דאָרטן לעבן שוין הונדערטער יאָרן אונדזערע לייט, די אנשי־ח"ן; דאָרטן זיינען אויסגעוואָקסן אונדזערע גרעסטע אָדלערס און האָבן צעשפּרייט זייערע הימלשע פליגלען.

„דו האָסט מסתמא געהערט אַז די שטאָט ירושלים איז דער מיטלפּונקט, דער נאָפּל פון דער ערד. אָבער די שטאָט צפת שטייט פּונקט איבערן האַרץ פון דער ערד. אַן „אויפגעוועקטער" מענטש קען פאַרנעמען מיט זיינע אינעווייניקסטע אויערן דאָס קלאַפּן פון דעם דאָזיקן שטיינערנעם האַרץ טיף אין בוזעם פון דער ערד. גייט מען אַרויף אויפן שפּיץ פון באַרג, קען מען אַריינקוקן גלייך אין הימל אַריין, קען מען זען פון איין עק וועלט ביזן אַנדערן.

„אַ הייליק אָרט איז די דאָזיקע פעלדזיקע שטאָט, באַוואוינט פון הייליקע מענטשן; און די גאַנצע סביבה אַרום צפת איז פול מיט קברים און מיט היילן אין די פעלדזן, וואו ס'האָבן מיט טויזנטער יאָרן צוריק געלעבט פרומע פרושים און נזירים, גרויסע נביאים און געטלעכע מענער. זייערע ביינער רוען נאָך דאָרטן ביז אויף היינטיקן טאָג. ניט ווייט פון צפת געפינט זיך אויך דער קבר פון דער גרעסטער ליכט, וואָס האָט ווען געשיינט אויף דער וועלט,—פונעם צדיק שמעון בן יוחאי, דער וואָס האָט מיט דער שטראַלונג פון זיין הייליקן זוהר באַלויכטן די טיפסטע סודות פון דער תורה.

״אָט אין דער דאָזיקער פעלדזן־שטאָט צפת וועט משיח אויפֿשטעלן זיין טראָן, ווען ער וועט אַרויפֿקומען פון די וואַסערן פון ים כנרת. אין דער דאָזיקער פעסטונג פון תורה וויל איך מיך באַזעצן; דאָרטן האָט אונדזער רבי געלעבט ביז דער גרויסער ערדציטערניש. אין יענעם אָרט פון קדושה, וואָס ליגט הויך איבער דער ערד, וועל איך אַרויפֿקומען פון די כאַפּונער טיפֿענישן, פון דער טומאה פון די זומפּן,—איך און מיין הויזגעזינד,—אויב גאָט וועט נאָר שענקען דאָס לעבן און מיך מזכה זיין מיטן אמתן אוצר... כ׳וועל לעבן אויפֿן גרונט וואו ס׳האָבן געטראָטן די ליכטיקע פיס פונעם רבין רב נחומטשען.״

דער שבת־גוי האָט זיך גאָר ניט געקענט אָפּחידושן. ״איר ווילט זיך באַזעצן אויף אַ באַרג און ווערן אַ מאָנאַך? כ׳האָב געהערט אַז מיר האָבן אויך מאָנאַסטירן אין הייליקן לאַנד.״

״כ׳וויל ניט ווערן קיין מאָנאַך, גאַווריללאָ. כ׳וויל ווייטער גראָבן די ערד, — דאָס איז שוין דער גורל פון אונדזער פאַמיליע, אַזוי האָט דער רבי פאָרויסגעזאָגט. כ׳וועל גראָבן דעם גרונט פון אונדזער הייליקן לאַנד און אפשר וועל איך מיך אָנשטויסן אין דער פאַרבאָרגענער הייל וואו דער נסתר האַלט זיך אויף.״

״דעם אישאַנסקער ראַבינס פאָטער? אָבער ער איז דאָך שוין לאַנג געשטאָרבן.״

דער טאָרף־ייד האָט געשמייכלט סודותדיק. ״דאָס איז די גרעסטע געהיימעניש אין דער וועלט! הער זיך איין, וועל איך דיר דערציילן אַ וואונדערלעכע געשיכטע, אַ מעשה נורא, אָבער אַ מעשה שהיה.״

— 5 —

״מיט אַ יאָר פופצן צוריק, דער טאַטע עליו השלום האָט נאָך דאַמאָלט געלעבט, איז פאַרפאָרן צו אונדז אין די בערעזקעס אַן ארץ־ישראל־ייד, אַ משולח וואָס קלייבט חלוקה־געלט פאַר די הייליקע שטעט; האָט ער אונדז דערציילט די וואונדערלעכע געשעענישן פון דעם נסתרס לעבן אין הייליקן לאַנד. ווען דער רבי איז נעלם געוואָרן פון אישאַנסק איז ער נאָך געווען אַ יונגערמאַן, קיין פערציק יאָר ניט אַלט געווען. צוערשט איז ער נתגלה געוואָרן אין ירושלים, אָבער

אין גיכן האָט ער זיך באַוויזן אין דער שטאָט צפת. אָט די דאָזיקע נעסט אין די פעלדזן איז טאַקע געווען אַ פּאַסיק אָרט פאַרן נסתר, דעם גרויסן אָדלער פון דער חכמה נסתרה, — דאָס אייגן אָרט וואו ס׳האָט אַמאָל געלעבט און מרעיש־עולם געווען דער אר״י הקדוש, דער מעכטיקער הייליקער לייב אין סודותדיקן גאָרטן פון אונדזער קבלה.

״נאָר אַ קליין הייפעלע אויסדערוויילטע פון די אנשי־ח״ן האָבן געוואוסט אַז דער נסתר האַלט זיך אויף אין צפת. וואָרעם דער רבי האָט דאַמאָלט געפּראַוועט התבודדות; און נאָר געציילטע פון אונדזערע ״אויפגעוועקטע״ האָבן באַגריפן די אמתע כוונה פון דעם נסתרס אויפהאַלטן זיך אויפן הויכן באַרג. דער רבי האָט געוואָלט דער־נענטערן דעם ״קץ״, האָט אָנגעשטרענגט אַלע זיינע וואונדערלעכע, ממש איבערמענטשלעכע, כוחות אַראָפּצוברענגען די גאולה, — און טאַקע באַלד, במהרה בימינו. ס׳האָט אָבער ניט גענומען לאַנג און דער סוד פון דעם נסתרס אויפהאַלטן זיך אין צפת איז אַנטפּלעקט געוואָרן פאַר דער גאַנצער וועלט און אַלע מענטשן האָבן אויפ־געשוידערט.

״דאָס איז געווען מיט עטלעכע און פערציק יאָר צוריק אין אַ ווינטערדיקן אויפדערנאַכט. די נאַכט, דאַרפסטו וויסן, ווערט איינ־געטיילט אין דריי אשמורות און יעדע אשמורה שטייט אונטערן רשות פון אַן אַנדערער כיתה מלאכים. האַלבע נאַכט איז ״חצות״ אויף דער וועלט, די צייט פון דער צווייטער אשמורה; אין דער דאָזיקער צייט באַזוכט הקדוש ברוך הוא דעם גן־עדן. אָבער איידער ער קומט אַהינצו אַריין דערמאָנט ער זיך אין זיין אייגן הייליק הויז וואָס איז חרוב געוואָרן און אין די בידנע קינדער פון ישראל, וואָס זיינען פאַרוואָגלט איבער דער גאַנצער וועלט און האָבן אויך ניט קיין אייגענע היים. ווערט דער כביכול שטאַרק טרויעריק און די מלאכים, וואָס האָבן אין איינעם מיט דער שכינה באַגלייט די פאַרטריבענע יידן אין גלות אַריין,—געווען מיט זיי ביי די טייכן פון בבל און ביי די אומצאָליקע אַנדערע פרעמדע טייכן,—טרויערן אויך מיטן אייבערשטן. דאָס זיינען די הימלשע ״טרויערער פון ציון״.

״שלאָגט דער שעפער פון אַלע עולמות אין זיין גרויסן צער

דריי הונדערט און נײַנציק וועלטן און זיי הייבן אָן ציטערן און פלאַטערן; און אַלע וועלטן ווערן אויפגערודערט, און אַלע וואַסערן ווערן אויפגעברויזט; און די מלאכים, די טרויערער פון ציון, ווערן צעשמאָלצן פון געוויין. און הקדוש ברוך הוא לאָזט פאַלן צוויי טרערן אין תהום פונעם גרויסן ים, צוויי פייערדיקע טרערן. די שײַן פונעם געטלעכן פייער ווערט אויפגעכאַפּט און אָפּגעשפּיגלט אויף די פליגלען פון דעם צפון־ווינט וואָס וואַנדערט אַרום בײַנאַכט.

„פונקט בחצי הלילה רירט אָן דער ווינט מיטן רויטלעכן פלאַם די פליגלען פון דעם האָן. די ערשטע הענער הייבן אָן קרייען און דער אייבערשטער גייט אַרײַן אין גן־עדן זיך אַ ביסל צו טרייסטן צווישן די געטלעכע ביימער וואָס זײַנען אַ גאַרונג פאַר די אויגן אין איינעם מיט די צדיקים און מיט די נשמות פון די גערעכטע.

„מיט איבער פערציק יאָר צוריק איז דאָס געווען, אין אַ ווינטער־דיקע נאַכט. דער אייבערשטער האָט ווי געוויינלעך געטרויערט מיט די מלאכים אויפן חורבן און אַלע הימלען האָבן געציטערט; און די געטלעכע טרערן זײַנען געפאַלן אין שטורעמדיקן ים. פלוצעם האָט זיך פון דער ערד, פונעם היכל באַרג וואו עס שטייט די שטאָט צפת, דערהערט אַ מענטשלעך געוויין, אַ שרעקלעכער יאָמער, אַזוי ווי אַ יאוש־געשריי פון אַ קינד וואָס האָט די מאַמע פאַרלאָרן; אַ געוויין וואָס האָט דורכגעדרונגען אַלע וועלטן, דורכגעלעכערט אַלע הימלען און האָט דערגרייכט גלייך צו הקדוש ברוך הוא.

„דאָס האָט רב נחומטשע דער נסתר איינער אַליין אין זײַן קעמערל, אײַנגעוויקלט אין טלית, אין ווייסן געקליידט, אָפּגעריכט חצות. אויף דער ערד איז ער געזעסן אַזוי ווי אַן אָבל, אָן שיך אויף די פיס; ער האָט געקלאָגט אויפן חורבן פון ציון און אויף גלות השכינה; ער האָט געפאָדערט, געבעטן און געיאָמערט אַז די גאולה זאָל באַלד אַראָפּקומען אויף דער וועלט, וואָרעם ישראל איז שוין צו מאָט און צעבראָכן איבערצוטראָגן אַזוי פיל ווייטאָג און פּיין. פונעם נסתרס פאַרצווייפלטן געוויין איז דאָס שטיינערן האַרץ פון דער ערד, וואָס ליגט אונטער דער שטאָט צפת צעשמאָלצן געוואָרן.

„אַז הקדוש ברוך הוא האָט דערהערט דעם רבינס מוראדיק געיאָמער, איז אַ דריטע געטלעכע טרער אַרײַנגעפאַלן גלייך אין ים

כנרת, וואָס זיינע וואַסערן ליגן נאָענט צו צפת. האָט זיך אַ גוואַלדיק פייער אַרויסגעריסן פון די דאָזיקע וואַסערן און דער גאַנצער גרונט אַרום און אַרום האָט זיך אָנגעפאַנגען וואַקלען. דער הויכער באַרג האָט זיך אָנגעהויבן וויגן אַזוי ווי אַ בוים אין אַ שטורעם. ס׳איז געוואָרן אַ שרעקלעכע ערדציטערניש אין צפת און אין דער גאַנצער סביבה. הונדערטער הייזער, גאַנצע גאַסן, זיינען צעשמעטערט געוואָרן. דיקע שטיינערנע מויערן זיינען צעבראָקלט געוואָרן, ווילדע פייערן האָבן זיך צעפלאַקערט און פון דער הייליקער שטאָט צפת און פון אַ סך אַנדערע ישובים אין דער גאַנצער געגנט איז געוואָרן עפר ואפר.

„אַז מען האָט אָנגעפאַנגען גראָבן אין די חורבות פון צפת, וואָס איז געווען פול מיט שטיקעדיקן רויך, מיט ברענעדיקע האָלאָ־ווענקעס און מיט גליענדיקן אַש, האָט מען געפונען טויזנטער פאַר־ברענטע, פאַרקוילטע, דערשטיקטע מענטשן. אַז מען איז צוגעקומען צום נסתרס הויז און מען האָט אָפּגעראַמט דאָס אָנגעפאַלן בערגל פאַרשוואַרצטע שטיינער, אַש און שטוקאַטורקע, האָט מען דעם רבין געפונען אין אַ טיפן שלאָף, אַזוי ווי אין אַ הינערפלעט, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קיטל, איינגעוויקלט אין טלית; אָבער אפילו אַ האָר איז ניט געווען געמינדערט אויף זיין קאָפּ.

„האָט אַ בת־קול אויסגערופן פון הימל: נחום דער זון פון רחל, נידער אַראָפּ פון דעם דאָזיקן באַרג: פאַרלאָז, מיין קינד, די הייליקע קהילה פון צפת; אַנדערש וועסטו די גאַנצע וועלט חרוב מאַכן.״

דער טאָרף־ייד האָט זיך אָפּגעשטעלט און איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. „נאָך דער ערד־ציטערניש איז דער נסתר אַוועק פון צפת און האָט זיך ס׳רוב אויפגעהאַלטן ביים ים כנרת לעבן דער הייליקער שטאָט טבריה. דאָרטן האָט ער אויך די גאַנצע צייט פאַרבראַכט אין צוגרייטן זיך צו זיין גרויסער שליחות,—אַראָפּצוברענגען דעם גואל צדק.

„לעבן טבריה איז רב נחומטשע פאַרבליבן ביז שנת תרי״ג, וואָס איז געווען מיט זיבעצן יאָר צוריק. דאָס יאָר תרי״ג האָט געמאַכט אַ רושם אויף דער וועלט; אַ סך פון אונדזערע אנשי־ח״ן זיינען געווען זיכער אַז אין אַ יאָר פון אַזאַ הייליקער און סודותדיקער צאָל ווי תרי״ג, וואָס איז די צאָל פון אַלע מצוות אין דער תורה, מוזן אויספאַלן די ימות־המשיח. באַלד נאָך די ימים־נוראים איז דער

נסתר נעלם געוואָרן פון הייליקן לאַנד און אין קיין שום אָרט אויף דער וועלט איז ער מער ניט אַנטפּלעקט געוואָרן ביז אויף היינטיקן טאָג.

"לעבט ער נאָך צי איז ער ערגעץ נסתלק געוואָרן? דאָס איז דער גרעסטער סוד אין דער וועלט. אַ סך מענטשן גלויבן אַז דער רבי איז אַ לעבעדיקער אַרויפגענומען געוואָרן אויפן הימל. אַנדערע זאָגן, אַז ער וואַנדערט אַרום אַ פאַרשטעלטער איבער דער ערד, זוכנדיק די פאַרלאָרענע עשרת־השבטים. ס'איז אויך פאַראַן אַ סברה אַז דער נסתר לעבט לעבן צפת אין אַ פאַרבאָרגענער הייל און וואַרט אויפן טאָג, ווען דער מלך המשיח וועט אַרויסקומען פון די וואַסערן פון ים כנרת. אָט האָט דאָך דער הייליקער רבי שמעון בן יוחאי פאַר־צייטנס אויך פאַרבראַכט אין אַ הייל באַהאַלטענערהייט דרייצן יאָר.

"דערפאַר אַז מען רעדט וועגן דעם נסתר טאָר מען ניט זאָגן "עליו השלום", וואָרעם מען ווייסט ניט אויף געוויס צי ער איז אַ שוכן־עפר, — צי איז ער אַ היגער צי אַ הימלשער... אַז כ'וועל אם ירצה השם אַריינקריגן דעם אוצר, וועל איך באַלד אַוועק פון דאַנען צום באַשיינטן הייליקן באַרג און צום ים כנרת." האָט חיים אויס־געלאָזט אַ פאַרטרוימטער. "ווער ווייסט, אפשר איז מיר באַשערט צו אַנטפּלעקן די פאַרבאָרגענע הייל, וואו רב נחומטשע האַלט זיך אויף,—אַ גרייז־גרויער און אַ ליכטיקער אַזוי ווי אַ מלאך; אויב דער רבי לעבט נאָך, דאַרף ער איצטער זיין אַן אַכציקער."

גאַווערילאָ האָט זיך צוגעהערט צו חיימס דערציילונג מיט פּויער־שער רעווערענץ און אַ ביסעלע מיט פּחד. מיט אַזאַ מין געפיל האָט ער אַמאָל זיך צוגעהערט אין דער קיעווער לאַוורע צו די לעבנס־געשיכטעס פון די הייליקע מאַרטירערס, וואָס די מאָנאַכן און "באָגאָמאָלצעס" (פּיליגרימען) פלעגן דערציילן. דער שבת־גוי האָט געוואוסט אַז די יידן דערוואַרטן יעדן טאָג זייער דערלייזער, וואָס וועט אויפטאָן פאַר זיי וואונדערלעכע זאַכן. אָבער זיין ערדישער גייסט האָט קוים געקענט משיג זיין חיימס רוחניותדיקע וועלט, — אַן אוממשותדיקע וועלט פול מיט משונהדיקע אילוזיעס.

דער ייד און דער פּויער זיינען געזעסן אין שטיל־שווייגעניש. פון די טאָרף־פעלדער האָט זיך געהערט דער אומענדלעכער טומלדיקער

ריטם פון די פּרעש און די גרילן. מיט אַמאָל האָבן זיך פון בערעזע־וועלדל דערטראָגן מעלאָדישע טענער פון אַ וואונדערלעכער זיסקייט: לויטערע האַרמאָנישע טרעלן האָבן זיך געגאָסן פון העלדזל פונעם קליינעם נאַכטיגאַל, אַזוי ווי צעשמאָלצענער זילבער. פון סאַד הינטערן הייזל האָט אַ ווייע געטאָן מיט אַ פאַרשיכורטן אַראָמאַט פון בעז אין פולן צוויט.

„ביי אונדז פאָרן אויך פויערים אין הייליקן לאַנד אויף ‚באַגאָ־מאָליע', אָבער זיי קומען צוריק אַהיים." האָט דער שבת־גוי אַ זאָג געטאָן מיושבדיק. „ס'איז גאָר ניט קיין גלייכע זאַך זיך צו באַזעצן אין דער פרעמד ערגעץ אויף אַ באַרג און גראָבן שטיינער. איר זענט דאָך אַן אונדזעריקער, חיים. אַמער אַז איר וועט האָבן אַ סך געלט, וועט איר קענען קויפן אַ בעסערע נחלה. אָט איז לעבן פּריפּיעט פאַראַן גוטע שוואַרצע ערד, דאָרטן וואַקסט דער פיינסטער ווייץ."

חיים האָט דעם פויער אַריינגעקוקט טיף אין די אויגן. „כ'האָב פיינט די היגע פּאָהאַנע ערד," האָט ער זיך אָנגערופן אין אַן ערנצטן טאָן, „כ'האָב מורא פאַר די פאַרשאָלטענע זומפּן, פאַר די שרעקלעכע זינק־בלאָטעס און פאַר דער סיטרא־אחרא, רחמנא־ליצלן. דו ווייסט ווי אַזוי די היגע ערד זעט אויס אין מיינע אויגן? פּונקט ווי דער נביא ישעיה האָט דאָס באַשריבן: „אַ גרויל און אַ גרוב און אַ נעץ. דער וואָס אַנטלויפט פון דעם קול פון גרויל, וועט אַריינפאַלן אין גרוב; דער וואָס קומט אַרויף פון גרוב, וועט געפאַנגען ווערן אין נעץ. ווארעם עס שטורעמען די גרונדפעסטן פון דער ערד; ברעקלען צע־ברעקלט זיך די ערד: וואַקלען טוט זיך וואַקלען די ערד; שאָקלען ווי אַ שיכורער שאָקלט זיך די ערד און טרייסלט זיך אַזוי ווי נאַכט־ביידל..."

„אָט אַזוי זעען אויס די כאַפּונער זומפּן אין מיינע אויגן: אַ גרוב און אַ נעץ וואָס לויערן אויף מיר און אויף מיינע קינדער. דערפאַר וויל איך וואָס גיכער אַרויסנעמען מיין אוצר און אַוועק פון דאַנען אויף תמיד."

דער שבת־גוי האָט זיך צוגעהערט צום טאָרף־ייד, האָט אָבער ניט מסכים געווען. „אמת די זומפּן זיינען טאַקע פּאָהאַנע, חיים, אָבער

די שוואַרצע ערד דאָ איז אַ גוטע און אַ געטרייע אַזוי ווי אַ מאַמע, זי ברענגט מזל און ברכה.״

חיים האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס. ״אפשר איז זי אַ גוטע צו די פּויערים, אָבער צו אונדז יידן איז זי אַ בייזע שטיף־מאַמע, די היגע שוואַרצע ערד. אונדזער תורה האָט טאַקע געוואָרנט, אַז אויב מיר יידן וועלן זיין גאָט דערווידער, וועט ער אונדז לאָזן אונטערגיין צווישן פרעמדע פעלקער און דאָס לאַנד פון אונדזערע פיינט וועט אונדז אויפעסן.״ דער טאָרף־ייד האָט זיך אַ ביסל פאַר־טראַכט. ״אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט, אַז מיר יידן אין גלות זיינען געגליכנט צו לויזן זאַמד, וואָס ווערט אַרומגעטראָגן פון אָרט צו אָרט איבער דער גאַנצער וועלט; מיר זיינען אַזוי ווי אומרואיקער זאַמד, וואָס קען זיך אויף לאַנג ניט אָפּזעצן און קען זיך ניט באַהעפטן מיט פרעמדער ערד, וואָרעם מיר געהערן צו אַן אַנדערער ערד.״

״טאַקע ריכטיק,״ איז ביי גאַוורילאָן דורכגעפלויגן דורכן קאָפּ, ״זיי זיינען אַזוי ווי זאַמד וואָס דער ווינט טראָגט אָן און דער שטורעם צעווייעט. אָבער מיר פּויערים זיינען דער שווערער גרונט, וואָס איז איינגעפּונדעוועט; מיר זיינען דער שוואַרצער שליימיקער באָדן, וואָס קען ניט אַרומפליען, וואָס טראָגט אָבער אין זיך דעם זאָמען פון לעבן.״

״זאַמד איז די שוואַכסטע און אויך די שטאַרקסטע זאַך אין דער וועלט,״ האָט חיים באַמערקט. ״זאַמד קען צעבלאָזן ווערן אָבער ניט צעטראָטן ווערן; זאַמד קען ניט פאַרברענט ווערן אין פייער און קען ניט אויפגעלייזט ווערן אין וואַסער. אָט אַזוי זיינען מיר יידן.״

אין דער ווייסער מאַיאָוער פאַרצויבערטער נאַכט זיינעןביידע מענטשן געזעסן אַ שטיק צייט פאַרחושטע מיט אַ מאָדנער זיסער אומרו אין האַרצן. ״די ערד איז נאָר אַ שטרענגע און אַ האַרטע פון אויסן,״ האָט דער פּויער געטראַכט, ״אָבער אינעווייניק איז זי אַ ווייכע און אַ לייטזעליקע. זי איז אַ זיסע און אַ ביטערע, זי נערט און פאַרצערט, זי ברענגט לעבן און טויט. זי איז אַ מאַמע און אַ געליבטע, די ערד. מיט איר מוז מען זיך באַהעפטן, צו איר מוז מען זיין איבערגעגעבן מיט אַלע כוחות, מיט שווייס און מיט בלוט; זי מוז מען ליב האָבן מיט צערטלעכקייט און ליידנשאַפט, אפילו ווען זי איז בייז און האַרטהאַרציק. די ערד איז אונדזערע האַרנטע און מיר פּויערים זיינען

אירע כלאָפּעס, אירע לייבאייגענע דאָס גאַנצע לעבן. די ערד איז אונדזערע שוואַרצע „באַגאַראַדיצאַ", צו איר מוז מען דינען מיט אַכפּערקייט."

דער שבת־גוי האָט זיך אַביסל דערשראָקן פאַר זיין אייגענעם געדאַנק. „יאָ, די ערד איז אונדזערע אמתע באַגאַראַדיצאַ, אָבער די יידן האָבן ניט קיין ערד. מען זאָגט אַז זיי זיינען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, אָבער מיט דער ערד האָבן זיי זיך אין ערגעץ ניט באַהאָפטן. ווי אַזוי קען מען לעבן אָן אַן ערד? זיי זיינען טאַקע ווי אומרואיקער זאַמד. זאַמד האָט פליגלען, האָט אָבער ניט קיין וואָרצלען. אָבער די יידן זיינען ניט קיין טויטער זאַמד, נאָר עפּעס אַ וואונדערלעכער לעבעדיקער זאַמד...

„כ'קען די יידן ניט באַגרייפן און אָט לעב איך צווישן זיי אַזוי פיל יאָרן. ווי אַזוי קען אַ פאָלק לעבן אָן אַן ערד? זיי האָבן פיינט די ערד און די ערד אַ פּנים האָט זיי אויך פיינט; און די פּויערים האָבן די יידן פיינט. אַז איך שיכור מיך אָן צעברענט זיך אין מיר אויך אַ ווילדע שנאה צו יידן, אָבער אַז איך בין ניכטער האָב איך צו זיי אַן אָפּשיי, אָבער אויך אַ מורא. פאַרוואָס האָב איך מורא פאַר זיי? די וועלט זאָגט אַז זיי זיינען אומגלויבליקע גרויזאַמע מענטשן, האָבן אונדזער דערלייזער דערהרגעט, נוצן בלוט פון קריסטלעכע קינדער. דאָס לייגט זיך ניט אויפן שכל. זיי שיכורן ניט, זיי בויאַנעווען ניט, זיי גזלען ניט, זיי זיינען ניט קיין בייזוויליקע מענטשן. זיי זיינען גאָטספאָרכטיקע, געטרייע איינער צום אַנדערן; זיי האָבן ליב זייערע ווייבער און קינדער, זיי העלפן אָרעמעלייט, האָבן רחמנות אויף אומגליקלעכע... אָבער זיי לעבן אָן וואָרצלען, טאַקע אַזוי ווי זאַמד אויף דער פלאַך פון דער ערד. זיי האַווען, זיי האַנדלען און וואַנדלען און האָבן ניט קיין אמתע היים, פּונקט ווי די ציגיינער...

„סיידן די שול איז זייערע אמתע היים. דריי מאָל אַ טאָג לויפט מען אַהינצו, דאָרטן האַלטן זיי די תורה זייערע. וואָס איז אַזוינס די יידישע תורה? זיי האַלטן זי אַזוי ווי אַ כלה, אַזוי ווי אַ געליבטע אין זיידנס און סאַמעט, מיט אַ זילבערנער קרוין. קומט שבת רופט מען יעדן אויף צו דער תורה; קומט שמחת־תורה טאַנצן מיט איר

אַרום קינד און קייט אויף די גאַסן. אַלטע לייט און קינדער אין די וויגן לערנען ביי זיי די תורה טאָג און נאַכט... אָט האָבן מיר אויך איקאָנעס און הייליקע בילדער, זיי זיינען אונדזערע באַשיצערס. האָבן מיר כל־המינים איקאָנעס, אָבער די יידן האָבן נאָר איין און איינציקע תורה...

"וואָס איז אַזוינס די יידישע תורה? ס'איז עפּעס אַ געהיימעניש. די אַלטע ביבליע דערציילט, אַז די יידן האָבן זי געקראָגן אויף אַ הויכן פייערדיקן באַרג. אפשר איז די יידישע היים טאַקע ערגעץ אויף די הויכע הייסע בערג? אָט האָט חיים אַקאָרשט דערציילט פון אַ וואונדערלעכן באַרג אין הייליקן לאַנד וואָס מיטן שפּיץ שפּאַרט ער אָן אין הימל און מיטן גרונט דערגרייכט ער ביז צום האַרץ פון דער ערד... אָט האָט מיר פּאַראַיאָרן ווינטער דער אישאַנסקער ראַבין געזאָגט, אַז דער מענטש דאַרף אָנצינדן אין זיך אַ פייער, אַ ליכט אַזאַ. אפשר קענען דערפאַר די יידן ניט לעבן אויף אונדזער קאַלטער שוואַרצער ערד?

"אָבער אונדזער ערד איז דאָך אַ זיסע און ברענגט לעבן און מזל־ברכה. אָט וויל חיים מיט גוואַלד אַרויסרייסן פון אירע געדערעם אַ גאָלדענעם אוצר. אָבער אַז מען האָט זי ליב, די ערד, און מען באַהעפט זיך מיט איר, ברענגט זי אַרויס פרייוויליק איר אייגן גאָלד מיט אַ פולער האַנט,—פעלדער מיט גאָלדענע זאַנגען... מאָרגן וועל איך זיי אָנקוקן די יונגע פעלדער, גייענדיק קיין טשערנאָלוזשע..."

גאַווארילאָס האַרץ איז געוואָרן פול מיט אַ שטילער ליכטיקער פרייד. "מאָרגן גיי איך אין טשערנאָלוזשער וואַלד, ס'איז אין גאַנצן אַ מהלך פון צוויי שעה צו דאַנילאָס שטיבל און פון דאָרטן צום דערפל טשערנאָלוזשע איז ניט מער ווי אַ האַלבע שעה. מאָרגן וועל איך פאַרברענגען מיט פּאַראַסקאַן דעם גאַנצן טאָג. כ'וועל אויס־רייניקן דאָס הייזל וועט דאָס זיין אונדזער היים דעם גאַנצן זומער, יעדן שבת און זונטיק... ס'איז גוט צו לעבן אין וואַלד, ס'איז רואיק און פרידלעך, קיל און ציכטיק. קיינער וועט אונדז ניט שטערן, דאָרטן זעט מען קיין לעבעדיקן מענטשן ניט אָן. איצטער הייבט שוין אָן אַלץ וואַקסן אין וואַלד,—יאַגדעס, באָראָוויקעס, ליסיטשקעס. די טשערנאָ־לוזשקע איז אַ לעבעדיק טייכל און פול מיט פיש... אין וואַלד קען

מען לעבן אַזוי ווי אין גן־עדן. קיינער וועט ניט שטערן, קיינער וועט קיין דעה ניט זאָגן. דאָרטן קען מען זיך זיין גליקלעך..."

גאַווריליאָ האָט טיף אַריינגעצויגן אין די לונגען דעם דער־קוויקנדיקן ריח פון בעז. אין בערעזע־וועלדל האָט זיך דער גרויער געפליגלטער זינגער ווידער אַמאָל צעגאָסן אין זיינע זילבערנע טרעלן. "די בלומען האָבן זיך באַוויזן אין לאַנד," האָט זיך דער שבת־גוי דערמאָנט אין די ווערטער פון שיר־השירים, וואָס ער האָט געהערט פון וועלוול־מלמד ערב־פּאַסכע, "די צייט פון געזאַנג איז געקומען, דאָס קול פון דער טורקל־טויב לאָזט זיך הערן אין לאַנד..."

אַזוי ווי אַ היפּנאָטיזירטער האָט גאַווריליאָ געקוקט אויף דעם מאַגיש־פּאַרזילבערטן וועלדל. "קום געליבטער מיין, לאָמיר אַרויסגיין אין די גערטנער, לאָמיר נעכטיקן צווישן די בלומען. גרין איז אונדזער געלעגער, אונדזערע הויז־באַלקנס זיינען צעדערן, אונדזערע וואַנט־ברעטער—ציפּרעסן. דאָרטן וועל איך געבן מיין ליבשאַפט צו דיר..."

אַכטער קאַפּיטל

שעיר לעזאזל

— 1 —

זונטיק ווי נאָר די זון איז אויפגעגאַנגען, האָבן די גלעקער פון הנילאָפּאָליער קלויסטער זיך מונטער צעקלונגען איבער די פלאַכע כאַפּונער פלוינען. גאַוורילאַ האָט אָנגעטאָן אַ פריש העמד און איז גרייט געווען גיין קיין טשערנאַלוזשע, ווען חיים האָט אים אָפּגעהאַלטן: ער וויל אָנהייבן אַרבעטן אויפן טאָרפניק מאָרגן קאַיאָר און היינט וועט ער אים באַקאַנט מאַכן מיט דער באַלעבאַטישקייט; דער עיקר וויל ער אים ווייזן דאָס אָרט וואו ער האָט געפונען די רענדלעך. דער שבת־גוי האָט זיך אונטערגעגעבן, כאָטש ס'האָט אים שטאַרק באַנג געטאָן אויפצוגעבן זיין פּלאַן. ״עך, כ'וועל שוין מוזן וואַרטן ביז שבת!״ האָט ער אַ קרעכץ געטאָן אַן אַנטוישטער.

פאַר די קנאַפּע זיבעציק יאָר וואָס די טאָרף־יידן האָבן געבאַלעבאַטעוועט אין די בערעזקעס האָבן זיי אַ גרויסן שטח לאַנד אַרויסגעריסן פון די בלאָטעס. אָבער רעקלאַמירט האָט מען דעם באָדן ניט איבעריק פּאַכמעניש, פלעגט דער גרונט ס'רוב ווידער פאַרזומפּט ווערן אָדער פאַרוואַקסן ווערן מיט ווילדגראָז. פונדעסטוועגן האָבן די טאָרף־יידן פאַרמאָגט אַ היפּשע נחלה,—לאָנקעס פאַר פּאַשע, גאָרטנלאַנד, אַקערגרונט; אין די בערעזקעס איז געווען אַ קליינער באַשטאָן און אַ סאָד.

דערהויפּט איז אויסגעטריקנטער טאָרף־גרונט געווען גוט פאַר גרינוואַרג און קאַרטאָפליעס. די בערעזקאָווער רויטע ציבעלע האָט געשמט אין דער גאַנצער סביבה; אויך די קליינע בלויע בולבע, וואָס האָט געהייסן ״סיניושקאַ״, פלעגט גוט געדייען אויפן טאָרפניק. אָבער פאַר תבואה־האָדאָוואַניע האָט זיך דער טאָרף־באָדן ווייניק וואָס אויסגעטויגט. די גרעסטע געוויקסן פלעגט אין די בערעזקעס געוויינלעך זיין אויף האָבער; אויך קאָרן פלעגט וואַקסן נישקשהדיק. ווייץ אָבער איז דאָרטן געווען אַ זעלטנקייט.

דער פרימאָרגן האָט אויסגעזען אויסערגעוויינלעך דורכזיכטיק פאַר די זומפּן, אפילו קיין שליירל פון אַ נעפּל האָט זיך אין ערגעץ ניט אָנגעזען. דער הימל איז געווען אַ בלאַנקער, די זון אַ שטראַלנדיקע און די לופט אַ קלאָרע און אַ טרוקענע. די קאַרטאָפל־פעלדער האָבן ליכטיק געגרינט און דער יונגער האָבער און קאָרן האָבן זיך גע־בערשטלט מיט צאַרט־גרינע זאַנגען.

גאַווריליאָ האָט צעריבן אַ זשמעניע ערד צווישן די פינגער. "צו טרוקן די ערד," האָט ער אַ זאָג געטאָן אַ ביסל פאַרזאָרגט, "ווייניק רעגן אויסגעפאַלן אין ווינטער און דער שניי איז אָפּגעפאַלן צו פרי. ס'זאָל חלילה ניט זיין "קיין זאַסוכע" (טרוקעניש)."

ס'איז געווען בליאונגס־צייט אין די כאַפּונער זומפּן. די טאָרף־פעלדער האָבן שעמערירט אַזוי ווי אַ בונטער טעפּיך. וואו ערגעץ אַ ווילדגראָז, אַ וואַסער־געוויקס, אַ זומפּ־אומקרויט איז דאָס געווען אויסגעפּוצט אין אַ פרילינג חופּה־קלייד. ס'איז געווען אַ וואונדערלעכע וואַריאַציע פון קאָלירן, פאָרעמס און אוזאָרן. בלימעלעך ווי גרייפּעלעך, ווי בלעזערלעך, ווי גלעקעלעך, ווי קריגעלעך; קווייטעלעך ווי שטערנד־לעך, ווי כוסהלעך, ווי שירעמלעך; בליענדיקע געוויקסלעך ווי בעזעמ־לעך, ווי פעדערלעך, ווי הערעלעך.

אַרום און אַרום האָבן געהאָוועט מיט אַן ענערגישער זשוזשעניש מחנות פאַרשמייעטע בינען, די לאַנד־שדכנים פון דער בלומען־פאַמיליע. וואו ערגעץ אַ בונט בעכערל, אַ קאָלירט פלעשעלע,— דאָרטן איז געשטאַנען אַ בין, געכאַפּט אַ טרונק פונעם זיסן נעקטאַר און איז באַלד אַרויסגעפלויגן פאַרשיכורט, די האַריקע פיסלעך און דאָס האַריק געשטרייפט בייכל אָנגעלאָדן מיט לעבעדיקן זוימען, —מיט בלומען־שטויב.

און אָט ווערט שוין אַ בלימל געפּאָרט מיט אַ בלום און אַ קווייטל באַפרוכפּערט פון אַ קווייט; און אָט זיצן שוין די טאָרף־בינען אין זייערע וועקסענע קעמערלעך און שטעלן אָן מיט גרויס פלייס דעם ניט זייער געהויבענעם כאַפּונער האָניק: אַ טונקל־ברוינעם, אַ געדיכטן אַזוי ווי פעך, מיט אַ האַרבן אָבער געשמאַקן אַראָמאַט.

פונקט ווי די בינען אַזוי האָבן אויך חיימס קינדער דעם גאַנצן טאָג אַרומגעהאָוועט איבער די טאָרף־פעלדער. די יינגלעך האָבן זיך

געבאָדן אין די זומפּיקע וואַסערן, געמאַכט פּייפלעך פון הוילן קאַמיש, געכאַפּט קליינע פישלעך אָדער "מייקעס"—מאַי־זשוקעס—גרינע און גלאַנציקע אַזוי ווי קופּער; די אַפּטייקערס קויפן די דאָזיקע זשוקעס אויפן פונט פאַר אַ רפואה. די מיידלעך האָבן געקליבן קווייטן און געפלאָכטן בלומען־קרענצלעך. אויף אַ לאַנקע לעבן הויף האָבן זיך פרידלעך געפּאַשעט חיימס ווייסע שקאַפּע און די "דייטשקע" בהמהלע מיט אירע צוויי קעלבלעך—רויטע, באַשפּרענקלטע מיט ווייסע פלעקן.

חיים האָט דעם פויער אָפּגעפירט צום בערעזע־וועלדל ניט ווייט פון דער באָד־חורבה און האָט אָנגעוויזן אויף אַ ווילד־פאַרוואָקסענעם יאַר פון וואַנען עס האָט אַרויסגעטאַרטשעט אַ מעכטיקער שטומפּ פון אַ בוים. "אָט דאָ איז דאָס אָרט, גאַווורילאָ, וואו כ'האָב די רענד־לעך געפונען, דאָ איז דער קבר."

"צאַרסטוואָ נעבעסנאָיע (אַ הימלש קעניגרייך)!" האָט זיך גאַווורילאָ איבערגעצלמט און גענומען אויפמערקזאַם באַטראַכטן דעם שטומפּ. "זעט אויס צו זיין אַ דעמב."

"דאָס איז אַ "יאַסנאָפּאָלקע", האָט דער טאָרף־ייִד דערקלערט. "ניטאָ מער אַזעלכעביימער אין אונדזער קאַנט, זיי זיינען אַלע פאַר־ניכטעט געוואָרן אין דער צייט פון די נאַפּאָלעאָנער מלחמות. אַ גוואַלדיקער בוים געוועזן די יאַסנאָפּאָלקע, — אַזוי האָב איך געהערט דערציילן,—אַ געמיש פון אַ דעמב מיט אַ ווערבע; פלעגט אַרויס־שפּראָצן מיט פּופּצן שטאַמען פון איין וואָרצל. אַמאָליקע יאָרן זיינען זיי דאָ געוואַקסן אין גרויסע אַלייעס, האָבן דעם גאַנצן געיעג־פּאַלאַץ אַרומגערינגלט.

חיים האָט פאַר גאַווורילאָן אויפגעדעקט זיין פּלאַן ווי אַזוי ער רעכנט אָנצוגיין מיטן אויסגראָבן דעם אוצר. אָננעמענדיק דעם אַלטן שטומפּ פאַר אַ מיטלפּונקט, וועט מען שניידן קאַנאַוועס אין פאַר־שידענע ריכטונגען, אַזוי ווי ספּיצעס פון אַ ראָד. וועט מען ראשית קענען דערגרונטעווען די גאַנצע אַרומיקע געגנט טאַקע גאַר גרינטלעך; שנית וועט אויף אַזאַ אופן דאָס וואַסער אָפּגעצאַפּט ווערן צום צענטער פון יאַר און ס'וועט זיין לייכטער דעם טאָרף אויסצוטריקענען.

"ס'אַ שווערע באַלעבאַטישקייט ביי מיר אין די בערזקעס," האָט חיים טיף אַ זיפץ געטאָן, "מען דאַרף זיך צערייסן צווישן פעלד

און טאָרפּניק. מיין פּאַכאָם און וואַסיל אַרבעטן ס׳רוב אין פעלד, נאָר אַ פּאָר טעג אין וואָך העלפט מיר דער אַלטער פּאַכאָם גראָבן טאָרף און איך טריקן די פּלאַכטעס; מיין ווייב און קינדער גיבן אַכטונג אויפן גאָרטן און אויף דער כודאָבע. אָבער אַז אויפן פעלד ווערט אַ ברען,—ביים אַקערן און זייען, ביים שניט אָדער ביים גראָבן קאַרטאָפליעס,—דאַמאָלס מוזן מיר שוין אַלע אַרויסהעלפן. אָבער היי־יאָר וועל איך קיינעם ניט דערלויבן אפילו אַ נאָז אַריינצושטעקן אַהערצו אויפן טאָרפּניק. כ׳וועל אַרבעטן נאָר מיט דיר אַליין, גאַווריליאָ, וועט ניט זיין ווער ס׳זאָל פּלאַפּלען און אַרומטראָגן פּאַטשטן.״

בייטאָג איז פאַרבייגעפאָרן דער באַליבטער פראַנץ בידערמאַן אין זיין רויטער בריטשקע. דער טאָרף־ייד האָט דעם דייטש פאַרבעטן אין סאַד, האָט אים באַזעצט לעבן די בליענדיקע בעז־ביימלעך און מכבד געווען מיט אַ פּאָר קווערטלעך ביר און מיט זויערקרויט. דאָס ביר איז געווען אייז־קאַלט, נאָר וואָס פון קעלער, און חיימיכעס קרויט איז געווען מחיהדיק. דער עקאָנאָם, אין אַ געמיטלעכער שטימונג, האָט פאַררויכערט אַ גראָבן זונטיקדיקן ציגאַר און פאַרצויגן דעם אַראָמאַט מיט גרויס גענוס. דערזעענדיק דעם שבת־גוי איז ער גע־וואָרן גאָר אָן אויפגעלייגטער.

״האָסט געדונגען אַ נייעם אַרבעטער, חיים? אויסגעצייכנט! איצטער וועסטו קענען גראָבן טאָרף ווי עס געהערט צו זיין. ער איז אַ טיכטיקער קערל, דער כאַפּונער.״ בידערמאַן האָט צופרידן גע־שאָקלט מיטן קאָפּ באַטראַכטנדיק גאַווריליאָס ריזיקע פיגור מיט די מעכטיקע מוסקלען. ער האָט זיך צערעדט וועגן טאָרף, דאָס איז געווען זיין באַליבטע טעמע, אין דעם דאָזיקן ענין איז דער דייטש געווען אַ גרויסער מומחה.

״עך, חיים מיין פריינט,״ האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ זיפצל, ״מיר לעבן דאָ אין אַ לאַנד פון באַרבאַרן, פון אומוויסנדיקע מענטשן. די פּויערים זיינען ליידאַקעס און דומקעפּע, די פּריצים—פּויליאַקעס און אויסברענגערס. אָט וואַלגערט זיך דאָ פראַנק און פריי אפשר דער גרעסטער מאַיאָנטעק אין דער וועלט, אַן אמתער שוואַרצער אוצר, וואָס מען קען אים גאָר ניט אויסשעפּן און קיינער רירט אים ניט אָן מיטן מינדסטן פינגערל... טאָרף, פּכע! דער היגער פּויער ווייסט אפילו

ניט מיט וואָס מען עסט דאָס. צו וואָס ניצט מען דען דאָ טאָרף? פאַר ברענמאַטעריאַל? ניין! פאַר אָנצינדן אַן אויוון אָדער אַ ליולקע. די ווייבער מאַכן פון דעם באַבסקע רפואות צוצולייגן צו אַ מכה, אָדער אָפּצושטעלן בלוט—דאָס איז אַלץ.״

בידערמאַן האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט. ״ביי אונדז אין דייטש־לאַנד פאַרשווענדט מען ניט די גוטע זאַכן מיט וועלכע די נאַטור האָט אונדז געבענטשט. ביי אונדז ניצט מען אויס יעדן שפּאַן טאָרף־לאַנד. מען ניצט טאָרף דער עיקר פאַר ברענמאַטעריאַל, מען ניצט אויך טאָרף צו באַמיסטיקן די פעלדער. יעדער פויער אין אונדזערע זומפּ־געגנטן בעט אויס די שטאַלן מיט טאָרף, וואָרעם טאָרף זויגט איין די השתנה פון די הויז־חיות און פון דעם ווערט דאָס טייערסטע מיסט אין דער וועלט. אויך האַלט טאָרף די שטאַלן ריין פון קלעפּעדיקע קראַנקהייטן, וואָרעם טאָרף פאַרמאָגט אַן אַנטיסעפּטישן כוח.

״ביי אונדז מאַכט מען פונעם האַרטן פעך־טאָרף אַזוינע קוילן וואָס זיינען בעסער פון האָלץ־קוילן; דאָס הייסט ליגניט, עס האָט פונקט אַזאַ גוטע קוואַליטעט ווי ברוינע שטיין־קוילן. מען ניצט ליגניט אין די שמעלץ־אויוונס—אין אייזן־גיסערייען, אין מעסער־שמידערייען —צו פאַרהאַרטעווען דאָס פיינסטע שטאָל.

״איך קום פון אָסט־פּרייסן,״ האָט דער דייטש ווייטער גערעדט אַ פאַרקלערטער, ״מיר פאַרמאָגן אויך גרויסע זומפּן. מיינער אַן אָנקל איז געוואָרן שטיין־רייך פון טאָרף. ער האָט אָנגעהויבן פאַב־ריצירן פון דעם אַ מין גראָב ביליק פּאַפּיר. אַ גוטן קאָפּ האָט ער געהאַט אויף זיינע אַקסלען, אָנקל קאַרל. איינמאָל, כ׳בין נאָך דאַמאָלס געווען אַ קליין ייִנגל, האָט אָנקל קאַרל אויסגעגראָבן פון אַ טאָרף־גרוב אַ גאַנצן ווילדן חזיר, וואָס אַזוינע פירן זיך שוין ניט אין פּרייסן מי־יודע וויפל יאָרן. ער איז געווען וואונדערלעך פּרעזערווירט, דער וויל־דער שוויין,—מיט די האָר, מיט דער פעל און קאָפּיטעס, מיט די ציינער און קליקעס. נאָר אויסגעזען האָט ער אַזוי ווי איין שטיק ברוינע לעדער, פּונקט ווי ער וואָלט זיך הונדערטער יאָרן געווייקט אין אַ גאַרבאַרניע, אפילו דער האַרבער ריח פון יוכטענער לעדער האָט זיך געטראָגן פון דעם חזירס מומיע. פאַקטיש איז אַ טאָרף־זומפּ טאַקע אַ גוואַלדאָווע גאַרבאַרניע, וואָס די נאַטור אַליין האָט געמאַכט.

וואָרעם אין טאָרף איז פאַראַן אַזאַ גאַרב־שטאָף, וואָס קומט פון די זויערקייטן פון די פוילנדיקע פלאַנצן. אַוועקגעשענקט האָט אָנקל קאַרל די דאָזיקע טשיקאַווע מומיע אַ מוזיי פון נאַטור־וויסנשאַפט.

״זומפּ, זומפּ, זומפּ!״ האָט זיך דער דייטש אַרומגעקוקט און אויסגעשפּיגן פאַר איבערדרוס. ״די גאַנצע כאַפּונער געגנט איז איין גרויסע וויסטעניש: ווילדגעוויקסן, שטייענדיקע וואַסערן און זומפּן. וואָס פאַר אַ ווערט קען דאָס האָבן? וואָס פאַר אַן איינקונפט קען מען אַרייַנקריגן פון אַזאַ אָפּגעלאָזענעם לאַנד? ביי אונדז אין פּרייסן וואָלט מען אַזעלכע זומפּן שוין לאַנג געהאַט אויסגעטריקנט און מען וואָלט געמאַכט פון זיי גוט אַקערלאַנד. דומקעפּע און פוילענצער די היגע באַפעלקערונג...״

בידערמאַן האָט גערעדט האַלב דייטש האַלב געבראָכן פּויליש, אָבער אַלע, אפילו גאַווּרילאַ, האָבן אים פאַרשטאַנען. ער האָט ממש געחלשט אָפּצורעדן זיך דאָס האַרץ, איז זעט אויס געווען שטאַרק אויסגעהונגערט נאָך געזעלשאַפט, נאָך מענטשן וואָס זיינען אַ ביסעלע ציוויליזירטער ווי דער פּשוטער פּויער.

״שוין צען יאָר ניט געזען דאָס פאָטערלאַנד,״ האָט ער אַ זאָג געטאָן אין אַ סענטימענטאַלן קול און פאַררויכערט אַ פרישן ציגאַר, ״זינט די אַלטע גרעפין האָט מיך אַראָפּגעבראַכט קיין יאַסנאָפּאָל. אַ גאַנצן טאָג זע איך נאָר וואַלד און זומפּ און טונקלע פּויערים; זעלטן־זעלטן ווען ״זיינע דורכלויכט״, דער גראַף, אָדער אַן אַנדערער פּריץ, באַווייזט זיך אויפן מאַיאָנטעק. אַרבעט, אַרבעט, אַרבעט, אַרבעט! טאָג־איין, טאָג־אויס, און אַלץ איינער אַליין, אָן אַ פריינד, אָן אַן אייגענעם. ס׳ווערט נודנע אין די זומפּן און כ׳קריג אָפּט ״היימוויי״. זעט איר, אַז די זעליקע גרעפין האָט געלעבט איז געווען גאָר אַנדערש...

״אַך, די זעליקע גרעפין!״ האָט דער דייטש אויסגערופן אין באַוואונדערונג. ״געווען אַ פאַבלהאַפטע פערזאָן. כ׳האָב אַנומלט געפונען אין יאַסנאָפּאָלער ביבליאָטעק אַ מאַנוסקריפּט פון איינעם אַ היימישן היסטאָריקער מיטן נאָמען יאַנוש. איז דאָס אַ געשיכטע פון דער כאַפּונער געגנט, דער עיקר אַ כראָניקע פון יאַסנאָפּאָל און פון די יאַסנאָפּאָלער מאַגנאַטן. דאָרטן ווערן געשילדערט פענאָמענאַלע

אַוואַנטורעס און די פאַרשטאָרבענע גרעפין האָט אין דער כראָניקע געשפּילט די הויפּט־ראָלע.״

און פראַנץ בידערמאַן האָט אָנגעהויבן דערציילן יאַנושעס כראָניקע.

— 2 —

אין אָנהייב פון נייַנצנטן יאָרהונדערט האָט די גאַנצע כאַפּונער געגנט אין פּאָלעסיע געהערט צו דער דינאַסטיע פון די יאַסנאָפּאָלער גראַפן. אַ דריטל פונעם יאַסנאָפּאָלער מאַיאָנטעק האָט פאַרנומען דער מעכטיקער טשערנאָלוזשער סאָסנע־וואַלד, וואָס האָט זיך דאַמאָלס געצויגן ביז די ברעגן פון פּריפּיעט. אָבער אַ גרויסער טייל פון דעם דאָזיקן קדמון־וואַלד איז אָפּגעברענט געוואָרן אין דער צייט פון די נאַפּאָלעאָנער מלחמות. דער מאַיאָנטעק איז באַשטאַנען פון אַן ערך צוואַנציק דערפלעך, פון עטלעכע פאָסעסיעס און פולוואַרקס און פון אַ האַלבן טוץ האַנדל־שטעטלעך, וואָס צווישן זיי איז די חשובסטע געווען די קהילה קדושה כאַפּון. דער הויפּט־זיץ פון אַלע גיטער איז אויך דאַמאָלס געווען ״יאַסנאָפּאָל״ ניט ווייט פונעם פּריפּיעט, וואו ס׳האָט געהערשט מיט אַן אייזערנער האַנט די אַלטע גראַפיניע, יאַסנאַ־וועלמאָזשנאַ פּאַני יאַדוויגאַ יאַסנאָפּאָלסקאַ. עטלעכע ווערסט־לעך הינטער כאַפּון, טאַקע אויפן אָרט וואו עס געפינט זיך איצטער דער בערעזקאָווער ״הויף״, איז געשטאַנען אַ געיעג־שלאָס, וואו די גאַנצע שליאַכטע פלעגט זיך צונויפקלייבן אויף ״פּאָלאָוואַניע״ שיסן וועלף, טאָרף־פוקסן, ווילדע חזירים, אפילו לאָס־הירשן, וואָס האָבן זיך אין יענער צייט נאָך געהאַלטן אין טשערנאָלוזשער וואַלד אין גאַנצע סטאַדעס.

דער געיעג־פּאַלאַץ ״בעלוועדער״ איז געווען געבויט אין גריכישן סטיל מיט ווייסע קאָלאָנעס און אַרומגערינגלט מיט גיגאַנטישע ״יאַסנאָפּאָלקעס״. הינטערן שלאָס לעבן אַ בערעזע־וועלדל איז גע־שטאַנען נאָך אַ פּרעכטיקער געמויערטער בנין — אַ טערקיש־רוימישע באָד, אויך מיט ווייסע קאָלאָנעס.

דער אַלטער יאַדוויגאַס בן־יחיד, דער ווילדער גראַף סטאַסיעק, אַ בחור אין די מיטעלע יאָרן, פלעגט אין בעלוועדער פּראַווען אמתע

וואַקכאַנאַליעס. וואָכן־לאַנג פלעגן דאָרטן אָנהאַלטן די גראַפסקע הוליאַנקעס. היימישער שנאַפּס און מעד, אונגאַרישע ווייַנען, פראַנ־צויזישע ליקערן פלעגן זיך דאָרטן גיסן אַזוי ווי וואַסער. נאַקעטע קורטיזאַנקעס פלעגן דאָרטן טאַנצן, טונקלע ציגייַנער פלעגן זינגען און פידלען, יידישע קלעזמאָרים פלעגן פייַקלען און צימבלען.

בעלוועדער איז געווען אַ נעסט פאַר דעם גראַפס אומצאָליקע "קאָכאַנקעס"; אַהינצו פלעגט מען אויך אַראָפּברענגען אויף איין נאַכט די פּויערשע כלות גלייך פון קלויסטער, וואָרעם די פּריצים האָבן געהאַט די "סעניאָראַלע רעכט" איבער לייב און לעבן פון זייערע כלאָפּעס. ניט זעלטן פלעגן די צעהוליעטע פּריצים און פּריצטעס שפּרינגען נאַקעטערהייט פון שוויצבאָד גלייך אין שניי אַריין.

אַז דער גראַף האָט חתונה געהאַט מיט דער אַכצניעריקער דוכסיכע מאַריאַ טשאַרטאָרייסקאַ איז ער געוואָרן אַ סטאַטעטשנער. אין בעלוועדער האָט מען אָנגעפאַנגען פּראַווען גרויסאַרטיקע באַנקעטן, בעלער און מאַסקעראַדן. ווינטער־צייַט פלעגט זיך די שליאַכטע אַמוזירן מיט לוסטיקע שליטן־עקסקורסיעס. הונדערטער פּריצישע "טראָיקעס" — פולבלוטיקע "ריסאַקעס", — באַצירטע מיט זילבערנע געשפּאַנען, באַהאַנגענע מיט זילבערנע גלעקעלעך, פלעגן אַראָפּ־ברענגען קיין בעלוועדער גרויסע פּריצישע קאַוואַלקאַדעס, וואָרעם די זומפּ־פעלדער האָבן זיך דאָרטן געשפּרייט גלאַט און פּלאַטשיק אַזוי ווי אַ ווייסע פּאַרפּרוירענע אָזיערע אויף צענדליקער מייַלן.

אָבער וואו ערגעץ די אַריסטאָקראַטישע כאָפּונער געזעלשאַפט האָט זיך נאָר געהאַט צונויפגעקליבן,—אויף אַ געיעג, אויף אַ ווינטער־פּיקניק, אָנגעטאָן אין די טייערסטע סויבלנע פוטערן; אין טאַנץ־זאַל, אויסגעפּוצט אין סאַמעט, זייַד און ברוסעלער שפּיצן; אין סאַלאָן, שעמערירנדיק מיט דער רייכסטער צירונג,—אומעטום האָט דאָרטן געקעניגט אַזוי ווי אַ געבוידענע פּרינצעסין די יונגע שטאָלצע מאַריאַ יאַסנאָפּאָלסקאַ, אַ באַצויבערנדיקע, אַ שטראַלנדיקע אין איר שיינקייט.

דאָס לעבן אין די כאָפּונער זומפּן האָט זיך דער יונגער גראַפיניע באַלד צוגעגעסן. די צייַטן זייַנען געווען אומרואיקע. סטאַניסלאַוו יאַסנאָפּאָלסקי, דעם צאַרס אַן אונטערטאַן, האָט זיך אין פּאָליטיק פאַר דער חתונה ווייניק געמישט. איצטער אָבער איז ער געוואָרן אַ

פאַרברענטער חסיד פון דעם נייעם פוילישן „זבאַווצאַ" (דערלייזער): פון דעם לעגענדאַרישן „קליינעם קאָרפּאָראַל", וואָס האָט אַקאָרשט אויפגעבויט פאַר זיך אַ וועלט־אימפּעריע. אין גיכן האָט זיך דאָס יונגע פאָר־פּאָלק אַריבערגעקליבן אין גרויס־הערצאָגטום פון וואַרשע. דאָרטן האָט דער גראַף איבערגענומען די פירערשאַפט פון אַ דראַגונער־רעגימענט, וואָס האָט זיך נאָר וואָס געהאַט צונויפגעשטעלט.

די גילדערנע מאַריאַ האָט לוסטיק פאַרבראַכט אין וואַרשע און אין קראָקע. ס'איז אָבער געווען נאָענט צום ווינטער־סעזאָן, די גראַפיניע האָט זיך געגויטיקט אין אַ נייע גאַרדעראָבע, איז זי אָפּ־געפאָרן קיין פאַריז און איז שוין דאָרטן פאַרבליבן. נאַפּאָלעאָן איז פון דער גראַפיניעס קלאַסישער שיינקייט פאַרכישופט געוואָרן. דאָס איז געווען מיט אַ יאָר אַנדערטהאַלבן איידער דער פראַנצויזישער אימפּעראַטאָר האָט חתונה געהאַט מיט דער עסטרייכישער פּרינצעסין מאַריאַ־לואיזאַ. פון זיין אייגענער ווייב זשאָזעפין איז ער דאַמאָלס שוין געווען פאַרפרעמדט. האָט נאַפּאָלעאָן געמאַכט פאַר דעם ניי־אויפגעגאַנגענעם „נאָרד־שטערן" אַ ברייטן פּלאַץ אויף זיין קייסער־לעכן הימל.

אין די האָניק־טעג פון זייער ליבע האָט דער קייסר באַשטעלט ביי אַ באַרימטן פאַריזער קינסטלער־גאָלדשמיד אַ גילדענעם ביוסט פון זיין געליבטער אין דער געשטאַלט פון דער הייליקער מוטער מאַריאַ. דער ראָמאַן האָט אָנגעהאַלטן אַ יאָר צייט, אָבער די גראַפיניע איז אין פאַריז ווייטער פאַרבליבן און האָט דאָרטן אויך געהאַט איר איינציק קינד, דעם איצטיקן גראַף אַדאַם באָנאַפּאַרט יאַסנאָ־פּאָלסקי.

פאַר דער גאַנצער צייט האָט פּולקאָווניק סטאַניסלאַוו יאַסנאָ־פּאָלסקי נאָר איין מאָל באַזוכט די גראַפיניע אין פאַריז. ניט וויסנדיק פון דעם, האָט דער גראַף איבערגעשפּילט די אַלטע ראָלע פון דוד המלכס קריגער אוריה דעם חיתי, וואָס איז פאַרבליבן אין פעלד מיט זיינע זעלנער, בעת זיין ווייב האָט פאַרבראַכט אין קעניגס שלאָפ־צימער.

דערווייל האָט זיך אָנגעהויבן נאַפּאָלעאָנס „גרויסער מאַרש" אויף מאָסקווע. דער ווילדער גראַף סטאַסיעק איז אָנגעקומען אין דער

כאַפּונער געגנט און האָט זיין גאַנצן מאַיאָנטעק פאַרכאַפּט. די אַלטע יאַדוויגאַ איז שוין געווען טויט. אין גיכן האָט זיך קיין יאַסנאָפּאָל אויך צוריקגעקערט די גראַפיניע מאַריאַ מיט איר קינד, מיט אַ פלעמישער באָנע, מיט צוויי פאַרנצויזישע פּאַקאָיאָוועס, מיט צוויי שוואַרצע לאַקייען און מיט זעקס פּודל־הינט. זי האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ גוואַלדאָוונעם באַגאַזש, אַ גרויסאַרטיקע גאַרדעראָבע פון די לעצטע פּאַריזשער פאַסאָנען, אַ גאַנצן קאַסטן מיט צירונג—אַ קייסערלעכע מתנה—און אויך דעם גאָלדענעם ביוסט פון דער מאַדאָנאַ, וואָס מען האָט אַריינגעשטעלט אין קאַפּליצע פון יאַסנאָפּאָלער פּאַלאַץ.

שפּעט אין האַרבסט פון 1812־טן יאָר איז די גרויסע פראַנצויזישע אַרמיי שוין געלאָפן צוריק פון דער אָפּגעברענטער מאָסקווע אין גרויס פּאַניק. דאַמאָלס האָבן זיך אין דער כאַפּונער געגנט באַוויזן באַנדעס קאָזאַקן־פּאַרטיזאַנער, דעזערטירן און צעבונטעוועטע כלאָפּעס. דער גאַנצער טשערנאָלוזשער וואַלד האָט אָנגעהויבן שווימלען און גריבלען מיט די דאָזיקע מאַראָדירער און באַנדיטן, ווי מיט הונגעריקע וועלף. דער רוסישער חיל האָט הייס געאָטעמט אויפן קאַרק פון דער לויפנ־דיקער פראַנצויזישער אַרמיי. אַז די פראַנצויזן האָבן דערגרייכט דעם טייך בערעזינאַ, קנאַפּע דריי הונדערט וויאָרסט פון יאַסנאָפּאָל, האָט די יונגע גראַפיניע פאַרלאָזן דעם מאַיאָנטעק מיט איר קינד און מיט אַ גרויסן שטאַט באַדינער. זי איז אַוועק אין וואַרשעווער גרויס־הערצאָגטום און פון דאָרטן צוריק קיין פּאַריז.

גראַף יאַסנאָפּאָלסקי, וואָס האָט זיך מיט זיינע דראַגונער באַ־טייליגט אין דעם מאָסקווער קאַטאַסטראָפאַלן פעלדצוג, האָט זיך אָבער ס׳רוב אויפגעהאַלטן מיטן הינטער־חיל אין אַן אויסן־פּאָסטן אין פּאָלעסיע. אַ סאָטניע קאָזאַקן־פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן פאַרנומען דאָס דערפל טשערנאָלוזשע, האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין יאַסנאָפּאָל און דעם מאַיאָנטעק אויסגערויבט און אונטערגעצונדן.

מיטן רייכן רויב פון פּאַלאַץ און פון קאָסציאָל האָבן זיך די קאָזאַקן אַוועקגעלאָזט קיין בעלוועדער פּראָווען אַ טריאומפירנדיקע הוליאַנקע. די בעלוועדערער קעלערן זיינען באַלד אויסגעליידיקט געוואָרן פון די טייערע אויסלענדישע וויינען. אַז דער ווילדער סטאַסיעק האָט זיך דערוואוסט פון דעם איבערפאַל אויף זיין מאַיאָנטעק, האָט

ער זיך אַ לאָז געטאָן מיט די דראַגונער קיין בעלוועדער אָפּצורעכענען זיך מיט די באַנדיטן.

פּויערים־אויסקוקערס האָבן די שיכורע קאָזאַקן באַצייטנס געלאָזט וויסן וועגן דער סכנה. האָבן די פּאַרטיזאַנער בעלוועדער אויך אונטערגעצונדן און דעם גרעסטן טייל פון זייער רויב באַגראָבן אין די אַנגעפּרוירענע זומפּן. מיט קלענערע ווערטזאַכן, ווי צירונג און גאָלדענע מינצן, האָבן זיי אָנגעשטאָפּט די קעשענעס און רענצלעך און זיינען אַנטלאָפן אין טשערנאָלוזשער וואַלד. שיכורערהייט האָבן אָבער די קאָזאַקן אָנגעמאַכט אַזאַ גרויסע שרפה, אַז דער וואַלד אַליין האָט אָנגעהויבן ברענען; זייערע אייגענע פערד זיינען אָדער אומגעקומען אין פייער, אָדער זיינען זיך צעלאָפן אין ווילדער פּאַניק איבער די וויסטע פעלדער.

די פּוילישע דראַגונער האָבן די קאָזאַקן נאָכגעיאָגט. ס׳רוב פון די שיכורע באַנדיטן זיינען אומגעקומען פון הונגער, פון קעלט אָדער פון די דראַגונערס סאַבליעס. גראַף יאַסנאָפּאָלסקי האָט זיך אָבער אַליין אויך מער ניט געקענט אויפהאַלטן אין כאַפּונער געגנט. די צעקלאַפּטע נאַפּאָלעאָנער ״גרויסע אַרמיי״ איז אַריבער די בערעזינאַ סוף נאָוועמבער פון 1812־טן יאָר און באַלד נאָך דעם איז זי צעפאַלן געוואָרן אויף פּיץ־פּיצלעך.

דער ווילדער סטאַסיעק האָט געמוזט אַנטלויפן מיט דער איבערבלייבעניש פונעם חיל. די קלאָגעדיקע רעשטלעך פון די לעגענדאַרישע פראַנצויזישע לעגיאָנען זיינען צעבלאָזן געוואָרן אַזוי ווי דאַרע בלעטער איבער די וויסטע פעלדער און וועלדער פון רוסישן לאַנד. אַ שפּליטערל איז אויך פאַרטראָגן געוואָרן אין כאַפּונער קאַנט. אויף די דאָזיקע אויסגעהונגערטע, דערפראָרענע מיזערנע סאָלדאַטלעך האָבן די כאַפּונער פּויערים אָנגעפאַנגען אַ געיעג מיט קאָסעס און מיסטגאָפּלען, אַזוי ווי אויף געהעצטע חיות.

איינמאָל האָט אַ שיקסע פון דערפל טשערנאָלוזשע מיטן נאָמען פּאַראַסקאַ געפונען אין וואַלד אַ פאַרוואונדעטן פראַנצויזל, אַ שיינעם יונג, אַ טונקלען אַזוי ווי אַ ציגיינער. האָט זי אים געבראַכט אַהיים אויף אירע אייגענע פּלייצעס, האָט אויף אים אַכטונג געגעבן ביז ער איז געזונט געוואָרן, געלאָזט אים אָפּשמדן פאַר אַ פּראַוואָסלאַווונעם

קריסט און מיט אים חתונה געהאַט. געהײסן האָט דער פּראַנצויז קאַרפּענטיע און פֿון פּאַך איז ער געװען אַ טאָקער. האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן קאַרפּענקאָ און ער האָט זיך אָנגעהויבן באַשעפֿטיקן מיט אויסאַרבעטן הילצערנע כּלים, וואָס איז פֿון דאַמאָלס אָן געוואָרן אַ היימישע אינדוסטריע אין טשערנאָלוזשע. אָט די דאָזיקע ״פּראַנצויזקע״ פּאַראַסקאַ איז געװען די עלטער־באָבע פֿון דער סאָלדאַטקע פּאַראַסקאַ, איוואַנקאָ־פּאַסיטשניקס טאָכטער.

גראַף יאַסנאָפּאָלסקי האָט זיך מיט זײַנע דראַגונער, אין אײנעם מיט דעם אויסלענדישן פּוילישן לעגיאָן, באַטייליגט אין די ווייטער־דיקע נאַפּאָלעאָנער פֿעלדצוגן אין אײראָפּע, ביז דער קייסער האָט געקראָגן זײַן לעצטע מפּלה. אַליין איז דער ווילדער סטאַסיעק דער־הרגעט געוואָרן אונטער לײַפּציק אין דער ״גרויסער שלאַכט פֿון די פֿעלקער״. לעבן אים איז געפֿאַלן דער פּוילישער פּרינץ און נאַפּאָלעאָנס מאַרשאַל יאָזעף פּאָניאַטאָווסקי, דער פּלימעניק פֿון דעם לעצטן פּוילישן קעניג.

די יונגע גראַפֿיניע מיט איר קינד האָט געמוזט פֿאַרבלײַבן אין אויסלאַנד. אַזוי ווי זי איז געווען אַן אלמנה פֿון אַ רוסישן ״מיאַטעזש־ניק״, האָט מען אַלע אירע מאַיאָנטקעס קאָנפֿיסקירט; זי האָט אפֿילו אַהיים ניט געטאָרט קומען. אָבער מיט אַ יאָר שפּעטער נאָך איר מאַנס טויט האָט זיך די גילדענע מאַריאַ פּלוצעם באַוויזן אין דער שטאָט ווין, פּונקט אין דער צײַט ווען עס איז דאָרטן אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער גרויסאַרטיקער ווינער קאָנגרעס, וואָס האָט געהאַט די אַמביציע אויפֿצוריכטן די רואינירטע אײראָפּע נאָך די נאַפּאָלעאָנער וואָל־קאַנישע מלחמות.

די שטאָט ווין איז דאַמאָלס געווען די לוסטיקסטע, די שעמערירנ־דיקסטע פֿון אַלע הויפּטשטעט אין דער וועלט. דאָרטן האָט זיך געהאַט צונויפֿגעקליבן די גילדענע עליטע פֿון דער העכסטער אײראָפּעאישער געזעלשאַפֿט: געקרוינטע קעפּ, דאָס סאַמע אייבערשטע פֿון דער אַריסטאָקראַטיע פֿון דעם רײנסטן און בלויסטן בלוט, די דורכגעטריבנ־סטע דיפּלאָמאַטן, די העלדישסטע מיליטער־לײַט, די טיכטיקסטע מלוכה־פֿירערס, די וויציקסטע ליטעראַטן, די באַרימטסטע פּאָעטן און קינסטלער און דער עיקר—די שענסטע און עלעגאַנטסטע פֿרויען פֿון

דעם העכסטן יחוס און אויך פון דער עלטסטער פּראָפעסיע אויף דער וועלט.

ס׳האָט ניט גענומען לאַנג און די גילדענע מאַריאַ האָט אָנגעפּאַנגען אַרויסשיינען ווי דער ליכטיקסטער שטערן אויף דעם דאָזיקן פינקלדיקן אַריסטאָקראַטישן הימל. די יונגע גראַפיניע האָט זיך אין וויען געטראָפן מיט אירן אַ קרוב, דעם פירשט אַדאַם טשאַרטאָריסקי, אַ געוועזענעם מיניסטער און אַן אינטימען פריינד פונעם יונגן צאַר אַלעקסאַנדער דעם ערשטן. האָבן ביידע פירשטלעכע קרובים פאַרקאָכט אַ גאָר אָריגינעלע ״אינטריגעלע״.

אויף אַ באַל־מאַסקעראַד לכבוד דעם צאַר האָט מען אינסצענירט אַ לעבעדיק ״טבאַלאָ״: ״די געבורט פון ווענוס״ לויט באָטיטשעליס באַרימט בילד. די גילדענע מאַריאַ האָט איצטער פאָזירט ניט אַלס די מאַדאָנאַ, נאָר אַלס די גריכישע געטין פון ליבע. זי האָט פאַרגעשטעלט ווענעראַ, ווי זי קומט אָקאָרשט אַרויס פון ים, מוטערנאַקעט, נאָר באַדעקט מיט די וואונדערלעכע צעלאָזענע גילדענע האָר. די בלענדיק־ווייסע פיס זיינען געשטאַנען ביז די קנעכלעך אין אַ גרויסער גאָלדערנער מושל פול מיט פּאַרפיום. דער צאַר איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער גראַפיניעס אָלימפּישער שיינקייט.

די גילדענע מאַריאַ איז שוין אָפּגעפאָרן מיט דעם צאַרס סוויטע גלייך קיין פּייטערבאַרג. זי האָט זיך באַזעצט אין צאַרסקאָיע סעלאָ אין אַן אייגענעם פּאַלאַצל, וואו אַלעקסאַנדער דער ערשטער פלעגט זי באַזוכן געהיימערהייט. אַלע אירע גיטער האָט די גראַפיניע, פאַרשטייט זיך, צוריקגעקראָגן. זי האָט אפילו באַקומען דעם געהויבענעם טיטל פון אַ ״הויף־פריילין״. די דאָזיקע קייסערלעכע ליבע האָט אָנגעהאַלטן קנאַפּע צען יאָר. די ווינטערס פלעגט די גראַפיניע פאַרברענגען אין פּייטערבאַרג, די איבעריקע צייט—אויף איר כאַפּונער מאַיאָנטעק.

עטלעכע מאָל האָט זיך דער צאַר אָראָפּגעכאַפּט אין כאַפּונער געגנט, ס׳רוב אין האַרבסט, כלומרשט אויף ״אָכאָטע״ (געיעג), און פאַרבראַכט אינקאָגניטאָ אין יאַסנאָפּאָל. אָבער דאָס איז געווען אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד. אַלטע פויערים געדענקען נאָך, ווי דער צאַר און די דוכסיכע, ביידע אין פּרעכטיקע געיעג־קאָסטיומען, רייטנדיק

אויף וואונדערלעכע ריסאַקעס, פלעגן אַרויספּאָרן אויף פּאָלאָוואַניע כאַפּן ווילדע חזירים און פוקסן. דאָס געיעג איז דורכגעפירט געוואָרן אויפן „ענגלישן" שטייגער מיט רייטערס וואָס האָבן געטראָגן שאַרלאַך־רויטע מונדירן און געשפּילט אויף זילבערנע טרומפּייטן, מיט טיטשקעס הינט, וואָס האָבן די חיות אויסגעשפּירט און אַרויס־געהעצט. אַ ווילדן חזיר האָט אַ יעגער אָבער ניט געטאָרט שיסן, — דאָס איז ניט געווען „מעשה ספּאָרט", — אים האָט מען געדאַרפט דערשטעכן מיט אַ שפּיז.

אויסגעדינטע כלאָפּעס, פּענסיאָנערן פון יאַסנאָפּאָלער הויף, וואָס לעבן אין דערפל כלאָפּסקאַ־וויגאָדאַ לעבן יאַסנאָפּאָל, דערציילן נאָך הײַנט פון די גרויסאַרטיקע באַנקעטן וואָס די דוכסיכע פלעגט מאַכן פאַרן צאַר אויף איר מאַיאָנטעק. איינמאָל האָט דעם צאַרס אַ יונגער פליגל־אַדיוטאַנט, אַ ביסעלע בגילופין, אַראָפּגענומען אַן אַלטע אַנ־טיטשנע פּוילישע פאַן פון אַ וואַנט אין גרויסן יאַסנאָפּאָלער באַנקעטן־זאַל און האָט זי אַריינגעשטעקט צווישן די ציינער פון אַ מעכטיקן פריש־געבראָטענעם חזיר־קאָפּ, וואָס איז געווען באַצירט מיט גרינצייג. דעם דאָזיקן חזיר האָט דער צאַר דערשטאָכן מיט זיינע אייגענע הענט.

דער געריב פון די יאַסנאָפּאָלער גראַפן אויף זייער וואָפן־שילד און אויך אויף זייער פלאַג איז אַ גילדענער קאָפּ פון אַ ווילדן חזיר צווישן צוויי געקרייצטע גילדענע שפּיזן אויף אַ הינטערגרונט פון אַ זילבערנעם, דאָס הייסט „יאַסנעם", פעלד.

„חזיר געהערט צו חזיר!" האָט דער אָפיצער אויסגערופן שטיפעריש. די גילדענע מאַריאַ האָט אים דערלאַנגט אַ שאַרפן שמיץ איבערן פנים מיט איר לאַנגער זיידענער הענטשקע אַזוי ווי מיט אַ בייטש. אויף מאָרגן האָט זי אים אַרויסגערופן אויף אַ דועל פאַר באַליידיקן דעם פּוילישן „האָנאָר" און דער אָרעמער אַדיוטאַנט האָט די אַרויספאָדערונג געמוזט אָננעמען. די גראַפיניע, אַ מייסטערקע אין שווערד־פעכטעריי, האָט דעם אָפיצער צעשניטן אַזוי ווי אַ חזיר און אים אויך דערלאַנגט צוויי שווערע שטעך אין ברוסט און אין פנים. דער יונגער אַדיוטאַנט האָט פון דעם דאָזיקן ווייבערשן דועל פאַרלאָרן אַן אויג און פאַר שאַנד געמוזט רעזיגנירן.

אַז אַלעקסאַנדער דער ערשטער איז געשטאָרבן, איז די גראַפיניע

יאַסנאָפּאָלסקאָ געווען אין די דרייסיקער און האָט נאָך געשמט אַלס איינע פון די שענסטע פרויען אין דער וועלט. אָבער פון דאַמאָלס אָן האָט די גילדענע מאַריאַ, די געליבטע פון דעם אימפּעראַטאָר נאַפּאָלעאָן און פון דעם מעכטיקן אויטאָקראַטישן צאַר פון גאַנץ רייסן,—די היילקיע מאַדאָנאַ און די געטלעכע ווענעראַ,—געלעבט אַזוי ווי אַ מאָנאַשקע אויף איר כּאַפּונער מאַיאָנטעק נאָך אַ האַלבן יאָרהונדערט, אָפּגעבנדיק זיך מיט דער דערציאונג פון איר איינציקן זון.

יאַסנאָפּאָל האָט זי ווידער אויפגעשטעלט אין דער אַמאָליקער פּראַכט, אָבער בעלוועדער האָט זי מער ניט אויפגעבויט. דער איינ־ציקער זכר פון דעם אַמאָליקן לוסטיקן גייעג־שלאָס איז די חורבה פון דער רוימישער באָד וואָס געפינט זיך אין אַלטן בערעזע־וועלדל. אויפן אָרט פון בעלוועדער האָט די גראַפיניע געמאַכט אַ קליינע פּאָסעסיע, די בערעזקעס, צו גראָבן טאָרף און האָט זי אַוועקגעגעבן דעם כּאַפּונער קצב־יונג דאַווידקאָ אויף אָן אייביקע אָרענדע. די בערעזקאָווער פּאָסעסאָרן דאַרפן זיך אָפּגעבן מיט טאָרף־פּראָדוקציע און דאַרפן אויך מיט דעם דאָזיקן פּראָדוקט צאָלן זייער אָרענדע.

"אַכט יאָר האָב איך געדינט אונטער דער זעליקער גרעפין," האָט דער עקאָנאָם פאַרענדיקט די כראָניקע, "כ'האָב זי גוט געקענט, געווען אַ נאָבעלע גנעדיקע פרוי. האָט פיינט געהאַט די ווילדע פאַר־ווייַלונגען פון די היגע פּריצים,—שיכורן, קאָרטן־שפּילן, שלעגערייען. יעדן שבת צו נאַכט האָב איך מיט איר געמוזט שפּילן שאַך און יעדן זונטיק בייטאָג האָבן מיר געהאַט אַ שטיקל קאָנצערט אין דער גרעפינס סאַלאָן. "פראַנץ," פלעגט זי באַפעלן, "זינג מיר עפּעס אַ ליד פון אייער געטלעכן פּאָעט פראַנצל." געמיינט האָט זי מיט דעם דעם גרויסן פראַנץ שובערט. איך אַליין האָב אַ גאַנץ היפּשן לירישן טענאָר, פלעג איך זינגען און די גרעפין פלעגט שפּילן אויפן פּאָרטעפּיאַן. אַן אויסגעצייכנטע פּיאַניסטין געווען, אפילו אין די לעצטע יאָרן פון איר לעבן.

"ע־ע־ך, ניטאָ מער די אַמאָליקע צייטן. ס'איז געווען אינטערע־סאַנט אין יאַסנאָפּאָל, כאָטש די גרעפין האָט יאָרן־לאַנג געלעבט אַ צוריקגעצויגענע. אָבער איצטער איז טויט אויפן מאַיאָנטעק. אַז מיר האָבן אַנומעלט אויפגעמאַכט דעם פּאַלאַץ פאַר אַ באַנקעט בעת דער

אויפדעקונג פון דער זעליקער גרעפינס מאַוזאָליי, איז דער שטויב דאָרטן געלעגן אַ פּוס דיק, אַלע ווינקעלעך זיינען געווען פאַרצויגן מיט שפּינגעוועב און פון גרויסן באַנקעט־זאַל איז אַרויסגעפלויגן אַ פלעדער־מויז...

״אומעטיק און נודנע איז איצטער אין יאַסנאָפּאָל, ניטאָ קיין לעבעדיק וועזן מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. כ׳וועל מוזן מיינע ״פעריען״ דעם קומענדיקן זומער פאַרברענגען אין דייטשלאַנד.״

גאַוורילאָ האָט זיך צוגעהערט אַ פאַרגאַפטער צום דייטשס דער־ציילונג. שוין צוויי טעג נאָכאַנאַנד הערט ער די זעלביקע געשיכטע וועגן דער אַלטער טשאַרטאָרייסקאַ און וועגן דעם באַגראָבענעם גאָלד אין די היגע זומפּן. ״הייסט דאָס די אַלטע מאַרפאַ האָט טאַקע געזאָגט דעם אמת... און פאַראַסקאַ שטאַמט גאָר פון פראַנצויזן!״ האָט ער געטראַכט אַ פאַרחידושטער.

דעם טאָרף־יידס מיזיניק איציקל, וואָס די מאַמע רופט אים ״אוצרל״ און דער טאַטע—״אַ רוח פון בלאָטע״, אַ זעקסיעריקער צעלאָזענער ווייסער־חברהניק, וואָס געוויינלעך קען ער אַ מינוט ניט רוען, איז די גאַנצע צייט געזעסן אַזוי ווי אַ צוגעשמידטער צו זיין אָרט. אַ רירעוודיקער יינגל אין אַ רויטן העמדל, מיט אַ לעבעדיקן אָפּ־געברענטן פּנימל, מיט אַ געדיכטער קוטשמע האָר אָפּגעבליאַקעוועטע פון דער זון, האָט ער די ברענענדיקע אויגן ניט אָפּגעריסן פונעם וואונדערלעכן פריץ מיט דעם גוואַלדאָוונעם בויך; דערהויפּט האָט איציקלען אינטריגירט דעם דייטשס טשיקאַווע פינגערל מיטן גלעזער־נעם פענצטערל. נאָר איין מאָל איז דער ייִנגל אַרויסגעלאָפן אַראָפּ־ברענגען אַ גליענדיקע קויל פון פריפּעטשיק, ווען ביים עקאָנאָם זיינען אויסגעגאַנגען די שוועבעלעך.

דער דייטש האָט איציקלען אַ גלעט געטאָן איבערן צעפּאַטלעטן קאָפּ. באַמערקנדיק דעם יינגלס גרויסע נייגעריקייט, האָט ער פאַר אים אויפגעמאַכט דאָס פענצטערל פון זיין גאָלדענעם פינגערל. ״דאָ האַלט איך אַ לאָק האָר פון מיין זעליגער פרוי מאַטילדאַ.״ ער האָט אַ טייט געטאָן מיטן פינגער אויפן מעדאַליאָן, וואָס האָט זיך געבאָמבלט אויף זיין בויך. ״דאָס איז איר פּאָרטרעט באַלד נאָך

דער חתונה.״ בידערמאַן האָט אַ זיפץ געטאָן. ״געשטאָרבן אין ערשטן קימפּעט.״

פון אַ זייטן־קעשענע האָט ער אַרויסגענומען אַ ביכל, אַ קליינס, אָבער אַ גראָבס אַזוי ווי אַ קרבן־מנחה און אַרויסגעקראָגן פון דאָרטן אַ פאַרגעלטע חתן־כלה פאָטאָגראַפיע. פון בילד האָבן אַרויסגעקוקט אַ יונגער און ניט אַזאַ פעטער בידערמאַן אין אַ צילינדערהוט און אַ פעשע בלאָנדע דייטשקע אין אַ ווייסן קלייד מיט אַ ווייסן שלייער. ״אַ וואונדער־שיינע פרוי געווען, האָט דער עקאָנאָם ווידער אַמאָל אַ זיפץ געטאָן, ״יונג געגאַנגען פון דער וועלט.״

ער האָט אָנגעפּאַנגען אַרומבלעטערן אין ביכעלע, וואָס איז געווען אַ מין שולחן־ערוך, אָנגעפּיקעוועט מיט כל־המינים אינפאָרמאַציעס און אילוסטראַציעס. ״דאָס איז אַ קאָמפּענדיאום,״ האָט דער דייטש דערקלערט, ״אַ טאַשן־ענציקלאָפּעדיע פאַר לאַנד־און מילכווירטשאַפט, פאַר וואַלדעריי און ברויערײ, פאַר פיך—בינען—און פויגל־האָדאָוואַניע, אפילו פאַר וועטערינאַריע.״

בידערמאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ בלאַט וואָס האָט גע־שימערט מיט אַלע פאַרבן פון רעגנבויגן, פון אַ גוזמא קאָלירטע בילדער פון פלאַטערלעך.

״דאָס זיינען שמעטערלעך און פלאַטערלעך,״ האָט ער איציקלען געגעבן צו פאַרשטיין. ״אַ סך פון די דאָזיקע שיינע געפליגלטע בריאהלעך ווידמענען זיך אויך דאָ אין דער כאַפּונער געגנט. זעסטו, יונגע, אָט דאָס גרויס שמעטערל? עס הייסט ״דער רויטער אַדמיראַל״; עס האָט רויטע עפּאָלעטן, אַ ברוינעם מונדיר און רויטע לאַמפּאַסן. און אָט דאָס שמעטערל וואָס איז געשטרייפט בלוי און טונקל־געל מיט רויטע פינטעלעך און וואָס האָט פאַרשפּיצטע פליגעלעך פונקט ווי ביי אַ שוואַלב, הייסט טאַקע ״שוואַלב־ווײדעלע״. און אָט איז אַ וואונדערלעך שמעטערל וואָס שעמערירט אַזוי ווי קופער און האָט פיר גילדענע, שוואַרץ־בלויע אויגן, דאָס איז איינס פון די שענסטע, —די ״נאַכט־פּאַווע״.

דער דייטש האָט דעם ייִנגל ווייטער אָנגעוויזן אויף אַ פלאַטערל מיט ברוינע און רויטע פליגעלעך, געפלעקט און געשטרייפט מיט ווייסע און שוואַרצע פּאַסן, וואָס האָט געהייסן ״טיגער־פלאַטערל״;

און אויף אַן אַנדערן וואָס האָט געהאַט צוויי אויגן אַזוי ווי אַ רויב־פויגל און האָט זיך דערפאַר גערופן "קאַרשון־פּלאַטערל". אָבער דאָס אויסטערלישסטע פון אַלע איז געווען אַ פלאַטערל, געשטרייפט ברוין און גאַלדיק־געל, וואָס האָט געטראָגן אויף זיך אַ בילד פון אַ טויטן־קאָפּ. אָט דער דאָזיקער "טויטן קאָפּ" איז גאַר אַן אַנטישטנע בריאהלע, וואָס האַלט זיך אויף זייער זעלטן אין די כאַפּונער מקומות.

"ביי אונדז אין דייטשלאַנד כאַפּן די יינגלעך פלאַטערלעך מיט אַזאַ נעץ־זעקעלע," האָט בידערמאַן אויסגעלאָזט און פאַרמאַכט דאָס געפּאַקט ביכעלע, "פּרעזערווירן זיי אין גלעזערנע קעסטעלעך אָדער צווישן דיקע טאָוולען. אַ פיינע קאָלעקציע שמעטערלעך קען מען פאַר־קויפן פאַר אַ גוטן פּרייז."

דער עקאָנאָם האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט חיימס פאַמיליע גאָר פריינדלעך, האָט דעם יינגל אפילו געשענקט אַ זילבערנע גריוונע.

איציקל, אַן ענטוזיאַסטישער יינגל מיט אַ לעבעדיקער פאַנטאַזיע, איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם דייטשס רייד און פון די וואונדערלעכע בילדער. שוין אין דעם זעלבן אָוונט האָט ער שטילערהייט אַרויס־געריסן די דיקע טאָוולען פון דער מאַמעס טייטש־חומש, האָט ערגעץ דערטאַפּט אַן אַלט טיול־פאַרהאַנגל און דאָס געגעבן דעם שבת־גוי אויסצואַרבעטן אַ נעץ־זעקעלע. איצטער איז ער שוין געווען פאַר־זאָרגט מיט אַלע מכשירים פאַר פלאַטערל־געפאַנג.

— 3 —

גראָבן טאָרף איז פאַר גאַוורילאַן, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן פאַרבראַכט אויפן פעלד, געווען אַ נאָווינע; די כאַפּונער פויערים האָבן זיך מיט דעם ווייניק אָפּגעגעבן. טאָרף איז אַ צונויפגעפּרעסטע מאַסע פון געוועזענע פלאַנצן,—קרייטעכצער, מאָך, טראָסטניק,—וואָס זיינען אויסגעוואָקסן אין פאַרזומפּטע געגנטן און מומיפיצירט געוואָרן פון דער נאַטור אין משך פון אומצאָליקע טויזנטער יאָרן מיט דער הילף פון זויערשטאָף פון דער לופט און פון מיקראָסקאָפּישע באַשעפענישן, —באַקטעריעס, הייוון, שימל און לישייעס. אין אָנהייב פונעם טאָרף־פּראָצעס ווערן די אָנגעפילטע צעווייקטע געוויקסן אַרונטערגעזונקען

טיפער אין זומפּ; אַ פּלאַסט וואַקסט אָן אויף אַ פּלאַסט, אַ שיכט דריקט אויף אַ שיכט,—און טאָרף ווערט געבוירן.

די כאַפּונער זומפּן זיינען געווען אַן אידעאַל אָרט פאַר פאַר־מירונג פון טאָרף: אַ גוזמא שטייענדיקע וואַסערן, אַ גרויסע וואַריאַציע פון זומפּגעוויקסן און אַ קאַלטער קלימאַט. און אין דער גאַנצער כאַפּונער סביבה האָבן די בערעזקעס געהאַט די בעסטע טאָרף־פעלדער. דאָרטן זיינען געווען ערטער, וואו די טאָרף־סטראַטעס האָבן דערגרייכט אַ טיפעניש פון פינף קלאַפטער.

דער אַלטער פּאַכאָם האָט מיט גאַווריליאָן צוויי טעג געקנעלט די טאָרף־מלאכה. אין די בערעזקעס האָט מען טאָרף געגראָבן אויפן „דייטשן" שטייגער. צוערשט פלעגט מען מאַכן אַ קאַנאַווע דאָס גרונטוואַסער אָפּצוצאַפּן. דערנאָך האָט מען דעם טאָרף „אָנגעשטאָכן", —געמאַכט אַן איינשניט אין זומפּ אַן ערך אַ האַלבן אַרשין די טיף מיט אַ ספּעציעלער אייזערנער לאָפּעטע. די אויבערשיכט פלעגט מען אויסגראָבן און צעשניידן אין פּלאַכטעס,—יעדע פּלאַכטע אַ צוויי אַרשין די לענג. דער דאָזיקער אייבערשטער טאָרף איז ליכטיק־ברוין, האָט אַ קאָליר פון צונויפגעפּרעסטן היי און זעט אויס פעדעמדיק. דערפאַר הייסט ער טאָקע „פאַזער־טאָרף".

אַרויסגענומען דעם אייבערשטן טאָרף, פלעגט מען זיך נעמען צו דער מיטלשיכט. דער דאָזיקער טאָרף איז שוין טונקלער, ליימיקער און הייסט „זומפּ־טאָרף". אָפט איז ער גאָר לויז און אַז ער טריקנט זיך אויס ווערט ער צעברעקלט. דער שבת־גוי האָט זיך פאַרחידושט צוגעקוקט, ווי דער אַלטער פויער האָט דעם קוואַטשיקן זומפּ־טאָרף געקנאָטן מיט די באָרוועסע פיס, געמאַכט אים פּלאַטשיק. דערנאָך האָט ער אים געפורעמט מיט די הענט אין אַזוינע ליימיקע טאָרף־ציגל.

די אונטערשטע שיכט איז געוויינלעך די האַרטסטע. דער דאָזיקער קאָמפּאַקטער טאָרף איז ס'רוב שוואַרץ־ברוין און הייסט „פעך־טאָרף", —דער סאַמע בעסטער סאָרט טאָרף. אַזאַ האַרטע אונטערשיכט פון פעך־טאָרף פלעגט מען אין די בערעזקעס שוין שניידן מיט אַזאַ מין טאָרף־מעסער, וואָס האָט געהאַט אַ קורץ הענטל און אַ לאַנגע ברייטע קלינג אין דער געשטאַלט פון אַ „ז". אויסגעגראָבענע טאָרף־פּלאַכטעס לאָזט מען זיך „אָפּזייען" און די טאָרף־ציגל טריקענען זיך

אויף דער לופֿט. פֿון צײַט צו צײַט דרייט מען זיי איבער, כּדי די פּלאַכטעס זאָלן זיך טריקענען גלײַכמעסיק אויף אַלע זײַטן. דער גאַנצער טאָרף־סעזאָן האַלט אָן אַ וואָכן זעקס־אַכט.

ווי נאָר גאַווריִלאָ האָט אַ ביסל געכאַפּט דעם שניט פֿון דער טאָרף־מלאָכה, האָט חיים תּיכף דעם אַלטן פּויער אַרויסגעפּטרט. דער טאָרף־ייִד איז געווען זייער אומגעדולדיק אַנצוגיין מיט דער אַרבעט אָן זײַטיקע מענטשן. ער האָט זיך באַלד אַ נעם געטאָן מיט אַ ברען דורכצופֿירן זײַן פּלאַן: גראָבן קאַנאַוועס אַזוי ווי שטראַלן אַרום דעם אַלטן שטומף. דער שבת־גוי האָט אָנגעפֿאַנגען אַרבעטן, ווי זײַן שטייגער איז געווען, מיושבדיק, סיסטעמאַטיש, אָבער מיט גרויס טיכטיקייט. ער האָט אויך אויפֿגעשטעלט לעבן יאַר אַ קליין ביידל, כּדי עס זאָל זײַן אַן אָרט וואו צו האַלטן די מכשירים, דאָס עסנוואַרג און וואו מען זאָל זיך אויך קענען אַ ביסל אָפּרוען ווען די זון הייבט אָן שטאַרק באַקן אויף די אָפֿענע פּלוינען.

ס׳איז געווען פּונקט ווי דער טאָרף־ייִד האָט געפּלאַנעוועט,— קיינער האָט זיי אַ גאַנצן טאָג ניט געשטערט. נאָר אַ קינד פֿלעגט זיך אַמאָל אַרײַנכאַפּן פֿון הויף. ס׳רוב פֿלעגט חיימס עלטסטער ייִנגל קאָפּל, וואָס האָט אַכטונג געגעבן אויף דער כּודאָבע, בײַטאָג אַראָפּ־ברענגען וואַרעמעס פֿאַר ביידע אַרבעטער. אַ פּאָר מאָל האָט גאַווריִלאָ איבערגעכאַפּט אַ פֿינצטערן טאַדלדיקן בליק, וואָס חיים האָט דעם ייִנגל צוגעוואָרפֿן. ״מײַן טייערער תּכשיט,״ האָט ער איין מאָל אַ זאָג געטאָן אין אַ בייסנדיקן טאָן, ״געוואָרן אַן אמתער פּאַסטוך. לערנען וויל ער ניט, אָבער אַרומלויפֿן מיט קעלבלעך אַ טאָג־אַ יאָר— דאָס יאָ.״

גאַווריִלאָ האָט זיך דערמאָנט אין זײַן אייגענע קינדהייט. צו פֿינף יאָר איז ער שוין געווען אַ פּאַסטוכל און אין קאָפּלס עלטער איז ער דערהויבן געוואָרן צום שטאַנד פֿון אַ ״פּאַראָבאָק״—אַ פֿולשטענדיקער אַרבעטער בײַ דער סאָכע.

די איינציקע אָנטשפּעניש איז געווען דער קליינער איציקל. דער ייִנגל האָט זיך אַ נעם געטאָן צו זײַן פּלאַטערל־עקספּעדיציע מיט אַ פֿײַערדיקן ענטוזיאַזם. אַ גאַנצן טאָג פֿלעגט ער זיך אַרומטראָגן איבער די טאָרף־פֿעלדער מיט זײַן נעץ־זעקעלע, יאָגנדיק זיך נאָך

פלאַטערלעך. ער האָט שוין פאַרמאָגט אַ גאַנצע קאָלעקציע, וועלכע ער האָט געהאַלטן צווישן די לעדערנע טאָוולען פון טייטש־חומש. ס׳רוב זיינען דאָס געווען די ניט געהויבענע כאַפּונער פלאַטערלעך: ווייסע זומפּ־פערכלעך, טונקלע טאָרף־שמעטערלעך, געשטרייפטע בערעזע־שוועבערלעך. דער יינגל האָט אָבער שוין שטאָלצירט מיט אַן אמתן רויטן ״אַדמיראַל״ און מיט אַ ״שוואַלב־ווײדעלע״, פּונקט ווי זיי זיינען געווען אויסגעמאָלט אין דייטשס ביכל.

איציקל האָט זיך אַלעמען איינגעגעסן אין די ביינער מיט זיין וואונדערלעכן אוצר. ער האָט זיך באַרימט פאַר די קינדער און פאַרן ״דיאַדקאָ״ (פעטער) גאַווריליאָ, אַז אָט־אָט וועט ער כאַפּן די גילדענע ״נאַכט־פּאַווע״, אפילו דעם ״טויטן־קאָפּ״, וואָס איז אַזאַ יקר־המציאות. פאַר אַזאַ פלאַטערל קען מען קריגן אַ גאָלדן רענדל, אַזוי האָט דער דייטש געזאָגט.

אַ פּאָר מאָל אין טאָג פלעגט איציקל אַריינפּאַלן מיט זיין קאָלעקציע אין יאַר, וואו דער טאַטע און דער פויער האָבן געאַרבעט, אַ פאַרסאָפּעטער, אַ פאַרשוויצטער, אַ פאַרדירפּעטער מיט בלאָטע, פול מיט וואונדערלעכע דערציילונגען. חיים פלעגט אים טרייבן און זיך כלומרשט בייזערן: ״אַוועק פון דאַנען מיט דיינע פאַרכאַטע פליגעלעך! אַזאַ רוח פון בלאָטע, וואו מען זייט אים ניט, דאָרט גייט ער אויף.״ גאַווריליאָ האָט אָבער געפילט, אַז איציקל איז דעם טאָטן איינגעבאַקן אין האַרצן. אויך ער אַליין האָט דעם דאָזיקן לעבעדיקן יינגל אין רויטן העמדל מיט די ברענעדיקע אויגן שטאַרק ליב געקראָגן.

דער טאָרף־ייד איז די גאַנצע צייט געווען אין אַ געהויבענער שטימונג, כאָטש גערעדט האָט ער ווייניק, גאָר ניט ווי זיין טבע איז געווען. אָפּט פלעגט ער זיך רייבן די הענט פון גרויס צופרידנקייט. ״מיר זיינען שוין אויף אַ דרך, גאַווריליאָ־סערדצע, השם יתברך זאָל נאָר העלפן!״

״חיים,״ האָט איינמאָל דער שבת־גוי אַ זאָג געטאָן, ״דער דייטש האָט דאָך אַנומלט דערציילט, אַז דאָ איז באַהאַלטן דאָס גאָלד, וואָס די קאָזאַקן האָבן אַנגעראַבעוועט אין יאַסנאָפּאָלער הויף און קאָסציאָל. הייסט דאָס אַז די אַלטע מאַרפאַ האָט טאַקע גערעדט צו דער זאַך.״

"דאָס איז אַ מעשה מיט אַ באָרד," האָט דער טאָרף־ייד גע־ענטפערט געלאַסן, "כ'האָב זי געהערט פון יאַנושן אַליין, טאַקע פון דעם וואָס האָט די דאָזיקע היסטאָריע אָנגעשריבן."

"איר האָט געקענט יאַנושן?" האָט זיך גאַווריליאָ געוואונדערט.

"געקענט," האָט חיים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. "ער האָט געלעבט דאָ ביי אונדז אין די ברעזיקעס. געווען איז דאָס באַלד נאָך דעם ווען דער צאַר האָט אָפּגעשאַפט פּאַנשטשיזנע, די פּאָליאַקן האָבן זיך דאַמאָלס געהאַט צעבונטעוועט. איינמאָל, פּסח־צייט, קומט אַראָפּ צו אונדז די אַלטע טשאַרטאָרייסקאַ אויף אַ רייט־וועגעלע און פון הינטן זיצט אַ מאָדנע פאַרשוינדל, וואָס האָט אַן אויסזען פון אַ יונגן גלחל: מיט לאַנגע האָר, מיט אַ רויטן בערדל. געווען איז ער אָבער אַ פּוילישער פּאַניטש.

"אַבראַמעק," האָט זיך די גראַפיניע אָנגערופן צום טאַטן, "כ'האָב דיר געבראַכט אַ יונגנמאַן אַ געלערנטן, ער אינטערעסירט זיך מיט טאָרף. זאָל ער זיך ביי דיר אויפהאַלטן אַ פּאָר וואָכן." געהייסן האָט ער יאַנוש, אַ פיינער בחור געווען, אַן איידלער. האָט ער באַלד אָנגעפאַנגען אַרומנישטערן איבער די זומפּן. אומעטום זיך געגריבלט, געקליבן אַלערליי קרייטעכצער, אויסגעגראָבן אַלטע שטיינער, שטיקער קרעמען. ס'רוב פלעגט ער זיך פאַרען לעבן דער אַלטער חורבה אין ברעזע־וועלדל.

"איך בין דאַמאָלס געווען אַ יונג בעל־הביתל, יאַנוש איז געווען אין מיינע יאָרן,—אַ צוגעלאָזענער מענטש,—האָבן מיר זיך אַ ביסל באַפריינדט. איך האָב מיך געחידושט, וואָס ער קלייבט דאָס צונויף אַזוינע משונהדיקע אַנטיקן. רופט ער זיך אָן צו מיר. "חיים, אַלטע שטיינער, חורבות און קברים זיינען פּונקט ווי אויסגעריסענע בלעטער, אַזוי ווי שמות פון אַ צעפאַלענעם ספר. דאָס זיינען שטיינערנע לוחות: שטעלט מען זיי צונויף אין אַ ריכטיקן סדר, קען מען לייענען וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין די פאַרגאַנגענע צייטן."

"יאַנוש איז געווען אַ טשיקאַווע סודותדיק מענטשל. פאַרבליבן איז ער ביי אונדז איבער שבועות. ס'האָט ניט גענומען לאַנג און מיר זיינען געוואָר געוואָרן, אַז דער דאָזיקער פּאַניטש איז ניט קיין כשרער אורח: ער איז געווען אַ באַהאַלטענער פּוילישער פּאָווסטאַניעץ.

ביי אונדז אין טשערנאָלוזשער וואַלד האָט זיך דאַמאָלס אויפגעהאַלטן אַ גאַנצע באַנדע אַנטלאָפענע פּאָווסטאַנצעס, גאָלע יונגעלייט. ווען מען די מאַכט האָט געכאַפּט מיט וואָפן אין האַנט, האָט מען גלייך אויפן אָרט דערשאָסן אָדער אויפגעהאַנגען; ווען מען האָט גלאָט אַזוי דערטאַפּט, האָט מען אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט.

"ווייזט זיך אַרויס, צו אונדזער גרויסער איבערראַשונג, אַז יאַנוש איז גאָר ניט קיין געבוירענער פּאָליאַק, נאָר אַ יידישער בחור מיטן נאָמען יאַנקל,—אַ געבילדעטער, אַ זון פון אַ וואַרשעווער דאָקטער און אַ פאַרברענטער פּוילישער פּאַטריאָט. איידער יאַנוש איז אָנגעקומען צו אונדז אויף די בערעזקעס, האָט ער זיך דעם גאַנצן ווינטער אויפ־געהאַלטן ביי דער גראַפיניע אין יאַסנאָפּאָל. ער איז כלומרשט געקומען אַהינצו צו ברענגען אַן אָרדענונג אין די יאַסנאָפּאָלער אַרכיוון. דאָרטן אין פּאַלאַץ זיינען געווען גאַנצע סקליעפּעס פול מיט פאַרשימלטע פּאַפּירן, מיט פאַרמעטענע דאָקומענטן און כתב־ידן, וואָס זיינען ניט אָפּגעברענט געוואָרן. די אַלטע גראַפיניע האָט יאַנושן גענומען אונטער אירע פליגל און האָט אים סוף־כל־סוף אַרויסגעשמוגלט קיין אויסלאַנד מיט אַ פאַלשן פּאַס.

"איינמאָל זיינען מירביידע געזעסן, יאַנוש און איך, אין אַזאַ מאַיאָווען טאָג ווי היינט, טאַקע ניט ווייט פון דאַנען, ביי דער באָד־חורבה אין בערעזע־וועלדל. זאָגט צו מיר יאַנוש: "זעסטו דעם שטומפּ פון דעם פאַרצייטיקן מעכטיקן בוים? אַזאַ בוים האָט אַמאָל געהייסן יאַסנאָפּאָלסקע, ניטאָ מער אַזעלכעביימער אין גאַנצן קאַנט. אַז כ׳וועל זיין אין אויסלאַנד וועל איך אָנשרייבן די היסטאָריע פון דער כאַפּונער געגנט. כ׳האָב צונויפגעקליבן פאַר דעם אַ גוזמא היסטאָרישע מאַ־טעריאַלן; כ׳האָב מיך אָנגעליינט אַזוי ווי אַ פּויק מיט כל־המינים אַלטע דאָקומענטן, כ׳האָב אויסגעפאָרשט אַלע אַלטע חורבות און קברים; כ׳האָב אויסגעפרעגט אַלע זקנים, וואָס געדענקען נאָך די אַמאָליקע צייטן. ווילסטו אַקאָרשט הערן די געשיכטע פון אייערע אייגענע בערעזקעס? ס׳איז אַ טשיקאַווע געשיכטע." און יאַנוש האָט מיר דערציילט מיט זיין אייגענעם מויל אַלץ וואָס דער דייטש האָט געליינט אין דעם כתב־יד.

"מיר איז דאָס אַלץ באַקאַנט, גאַורילאַ, מיט אַלע פּרטים. כ׳ווייס

אַז די באַנדיטן האָבן דאָ באַגראָבן דאָס אָנגעראַבעוועטע גאָלד; אפילו אין כאַפּונער פּינקס איז דאָס פאַרשריבן. דאַמאָלס, ווען די קאָזאַקן האָבן זיך אױפגעהאַלטן אין אונזערע מקומות, זײַנען זײ געוואָרן הײמישע מענטשן אין כאַפּון צוליב דעם גרױסן שענק. ניט אײנמאָל האָבן זײ אײַין שטאָט געהוליעט, געבױאַנעוועט און אָנגעמאַכט אַ חורבן.

"אַז די פּױלישע דראַגונער האָבן די באַנדיטן צעשלאָגן בײ די בערעזקעס, האָבן זיך אַ פּאָר בלודנע קאָזאַקן פאַרשלעפּט אין שטאָט און דער כאַפּונער שבת־גױ האָט זײ באַהאַלטן אין באָד. דער כאַפּונער שטאָט־מוסר האָט דאָס פאַרמסרט פאַרן גראַף, כאָטש די ײדן זײַנען אין דעם געווען גאָט די נשמה שולדיק. דער ווילדער סטאַסיעק איז אָנגעקומען אין שטאָט מיט זײַנע סאָלדאַטן און האָט די כאַפּונער באָד פאַרברענט אין אײנעם מיט די קאָזאַקן וואָס האָבן זיך דאָרטן אױסבאַהאַלטן. דעם שבת־גױ האָט מען אױפגעהאַנגען אױף אַ ווערבע לעבן טײַכל כאַפּונקע.

"דער גראַף האָט אױך געהאַט בדעה אױפצוהענגען דעם ײדישן בעדער, דערפאַר וואָס ער האָט ניט אױסגעזאָגט אַז דער שונא האַלט זיך אױף אין באָד. אָבער די כאַפּונער ײדן האָבן זיך אױסגעקױפט פון דער דאָזיקער גזירה מיט אַ מלחמה־צינז. מאירקע, אַ כאַפּונער שנײַדער־יונג, איז געוואָרן אַ וואָלונטיר אין פּױלישן לעגיאָן. באַשעפטיקט האָט ער זיך מיט נײען און פאַרריכטן מונדירן פאַר די דראַגונער. פון דאַמאָלס אָן האָט די שטאָט כאַפּון אָנגעהױבן צאָלן די יאַסנאָפּאָלער פּריצים אַ חוץ "פּלאַצאָווע" (גרונטשטײַער) אױך אַזאַ טאַקסע, וואָס הײסט "תליה־געלט".

"איך װײס אַלץ װעגן דעם אָנגעראַבעוועטן אוצר," האָט דער טאָרף־ײד אױסגעלאָזט און אַן אָפּטימיסטישן טאָן, "אָבער כ'האָב בטחון, דער נסתר האָט דעם טאַטן פאַרזיכערט, אַז דער רײַנער אוצר ליגט גאָר ניט װײַט פון דעם געגזלטן. מיר זײַנען דאָ אױף אַ ריכטיקן סליאַד, גאַוורילאָ, ס'איז גאָר קײן ספק ניט."

אַזױ האָבן דער פּױער און דער ײד אָפּגעאַרבעט די גאַנצע װאָך,— אַ קלאָרע ליכטיקע װאָך. קײן נײַע מענטשלעכע בײנער האָט מען אין די זומפּן מער ניט אױפגעדעקט. די אײנציקע זאַך וואָס גאַוורילאָ

האָט דאָרטן געפונען איז געווען אַ פּאָר אַלט־פראַנקישע קאָזאַצקע שפּאָרן צעפּרעסענע פון זשאַווער. אין די עטלעכע טעג האָבן זיי שוין געהאַט אויסגעגראָבן זעקס טיפע קאַנאַוועס אַרום דעם שטומפּ. דער גרונט איז גראָדע געווען ניט קיין נאַסער, אָבער די אַרבעט איז געווען אַ שווערע. זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ געדיכטן פּלאָנטער פון מעכטיקע וואָרצלען, וואָס האָבן אַרויסגעשפּראָצט פון אַלטן שטומפּ. מען האָט זיי געמוזט אויסקאָרטשעווען אָדער אויסהאַקן. פּריטיק האָט אפילו גאָורילאָ געפילט אַ ווייטאָק אין די קריזשעס, חיים איז אין גאַנצן געווען אַן אויסגעשעפּטער, אָבער אַ טריאומפירנדיקער.

באַלד נאָך מיטאָג האָבן זיי אויפגעהערט אַרבעטן. ביידע זיינען געווען באַדעקט מיט אַ דיקער שאָלעכץ פון פעכיקן טאָרף. דער שבת־גוי, וואָס פלעגט ס׳רוב אַרבעטן אַ באַרוועסער און אָן אַ העמד, איז אויך געווען אַ צעביסענער פון טאָרף־פליי. די דאָזיקע קליינע שטעכע־דיקע ״האָפּאַטשקעס״ (שפּרינגערקעס) פלעגן דערהויפּט באַפאַלן פרעמדע מענטשן מיט אַ ווילדער זשעדנעקייט; אייגענע, בערעזקאָווער, האָבן זיי וויניק וואָס אָנגערירט. ״דו רייב זיך אויס מיט אַ ציבעלע,״ האָט דער אַלטער פאַכאָם גאָורילאָן געגעבן אַן עצה. ״וועט זי דיך ניט טשעפּען, די האָפּאַטשקע איז ניט קיין בייזע. דו וואַרט ביז נאָכן ערשטן רעגן, ווען די בערעזקאָווער מוקן וועלן זיך אויספּיקן, זיי וועלן דיר דערלאַנגען ביז דער זיבעטער ריפּ. זיי, די קאָמאַרעס, קומען דאָ אַרויס אין גוואַלדאָווגע מחנות, אַזוי ווי היישעריקן. זיי זיינען בלוט־דאָרשטיקער פון פּיאַווקעס. דאָ אין זומפּ און אין יאַר איז דער קאָמאַר דער צאַר.״

דער טאָרף־ייד איז אַוועק אַהיים זיך צוגרייטן פּאַר שבת. אין די בערעזקעס איז געווען אַ שטעלכען וואו מען האָט אימפּראָוויזירט אַ מין מרחץ: אַריינגעשטעלט אַהינצו אַ גרויסע דייזשע פּאַר אַ וואַנע און אַ פּאָר שעפלעך; אויפן האַרט־אויסגעראָטענעם ערדענעם דיל האָט מען אויסגעלייגט עטלעכע אָנגעגליטע שטיינער; חיימיכע האָט אויפגעזאָטן אַ גרויסן קעסל וואַסער אויפן הויף—און אַ שוויץ־באָד איז געווען פאַרטיק.

גאָורילאָ האָט מיושבדיק צונויפגעלייגט די מכשירים אין ביידל. ס׳האָט זיך אים אויך זייער געגלוסט אויספּאַרען די ביינער אין אַ

הייסער באָד, אָבער חיים האָט אים ניט פאַרבעטן. מסתמא וועט ניט סטייען קיין הייס וואַסער. "אפשר זיך טאָקע באַלד פאַרנעמען אין טשערנאָלוזשער וואַלד?" האָט ער זיך געשלאָגן מיט דער דעה. "דאָרטן קען מען זיך אויסבאָדן אין דער ביסטרער טשערנאָלוזשקע... ניין, ס'טויג ניט, ס'וועט זיין צו שפּעט. מען דאַרף אָנטאָן אַ פריש העמד און זיך אָפּגאָלן. כ'וועל מיך שוין אָפּוואַשן ביי דער קרעניצע... כ'וועל אַרויסגיין מאָרגן קאַיאָר," האָט ער אַ טראַכט געטאָן מיט אַ שטילער פרייד אין האַרצן. "קודם־כל דאַרף מען זיך אַריינכאַפּן אין טשערנאָלוזשע, אָנזאָגן פאַראַסקאָן אַז כ'וועל דאָ פאַרבלייבן דעם גאַנצן זומער. אין טשערנאָלוזשע בליט איצטער אַלץ, איוואַנקאָ האָט אַ גרויסן סאָד מיט עפּל־ביימער און ווייַנשל־ביימער. הייַנט די ליפּעס, וואָס וואַקסן אַרום דער פּאַסינקע! אַ טייערער בוים די ליפּע, אַ ברייטער, אַ שאָטנדיקער, אַזוי ווי אַ מאַמע; און דער ליפּאָווער צוויט איז אַזאַ זיסער, די בינען זייַנען פאַר אים די כפרה. טאָקע אַ גוטן האָניק האָט ער, דער פּאַסיטשניק, ליפּאָוון האָניק... און ער שטאַמט גאָר אָפּ פון פּראַנצויזן, דער קליינער איוואַנקאָ קאַרפּענקאָ! אַ טשיקאַווע זאַך... ניט אומזיסט איז פאַראַסקאָ אַזאַ פלאַם־פייערדיקע און אַ טונקלע אַזוי ווי אַ ציגיינערקע, גאָר ניט געראָטן אין אונדזעריקע פּויערטעס..."

דער טאָג איז געווען אַ ביסל צו הייס פאַר מאַי, די לופט צו טרוקן. דער הימל איז געלעגן אַ לויטערער, אָן אַ וואָלקנדל. גאַווורילאָס געניט אויג האָט געכאַפּט עפּעס אַ שאַטירונג פון געלקייט אין דעם גרינס פון די פעלדער. "ס'זאָל חלילה היי־יאָר ניט זיין קיין "זאַסוכע" (טרוקעניש)," האָט ער אַ טראַכט געטאָן אַ פאַרזאָרגטער. "זאַסוכע איז אַ שרעקלעך וואָרט: די ערד ווערט אַ פאַרוואַרפּעריין און די מענטשן און חיות גייען אויס פאַר הונגער..."

פון די בערעזקעס האָבן זיך אָנגעהויבן דערטראָגן מאָדנע אומ־רואיקע דערשטיקטע קולות. "עפּעס איז דאָרט ניט מיט אַלעמען!" איז ביים שבת־גוי דורכגעפלויגן דורכן קאָפּ און ער האָט זיך אָנגע־פאַנגען אַ ביסל צוויילן. מיט אַמאָל האָט אַ דורכדרינגענדיקער ווייבערשער גוואַלד דורכגעלעכערט די לופט און ס'האָט זיך דערהערט אַ יאָמערדיק וואָיען פון אַ הונט.

גאַווריִלאַ האָט אָנגעהויבן לויפן. "בעדאַ, עפּעס אַן אומגליק פּאַסירט!" אויפן הויף איז ניט געווען קיין לעבעדיקע נשמה. טיר און טויער זיינען געשטאַנען אָפן, נאָר פון קוימען איז געגאַנגען אַ רויך און פון באָד האָט געזעצט אַ פּאַרע. די ווילדע היסטערישע קולות און גוואַלדן האָבן זיך געטראָגן ערגעץ פון די אָפענע פעלדער. ביי גאַווריִלאַן האָט זיך עפּעס אַזוי ווי אָפּגעריסן אין האַרצן. "די טריאַסינע, די שוואַרצע ראַשטשינע!"

— 4 —

די טריאַסינע איז געווען אַ קליין פאַרזומפּט אָזיערקע, פאַרוואַקסן מיט אַלטע ווערבעס. אין די גרויסע היצן פלעגט עס כמעט אויס־געטריקנט ווערן, אָבער דער שרעקלעכער דנאָ איז תמיד פאַרבליבן אַן אָפענער אָפּגרונט. סוף זומער, ווען די וואַסער־בעט פון אָזיערע דעקט אויף איר שליימיקע באַקעטקייט, זעט מען אַ טונקלע, פעכיקע, צאַפּלדיקע זינק־גרוב, וואָס ציטערט פון יעדער באַוועגונג אַזוי ווי פאַרגליווערטער זשעלאַטין. ניטאָ אַזאַ זאַך אויף דער וועלט, אַ לעבע־דיקע אָדער אַן אומבאַלעבטע, וואָס האָט זיך ווען אַרויסגעריסן פון דעם זויגעדיקן מויל פון דער שוואַרצער ראַשטשינע.

פאַר גאַווריִלאַס אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ גרויליקע סצענע. אַ הייפעלע מענטשן, דערוואַקסענע און קינדער, זיינען אַרומגעלאָפן אַרום וואַסער אין ווילדער פּאַניק און האָבן געשריִען אַזוי ווי זיי וואָלטן פון זינען אַראָפּ. דער שוואַרצער זשוק האָט געהאַווקעט אַזוי ווי אַ באַנומענער, זיך געריסן צום וואַסער, האָט אָבער ניט געוואַגט אַריינצושפּרינגען. דער אַלטער פויער פּאַכאָם און זיין זון וואַסיל האָבן עפּעס געפּאָרקעט אין דער טריאַסינע מיט צוויי לאַנגע שטאַנגען. דאָס האָט מען געזוכט איציקלען, וואָס איז מיט אַ קנאַפּער האַלבער שעה צוריק אַריינגעפאַלן אין דער ראַשטשינע: ער האָט זיך נאָכ־געיאָגט נאָך אַ "נאַכט־פּאַווע", די ערשטע פון איר מין, וואָס האָט זיך באַוויזן אויפן טאָרפניק. זי האָט דעם יינגל אַריינגענאַרט אין דער שוואַרצער ראַשטשינע אין איינעם מיט זיין נעץ־זעקעלע פאַר די אויגן פון די פאַרציטערטע קינדער.

אויף חיימען איז געווען אַן אימה צו קוקן. דאָס געלע פּנים

האָט געהאַלטן אין איין צוקן און די ברענענדיקע אויגן, טיף־איינגעפאַלענע אין די אויגן־לעכער, האָבן געהאַלטן אין איין אַרומוואַנדערן; אָבער דאָס זיינען געווען אַזוי ווי די אויגן פון אַ בלינדן. דער טאָרף־ייד האָט זיך אַלעמען געפּלאָנטערט צווישן די פיס, האָט אַלע ווײַלע פאַרבראָכן די הענט, געקנאַקט שווידערלעך מיט דיביינדלעך פון די פינגער און געהאַלטן אין איין מורמלען: „וואָס טוט מען דאָ, גאָטעניו, גוואַלד, וואָס טוט מען דאָ רבונו של עולם!...״

אויף דער ערד ביים ברעג פון דער אָזיערע איז געזעסן חיימיכע, אַ צעוואָקסענע, אַ באָרוועסע, אין אַ רויטן אונטערשטן קליידל, מיט אַ ווײַסער אָפענער בלוזקע אויפן ברייטן בוזעם. ביי דער גרויסער בייטל־דיקער ברוסט איז געווען אָנגעהאַנגען די קליינע שיינדעלע אַזוי ווי אַ משונהדיקע טונקלע פּיאַווקע. די יידענע האָט זיך געוויגט אַהין און צוריק, ווילד און ריטמיש. דער קורץ־געשאָרענער, נאָר וואָס אויס־געצוואָגענער, שוין אַ ביסל פאַרגרויטער קאָפּ איז געווען אָן אַ פּאַטשיילע. דאָס פּנים, פריצייטיק פאַרוויאַניעט פון אַ סך קינדער האָבן און פון שווערער האָרעוואַניע, איז געווען פאַרקרימט אין אַ שרעקלעכע גרימאַסע. פון איר מויל האָבן זיך געריסן היסטערישע יללות און כליפּערייען.

„כ׳האָב באַגראָבן מיין איציקלען, באַגראָבן מיין אוצרל, מיין אויג אין קאָפּ! גוואַלד, לאָזט מיך אין גרוב אַריין, לאָמיך גיין אים ראַטעווען!״ די יידענע האָט זיך אַ ריס געטאָן צום וואַסער און דער יונגער וואַסיל האָט זי קוים פאַרכאַפּט ביים קליידל. ביי חיימיכען האָבן זיך די אויגן פלוצעם צעפלאַקערט מיט אַ ווילדן צאָרן. זי האָט גענומען טייטן מיט אַ פינגער אויף חיימען און קוויטשען אַזוי ווי אַ באַנומענע:

„מערדער, רוצח, דו האָסט דיין קינד אומגעבראַכט! צוליב דיר וואוינען מיר דאָ אין די שוואַרצע בלאָטעס, אַזוי ווי חזירים. גראָבן טאָרף, אַקערן די פאַרשאָלטענע ערד מיט דער נאָז; לעבן צווישן שדים און רוחות און טריאַסינעס און זשאַבעס און פאַרשטונקענע פּויערים און אַלערליי פּאַסקודסטווע... דו ביסט דער אמתער מלאך־המות, דו האָסט דיין אייגן קינד געקוילעט אָן אַ מעסער!...״

חיים האָט געקוקט אויף זיין ווייב מבולבל מיט אַ פּאָר

פֿאַרגלעזערטע אויגן. "וואָס טוט מען דאָ, גאָטעניו, גוואַלד וואָס איז דאָ געשען?"

חיימיכע האָט זיך ווידער גענומען וויגן ריטמיש און קלאָגן האַרצ־רייסנדיק מיט אַ סקאַרבאָוון תחינה־ניגון. "הייליקע מוטער שרה, אַז דיין זון יצחק איז אַוועק צו דער עקידה, האָסטו אים אָפּגעבעטן ביים אייבערשטן, האָסט אים געראַטעוועט פון דעם מעסער. אָבער אַז מיין יצחקל, מיין קרוין אין קאָפּ, איז איצטער אַוועק צו דער עקידה, קען איך אים ניט אָפּבעטן ביים רבונו־של־עולם, קיינער קען אים ניט ראַטעווען!... אַז דיין זון יצחק איז געשטאָרבן, האָט מען אים מקבר געווען אין דער מערת־המכפּלה לעבן זיינע עלטערן, אָבער וואו וועלן רוען מיין יצחקלס ביינדעלעך? קיין קבר וועט ער ניט האָבן, וואָס איך זאָל קענען איינרייסן; קיין מצבהלע וועט איבער אים ניט שטיין, וואו איך זאָל קענען מיין האַרץ אויסגיסן... הייליקע מאַמע שרה, אַ באַראַנטשיק איז געאָפּפערט געוואָרן אויפן אָרט פון דיין זון, אָבער מיין אומשולדיק לעמעלע איז טאַקע אַליין געבראַכט געוואָרן פאַר אַ קרבנדל!..."

די קליינע שיינדעלע וואָס איז פרידלעך געשלאָפן אויף דער מאַמעס ברוסט, איינגעוויקלט אין ווינדעלעך אַזוי ווי אַ פּיטשינקע מומיע, האָט זיך אויפגעכאַפּט און איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ קאָנ־וואולסיוון געשריי. "נאַ־נאַ, וואָרעם!" האָט די יידענע אַ יאָמער געטאָן מיט ביטערניש און צוגעדרוקט דאָס קינד האַרט צו דער ברוסט. "נאַ, זויג מיין בלוט, זויג! ציִ אַרויס דעם מאַרך פון מיינע ביינער!..."

ווי נאָר דער שבת־גוי איז אָנגעקומען, האָט זיך די פּאַניק אַ ביסל איינגעשטילט. חיימיכע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו גאַווריליאָס פיס מיט אַ ווילדן שלוכצן. "גאָט האָט דיך אַהערצו אַראָפּגעבראַכט צו ראַטעווען מיין קינד! דו ביסט אַ מלאך פון הימל." "שאַ־שאַ, בעל־הביתטע!" האָט דער פויער זי גענומען איינגעמען מיט אַ זאַנפטן קול. "אוודאי וועלן מיר דעם ייִנגל ראַטעווען, האָט גאָר קיין זאָרג ניט."

ווי געוויינלעך אין אַזעלכע קריטישע סיטואַציעס, האָט גאַווריליאָ איבערגענומען די פירערשאַפט און באַלד אויפן אָרט אויסגעאַרבעט אַ רעטונג־פּלאַן. מען האָט אַראָפּגעבראַכט פון הויף אַ גוזמא שטריק, עמערס און דייזשעס, אַ קייט מיט אַן אייזערנעם הוק, עטלעכע מיסט־

גאָפּלען און גראַבליעס. מען האָט אויסגעהאַקט אַן אַלטע גרויסע ווערבע און דעם שטאָם אַריינגעוואָרפן אין אָזיערע; צום שטומפּ האָט מען אָנגעבונדען אַ פּאָר שטריק. איין שטריק האָט מען פאַרקניפּט צום אָפּגעהאַקטן שטאָם אין וואַסער, אַ צווייטן האָט דער שבת־גוי אַרומגעבונדן אַרום זיין אייגענע ברוסט.

די דריי פּויערים האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט מיט גרויס ענערגיע; כאָטש ס'איז געווען אַ ריזיקאַלישע אונטערנעמונג און מיט ווייניק אויסזיכטן אויף אַ דערפאָלג. דער שבת־גוי האָט זיך באַזעצט אויפן וואַקלדיקן בוים־בריקל איבער דער טריאַסינע, אַ באָרוועסער, מיט פאַרקאַטשעטע הויזן און האָט זיך מיושבדיק גענומען גרונטעוועז דעם דנאָ מיט אַ לאַנגן שטאַנג. פון צייט צו צייט פלעגט ער פאַרוואָרפן די קייט מיטן אייזערנעם הוק אַזוי ווי אַ ווענדקע.

פּאַכאָם און וואַסיל האָבן אָנגעפאַנגען שעפּן דאָס זומפּיקע וואַסער מיט עמערס, וואָס זיינען אויך געווען אָנגעבונדן מיט שטריק צו אַ נאָענטן בוים, און דאָס וואַסער אַריינגעגאָסן אין אַ דייזשע. פון אָנהייב איז אַרויסגעקומען אַ מוטנע ברוינע פליסיקייט, וואָס איז אָבער באַלד געוואָרן אַזוי גערדיכט און שליימיק, אַז די הילצערנע עמערס האָבן אָנגעהויבן זינקען. איין מאָל האָט זיך דער אַלטער פּויער אויסגעגליטשט און אין איין מינוט איז ביי אים אַ פוס איינגעזויגט געוואָרן אין זומפּ ביז איבער דער קני. וואַסיל האָט דעם אַלטן אַרויסגעשלעפּט מיט גרויס אָנשטרענגונג, אָנהאַלטנדיק זיך אָן אַ בוים. ווייטער שעפּן די שוואַרצע ראָשטשינע איז געווען אַן אומזיסטע טירחה. האָבן ביידע פּויערים זיך גענומען גראַבליעווען דעם זומפּ מיט גראַבליעס, טאָמער וועלן זיי עפּעס פאַרטשעפּען.

זיצנדיק אויפן בריקל, האָט גאַוורילאָ געפּילט ווי דער בוים אונטער אים ווערט לאַנגזאַם אַריינגעזויגן אין זינק־גרוב; דאָס איז געווען אַן אומפאַרמיידלעכע זאַך. "כ'זיץ דאָ פּונקט ווי לעבן דער אָפענער שוואַרצער געמבע פון דעם טייוול," האָט ער געטראַכט. "עך, קאָפּוט מיטן יינגעלע, האָט פאַרשפּילט זיין יינג לעבן. פון אים וועט ווערן אַ קליינע מומיע ערגעץ אין די געדערעם פונעם זומפּ, פּונקט ווי פונעם ווילדן חזיר, וואָס דער דייטש האָט דערציילט."

מיט אַמאָל האָט דער פּויער דערשפּירט אַז דער אייזערנער קרוק

האָט עפּעס פּאַרטשעפּעט אין שליימיקן גרונט. אייפּעריק האָט ער גענומען שלעפּן די קייט, האָט דערביי אָנגעוואָרן זיין גלייכוואָג און אין אַריינגעפּאַלן אין טריאָסינע. מיט ביידע הענט האָט ער זיך אָנ־געכאַפּט אין שטאַם פון בוים, געפּרוּווט זיך אַרויסקאַראַבקען מיט די אייגענע כוחות. איידער אָבער ער האָט זיך נאָר אַרומגעקוקט, איז ער שוין געווען פאַרזונקען ביז די לענדן.

ביידע פּויערים אויפן ברעג האָבן האַסטיק אַ כאַפּ געטאָן דעם שטריק, וואָס איז געווען אַרומגעבונדן אַרום גאַווריליאָס ברוסט. די לאַגע איז געווען אַ סכנהדיקע, מען האָט געדאַרפט אַרבעטן שנעל און מיט גרויס אָנשטרענגונג, אָבער ס׳האָט זיך דאָך איינגעגעבן דעם שבת־גוי אַרויסצורייסן פון דער שרעקלעכער שוואַרצער שלונד. אַ באַדעקטער מיט שליימיקער בלאָטע, איז ער אַרויסגעקומען אַזוי ווי אַ באַשעפעניש פון דער אונטערוועלט. אויפן הוק פון זיין קייט איז געווען אָנגעהאַנגען איצקלס נעץ־זעקעלע אויך פול מיט פּע־כיקן זומפּ.

אַ ווײַלע זיינען די דריי פּויערים געשטאַנען פאַרלאָרענע. וואָס טוט מען איצטער? באַלד אָבער האָט מען זיך אַ נעם געטאָן די פּאָזיציע צו באַפעסטיקן. מען האָט אויסגעהאַקט אַ צווייטן בוים און אים אַריינ־געוואָרפן אין אָזיערע. מען האָט איבערגעוואָרפן אַ שטריק איבער דער טריאָסינע און יעדן עק צוגעבונדן צו אַ ווערבע אויף ביידע ברעגן. גאַווריליאָ איז ווידער אַמאָל אַרויפגעקראָכן אויפן אָפּגעהאַקטן בוים, אָנהאַלטנדיק זיך אין לופט־בריקל, וואָס דער שטריק האָט געמאַכט.

ס׳האָט שוין אָנגעהויבן טונקלען. דער טאָרף־ייד איז געשטאַנען ביים ברעג פון זומפּ מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָט זיך ווילד געשאָקלט און אַזוי ווי געדאַוונט. דער שבת־גוי האָט דערקענט נאָך ניגון אַז דער ייד זאָגט תהילים. ״גאָט אין דיין גרויס גנאָד ענטפער מיר מיט דיין אמתער ישועה,״ האָט חיים געמורמלט מיט אַ צעבראָכענעם קול, ״זיי מיך מציל פון ליים, אַז איך זאָל ניט איינגעזונקען ווערן... לאָמיך געראַטעוועט ווערן פון מיינע פיינט... לאָז מיך ניט איינשלינגען די טיפעניש... לאָז ניט צומאַכן די גרוב איר מויל איבער מיר... ענטפער מיר גאָט, וואָרעם גוט איז דיין חסד...״

זשוק האָט געוואָ׳עט שוידערלעך, די קליינע שיינדעלע האָט זיך

גערִיסן אָן אַן אויפהער, חיימיכע איז געלעגן אויף דער ערד אַן אויס־געשעפּטע, אָט־אָט וועט זי אָוועקחלשן. גאָווריליאָ האָט אָפּגעווישט די ברוינע בלאָטע פון פנים און האָט אַ קוק געטאָן אויף דער יידענע מיט די בלויע וואַרעמע אויגן. ״איר גייט בעסער אַהיים, בעל־הביתטע־לעבן,״ האָט ער אַ זאָג געטאָן מונטער, ״שטילט אייַן דאָס קינד, עס קען נאָך ביי אייך פאַרשלאָפּט ווערן; און איר אַליין פאַלט אויך פון די פיס. עס איז שוין באַלד צייט ליכט בענטשן,—איר גייט בעסער אין הויז זיך מאַליען, וועט אייך גאָט געוויס העלפן. איר האָט גאָר קיין כלאָפּאָטע ניט, מיר וועלן דעם ייִנגל אויפזוכן, אויף מיינע נאמנות!״

דער טאָן ביים שבת־גוי איז געווען אַן אָפּטימיסטישער, אָבער אין האַרצן האָט ער געטראַכט: ״קאַפּוט מיטן ייִנגעלע!״ חיימיכע איז מיט אַמאָל געוואָרן שטיל און איז נאָכגעגאַנגען קאָפּלען אַהיים אַזוי ווי אַ לעמעלע. גאָווריליאָ איז שווייגעדיק געזעסן אויפן בוים וואָס האָט זיך אַלץ טיפער געזעצט אין זומפּ. איצטער האָט ער זיך שוין געמוזט אָנהאַלטן מיטן גאַנצן געוויכט אין דעם שטריק־בריקל וואָס האָט זיך אָנגעצויגן שטייף אַזוי ווי אַ סטרונע; די אָנגעבונדענע צווייגן פון דיביימער אויף ביידע ברעגן האָבן אַזש אָנגעפאַנגען קנאַקן.

פלוצעם האָט דעם פויערס שאַרף אויג געכאַפּט—עפּעס בלעזלט זיך אין דעם צאַפּלדיקן גרונט. מיט אַ געניטער האַנט האָט ער פאַר־וואָרפן אַהינצו די קייט און געלאָזט זי זינקען עטלעכע מינוטן; דערנאָך האָט ער זי געפּרואווט אַרויסציען,—די שווערע קייט האָט ניט נאָכ־געגעבן, דער הוק האָט, זעט אויס, זיך אין עפּעס אָנגעטשעפּעט.

פלינק האָט זיך גאָווריליאָ אַרויסגעכאַפּט אויף דער טריקעניש. די דריי פויערים האָבן אָנגעהויבן שלעפּן די קייט מיט אַלע כוחות. ס׳איז געווען אַ מעכטיקע ראַנגלעניש, אַ פאַרמעסט צווישן אַ סטיכישער קראַפט און אַ מענטשלעכן כוח; און דער מענטשלעכער כוח האָט גובר געווען. מיט אַמאָל האָט זיך אַ שרעקלעך געשריי אַרויסגעריסן פון אַלעמענס העלדזער, די קינדער זיינען געבליבן שטיין אַזוי ווי פאַרשטיינערטע. אויפן גרויסן אייזערנעם קרוק איז געהאַנגען אַ משונהדיק פיגורל, געדיכט פאַרקלומפּט מיט טונקלען זומפּ, אומבאַ־לעבט און שלאַבערדיק, אַזוי ווי אַ ליאַלקע פון שמאַטעס.

דער שבת־גוי האָט דאָס פאַרשטאַרט פּנימל אַ ביסל אָפּגערייניקט, האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קערפּערל ביי די פיס, מיטן קאָפּ אַראָפּ, און דאָס גענומען קרעפטיק טרייסלען. טונקלע ריטשקעלעך פליסיקע בלאָטע האָבן אָנגעהויבן אַרויסרינען פון יינגלס מויל, פון נאָז און פון די אויערן. דער פויער האָט איציקלען אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, האָט אויפגעמאַכט דאָס מיילכען, באַוועגט די שלאַפע צונג און ענערגיש געקנאָטן און דערדריקט די יונגע אומבאַוועגלעכע ברוסט. אַ מינוט פופצן האָט ער אַזוי אָפּגעאַרבעט, אָבער דער דערטרונקענער האָט מיט קיין גליד ניט גערירט.

גאַווורילאָ האָט דאָס פאַרגליווערט קערפּערל צערטלעך גענומען אויף די הענט. "כ׳וועל אים אָפּטראָגן צו דער קרעניצע," האָט ער אַ זאָג געטאָן, "מען דאַרף אים אָפּוואַשן ווי עס געהער צו זיין." חיים האָט נאָכגעשפּאַנט אַזוי ווי אַן אַווטאָמאַט. די קינדער זיינען נאָכגעגאַנגען אַזוי ווי פאַרכישופטע.

"מען קען אַ דערטרונקענעם אָפּראַטעווען, אפילו אַז ער ליגט אָפּ שטונדן לאַנג אין וואַסער, אפילו אַז ער זעט אויס טויט ווי אַלע טויטע," האָט דער שבת־גוי דעם יידן געפּרואווט אַ ביסל אויפמונטערן, "מען דאַרף ניט פאַרלירן דעם מוט."

חיים האָט געקוקט אויף אים מיט אַ פּאָר אומזיניקע, מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגן. "העלף מיר גאָט!" האָט ער געשעפּטשעט, "דאָס וואַסער איז געקומען ביז דער זעל... איך בין איינגעזונקען אין טיפן זומפּ... איך בין מיד פון מיין רופן... מיין קעל איז פאַרטריקנט... די אויגן גייען מיר אויס..."

גאַווורילאָ האָט איציקלען אַוועקגעלייגט לעבן דער קרעניצע און זאָרגעוודיק גענומען אויסוואַשן די שליימיקע בלאָטע פון דעם דערטרונקענעמס קאָפּ, מויל, נאָז און אויערן; ער האָט אויך אָפּגעשווענקט דאָס גאַנצע קערפּערל. מיט אַן אימה אין האַרצן, אָבער אַזוי ווי היפּנאָטיזירטע, האָבן זיך די קינדער צוגעקוקט צו דער קליינער פיגור, וואָס איז געלעגן פאַרגליווערט אויף דער ערד: דאָס רויטע דורכגעווייקטע העמדל צוגעקלעפּט צום לייב, די פאַרקלומפּטע אָפּגעבליאַקעוועטע האָר אַזוי ווי נאַסע שטריקלעך, דאָס קליין פאַרשטאַרט פּנימל פּורפּל־בלוי, דאָס נעזל פאַרשפּיצט; אַ פּאָר גרויסע טויטע

אויגן האָבן אַרויסגעגלאָצט און דאָס אָפענע מײַלכען מיט די ווייסע ציינדלעך איז געווען אויסגעשטשירעט אין אַ גרויליקער גרימאַסע.

מיט אַמאָל האָבן אַלע אויפגעשווידערט: צוויי בלוטיקע פּענכערלעך האָבן זיך אָנגעהויבן בלעזלען אין דעם ייִנגלס נאָזלעכער און האָבן באַלד געפּלאַצט.

״קאַפּוט מיטן ייִנגעלע!״ האָט גאָורילאָ געטראַכט, האָט אָבער ניט אויפגעהערט צו קנעטן די קינדערשע ברוסט. ער האָט צוגעלייגט זיין מויל צום קאַלטן מײַלכען און געפּרואווט אַרייַנבלאָזן זיין וואַרעמען אָטעם אין דעם ייִנגלס לונגען. די קליינע פיגור האָט זיך ניט גערירט.

״איציקל, איציקל, מיין קדישל...״ האָט חיים געמורמלט. ״מיין שעיר־לעזאזל, מיין קרבנדל צו דער סיטרא־אחרא... מיין קליין ציגנ־בעקעלע מיטן רויטן בענדעלע... פאַרפירט האָט מען דיך אין אַ וויסט פאַרשניטן אָרט... צעבראָכן האָט מען דיין קעפּעלע אַזוי ווי אַ ליימע־נעם שאַרבן...״

דער שבת־גוי האָט אָנגערירט מיט אַ פינגער דעם ייִנגלס פאַר־שטאַרטע אויגן; מוישבדיק האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע אַ מעסערל און איינגעשניטן אַן אָדערל אויף דער רעכטער האַנט פון דעם דערטרונקענעם: דאָס בלוט האָט ניט אַרויסגעשטראָמט, נאָר עטלעכע טראָפּנדלעך זיינען שוואַך אַרויסגערינען.

אַ פלאַטערל האָט אָנגעהויבן אַרומשוועבן אַרום דעם טויטן קערפּערל, — אַ ״נאַכט־פּאַווע״ מיט רויטלעכע פליגעלעך, מיט פיר גילדענע טונקל־בלויע אויגן. גאָורילאָ האָט זיך איבערגעצלמט פייער־לעך. ״האָב אַן אייביקע רו, ייִנגעלע! די אומריינע קראַפט האָט געפּטרט דיין נשמהלע.״

דער טאָרף־ייד האָט געגלאָצט מיט די פאַרגלעזערטע אויגן אויף זיין טויטן ייִנגל. ״איציקל, מיין אוצרל... יצחק האָבן מיר דיר אַ נאָמען געגעבן... כל־השומע יצחק־לי, איטלעכער וואָס הערט דאָס וועט לאַכן פון מיר... די סיטרא־אחרא וועט זיך האַלטן ביי די זייטן פאַר געלעכטער... אַן אוצר האָב איך געוואָלט ביי איר אַוועקנעמען און זי האָט מיין אייגן אוצרל אַוועקגענומען...״

די פענצטערלעך פון הייזל האָבן אויפגעלויכטן מיט אַ געלער שיין. חיימיכע איז געשטאַנען ביי די שבת־ליכט אין אַ ווייסער פאַטשיילע מיט צוגעדעקטע אויגן; די ציטערדיקע ליפּן האָבן זיך באַוועגט און דיקע טרערן האָבן זיך געקייקלט צווישן די פינגער.

DR. NATHAN BRUSILOW

By the Rivers of Polesie

A Tale of an Extinct World

BIDERMAN PUBLICATIONS
184 Second Avenue
New York, N. Y.